Starostwo Grodzkie Białostockie
Egzemplarz obowiązkowy



# ביאליסטאקער
# יאר בוך
# 1932/33.



ב. צוקערמאן

ליט. „ליטאגראף" ביאליסטאק.

# ביאַליסטאָקער יאָר-בוך

פאַר עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלאַכע און קולטור-ענינים

מיט אַ אינפאָרמאַטיוון קאַלענדאַר פאַרן יאָר 1932


רעדאַקציע-קאָלעגיע:

מ. גאָלדמאַן

א. זבאַר

י. ל. שאַצקי



אַרויסגעגעבן דורכן

פאַרלאַג „אונזער לעבן“


1932/33

# „ROCZNIK BIAŁOSTOCKI“

Sprawy społeczne, gospodarcze i kulturalno-oświatowe


Kolegjum redakcyjne: M. Goldman, A. Zbar, I. L. Szacki


Rok 1932|33


Drukarnia „Nasza Prasa“ Białystok

BIBLJOTEKA UNIWERSYTECKA w WARSZAWIE

י. ל. שאַצקי

# אונזער יאר=בוך

מיט אָנדערהאַלבן יאָר צוריק, ביים אַרויסגעבן דעם „ביאַל. אַלמאַנאַך”, זיינען ביי אונז געבוירן געוואָרן ספקות: ווי דאַרף אויסזען אַזאַ מין בוך?

ס'איז געווען דער ערשטער פּרוב. אַ סך כּוחות זיינען דאַמאָלס אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער אויסגאַבע.

אָבער ניט קוקנדיג דערויף, וואָס דער אַלמאַנאַך האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַ שפע פון פאַרשיידנפאַרביגן היימישן מאַטעריאַל, איז ער דאָך ניט געווען ריין פון פעלערן.

איצט, צום דערשיינען פון יאָר-בוך, האָט די רעדאַקציע-קאָלעגיע, זיך געשטעלט פאַר אַ ציל, זיך האַלטן שטריינג פּאַכּמעניש, סיסטעמאַטיזירן די אַרבעט, כּדי אָפּצוהיטן ווי ווייט מעגלאַך פון דעפעקטן.

מיר האָבן געשטרעבט דערצו, אַז דער בוך זאָל ערלאַך און אָביעקטיוו אָפּשפּיגלען אונזער ביאַליסטאָק מיט אַלע אירע דורכגעמאַכטע עטאַפּן פאַרן יאָר 1932.

ס'איז ווערט צו באַצייכענען, אַז ניט קוקנדיג אויף דער שווערער צייט, ווען דער קריזיס האָט שוין, דוכט זיך, דערגרייכט זיין אַפּאָגיי, זיינען אַלע אונזערע פריינט און סימפּאַטיקער, צו וועמען מיר האָבן זיך געווענדט נאָך מאָראַלישער הילף, אונז אויפן ליבנווירדיגסטן אופן אַנטקעגנגעקומען, מחמת זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ אויסגאַבע איז באמת אַ נויטווענדיגקייט פאַר ביאַליסטאָק.

די טאָג-פּרעסע, וועלכע שפּיגלט אָפּ פאַרבייגייענדיג אַלע געשעענישן און פּאַסירונגען, קען זיי אָבער ניט פאַרפיקסירן און פאַראייביגן אין זכרון אַזוי, אַז ביים לייענער בלייבן נאָר שטיקלאַך אָפּגעריסענע פאַקטן.

ס'זעט אויס ריכטיג, ווי מיר וואָלטן זיצן אין קינאָ, מיט אַ געוואַלדינער גיכקייט בייטן זיך די בילדער: די פּאַבּויל, די קאַנווע, די אַקציע — אַלץ שווימט פאַרביי בליץ-שנעל פאַר אונזערע אויגן, מיר קענען זיך טיילמאָל אפילו גוט ניט אָריענטירן און כאַפּן אַלץ אויף אויבערפלעכלאַך.

דעמדאָזיגן פעלער איז באַרופן צו פאַרריכטן דער יאָר-בוך. דאָ איז שוין דער טעמפּאָ אַ פּאַמעלאַכער, אַ רואיגער, אַ מיושבדיגער.

אַ יאָר איז פאַרבייגעלאָפן מיט אַ שווערן באַלאַסט פון פּאַסירונגען און אויפטרייסלענישן.

מיר בלעטערן די צייטונגען יעדער טאָג און פאַרנאָטירן די וויכטיגסטע געשעענישן.

ס'ווערט געגעבן אין בוך אַ רעווי פון אַלץ און אַלעמען פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר אין אונזער שטאָט.

דאָס איז דער אמתער סך-הכל, דער באַראָמעטער פון אונזער וואוילשטאַנד און געפאַלנקייט, פון אויפבלי און ירידה, פון אונזער שעפערישקייט און אָפּגעשטאַנענקייט.

אוודאי וועט, ביים רעסומירן דעם באַלאַנס, דער פּאַסיוו אַ סך איבערשטייגן דעם אַקטיוו.

אַ גרויסער טייל בלעטלאַך פון בוך איז געשריבן מיט בלוט און טרערן, ס'איז די היינטצייטיגע „איכה” פון אונזער היים-שטאָט.

מי לא נפקד כהיום הזה? אָט דאָ האָבן געסטאָרטשעט הויכע קוימענס, מאַשינעס האָבן געברוישט, און איצט קוקן די גרויסע פענצטערס מיט בלינדע אויגן צו דער אומעטיגער גאַס.

וואו האָט ביאַליסטאָק ניט אָנגעשפּאַרט מיט אירע ביליגע פּראַקטישע טעקסטיל-סחורות? פון אַלטיי ביזן דוניי, און טיפן סיביר, אין די אייז-קאַלטע טייגעס, מיט קאַראַוואַנען אין פּערסיע, מאַנדזשוריע, כינע, אין אַלע עקן וועלט האָט דער ביאַליסטאָקער אונטערנעמונג-גייסט אַריינגעדרונגען און געפייערט זיינע טריאומפן.

און גאָר אין דער לעצטער צייט האָט מען דעם שטאָלצן אַלביאָן אויך באַזיגט.

גאַנצע שיפן מיט פאַרטיגע און רויע סחורות האָבן מיר אויסגעלאָדעוועט אין די ענגלישע פּאָרטן, און די ווייטסטע קאָלאָניעס האָבן די ביאַליסטאָקער פּאַלטעס אַרויסגעשטופּט די אינערלאכע אינדוסטרי, טויזנטער אַרבעטער זיינען טאָג און נאַכט געווען באַשעפטיגט, און מיטאַמאָל האָט זיך אַלץ איינגעבראָכן.

באַריערן! — די גאַנצע וועלט האָט זיך אַרומגעצאַמט מיט שטעכיגע דראָט, ניטאָ דער צוטרוי פון מענטש צו מענטש.

ניטאָ די גרויסע רוסלאַנד מיט אירע אָפּזאַץ-מערק, פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, ווי אַמאָליגע יריחו, ניט אַריין, ניט ארויס.

דער ווייטער מזרח ברענט מיט אַ העלישן פייער פון רעוואָליוציעס און אויפשטאַנדן.

דער גאַנצער וועלט האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּסיכאָז פון אומטרוי און שנאה. מ'האָט זיך איזאָלירט, פאַרשלאָסן, פאַרבאַריקאַדירט און יעדער איינער שטיקט זיך אין זיינע ד' אמות.

האָט ממילא דער שווערער גורל געטראָפן אויך אונזער ביאַליסטאָק. מיט אַ צוויי יאָר צוריק האָט נאָך דער היגער גרויס-אינדוסטריעלער ה' אָסוואַלד טרילינג געשריבן אין „ביאַל. אַלמאַנאַך” דעם אַרטיקל, „בויען, שאַפן, ניט אַראָפּלאָזן די הענט”. ער האָט נאָך געקוקט אָפּטימיסטיש, ער האָט זיך קאָנוואולסיוו געהאַלטן אָן דער ביאַליסטאָקער טראַדיציע: — מוט און שאַפונג-גייסט וועלן אַלץ איבערשטאַרקן.

אָבער אויך אָט דער ריז האָט געמוזט רעזיגנירן און אַראָפּלאָזן די הענט, ליקווידירט זיינע גרויסע געשעפטן, געשלאָסן די פאַבריקן און פאַרלאָזן זיין איינגעזעסענע היים-שטאָט.

זייער ווייניג האָבן מיר ליכטיגע בלעטלאַך אין אונזער היינטיגן יאָר-בוך. סיי די אונטערנעמונגען, סיי די אינסטיטוציעס, וועלכע מיר האָבן מיט אַזויפיל מי און מסירת-נפש אויסגעכאָוועט, שטייען אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג.

אָבער דער פאַרדינסט פון יאָר-בוך זאָל זיין דער, וואָס ער שפּיגלט אָפּ פאַר דער ברייטער עפנטלאַכקייט אונזער אמתע קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע.

זאָל ער זיין אַ דערמאָנונג פאַר אונזערע באַזאָרגערס און באַגליקערס, אַז זיי זאָלן ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און זאָלן עפּעס זען טאָן ממשותדיגס.

לאָמיר האָפן, אַז דער קומענדיגער יאָר-בוך וועט געבוירן ווערן אין אַ מער מזלדיגער שעה און ער וועט זיין גליקלאַכער, ווי זיין פאָרגייער.

אַברהם זבאַר

# דער פּנים פון ביאַליסטאָק

ניט בלויז לעבעדיגע מענטשן און אַנדערע מינים לעבעדיגע באַשעפענישן פאַרמאָגן אַלע זייער אייגענעם ספּעציפישן געזיכט, זייער באַזונדערן פּרצוף און צורה, זייער באַזונדערן לעבעדיגן ריטם און סטיל, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ, קודם כל, אין דער אויסערלאַכקייט און אין די באַזונדערע שטריכן פון פּנים, נאָר אויך מענטשלאַכע קאָלעקטיוון, מענטשלאַכע צענטערס, ישובים און שטעט, באַזיצן זייער אייגענעם כאַראַקטעריסטישן אויסזען, זייער באַזונדער פּנים און געשטאַלט, זייער לעבעדיגן טעמפּ און סטיל, וואָס רעדט צו אייך אַרויס מיט אַ קלאָרער און דייטלאַכער שפּראַך פון די שטיינערנע גאַסן, פון די ווענט, פון די געביידעס און פונם גאַנצן לאַבירינט קוואַדראַטן, קאָנטורן און ליניעס.

און אויך אונזער ביאַליסטאָק פאַרמאָגט איר אייגענעם ספּעציפישן פּנים, איר באַזונדערן סטיל, וואָס טיילט זיך זייער אָפּ פון אַ ריי אַנדערע שטעט, כמעט פון דערזעלביגער גרויס און פאַרנעם.

אפילו אין די צופליקטע, צובראָכענע ליניעס פון אונזער שטאָט-פּאַנאָראַמע, אין אירע גאַסן און געסלאַך, וואָט זיינען אויסגעלאָמט און אויסגעקרימט, וואָס אָט זיינען זיי ברייט און אָט ווערן זיי גאָר שמאָל, אָט ציען זיי זיך ווי אַ גלייכער פאָדים און אָט טוען זיי זיך אַ קרים אויס אין בויגעריק; אפילו אין אָט דער כאַאָטישקייט און צופעליגקייט פון ביאַליסטאָקער שטאָט-בילד געפינט איר אַ געוויסן, מעג זיין אַ צוקאַליעטשעטן, אַז איר ווילט, אפילו אַ סטיל-לאָזן, אָבער דאָך אַ מין באַזונדערן סטיל.

אַ געניטע אויג, אַז זי וועט אַ קוק טאָן אויפן אויסערלאַכן אויסזען פון ביאַליסטאָק, וועט זי באַלד אויפכאַפּן, אַז די דאָזיגע שטאָט האָט דורכגעמאַכט אַ ריי פון צופעליגע אַנטוויקלונג-פּעריאָדן, איינער מיטן אַנדערן ניט געקניפּט און ניט געבונדן און דערפאַר איז צו באַמערקן אינם אויסערלאַכן אויסזען פון ביאַליסטאָק מער צופעליגקייט, ווי באַשטענדיגקייט, מער פראַגמענטן, ווי גאַנצקייט און, נאַטירלאַך, אויך מער כאַאָס, ווי פּלאַן.

אַז איר וועט, למשל, אַריינפאָרן אין דער נאָענטער גראָדנע, אַ שטאָט ניט קיין סך קלענער ווי ביאַליסטאָק, וועט זיך אָבער אייך גלייך וואַרפן אין די אויגן אַ געוויסע גאַנצקייט און האַרמאָניע פון ליניעס. אָבער גראָדנע האָט באַקומען איר איצטיגן פולקאָמען סטיל אַ דאַנק, ערשטנס, איר נאַטור-לאַגע, אַלס שטאָט, וואָס ליגט ביי אַ גרויסן טייך מיט שיינע, מאָלערישע ברעגעס און צווייטנס, אויך אַ דאַנק היסטאָרישע און פּאָליטישע סבות, וואָס האָבן מיטגעווירקט צום בולטן סטיל פון גראָדנע.

אַנדערש איז אָבער מיט ביאַליסטאָק. אָט די שטאָט, וואָס איז ערשט אַלט עטלאַכע הונדערט יאָר, וואָס איז אין איר עבר קיינמאָל ניט געווען קיין אָנגעזעענער אַדמיניסטראַטיווער צענטער, וואָס האָט זיך צולייגט מיט אַ ריי גאַסן און פּלעצער אויף אַ נאַסן זומפּיגן באָדן; די דאָזיגע ביאַליסטאָק האָט פּשוט ניט געהאַט די אָביעקטיווע מעגלאַכקייט צו באַקומען איר פולקאָמען, גאַנצן און צוציענדיגן פּנים.

אָבער דאָך מוז מען זיין יושרדיג אויך צו אונזער ביאַליסטאָק, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אין אַ גאַנצער ריי קוואַרטאַלן אַ אמתן מוסטער פון צובראָכנקייט, ווילדקייט, איינגעשאַפּט און שמוץ, פאַרמאָגט אָבער אירע פּרעכטיגע ווינקלען, אירע אמתע גרויסשטאָטישע קוואַרטאַלן, וועלכע ס׳איז זעלטן צו טרעפן אפילו אין אַ סך גרעסערע שטעט פון פּוילן.

צוזאַמען מיט אַזעלכע נודנע, לאַנגווייליגע קוואַרטאַלן, ווי די ראַיאָנען פון פּאָלנע, טשענסטאָכאָווער, זאַמענהאָף, נייוועלט, קופּעצקע, יוראָוועצקע, ביאַלאָסטאָטשאַנער, טשיסטאַ א. ד. גל., צוזאַמען מיט אַזעלכע קלומפּנס פון איינגעשאַפּט און שמוץ, ווי די סוראַזער, דער שול-הויף, פּיאַסקעס, סאָסנאָווע, אַרגענטינע א. ד. גל. געפינט איר אויך אַ מער פריילאַכע און מער פרייע אויסזיכט, ווי ס׳שטעלט מיט זיך פאָר די צווייטע העלפט פון רינעק קאָסציושקי, פון פאָנטאַן ביז אָנהויב קילינסקי גאַס און באַלד דערנעבן אויך אַזאַ ברייטע, שיר ניט גרויסשטאָטישע אַרטעריע, ווי די סענקעוויטשאַ און די כמעט עלעגאַנטע וואַרשאַווסקאַ.

אָבער איידער מיר גייען אַנוואַרפן די מער ברייטע און מער פולקאָמע פּאַנאָראַמע פון אונזער שטאָט, וואו מיר אַנטדעקן געוויסע ווינקלען, מיט וועלכע מיר קענען אפילו שטאָלצירן, וואָלט פונדעסטוועגן כדאי געווען זיך צו פאַרטראַכטן אויף די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען צו דעם, אין אַלגעמיין גענומען, אָרימען און גרויעם כאַראַקטער פון ביאַליסטאָקער סטיל.

אפשר ווייל ביאַליסטאָק פאַרמאָגט פאַרשיידענע, צונויפגעטערכעטע פאַבריקלאַך, לוין-בודעס, שאָדע-הענדלערס, שמאַטעשאָפּעס, „קייקלאַך“, „לאָרדן“, „דובלייען“ און אָן אַ שיעור מעקליירים און סרסורים, און דעריבער האָט זי באַקומען ניט קיין סך שענערן קאָליר, ווי דער שמאַטעדיגער כאַראַקטער פון אירע פּרנסות?.. אָדער אפשר שטעקט אין איר גרויקייט אַן אַנדער סבה, אַ מער טיפערע?...

וואָלט כאָטש ביאַליסטאָק אין איר פאַרגאַנגענהייט זוכה געווען צו ווערן אַ אַדמיניסטראַטיווער צענטער, אַ גובערניע, וואָלט דאַמאָלס די מלוכה געמוזט זאָרגן וועגן איר אויסערלאַכן פּנים; איז אָבער ביאַליסטאָק, צום אומגליק פאַרבליבן דער שלימזל, דער „אויעזד“. און אפילו אין די בעסטע צייטן פון איר אינדוסטריעלן אויפבלי איז איר ניט געלונגען אַרויסצורייסן די „גובערנסקע“ בכורה ביי דער היסטאָרישער „האָראָדנע“ פון אַלטן פירשט געדעמין און ערשט דער היסטאָרישער נס—דער ווידערגעבורט פון דער פּוילישער מלוכה, האָט געגעבן ביאַליסטאָק אַ שטיקל האָפענונג צו ווערן אויך אין איר אויסערלאַכקייט אַ שטאָט צו לייטן גלייך.

ערשט מיטן אָנהויב פון דער פּוילישער מלוכהשאַפט, ווען דער צווייקעפּיגער מאָסקווער קאָרשון האָט זיך אויף אייביג אָפּגעטראָגן פון זיין „סעווערא-זאַפּאַדנעם קראַי“ און זיין אָרט האָט פאַרנומען דער ווייסער פּוילישער אָדלער—מיטן דאָזיגן מאָמענט הויבט זיך ערשט אָן די ווידערגעבורט פון אונזער שטאָט אויפן וועג צו איר אייגענעם אויסזען און סטיל.

און מערקווירדיג, אַז גראָד אין די יאָרן פון עקאָנאָמישער ירידה פון ביאַליסטאָק, וואָס דערקלערט זיך אין אַ גרויסן טייל דערמיט, וואָס די הויפּט-אינדוסטרי פון שטאָט איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון איר גרויס-רוסלענדישן אָפּזאַץ-מאַרק, גראָד די צייט קען באַצייכנט ווערן ווי אַ באַטייטיגע עליה אין דער אויסערלאַכער אַנטוויקלונג און כאַראַקטער פון ביאַליסטאָק.

אַזוי, למשל, האָט, דוכט זיך, ביז איצט זיך קיינער ניט אָפּגעשטעלט אויף דער כאַראַקטעריסטישער דערשיינונג, ווי אַזוי ביאַליסטאָק האָט דערווייטערט פון זיך די צאַרישע רודימענטן—די סימבאָלן פון קנעכטשאַפט און קנוט.

ניטאָ מער אויף וואַרשעווער 3 די רוסישע „רעשאָטקע“, דער „זאַסטיענאָק“ אויפן „פּאָזשאַרני דוואָר“, וואו מ׳האָט אַמאָל געפייניגט און געקאַטעוועט יענע אַלע, וואָס האָבן זיך נאָר דערלויבט אַ פּיפּס טאָן קעגן צאַר און זיינע זשאַנדאַרן. אין די בנינים פון דער אַמאָליגער „רעשאָטקע“ געפינט זיך גאָר היינט אַ „פאָלק-אוניווערזיטעט“, אין די קאַמערן פון „זאַסטיענאָק“ ווערט

סטאָקער „בולאָנער וואַלד", אָדער צום ביאַליסטאָקער „טיר-גאַרטן" — דער וואַלד-פּאַרק „זוויעזשיניעץ".

דער דאָזיגער ריזן-פּאַרק, וואָס איז אַ אמתער נאַטור-געשאַנק פאַר דער שטאָט, האָט איצט אינגאַנצן אַן אַנדער אויסזען. אָט דער אַמאָליגער פינסטערער, סודותפולער ווילד-וואַלד, אין וועלכן די פירשטן-משפּחה פון די בראַניצקיס פלעגט איינאָרדענען אירע יאַגד-ימים-טובים און יאַגד-הוליאַנקעס, צו וועלכע ס'פלעגן זיך צונויפקומען די הויכע כראַביעס פון גאַנץ פוילן, — אָט דער וואַלד איז איצט צושניטן אין דער לענג און ברייט פון קאָלאָסאַל-ברייטע אַלייען, שיינע סקווערן, פּלאַשטשאַדקעס, דיינקמעלער, ספּאָרט-פּלעצער, וואָס האָבן פּאַקטיש פאַרוואַנדלט דעם „זוועזשיניעץ" אין אַן אָפּרו-אָרט, וועלכן ס'פאַרמאָגט ניט קיין איינציגע פּראָווינץ-שטאָט אין פוילן.

ביאַליסטאָק וואַקסט אַזוי אַרום, ביאַליסטאָק אַנטוויקלט זיך, ס'וואַקסן און בליען אירע פאָרשטעט אויפן חשבון פון צענטער, די קריסטלאַכע באַפעלקערונג אויפן חשבון פון דער יידישער. אַלץ פרייער, שענער, רחבותדיגער אַנטוויקלען זיך אירע באַאַמטן-קוואַרטאַלן, אַלץ איינגער, דערשראָקענער, עלנטער טוליען זיך איינע צו דער אַנדערער אירע געסלאַך אויפן שול-הויף, כאַנאַי-קעס, פּיאַסקעס און אַרגענטינע...

**מ. גאָלדמאַן**

# דער קולטורעלער אָאַזיס אינעם עקאָנאָמישן מדבר

אין אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען און נאָטיצן אינעם „יאָר-בוך" ווערט אונטערגעפירט אַ סך הכל איבער דער ווירטשאַפטלאַכער לאַגע אין ביאַליסטאָק פאַרן יאָר 1932 און ס'ווערט דאָרט אונטערגעשטראָכן דער טרויעריגער מצב און שרעקלאַכער קריזיס אין כלערליי בראַנזשעס און פאַכן.

ווילט זיך אויף אַ רגע פאַרשטאָפּן די אויערן פאַר די דאָזיגע איכה-טענער, אַרויספירן דעם לייענער פון עקאָנאָמישן מדבר און אַריינפירן איס אין אַ קליינעם אָאַזיס פון געוויסע קולטורעלע דערגרייכונגען פאַרן לעצטן יאָר אין אונזער שטאָט.

אַ גרויסער כאַאָס האָט לעצטנס באַהערשט אונזער קולטורעל-געזעלשאַפטלאַכער וועלט; הפקרות און תקיפות פון איין זייט, אָפּגעלאָזנקייט און רעזיגנאַציע פון דער צווייטער, האָבן זיך האָפּערדיג פאַנאַנדערגעלייגט אין די פאַרשיידנסטע ווינקעלאַך פון אַ גאַנצער ריי מיט מי און פּיין אויסגעכאָוועטע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן.

איז דעריבער נאָכמער כדאי אָנצווייזן אויף אַ פּאָר דערפרייענדיגע מאָמענטן אין אונזער קולטור-געזעלשאַפטלאַכן לעבן, וואו דער ביזאיצט הערשנדיגער כאַאָס איז אין אַ געוויסער מאָס אָרגאַניזירט און נאָרמירט געוואָרן.

---

טעאַטער איז בלי שום ספק איינע פון די וויכטיגסטע קולטורעלע און געזעלשאַפטלאַך-דערציערישע פּאָזיציעס.

ווי האָט עס ביי אונז געהאַלטן יאָרן-לאַנג מיט אָט דער פּאָזיציע?

מיר מיינען דאָ ניט טעאַטער סתם, נאָר יידיש טעאַטער!

אַז ביאַליסטאָק, אַ כרך מיט אַ קרוב 50000-קעפּיגער יידנשאַפט, אַן עיר ואם בישראל, איז אַ שטאָט, וואָס קען אויפנעמען און פאַרדייען יידיש טעאַטער, דערין איז קיין ספק ניט.

ביאַליסטאָק האָט, אגב, אויך געגעבן אַ היפּשן צושטייער פאַר יידישער טעאַטער-קונסט.

נחום צמח, דער גרינדער און פירער פון באַוואוסטן „הבימה"-טעאַטער איז אַ משלנודיגער און טאַקי ביי אונז האָט ער געשטעלט זיינע ערשטע קינסטלערישע טריט (אין יאָר 1913, אין דאַמאָלסדיגן „האַרמאָניע"-טעאַטער);

חיהלע גראָבער, די איצט וועלט-באַקאַנטע אַרטיסטין און לידער-זינגערין, איז אַ ביאַליסטאָקער טאָכטער, וואָס האָט אָנגעהויבן איר קינסטלערישע קאַריערע אויף די ברעטלאַך פון דער „יידישער קונסט";

דער באַקאַנטער שריפטשטעלער, טעאַטראַל און דראַמאַטורג אָסיפ דימאָוו איז אַ ביאַליסטאָקער זון (זיין אמתער נאָמען איז פּערלמאַן);

די פיינע דראַמאַטישע סטודיע ביי דער געזעלשאַפט „יידישע קונסט" האָט דערצויגן אַ גאַנצע קאַדרע יונגע אַרטיסטישע כוחות, פון וועלכע אַ טייל איז עד היום געבליבן פּראָפעסיאָנעל ביים יידישן טעאַטער;

ניט אָפּשטעלנדיג זיך דאָ אויף אַ גאַנצע ריי פאַרשיידענע סצענישע פּרובן, דאַרף אָבער דערמאָנט ווערן דער קינסטלערישער יידישער רעווי-טעאַטער „גילארינא" (קאָמבינירט פון די ווערטער גילה-רינה), וואָס האָט דאָ עקזיסטירט אין די יאָרן 1929—1927, איז געווען אַ גרויסע טעאַטראַלע געשעעניש ווייט מחוץ די גרענעצן פון ביאַליסטאָק, און איז נאָך דריי ווינטער-סעזאָנען לסוף אונטערגעגאַנגען טאַקי צוליב דער אינדיפערענטקייט פון דער יידישער געזעלשאַפט, וואָס האָט געלאָזן די גרינדערס אויף זייער אייגענעם באַראָט.

פונדעסטוועגן האָט „גילארינא" אַרויסגעגעבן פון זיך אַ פּאָר באַגאַבטע זינגערס, וואָס זיינען איצט פּראָפעסיאָנעל באַשעפטיגט ביים יידישן טעאַטער און שפּילן ביי היינטיגן טאָג איינער אין לאָנדאָן און אַ צווייטער אין בוענאָס-איירעס, און עד היום נאָך וואַנדערן אַרום איבער כלערליי יידישע טעאַטערן פון גאָר דער וועלט פאַרשיידענע נומערן פון די אָריגינעלע „גילא-רינא"-פאָרשטעלונגען.

דאָס אַלץ באַווייזט, אַז ביאַליסטאָק האָט אַ געוויסע טעאַטער-טראַדיציע, אַז אין ביאַליסטאָק איז דאָ אַ פּלאַץ פאַרן יידיש-קינסטלערישן וואָרט און פאַר יידיש טעאַטער.

צי האָט אָבער אונזער שטאָט געהאַט אַ שטענדיגן יידישן טעאַטער?

ביז סאַמע אינמיטן 1931 איז אונזער שטאָט אין דעם פּרט געווען פאַרוואַרלאָזט. ס'פלעגן, אמת, אַראָפּקומען פון צייט צו צייט יידישע טרופּעס, אַמאָל גאַנץ נישקשהדיגע, אָפטער זייער פּאַרטאַטשישע, ס'רוב פלעגן די טרופּעס באַשטיין פון 4—3 פּערזאָן, מ'פלעגט אויפשלאָגן די געצעלטן אויף עטלאַכע טעג, אויפפירן אַ פּאָר פּיעסעס, ספּעציעל צוגעפּאַסט צו דער גרויס פון אַנסאַמבל, און דערמיט פלעגט זיך עס ענדיגן. אפשר זיינען אַנדערע פאָרשטעלונגען נעווען זייער געלונגען און טייל פון זיי אַפילו אָריגינעל (אַזוי, למשל, איז אהרן צייטלינס „יידנשטאַט" אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין אונזער שטאָט) — אָבער צוליבן פּראָוויזאָרישן כאַראַקטער פון די כלערליי טרופּעס, פלעגט דער קינסטלערישער איינדרוק גיך פאַרווישט ווערן און ס'איז ניט געווען קיין שום אַטמאָספער פאַר יידיש טעאַטער.

זאָל-זשע דאָ פאַרצייכנט ווערן לזכרון, אַז דער יאָר 1932 האָט אונז אין דעם פּרט געבראַכט אַ קאַרדינאַלן שנוי: מיר האָבן זוכה געווען זיך דערשלאָגן צו אַ שטענדיגן יידישן טעאַטער.

מ'דאַרף גלויבן, אַז ס'איז שוין אַרויס פון די ראַמען פון אַן עקספּערימענט אין מ'קען זיך דערמיט רעכענען ווי מיט אַ געשעענעם פאַקט. שוין צווייטן ווינטער, ווי ס'גאַסטראָלירט ביי אונז אַ פיינע יידישע טרופּע, וואָס באַמיט זיך צו שאַפן ווי ווייט

מעגלאַך אַ קינסטלערישע אַטמאָספער. מ׳זשאַלעוועט ניט קיין אָנשטריינגונגען, מ׳איז ניט אויסגערעכנט אויפן גראָשן, אַבי די דעקאָראַטיווע זייט זאָל האָבן וואָס אַ שענערן פּנים, די אויסשטאַטונג זאָל אויסזען לייטיש און די טרופּע זאָל באַשטיין פון וואָס בעסערע אַרטיסטן.

האָבן מיר טאַקי געהאַט די מעגלאַכקייט צו זען אַזעלכע אויפפירונגען ווי בערגלסאָנס „דער טויבער“, שלום אַשס „אָנקל מאָזעס“, מאליערס „דער קאַרגער“, הירשבײנס „גרינע פעלדער“, „דער גלאָקנקלינגער פון נאָטרדאַם“ א. אנד. — אַלץ אויפפירונגען, וואָס זיינען נאָר מעגלאַך ביי גרויסע אַנסאַמבלען און ביי אַ טרופּע, וואָס דער טעאַטער איז פאַר אים ניט קיין דירת אַרעי, נאָר אַ דירת קבע.

אין די אויספירונגען פון די אַלע פּיעסעס האָבן מיר געזען, חוץ אַ גאַנצע ריי באַקאַנטע ארטיסטן, ווי שריפטזעצער, פראַניאַ ווינטער, ליטווינאַ, זיידערמאַן, בראָנעצקי, זאנגער א. א. אויך אַזעלכע סטאַרן ווי דעם גרויסן יידישן פאָלק-אַקטיאָר א. סאַמבערג (וועלכער האָט, אגב, געקרוינט ביאַליסטאָק פאַר זיין „דריטער מאַמע“, נאָך וואַרשע און ווילנע), דער פּרעכטיגער דראַמאַטישער קינסטלערין צילי אדלער, דעם פיינעם אמעריקאנער אקטיאָר דזשעק רעכטצייט, דער גלענצנדיגער און נאָך זייער א סך צוזאָגנדיגער דינה האַלפּערן, דעם קרעפטיגן דראמאַטישן אַרטיסט זיגמונט טורקאָוו און א סברה, אז ס׳קלייבט זיך צו דער טרופּע דער וועלט-באַרימטער אלעקסאנדער גראנאַך.

דאָס אַלץ קען זיך נאָר דערלויבן אזא טעאטער, וואָס לעבט ניט פון האנט אין מויל, וואָס ווערט ניט נתפעל, יועו צוויי-דריי פאָרשטעלונגען ווערן שוואכער באַזוכט, מיט איין וואָרט א טעאטער, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט א געוויסן זכות הקיום.

ס׳וואָלט געווען נאַאיוו צו זאָגן, או דער טעאַטער אין זיין איצטיגן מצב ביי אונז איז שוין בתכלית השלימות, אז ער באַפרידיגט אונז אין די פולע 100 פּראָצענט. ס׳איז נאָך ווייט דערפון. ס׳איז נאָך דאָ א היפּש ביסל צו קריטיקירן, מ׳דאַרף נאָך א סך שמועסן וועגן דער אָנגעווייטאָגטער פּראָבלעם פון רעפּערטואַר, וועגן די כלערליי מעלאָדראַמעס פון ספּקדיגן ווערט און סתם מאכערייקעס, וואָס ווערן אַריינגעכאַפּט צווישן איין קינסטלערישער פּיעסע און א צווייטער, עס וואָלט שטאַרק נויטיג געווען צו האָבן א געוויסע געזעלשאפטלאכע קאָנטראָל — לאָמיר זאָגן אין דער פאָרם פון א טעאטער-קאָמיסיע — איבער די אַלע זאַכן.

א פאַקט אָבער בלייבט, אז זינט צוויי סעזאָנען האָבן מיר א סטאבילן יידישן טעאטער, אז דער יידישער עולם איז צוגעוואוינט געוואָרן צו באַזוכן יידיש טעאטער און דרך ארץ האָבן פאר יידישער קונסט און קינסטלערס און אז דאָס איז אין א געוויסן זינען א וויכטיגער פאקטאָר אין יידיש-קולטורעלן לעבן פון אונזער שטאָט און א בליץ-אפּלייטער קעגן דער שפּראכלאכער אסימילאציע.

גענוג צו זאָגן, אז אין ווארשעווער יידישן ארטיסטן-פאריין רעדט מען ביי היינטיגן טאָג וועגן ביאַליסטאָק, ווי וועגן דער בעסטער יידישער טעאטער-שטאָט אין פוילן.

שוין דאָס אליין דארף זיין פאר אונז א גרויסע סאטיספאקציע פאר די יאָרן פון אנארכיע און אָפּגעלאָזנקייט, וואָס האָבן געהערשט ביי אונז אויפן דאָזיגן געביט.

דאָס איז דער וויכטיגסטער ווינקל אין דערמאָנטן קולטורעלן אָאַזיס און דעריבער האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט דערויף ברייטער. פאַראַן אָבער נאָך אַ פּאָר פּאָזיציעס, וועלכע ס׳איז כדאי צו דערמאָנען.

בילדער-אויסשטעלונגען. אויך אין דעם פּרט איז אונזער שטאָט געווען שטאַרק אָפּגעלאָזן. דאָ האָט אַפילו קיין כאַאָס ניט געהערשט, ס׳איז גלאַט געווען אַן אויסגעהוילטער פלאַץ. און אָט איז אויך אויף אָט דעם געביט עפּעס געשאַפן געוואָרן.

דעם שטויס דערצו האָבן געגעבן די שפּראָצן פון קונסטמאַלעריי, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אויפן ביאַליסטאָקער ברוק.

י. ראָזאַנעצקי איז שוין פון לייגגער געווען באַקאַנט ביי אונז פון זיינע מאלערישע שאַפונגען. געוויסע סימנים האָט אויך אַרויסגעוויזן ה. פּרעס. די לעצטע יאָרן האָט זיך זייער שאַרף אַרויסגערוקט בנציון ראַבינאָוויטש, עס האָט זיך טיף אַריינגעשניטן מיכאל דונעץ, עס איז געקומען צום וואָרט דער פיינער צייכנער טינעוויצקי און ס׳איז פון זיך אַליין אויסגעוואָקסן פאַר די יונגע קינסטלערס די נויטיגקייט זיך פאָרצושטעלן פאַר זייער היים-שטאָט.

האָט דער יידישער ליטעראַטן-קרייז גענומען אויף זיך די וויכטיגע שליחות, צו אראנזשירן אויסשטעלונגען פון די טאלאַנטירטע ביאַליסטאָקער מאַלער-קינסטלערס, פאַרשאַפנדיג זיי אַזוי אַרום א געוויסן מאַטעריעלן און דער עיקר אַ מאָראַלישן דערפאָלג, וואָס ס׳האָט זיי צוגעגעבן מוט פאַר ווייטערדיגער שעפערישער אַרבעט. (בנציון ראַבינאָוויטש האָט אַ דאַנק דעם אויך באַקומען די מעגלאַכקייט אַרויסצופאָרן קיין פאַריז).

דער ליטעראַטן-קרייז איז אַזוי אַרום געוואָרן אַן אַדרעס, צו וועלכן מאַלער-קינסטלערס האָבן זיך אָנגעהויבן ווענדן וועגן איינאָרדענען זייערע אויסשטעלונגען.

דאָס וויכטיגסטע אָבער אין דעם אַלעמען איז, וואָס ביאַליסטאָק האָט אַ דאַנק דעם בכלל אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן אַ געוויסע פאַראינטערעסירונג און פאַרשטענדעניש פאַר קונסט-מאַלעריי, מ׳האָט די אויסשטעלונגען שטאַרק באַזוכט, אויך אויסגעקויפט בילדער און באַשטעלט פאַרשיידענע אַרבעטן ביי די מאלערס.

ניט רעכענענדיג די אויסשטעלונגען פון אונזערע היימישע קינסטלערס, האָט ביאַליסטאָק פאַר די לעצטע פאָר יאָר געהאַט צוויי גרויסע בילדער-אויסשטעלונגען פון באַרימטן בנציון צוקערמאַן און זייער אַ שיינע אויסשטעלונג פון טאַלאַנטירטן מאלער און רעזשיסער יעקב ראָטבוים.

זאָל-זשע דאָ פאַרצייכנט ווערן דער דערפרייענדיגער פאַקט, אַז אויפן האַרטן, שטיינערנעם באָדן פון ביאַליסטאָק איז פאַרזעצט געוואָרן דער איידעלער פלאַנץ פון קונסט-מאַלעריי און ס׳האָט — זעט זיך אויס — אָנגענומען.

אַ דריטער וויכטיגער מאָמענט, וואָס איז כדאי דאָ צו פאַרנאָטירן, איז די אָרגאַניזירונג פון ביאַליסטאָקער זשורנאַליסטן.

אויך אויפן געביט פון אונזער היימישן זשורנאַליזם האָט יאָרנלאַנג געהערשט אַ הפקרות, ס׳איז ניט געווען קיין שום קאָנטראָל און השגחה איבער די פען-מענטשן, וועלכע האָבן צו טאָן מיט פאַפּיר, וואָס איז, ווי באַוואוסט, זייער געדולדיג...

און אָט איז נאָך לייגגערע באַמיאונגען געלונגען אויך אויפן דאָזיגן געביט אַריינצוטראָגן אַ געוויסן סדר, דורכן שאַפן דעם „סינדיקאַט פון ביאַליסטאָקער זשורנאַליסטן“, וועלכער איז אָנגעשלאָסן אָן אַלפּוילישן פאַרבאַנד פון זשורנאַליסטן-סינדיקאַטן און אָן דער אינטערנאַציאָנאַלער זשורנאַליסטן-פעדעראַציע.

דער ביאַליסטאָקער זשורנאַליסט, וואָס לעבט זיך אויס אין זיין פאַך פּראָפעסיאָנעל, איז אַזוי אַרום אַריינגעטראָטן אַלס גלייכבאַרעכטיגטער מיטגליד אין דער אַלוועלטלאַכער זשורנאַליסטן-משפּחה.

אויך דאָ, פּונקט ווי אין ענין-טעאַטער, איז נאָך ניט אַלץ בתכלית השלימות, אָבער שוין דער פאַקט גופא, וואָס די זשורנאַליסטיק איז אַריינגענומען געוואָרן אין געוויסע נאָרמען און ס׳הויבט זיך ביסלאַכווייז אָן אויסצושיילן אַ באַגריף וועגן זשורנאַליסטישער עטיק און אחריות פאַרן געדרוקטן וואָרט — שוין דאָס גופא האָט אַ ברייטערן געזעלשאַפטלאַכן באַטייט, אויף וויפל פּרעסע איז אַ געזעלשאַפטלאַכער פאַקטאָר.

מיט צופרידנקייט פאַרצייכענען מיר די אַלע דריי מאָמענטן, וואָס פאַרשאַפן זיכער כבוד אונזער שטאָט.

מרדכי ווילבערבלאַט

# ביאַליסטאָקער טעקסטיל-אינדוסטרי אַמאָל און היינט

ווען מ'פאַרגלייכט אונזער היינטיגע ביאַליסטאָקער טעקסטיל-אויסאַרבעטונגען מיט די פאַרמלחמהדיגע, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אַז אונזער היינטיגע פאַבריקאַט שטייט אויף אַ סך העכערן ניוואָ, ווי די דאַמאָלסדיגע, בנוגע דער קונסט פון מאַניפולירן און ביליגקייט פון די פרייזן, ווייל אין דעם פּרט האָבן אונזערע פאַבריקאַנטן זייער אַ סך געלערנט פון די דייטשן אין דער אָקופּאַציע-צייט, און די גרויסע קוואַנטומס וואָל, וואָס פלעגן אַמאָל פאַרברויכט ווערן צו די ביאַליסטאָקער אויסאַרבעטונגען, זיינען לעצטנס פאַרביטן געוואָרן אויף בלויז קונסטוואָל, וואָס ווערט פּראָדוצירט ביי אונז גופא פון פאַרשיידענע מינים אַלטע און נייע שמאַטעס, ניט פאַרערגערנדיג דערביי די קוואַליטעט פון די סחורות.

אדרבה, ביאַליסטאָק פּראָדוצירט איצט אַ סך אַ בעסערע און שענערע סחורות ווי פאַר דער מלחמה, און די מינים, וועלכע מ'האָט דאַמאָלס ביי אונז ניט געקענט אַרויסבאַקומען אפילו פון ריינע וואָל און זיי פלעגן פאַבריצירט ווערן נאָר אין לאָדז, זגערזש און טאָמאַשאָוו, ווערן איצט אין ביאַליסטאָק אויסגעאַרבעט אַ סך ביליגער, אַזוי אַז מיט אַנדערע אַרטיקלען האָבן מיר אפילו אַרויסגעשטופּט פון טעקסטיל-מאַרק באַקאַנטע לאָדזער גרויסע אַלטע פאַבריקאַנטן.

פאַר דער מלחמה האָט ביאַליסטאָק פאַבריצירט ביליגע פּאַלטאָ שטאָף, אָנהויבנדיג פון 90 קאָפּ. אַ אַרשין און בעסערע פון 3 רובל אַ אַרשין, און איצט מאַכט מען ביי אונז ביליגע פּאַלטאָ-שטאָף אין אַ בעסערער אויסאַרבעטונג ווי פאַר דער מלחמה, אָנהויבנדיג פון 40 סענט אַ מעטער און די בעסערע פון 80 סענט אַ מעטער.

דאָס קומט אויס אין דורכשניט מיט 50 פּראָצ. ביליגער ווי דאַמאָלס, ניט קוקנדיג דערויף, וואָס אַרבעט-לוין איז היינט אין פאַרגלייך מיט דאַמאָלס כמעט ווי געשטיגן, און דערצו זיינען נאָך צוגעקומען די שטייער-לאַסטן פאַר סאָציאַלע פאַרזיכערונגען ווי קראַנקן-קאַסע, פאָנד פאַר אַרבעטלאָזע, אַרבעטער-אַסעקוראַציע, וואָס עס פאַרטייערט די פּראָדוקציע, — פאַר דער מלחמה האָבן די דאָזיגע שטייערן אינגאַנצן ניט עקזיסטירט, אָדער אַנדערע אין אַ גאַנץ קליינעם מאַסשטאַב.

דער בעסטער באַווייז, ווי ווייט ביאַליסטאָקער אינדוסטרי האָט געמאַכט פאָרשריט נאָך דער מלחמה איז דאָס, וואָס דאַמאָלס האָבן די היגע אינדוסטריעלער אפילו ניט געקענט חלומען וועגן שיקן זייערע אויסאַרבעטונגען איבער די גרעניצן פון דער געוועזענער רוסלאַנד, ווייל זיי האָבן ניט געקענט קאָנקורירן אין אויסלאַנד ניט מיט די פּרייזן און ניט מיט די גאַטונגען, וועלכע וואָלטן דאָרט ניט געפונען קיין בעלנים; בלויז דער גרויסער רוסישער מאַרק, וועלכער האָט דערגרייכט ביז איבער די גרענעצן פון סיביר, האָט געקענט געברויכן די ביאַליסטאָקער ביליגע סחורות, ניט האָבנדיג די מעגלאַכקייט צו ברענגען די דאָזיגע מינים פון אויסלאַנד, צוליבן הויכן צאָל-טאַריף, וואָס רוסלאַנד האָט איינגעפירט פאַר די אויסלענדישע טעקסטיל-סחורות. בלויז גאַנץ טייערע דינע מינים טעקסטיל האָט געלוינט צו ברענגען, ווייל דער צאָל-טאַריף איז דאַמאָלס באַשטימט געווען לויט דער וואָג פון דער סחורה.

ביי היינטיגן טאָג אָבער קען ביאַליסטאָק באַדינען אַ סך פרעמדע לענדער, ווייל אירע סחורות זיינען צוגעפּאַסט צום געשמאַק פון די אויסלענדישע קונים, און אירע סחורות ווערן טאַקי געשיקט אין די ווייטסטע לענדער.

אָט דער פאָרשריט פון דער ביאַליסטאָקער אינדוסטרי פון נאָך דער מלחמה קען נאָר פאַרשריבן ווערן אויפן קרעדיט פון איר מ אָ ר אַ ל י ש ע ר אַנטוויקלונג, בנוגע איר ע ק אָ נ אָ מ י ש ן מצב איז ביאַליסטאָק ווייט צוריקגעגאַנגען אין פאַרגלייך מיט די צייטן פון פאַר דער מלחמה און מ'קען זאָגן: פּנה זיוה, פּנה הודה!

ס'איז אַ מאָדנע דערשיינונג. אונזער טעקסטיל-אינדוסטרי איז איצט ניט אָרימער אין מאַשינעס ווי פאַר דער מלחמה, אדרבה, די שפּינערייען און אַפּרעטורן זיינען אַ סך פאַרגרעסערט געוואָרן, באַלד נאָך דער מלחמה האָט מען צוגעקויפט אַ סך נייע מאַשינעס און אויך געבראַכט אַ סך געניצטע פון לאָדז, וועלכע זיינען געקויפט געוואָרן אין אַ גאַנץ גוטן צושטאַנד ביי פאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן זיך ליקווידירט, און פונדעסטוועגן זיינען אָט די אַלע באַזיצערס פון די פאַרגרעסערטע פאַבריקן אַ סך אָרימער ווי פאַר דער מלחמה, ווען זיי זאָלן אפילו האָבן איצט ניט ווייניגער קאַפּיטאַל אין מזומן און אין סחורה ווי דאַמאָלס.

דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס פאַר דער מלחמה איז אַ טעקסטיל-פאַבריק געווען אַ זאַך, וואָס איז עובר לסוחר. דער ווערט פון אַ פאַבריק איז געווען מער ווי דער ווערט פון די געלט וואָס די פאַבריק האָט געקאָסט, ווייל ביים פאַרקויפן אַ פאַבריק האָט מען באַצאָלט איר גאַנצן פולן קאָסטן-פרייז נאָך מיט אַ עודף, נעמענדיג אין באַטראַכט, אז זי קען שוין ברענגען ריווח און בעלנים אויף קויפן פאַבריקן האָבן ניט געפעלט, זעלטן ווען עס איז געווען אַ מ ו כ ר, דעריבער האָט יעדער פאַבריקאַנט געשאַצט זיין פאַרמעגן לויט זיין קאַפּיטאַל אין מזומן, סחורה און פאַבריק-מאַשינעס, און אויף אַזאַ אופן זיינען געווען אין ביאַליסטאָק אַ סך רייכע פאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן ניט מורא געהאַט אפילו פאַר אַ רוח שאינה מצויה און האָבן אויסגעהאַלטן אַלע גרעסערע קריזיסן.

איצט אָבער האָבן פאַבריקן פאַרלאָרן זייער רעאַלן ווערט, צוליב פאַרשיידענע סיבות זיינען ניטאָ קיין בעלנים אויף קויפן פאַבריקן, העכסטנס קען מען פאַרקויפן ב י ס ל א כ וו יי ז די מאַשינעס בחצי חינם, און די בנינים מיט די גרויסע קוימענס בלייבן שטיין ווי אַ מצבה פאַרן אַלטן באַלעבאָס, און אָט, ווען ביי אַ פאַבריקאַנט, אַ באַזיצער פון אַ גרויסער פאַבריק, באַווייזט זיך דעריבער אַ דעפיציט אין זיין באַלאַנס, איז ער מער ניט אומשטאַנד צו רעאַליזירן זיין פאַבריק, כדי צו דעקן דעם דעפיציט און קענען ווייטער בלייבן אויפן פּלאַץ, ווייל עס פעלן די קונים דערויף, ער קען אפילו קיין היפּאָטעק ניט קריגן, וואָס דאָס איז אייגנטלאַך אַ הצלה פּורתא, און דערפאַר זיינען ביי אונז לעצטנס אַזויפיל גרעסערע פאַבריקאַנטן, באַזיצערס פון גרויסע אייגענע פאַבריקן, פאַרשוואונדן פונם געשעפט-האָריזאָנט.

אַ טעות האָבן די וואָס מיינען, אַז שולדיג אין היינטיגן קריטישן מצב איז דאָס, וואָס מיר האָבן ניט מער דעם רוסישן מאַרק; די צייט פון דער גוטער קאָניונקטור אויף די פרייזן פון די לאַנדווירטשאַפטלאַכע אַרטיקלען האָט אונז געוויזן, אַז אויך פּוילן גופא קען זיין אַ גרויסער אָפּנעמער פון אונזער היימישער טעקסטיל-פּראָדוקציע. אין די דאָזיגע יאָרן איז ביי אונז קיין איבערפּראָדוקציע ניט געווען, ווייל דער היינטיגער פּויער אָדער אַרבעטער פאַרשטייט אויך זיך מאָדערן צו קליידן, ווען ער האָט נאָר פאַרוואָס צו קויפן. אין אונזער טעקסטיל-בראַנזשע האָט זיך נאָר דאַמאָלס אָנגעהויבן צו פילן דער קריזיס, ווען די לאַנדווירטשאַפט האָט אָנגעהויבן צו ליידן פון דער גרויסער ירידה אויף אירע פּראָדוקטן, דאַמאָלס האָט זיך די קאָנסומציע פון ביאַליסטאָקער סחורה, וועלכע איז ספּעציעל אַ פּויערים-אַרטיקל,

שטאַרק געפאַלן און די פאַבריקן אַרבעטן בלויז 4—5 חדשים אין יאָר.

די מסקנא דערפון איז, אַז שולדיק אין קריזיס איז די ניט ראַציאָנאַלע פּרייזן-פאַרביליגונג פון אַרטיקלען, אַזוי אַז אין דער צייט, ווען דאָרפישע אַרטיקלען ווי קאָרן, פּי, אייער און נאָך אַזעלכע מינים זיינען שטאַרק געפאַלן אין פּרייז, זיינען אַנדערע ניט וויניגער נויטיגע אַרטיקלען, ווי נאַפט, קוילן, צוקער א.אז.וו. גאָרניט געפאַלן און אַנדערע אַרטיקלען ווי למשל „שפּיקע" (נאַפט-אָפּפאַל), וואָס פאַבריקאַנטן באַנוצן אין גרויסע קוואַנטומס צו דער פּראָדוקציע פון קונסטוואָל און אַלס שמירעכץ צו אַלע פאַבריק-מאַשינעס זיינען אין די לעצטע יאָרן, צוליב די געגרינדעטע קאַרטעלן, געשטיגן אפילו אויף טאָפּל.

דאָס אַלץ איז גורם, אַז די טעקסטיל-סחורה קען ניט נאָך ביליגער ווערן, און דער קאָנסומענט, וועלכער פאַרקויפט ביליג זיין סחורה, איז ניט ביכולת זיך צו קויפן אַ פּאַלטאָ, וועלכער איז נאָך פאַר אים גענוג טייער; צוליב דער פאַרקלענערטער קאָנסומציע ווידער, זיינען די אַרבעטער באַשעפטיגט נאָך עטלאַכע חדשים אין יאָר, און זיי קענען ממילא אויך ניט לאָזן רעדוצירן זייער לוין, אויף וואָס זיי וואָלטן אָבער גערן מסכים געווען, ווען זיי וואָלטן געקענט האָבן באַשעפטיגונג אַ גאַנץ יאָר.

זייער אַ סך האָט אויך מיטגעווירקט צו דער ירידה פון אונזער היימישער טעקסטיל-אינדוסטרי נאָך דער מלחמה די באַגרענעצונג פון קרעדיטן אין די מלוכהשע ביינק פאַרן סוחרטום.

פאַר דער מלחמה האָט איטלאַכס גרעסערער סוחר געהאַט די מעגלאַכקייט צו דיסקאָנטירן זיינע קונדישע רימעסן אין דער מלוכה-באַנק פאַר ביליגע צינזן, דאָס האָט אים באַוואויגן צו מאַכן גרעסערע קניות און וואָס גרעסער צו אַנטוויקלען זיין געשעפט. אַ סוחר, וואָס האָט געהאַט אַ קרעדיט אין דער מלוכה-באַנק, איז געווען אויך אַ חשוב ביים פאַבריקאַנט, וועלכער האָט אים גערן קרעדיטירט סחורה אויף לייַנגערע טערמינען.

דער האַנדל איז געגאַנגען פריי, „פליטות" זיינען פאָרגעקומען זעלטענער, אפילו דער ניט ראַיעלער סוחר האָט געקענט האַנדלען אין משך פון אַ סך יאָרן ראַיעל, ביז ער האָט באַנקראָטירט. און אפילו נאָכן באַנקראָט האָט ער גלייך גינסטיג רעגולירט און מ'האָט אים גערן ווייטער קרעדיטירט, ווייל דער פאַבריקאַנט האָט געוואוסט, אַז ער וועט ווייטער האָבן פאַר זיך אַ קונה אויף אַ לייַנגערער צייט. דאָס אַלץ האָט פאַרגרעסערט די קאָנסומציע.

ביי היינטיגער צייט אָבער, ווען דער סוחר האָט ניט קיין קרעדיטן אין קיין מלוכה-באַנק, איז ער געצוואונגען צו פירן זיין געשעפט מיט זיין אייגענעם קאַפּיטאַל, קונדישע רימעסן מוז ער דיסקאָנטירן עפּ"י רוב אין גאַס צו ליכווע-צינזן, דאָס רואינירט אים זייער גיך און נאָך אַ קורצער צייט האַנדלען מוז ער גיין פליטה און שטייט שוין מער קיין תחית המתים ניט אויף.

דאָס אַלץ האָט אונטערגעבראָכן דעם צוטרוי צווישן די סוחרים, יעדערער מאַכט אַ מינימאַלסטן אומזאַץ, וואָס האָט שטאַרק געווירקט לרעה אויף אונזער היימישער טעקסטיל-אינדוסטרי.

אבֿרהם פּיקטין

# די בוי-אינדוסטרי אין ביאַליסטאָק

ווי אין שול אַזוי אין בית-מדרש. דיזעלבע טרויעריגע לאַגע, וועלכע עס לעבט איבער, אין די לעצטע יאָרן, די ביאַליסטאָקער טעקסטיל און לעדער-אינדוסטרי, מאַכט דורך די ביאַליסטאָקער בוי-אינדוסטרי און האַנדל מיט בוי-מאַטעריאַלן.

טיילווייז זיינען די דערמאָנטע אינדוסטריעס איינג צונויפגעבונדן, וואָרום פאַר דער מלחמה, בשעת די ביאַליסטאָקער טעקסטיל-אינדוסטרי האָט זיך נאָרמאַל אַנטוויקלט, פלעגן די פּראָדוצענטן פון אָט דער אינדוסטרי פאָדערן יערלאַך זייער אַ סך בוי-מאַטעריאַלן בלויז פאַר זייער באַדאַרף. היינט האָבן זיך 80 פּראָצענט פאַבריקן צוגעמאַכט און די איבערגעבליבענע פאַבריקאַנטן וואָלטן אַ גרויסן טייל פון זייערע פאַבריקן גערן פאַרדונגען צו בעסערע צוועקן, ווייל זיי שטייען מער צייט אין יאָר, ווי זיי גייען.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה האָט די טעקסטיל-אינדוסטרי אפילו קאָנקורירט מיט דער בוי-אינדוסטרי. די פאַבריקאַנטן האָבן זייערע פאַבריקן איבערגעבויט אויף וואוינונגען און אַזוי אַרום פלעגן זיי צונעמען ביי דער בוי-אינדוסטרי פּדוין. אַנדערע האָבן זייערע פאַבריקן צונומען און פאַרקויפט די ציגל, די דאַכצוועקעס און די פענסטערס; היינט לוינט שוין ניט מאַכן פון פאַבריקן וואוינונגען אויך, ווייל ס'איז ניטאָ, ווער עס זאָל דינגען וואוינונגען, און די וואָס דינגען, זאָגט מען, האָבן זיך געגעבן אַן ערן-וואָרט, אַז מער ווי פאַרן ערשטן קוואַרטל דאַרף מען קיין דירה-געלט ניט צאָלן. אַ דאַנק אָט דעם צושטאַנד האָט זיך איינגעשטילט די קאָנקורענץ צווישן דער טעקסטיל און בוי-אינדוסטרי.

ווי ס'איז צו זען פון דעם אַלעמען, האָט די בוי-אינדוסטרי דעם פריערדיגן קאָנטינגענט אָפּנעמערס, וועלכער איז באַשטאַנען פון פאַבריקאַנטן, פאַרלאָרן אויפן נאַטירלאַכן וועג, ווייל די אינדוסטרי איז אָפּגעשטאָרבן; דעם צווייטן קאָנטינגענט אָפּנעמערס, ווידער, מענטשן פון מיטלשטאַנד, וועלכע פלעגן פאַר דער מלחמה בויען הייזער אויף געשעפט, אָדער מיטן צוועק, צו ציען פון דער הויז רענטע—האָט די בוי-אינדוסטרי אין ביאַליסטאָק נאָך דער מלחמה גאָרניט אָנגעהויבן צו האָבן.

אין דער צייט, ווען אין אַלע לענדער האָט זיך נאָך דער מלחמה אַנטוויקלט אַ שטאַרקע בוי-טעטיגקייט, האָט פּוילן בכלל און ביאַליסטאָק בפרט פון קיין שום בוי-טעטיגקייט ניט געוואוסט. דער לאָקאַטאָרן-געזעץ, די אינפלאַציע און די טייערקייט פון געלט אין משך פון דער גאַנצער צייט נאָך דער מלחמה האָבן פּאַראַליזירט יעדע בוי-איניציאַטיוו.

פאַר דער מלחמה האָט אויך דער קאַפּיטאַל, וועלכער איז געווען לאָקירט אין הייזער, אויך קיין גרויסע צינזן, אין פאַרגלייך צי אַנדערע אונטערנעמונגען, ניט געטראָגן, די קליינע רענטע פון דער הויז האָט זיך אָבער קאָמפּענסירט מיט דער ביליגקייט פון צינזן, וועלכע דער הויזבאַזיצער האָט געצאָלט פאַר דער הלוואה, וואָס ער האָט געקריגן אין באַנק, אויף דער אויסגעבויטער הויז. צינזן פלעגט ער צאָלן, שוין צוזאַמען מיט אַמאָרטיזאַציע, 5 פּראָצ. יערלאַך און די הלוואה, אין אַן ערך 60 ביז 70 פּראָצענט פון דער ווערט פון הויז, פלעגט ער באַקומען, אָן שווערקייטן, באַלד נאָכן אויסבויען, אַ סך מאָל נאָך אין דער צייט פון בויען.

די פאַרשטאַרקטע בוי-טעטיגקייט האָט אַריינגעבלאָזן אין דער בוי-אינדוסטרי די נויטיגע ענערגיע צו אַרבעטן און זיך צו אַנטוויקלען, פאַר דער מלחמה פלעגן די ביאַליסטאָקער ציגעלניעס פּראָדוצירן 18 מיליאָן ציגל יערלאַך און דער פּרייז, אין יאָר 1914, איז געווען 25 רובל פאַרן טויזנט, דאָס איז אין אַן ערך פון 12,5 דאָלאַר. היינט פּראָדוצירן די ביאַליסטאָקער ציגעלניעס קוים 4 מיליאָן יערלאַך, און דער פּרייז פאַר ציגל שטייט 50 זל. פאַרן טויזנט, דאָס איז אַן ערך פון 5,5 דאָלאַר.

די אויסזיכטן, אַז די בוי-טעטיקייט זאָל זיך ביי אונז פאַרגרעסערן, זיינען זייער שוואַכע, ווייל אין דער צייט, ווען דער צינז-פוס קאָסט דעם מיטלשטאַנד 2 פּראָצענט אַ חודש. איז אוממעגלאַך צו האָפן, אַז ס׳זאָלן זיך גרינגדן ביינק, ווי פאַר דער מלחמה וועלכע וועלן געבן הלוואות אויף הייזער פאַר 5 פּראָצענט יערלאַך. און כל זמן ס׳וועלן ניט געגעבן ווערן הלוואות אויף הייזער מיט דער ברייטער האנט, וועט די פּריוואַטע בוי-טעטיגקייט בלייבן שטיין אויף דעמזעלביגן טויטן פונקט, אויף וועלכן זי שטייט היינט.

אין די ערשטע פאָר יאָר פון דער סאַנאַציע-ממשלה, אין די יאָרן 1927—1928, האָט זיך די בוי-אינדוסטרי אַ ביסל אַ ריר געטאָן פון אָרט, אין וואַרשע איז אַ סך געבויט געוואָרן, אַזוי אַז די הויפּט-שטאָט האָט זיך געמוזט שאַפן ציגל פון דער פּראָווינץ. אין ביאַליסטאָק זיינען אין יענע יאָרן אויסגעבויט געוואָרן די „איזבאַ סקאַרבאָוואַ" און דער קרייז-געריכט. די בוי-אינדוסטרי האָט געגלויבט צו זען אינם פאַרגרעסערטן נאָכפרעג אויף בוי-מאַטעריאַלן דעם אָנהויב פון אַ פאָרשטייענדיגן בוי-פּעריאָד, ענלאַך צו די בוי-פּעריאָדן, וועלכע זיינען נאָך דער מלחמה פאָרגעקומען אין אויסלאַנד און האָבן דאָרט אָנגעהאַלטן אַ לייגנגערע צייט.

אָבער שוין אין יאָר 1924 איז דער בוי-ראָד ווידער געבליבן אינגאַנצן שטיין, ווייל געבויט האָט מייסטנס די מלוכה און ניט פּריוואַטער קאַפּיטאַל, דער דוחק פון געלט האָט אויך די בוי-טעטיגקייט פון דער מלוכה גיך פּאַראַליזירט.

לויטן געזעץ, דאַרף די געלט, וואָס פליסט איין פון לאָקאַטאָרן-שטייער, פאַרווענדט ווערן צו אונטערהאַלטן די בוי-טעטיגקייט; מעגלאַך, אַז די מלוכה האַנדלט אַזוי, אָבער די געלט, וועלכע די מלוכה קאַסירט איין פון לאָקאַטאָרן-שטייער אין ביאַליסטאָק, גיט זי אויס אויף בוי-צוועקן אין וואַרשע, לאָדז, לובלין, ראַדאָם א. אז. וו. און ביאַליסטאָק זעט ניט אָן פון די געלט קיין גראָשן. אונזער שטאָט-ראַט האָט גאָרניט געטאָן, כדי צו פאַרטיידיגן אונזער רעכט אויף די געלטער, וועלכע ביאַליסטאָק צאָלט איין יאָר-יערלאַך מיט לאָקאַל-שטייער.

כדי אין דער בוי-טעטיגקייט אריינצובלאָזן א נייע נשמה, האָט דער מאגיסטראַט דערלויבט, צו בויען הילצערנע הייזער אין די גאַסן, וואו דער בוי פון הילצערנע בנינים איז געווען פון לאַנג אָן פאַרווערט, אָבער אויך אָט די פאַרלייכטערונג האָט ניט מיטגעווירקט צו פאַרגרעסערן די בוי-טעטיגקייט. און ניט קיין חידוש! די פּרייזן אויף ציגל זיינען אין פאַרגלייך צו פריערדיגע יאָרן געזונקען אויף 100 פּראָצענט, אַזוי אַז דער אונטערשייד אין די בוי-הוצאות צווישן א הילצערנעם און אַ געמויערטן בנין איז א קלײנער.

אין חודש אויגוסט האָט דער מאגיסטראַט באַשטימט א קאָנקורס אויף צו בויען א הילצערנעם בנין, אויף א „פּאָווּשעכנע" שולע, מיינענדיג, אַז א הילצערנער בנין וועט קאָסטן א סך ביליגער, ווי א געמויערטער. צווישן די אָנטיילנעמערס אין קאָנקורס האָט א סאָלידע בוי-פירמע פאָרגעלייגט דעם מאגיסטראַט, אויסצובויען אַ געמויערטן בנין פאַר דעמזעלביגן פּרייז, וואָס מ׳פאַרלאַנגט פאַר א הילצערנעם, מיט א צושלאַג ניט מער ווי 5 פּראָצענט. באַקומענדיג אזא פאָרשלאַג, האָט דער מאגיסטראַט באַשלאָסן, איבערצואַרבעטן די פּראָיעקטן און אויסבויען פאַר דער שולע א געמויערטן בנין.

פון אָט דעם פאַקט איז דייטלאַך צו זען, אַז די איינגעשמועסטע מיינונג, אַז א הילצערנער בנין קאָסט כלומרשט א סך ביליגער, ווי א געמויערטער, האָט ניט אונטער זיך, ביי היינטיגע פאַרהעלטעניש, קיין שום יסוד.

**צבי חידער**

# די האַנטווערקער=קאַמער און די יידי= שע האַנטווערקער אין ביאַליסטאָק.

די ווירטשאַפטלאַכע זעלבסטפאַרוואַלטונגען, די א. ג. „קאַמערן" זיינען אַ נייס אין אונזער לעבן. דורך אַ פאַנאַנדערגעבויטער זעלבסטפאַרוואַלטונג-סיסטעם, וואָס דאַרף אַרומכאַפּן אַלע אונזערע באַזונדערע ווירטשאַפטלאַכע שיכטן, ווי האַנדל און אינדוסטרי, האַנטווערקעריי, לאַנדווירטשאַפט און אויך לוין - אַרבעטער, און וואָס בילדן פון זיך צום לעצט אַ מין ווירטשאַפטלאַכן סיים (פּאַרלאַמענט) — דאַרפן קומען צום וואָרט די ריין - ווירטשאַפטלאַכע ספערן און קריגן אַ תיקון די ווירטשאַפטלאַכע אינטערעסן.

לעת-עתה זיינען נאָך אין פּוילן געשאַפן געוואָרן די האַנדל און אינדוסטרי-קאַמערן, די האַנטווערקער-קאַמערן און אַ טייל לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאַמערן (בלויז 4).

דעם 26-טן אַפּריל 1932 איז שוין אויך אָפּגעהאַלטן געוואָרן, ביי דער באַטייליגונג פון מלוכה-פּרעזידענט און רעגירונג, אין זיצונג-זאַל פון סענאַט, אין וואַרשע, דער ערשטער ווירטשאַפטלאַכער סיים, געווידמעט דער עיקר לאַנדווירטשאַפטלאַכע פּראָבלעמען.

די פונקציעס פון אַלע אַזעלכע קאַמערן זיינען קודם רעפּרעזענטאַטיוו-ראַטגעבערישע. אין אינערלאַכן לעבן פון געגעבענעם שיכט אין זייער ווירקונג-קרייז אַ גאַנץ באַשיידענער. אַן אויסנאַם בילדן דאָ אָבער די האַנטווערקער - קאַמערן. די האַנטווערקער-קאַמערן האָבן אויפן גרונט פון אינדוסטרי-געזעץ פון 27-טן יאָר ספּעציעלע זייער וויכטיגע אינערלאַכע פונקציעס, וואָס גרייכן זייער טיף אין פּראַקטישן לעבן פון דער גאַנצער האַנטווערקערשאַפט.

די האַנטווערקער-קאַמער איז באַרופן צו פאַרווירקלאַכן אין לעבן די אַלע פאָרשריפטן פון אינדוסטרי - געזעץ, (צעכן-געזעץ) בנוגע האַנטווערקער. גיט זיי די פאָרמעלע באַרעכטיגונג, דורך די א. ג. באַפייאיגונג-שיינען, (דאָוואָדי אוזדאָלניענאַ) צו פירן זייערע וואַרשטאַטן. אָרגאַניזירט די פאַך-קורסן. רעגיסטרירט און פאַסט אויף אויף דער אויסבילדונג פון די לערן - יינגלאַך. אָרגאַניזירט און אינסטרואירט די צעכן און פירט אַ גענויע עווידענץ פון אַלע וואַרשטאַטן, אַרבעטער און לערן-יינגלאַך אין דער גאַנצער וואָיעוואָדשאַפט.

די קאַמערן האָבן אויך געדאַרפט צונויפפירן, און ווי ווייט מעגלאַך צונויפלעבן דעם קריסטלאַכן מיטן יידישן האַנטווערקער, אויפן באָדן פון געמיינזאַמקייט פון אינטערעסן.

די ביאַליסטאָקער האַנטווערקער-קאַמער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אָן וואַלן סוף 29-טן יאָר, איז אויסגעוואָקסן פון זעלבן פּשרה - אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן פאַר אַלע קאַמערן צווישן די יידישע אין קריסטלאַכע האַנטווערקער-צענטראַלעס אין וואַרשע, און לויט דעם אָפּמאַך, פאַרמאָגט זי אויף 16 מיטגלידער 10 קריסטן און 6 יידן און אין דער פאַרוואַלטונג אויף 5 מיטגלידער 3 קריסטן און 2 יידן. און אַזוי ווי אַלגעמיינע פּלענום-זיצונגען קומען פאָר נאָרמאַל נאָר 4 מאָל יערלאַך, ליגט געווינט-

לאַך דער שווער-פונקט פון דער גאַנצער אַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג.

דער יערלאַכער בודזשעט פון דער קאַמער, וואָס ווערט, אגב, זייער שטריינג קאָנטראָלירט פון מיניסטעריום, האַלט זיך אין די פאָלגנדיגע ראַמען:

אין די לעצטע 2 חדשים פון 29-טן יאָר האָט ער באַטראָפן: 20,570 זל. די הכנסה איז געקומען אין 80 פראָצענט פון ספּעציעלן צוצאָל צו די פאַטענטן און אין 20 פראָצ. פון אַ איינמאָליגער סובווענץ פון די האַנדל און אינדוסטרי-קאַמערן.

דער בודזשעט פאַרן 30-טן יאָר האָט באַטראָפן 59,850 זל. און איז שוין געדעקט געוואָרן מיט 25 פראָצענט פון צוצאָל צו די פאַטענטן, (די האַנטווערקער-קאַמערן האָבן דאַמאָלס געקריגן 3 פראָצענט פון דאָזיגן צוצאָל, היינט קריגן זיי 8 פראָצענט, די איבעריגע גייט פאַר די האַנדל און אינדוסטרי-קאַמערן) און מיט 75 פראָצ. פון דער אייגענער הכנסה פאַרן אָפּצאָל פאַר עקזאַמענס.

אין 31-טן יאָר וואַקסט שוין אויס דער בודזשעט ביז דער סומע פון 109,291,65 זל. דאָס קומט אין שייכות מיט די מאַסן-עקזאַמענס, מיטן אָפּצאָל פאַר די עקזאַמעניר-קאָמיסיעס און מיט דער אַלגעמיינער ציילונג פון די וואַרשטאַטן, וואָס די קאַמער פירט דורך.

דער בודזשעט ווערט געדעקט מיט אַ עודף פון אַריבער 27 טויזנט זל. אויפן 32-טן יאָר באַטרעפט דער בודזשעט אַריבער 96 טויזנט זל. וואָס ענדיגט זיך מיט אַ עודף פון קרוב 40 טויזנט זל. און אויפן 33-טן יאָר איז ער פאַרגעזען אין דער סומע פון 88 טויזנט זל. וואָס ווערט נאָך אַלץ אין גרעסטן טייל געדעקט פון די אייגענע הכנסות פון דער קאַמער.

די אַרבעט פון דער קאַמער אין די 3 יאָר איז געווען גענוג אינטענסיוו. זי האָט אַדורכגעפירט אַ סך אינערלאַכע אָרגאַניזאַציע- און אינספּעקציע-אַרבעטן, האָט פּראָפּאָנירט אַ גאַנצע ריי זייער וויכטיגע געזעץ - פּראָיעקטן, האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן אַ סך נייע האַנטווערקער-פאַכן, וואָס באַמיען זיך אַרונטערצוגיין אונטערן צעכן-געזעץ, האָט געשאַפן פאַרשיידענע קורסן סיי פאַר האַנטווערקער, סיי פאַר אַרבעטער (טשעלאַדניקעס); אַריבער 2 טויזנט עקזאַמענס אַליין אין די פאַרוואָרפנסטע עקן פון דער גאַנצער וואָיעוואָדשאַפט איז געווען אַ ריזן - אַרבעט (אַריבער טויזנט עקזאַמענס איז נאָך געבליבן צו מאַכן) און לסוף די דורכגעפירטע ציילונג, וואָס איז אומבאַדינגט אַ גרויסער און וויכטיגער אויפטו.

פאַר אונז האָט די ציילונג דעם פעלער, וואָס אין איר איז נאָך דערוויילן ניט אַדורכגעפירט די נאַציאָנאַלע אָנגעהעריגקייט פון די געציילטע. (דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות האָט אין דער דאָזיגער פראַגע שוין ניט איינמאָל אינטערוועניִרט. איז אָבער דאָ איין ענטפער: ס'דאַרף קאָסטן נאָכאַמאָל אַרבעט ד. ה. נאָכאַמאָל געלט), אָבער ניט געקוקט דערויף, האָט די אַנקעטע איר באַטייט און לאָזט אונז אַ סך וויסן.

אַזוי, למשל, האָט די אַלגעמיינע צאָל האַנטווערקער-וואַרשטאַטן אין ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט, צום 30-טן אַפּריל 1931 יאָר, באַטראָפן 17.459, דערין 13,069 לעגאַלע, (מיט האַנטווערקער-קאַרטן) און 4,390 אומלעגאַלע, (אָן קאַרטן) און צום 1-טן אַפּריל 1932 באַטרעפט שוין די אַלגעמיינע צאָל וואַרשטאַטן 20,280, דערין 14,024 מיט קאַרטן. דאָס באַטייט אין איין יאָר אַ צווואוקס פון אַריבער 7 פראָצ. צו דער אַלגעמיינער צאָל וואַרשטאַטן און אין גאַנצע 11 פראָצ. אַ צווואוקס פון ניט - לעגאַלע וואַרשטאַטן.

ביידע דערשיינונגען האָבן איינס מיט דאָס אַנדערע אַ טיפע שייכות און זיינען אין סך-הכל אַ מערקווירדיגער רעזולטאַט פון קריזיס. (אויף דער דאָזיגער דערשיינונג האָב איך זיך שוין אַמאָל אין „ביאַליסטאָקער אַלמאַנאַך" פון יאָר 1931 און אין „אונזער לעבן", ניט לאַנג נאָך זיך אָפּגעשטעלט). קלאָר איז דערפון נאָר איין זאַך, אַז עס גייט ערשט אַ פּראָצעס פון צושפּרייטן, פון צודראָבן, און ממילא פון אינערלאַכער אָפּשוואַכונג פון די האַנטווערקער-וואַרשטאַטן. ס'וואַקסט די צאָל וואַרשטאַטן און ס'ווערט אין זיי אַלע מאָל ווייניגער די צאָל באַשעפטיגטע אַרבעטער.

נעמען מיר די זעלבע צאָל וואַרשטאַטן לויט די קרייזן פון אונזער וואָיעוואָדשאַפט, באַקומען מיר פאָלגנדיגע צאָלן (לויטן אלף-בית):

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| אוגוסטאָוו: | | 598 | | וואַרשטאַטן מיט קאַרטן |
| | | 292 | " | " אָן " |
| | צוזאַמען | 890 | " | |
| ביאַליסטאָק: (מיטן קרייז) | | 1,410 | " | " מיט " |
| | | 895 | " | " אָן " |
| | צוזאַמען | 2,305 | " | |
| ביעלסק: | | 1,824 | " | " מיט " |
| | | 868 | " | " אָן " |
| | צוזאַמען | 2,692 | " | |
| גראָדנע: | | 2,361 | " | " מיט " |
| | | 839 | " | " אָן " |
| | צוזאַמען | 3,200 | " | |
| קאָלנע: | | 526 | " | " מיט " |
| | | 182 | " | " אָן " |
| | צוזאַמען | 708 | " | |
| לאָמזשע: | | 1,340 | " | " מיט " |
| | | 426 | " | " אָן " |
| | צוזאַמען | 1,766 | " | |
| אָסטראָוו: | | 1,055 | " | " מיט " |
| | | 295 | " | " אָן " |
| | צוזאַמען | 1,350 | " | |
| אָסטראָלענקע: | | 640 | " | " מיט " |
| | | 417 | " | " אָן " |
| | צוזאַמען | 1,057 | " | |
| סאָקאָלקע: | | 761 | " | " מיט " |
| | | 295 | " | " אָן " |
| | צוזאַמען | 1,056 | " | |
| סובאַלק: | | 957 | " | " מיט " |
| | | 392 | " | " אָן " |
| | צוזאַמען | 1,349 | " | |
| שטוטשין: | | 939 | " | " מיט " |
| | | 296 | " | " אָן " |
| | צוזאַמען | 1,235 | " | |
| וואָלקאָוויסק: | | 985 | " | " מיט " |
| | | 459 | " | " אָן " |
| | צוזאַמען | 1,444 | " | |
| וויסאָקא-מאַז.: | | 628 | " | " מיט " |
| | | 600 | " | " אָן " |
| | צוזאַמען | 1,228 | " | |
| אין סך - הכל: | | 20,280 | " | |

אין די פאַרשיידענע בראַנזשעס טיילט זיך די צאָל וואַרשטאַטן אַזוי:

| | | | |
|---|---|---|---|
| בוי: | 967 | וואַרשטאַטן | מיט קאַרטן |
| | 569 | ״ | אָן ״ |
| צוזאַמען | 1,536 | ״ | |
| האָלץ-בראַנזשע: | 1,738 | ״ | מיט ״ |
| | 1,082 | ״ | אָן ״ |
| צוזאַמען | 2,820 | ״ | |
| טעקסטיל: (חוץ לוינקעטניקעס) | 2,231 | ״ | מיט ״ |
| | 1,156 | ״ | אָן ״ |
| צוזאַמען | 3,387 | ״ | |
| מעטאַל: | 1,917 | ״ | מיט ״ |
| | 1,177 | ״ | אָן ״ |
| צוזאַמען | 3,094 | ״ | |
| דערנערונג: | 2,581 | ״ | מיט ״ |
| | 698 | ״ | אָן ״ |
| צוזאַמען | 3,279 | ״ | |
| לעדער: | 3,025 | ״ | מיט ״ |
| | 1,465 | ״ | אָן ״ |
| צוזאַמען | 4,490 | ״ | |
| פערזענלאַכע באַדינונג (פריזירעס, פאָטאָגראַפן): | 565 | ״ | מיט ״ |
| | 109 | ״ | אָן ״ |
| צוזאַמען | 674 | ״ | |
| אין סך - הכל | 20,280 | וואַרשטאַטן | |

אָט אַזוי זעען אויס די צאָלן פון דער דערגרייכטער סטאַטיסטיק. ס'איז אָבער גרינג משער צו זיין, אַז ווי יעדער סטאַטיסטיק איז זי ווייט פון פולקאָמקייט און האָט ניט אומעטום דערגרייכט און מיר וועלן גאָרניט בלאָנדזשען, אויב מיר וועלן נאָך צו די דערגרייכטע צאָלן, צוּוואַרפן אַ צען אָדער אפשר טאַקי די גאַנצע 20 פּראָצ. אַזוי אַז די גאַנצע מעגלאַכע צאָל פון אַלע האַנטווערקער-וואַרשטאַטן אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט זאָל גרייכן די קיילעכדיגע ציפער פון 24,000 וואַרשטאַטן.

די ציילונג האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דער צאָל באַשעפטיגטע אַרבעטער אין די זעלבע וואַ־שטאַטן און גיט אָן די אַלגעמיינע צאָל אויף 5,730. צוליב געוויסע סיבות איז די אמתע צאָל אַרבעטער געווען זייער שווער אַרויסצוקריגן און דעריבער קען די דאָזיגע ציפער כמעט ניט גענומען ווערן אין באַטראַכט.

אין אונזער אַרטיקל אין „ביאַליסטאָקער אַלמאַנאַך" פון 1931 יאָר האָבן מיר די צאָל באַשעפטיגטע אַרבעטער אָנגעגעבן אויף 1 אַ פערטל אויף יעדער וואַרשטאַט. פון דאַמאָלס ביז היינט האָט זיך די צאָל געדונגענע אַרבעטער זיכער פאַרקלענערט, פונדעסטוועגן דאַרף זי פאָרט אויסמאַכן מינדסטנס 1 אַרבעטער, (רעכענענדיג סיי יוגנטלאַכע סיי דערוואַקסענע) אויף יעדער וואַרשטאַט. מיט דער גאַנצער זיכערקייט קען מען דעריבער אָננעמען, אַז די צאָל באַשעפטיגטע אַרבעטער ביי האַנטווערקער אין אונזער וואָיעוואָדשאַפט באַטרעפט אַריבער 20.000, צוזאַמען הייסט עס 44 טויזנט פאַמיליעס. פאַרטאָפּלען מיר ערשט יעדער דורכשניט פאַמיליע אויף 3 פערזאָן, באַקומען מיר אַ קיימא לן פון 132 טויזנט נפשות, וואָס דערנערן זיך אין אונזער וואָיעוואָדשאַפט פון האַנטווערקעריי.

ווי פריער געזאָגט, גיט די דאָזיגע סטאַטיסטיק ניט אָן די צאָל פון די יידישע וואַרשטאַטן באַזונדער. מיר האָבן איר אָבער שטענדיג גערעכנט אויף מער ווי 70 פראָצענט. אויב אַזוי דאַרף אויסקומען, אַז מיר האָבן אין אונזער וואָיעוואָדשאַפט יידישע:

| | |
|---|---|
| וואַרשטאַטן | 16,800 |
| מיט אַ צאָל אַרבעטער | 14,00 |
| צוזאַמען | 30,800 |

וואָס צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליע-מיטגלידער מאַכט עס אויס 92.400 נפשות.

אַזויפיל יידן, הייסט עס, לעבן אין אונזער וואָיעוואָדשאַפט פון האַנטווערקעריי.

דערפון ווערט שוין קלאָר, ביים דעצידירנדיגן באַטייט, וואָס די האַנטווערקער-קאַמער האָט בכלל אין דער האַנטווערקעריי, וואָס פאַראַ באַזונדער באַטייט זי האָט פאַרן יידישן האַנטווערקער און מיט וואָס פאַראַ וויכטיגע לעבן-אינטערעסן דער יידישער האַנטווערקער שטעקט דאָרט. די קאַמער איז היינט דער צענטער פאַרן רעכטלאַכן פראָפעסיאָנעלן און אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן פון יעדער האַנטווערקער, און ס'איז איבעריג אָנצוּווייזן וואָס פאַראַ געוואַלדיגע אחריות דאָס לייגט אַרויף ספּעציעל אויף די יידישע פאַרטרעטערס אין דער דאָזיגער קאַמער.

צי האָט דעריבער די יידישע פאַרטרעטונג דערפילט איר חוב? ניט דאָ איז דער אָרט און ניט איך אַליין האַלט זיך פאַר באַרופן אַריינצולאָזן זיך אין אַזאַ אָפּשאַצונג. איינס וועל איך נאָר זאָגן, אַז די אַרבעט איז געווען אי שווער, אי וויכטיג. און דער דאָזיגער אַרבעט וואָלט די גלייכבאַרעכטיגונג פון יידישן האַנטווערקער בנוגע דעם אינדוסטרי-געזעץ, אפילו ווי זי זעט ערשט אויס, אַ סך אַנדערש אויסגעזען.

מ'דאַרף זיך נאָר דערמאָנען דעם געוואַלדיגן אָפּגרונט, וואָס האָט שטענדיג געהערשט צווישן קריסטלאַכן און יידישן האַנטווערקער, דעם בלינדן פאַרביסענעם אַנטיסעמיטיזם פון די אַלטע פרום-קאַטוילישע צעכן; אין פאַרגלייך דערמיט איז די גאַנצע אַטמאָספערע אין דער האַנטווערקער-קאַמער, וואָס וואָלט דאָך אַזוי לייכט געקענט ביוראָקראַטיזירט ווערן, אי אַ גענוג-געזעלשאַפטלאַכע, אי אַ גענוג מענטשלאַך-טאָלעראַנטע. און דערין ליגט אויך זיכער ניט קיין קליינער טייל השפעה פון די יידישע פאַרטרעטערס.

---

י. י. אינדיצקי

# דער ביכער=וועזן אין ביאַליסטאָק

1. פוילישע.

דער פוילישער בוך-וועזן באַשטייט פון ליטעראַרישע ווערק, קינדער-ביכלאַך, דערהויפּט מיט אילוסטראַציעס, און לערן-ביכער.

אינם מסחר מיט די דאָזיגע קינדער-ביכלאַך פילט זיך אַ גרויסע קאָנקורענץ שוין עטלאַכע יאָר, זינט דעם טראַגישן טויט פונם אַרויסגעבער פון אָט דעם מין ביכלאַך, אייזענקרעמער, צוליב וואָס זיינע ביכלאַך זיינען פאַרקויפט געוואָרן פאַר גראָשנס אין אַ סך צענדליגער טויזנטער עקז. און דורכדעם איז שווער געוואָרן צו פאַרקויפן אַנדערע, פעסט-פרייזיגע קינדער-ביכלאַך.

פון ליטעראַרישע ווערק זיינען נאָר פעסט - פרייזיג די קלאַסיקער, ווי סענקעוויטש, זשעראָמסקי און נאָך עטלאַכע אין אַ גאַנץ קליינער צאָל, וועלכע רעכענען זיך פאַר שול-הילף-ביכער, וואָס דער תלמיד מוז זיי דורכלייענען און וויסן; אַנדערע ביכער האָבן שוין גאָר קיין פרייז ניט, און דערין זיינען שולדיג די פאַרלעגערס.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען מ'האָט געלייזט פאַר דער אַזוי-גערופענער 95-גראָשן-ביבליאָטעק; אָבער ווי נאָר דער פאַרלעגער האָט אָפּגעלייזט פאַר עטלאַכע טויזנט עקז. האָט ער די זעלביגע

95 גראָשן-ביבליאָטעק אַרויסגעלאָזן צום פאַרקויף אַ סך אונטערן פרייז, און כמעט אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער מין האנדל מיט ביכער, אין די גוט-באַקאַנטע גאַסן-ווענעלאַך.

דאָס האָט געבראַכט זייער אַ סך היזק דעם פאַרקויף פון ליטעראַרישע ביכער, די פרייזן זיינען אומגעווייגלאַך געפאַלן, מחמת די נאָר וואָס דערשינענע ביכער צום פרייז פון 5—6 און 10 זל. האָבן די גאַסן-וועגלאַך פאַרקויפט פאַר גראָשנדיגע פרייזן.

זעענדיג דעם דערפאָלגרייכן אויפטוו פון די פאַרלעגערס פון דער 95 גראָשן-ביבליאָטעק, האָבן אויך אַנדערע זיי נאָכגעטאָן — פאַרקויפט גרויסע קוואַנטומס ביכער צו די הענדלערס פון די גאַסן-וועגלאַך, און דערמיט פאַראליזירט דעם ביכער-פאַרקויף. קיין קונה וויל ניט געבן דעם געהעריגן פרייז פאַר אַ בוך, צוליב וואָס די בוכהענדלערס האלטן זיך אָפּ פון אַנגאַזשירן זיך מיט לייען-ביכער, וויסנדיג, אַז גלייכצייטיג איז פאַר גראָשנס צו באַקומען דעם זעלביגן בוך אין גאַסן-וועגעלע.

געבליבן זיינען די בוכהענדלערס בלויז ביים האנדל מיט שול-ביכער, וועלכע זיינען ביזן יאָר 1931 געווען אַ „ראַזאָוועראַרטיקל", — אָן שול-ביכער קען זיך קיין שילער ניט באַגיין; האָבן זיך אָבער די פאַרלעגערס פון דעם מין געקליגלט, און לעצטנס, פאַרן שול-יאָר 1932—1933, געמאַכט אַ נייס, וואָס קען אינגאנצן רואינירן אַלע בוכהענדלערס.

כדי צו באַקומען דעם געהעריגן ראַבאַט ביים קויפן ביכער, מוז יעדער בוכהענדלער זיין איינגעשריבן אַלס מיטגליד אין בוכהענדלער-פאַריין, („זוויאָנזעק קשיענגאַרסקי"), וועלכער טראָגט אָבער פאַקטיש בלויז דעם נאָמען, באמת איז ער גאָר אַ פאַרלעגער-פאַריין און ברייננגט נוצן בלויז די פאַרלעגערס און אַבסאָלוט ניט די בוכהענדלערס.

אָט דעם פאקט באשטעטיגן די פאָלגנדיגע כללים, וואָס דער פאַריין האָט זיך געשטעלט.

פאַר ניט דערפילן זיינע התחייבותן לגבי דעם פאַרלעגער, באַקומט ניט דער בוכהענדלער דעם געהעריגן ראַבאַט; ביים ווענדן זיך צום פאַריין מיט אַן אָנקלאג פון איין בוכהענדלער אויפן צווייטן פאַר ניט צאָלן קיין חוב, באַקומט זיך אַן ענטפער, אַז זיי זיינען ניט קיין ריכטערס; ס'איז קיין בוכהענדלער ניט דערלויבט צו געבן ראַבאַט אַ צווייטן בוכהענדלער, וואָס איז ניט איינגעשריבן אין פאריין, דאָס איז אויך ניט דערלויבט צו געבן אפילו שולן און לערערס, אין דער צייט, וואָס זיי אַליין גיבן יע ראַבאַט די שולן; ווער ס'איז עובר אויף די „לאון" ווערט באַשטראָפט; אָט איז, למשל, אַ היגער בוכהענדלער באַשטראָפט געוואָרן מיט 200 זל. דערפאַר, וואָס ער האָט אַ צווייטן אַלטן בוכהענדלער, ניט קיין איינגעשריבענעם אין פאַריין, פאַרקויפט ביכער מיט 10 פראָצ. ראַבאַט. איינשרייבן, ווידער, דעם בוכהענדלער אין פאריין, האָט מען ניט געוואָלט, ווייל אין יענער שטאָט געפינט זיך גראָד אַ בוכהענדלער, ניט קיין ייד.

אונטערן דרוק פון דער מאַכט, זיינען די פאַרלעגערס געווען געצוואונגען צו פאַרביליגן צום שול-יאָר 1932—1933 די פרייזן פון שול-ביכער (ניט אַלע) אויף 10—15 פראָצ., זיי האָבן אָבער געפונען אַן עצה; פארקלענערט דעם ראבאַט אויף אַלע ביכער מיט 5 פראָצ.

די דאָזיגע אויפלעגערשע „קאָמבינאציע" האָט זיך פאַטאַל אָפּגערופן אויף דער לאַגע פון די בוכהענדלערס, און זיי געבראַכט גרויס שאָדן; די בוכהענדלערס אין פוילן באַזיצן גרויסע קוואַנטומס ביכער, וואָס ווערן אָפּגעשאצט אין מיליאָנען זלאָטעס און די דאָזיגע פארביליגערונג, ווי אויך די ראַבאַט פאַרקלענערונג פון די 5 פראָצ. וועט אַ סך פון זיי רואינירן.

און אין דערזעלבער צייט זיינען די פרנסות פון די פאַרלעגערס גאָרניט קיין שלעכטע, אָפט אפילו שטאַרק איבערגעכאַפּט די מאָס: זיי פאַרגינען זיך ביי געוויסע מינים ביכער שטעלן אַ מאה פראָצענטלאַך און מער אין „מאָנאָפּאָליזירטע" ביכער, און דער בוכהענדלער מוז צאָלן.

די בוכהענדלערס האָבן זייערע טענות בנוגע דעם פאַרקלענערטן ראַבאַט פאָרגעלייגט דעם צוזאַמענפאָר פון די ביכער-פאַרלעגערס, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע פאַרן שול-יאָר 1932—1933, דער צוזאַמענפאָר האָט אָבער עס ניט גענומען אין אַכט, און איז אַריבער מיט שווייגן אויך אויף דער טעלעגראַפישער ווענדונג וועגן דעם ענין פון די ביאַליסטאָקער בוכהענדלערס. מיט דער דאָזיגער גרינגשעצונג האָבן זיי באַוויזן, אַז זיי האָבן די בוכהענדלערס פשוט פארשקלאפט, און זייער גורל אינטערעסירט זיי ניט.

וואָלט דער פאַריין באמת געווען אַ בוכהענדלערישער, האָט דאָך געדארפט געזאָרגט ווערן פאַר זייערע אינטערעסן: ביי דער צאַרישער מאַכט האָבן בוכהענדלערס אין די קלענערע שטעט (ניט הויפשטעט) ניט געצאָלט קיין שטייערן, ניט אויסגעקויפט קיין פאַטענטן, און ס'קען זיין, אַז אויך איצט ביי אַן ענערגישער השתדלות וואָלט די רעגירונג פאַרגרינגערט די שטייערן-משא פון די בוכהענדלערס, וועלכע זיינען אָנגעוויזן אויפן פדיון פון איין חודש צו לעבן אַ גאנצן יאָר.

איין אויסוועג האָבן פאַר זיך די בוכהענדלערס: אַלע ווי איינער אַרויסטרעטן פון זייער כלומרשט בוכהענדלער-פאַריין: ניט צאָלן מער די הערכות, מיטגליד-אָפּצאָל, וועלכע באַטרעפט פון 10 ביז 100 זל. אַ חודש, לויט דער צאָל אָנגעשטעלטע אין געשעפט און באַקומען דערפאַר גאָרניט; נעמען זייער גורל אין די אייגענע הענט און גרינדן אַ ריין-בוכהענדלערישן-פאַריין, וועלכער וועט פילן און וויסן זייערע נויט, און זיך אַזוי אַרום באַפרייען פונם פאַרלעגער-פאריין, וואָס זאָרגט נאָר פאַר דער אייגענער קעשענע.

## 2. העברייאיש.

געווען צייטן, ווען אין אינטעליגענטע יידישע הייזער האָט זיך דער ביכער-שראַנק גערעכנט פאַר אַ נויטווענדיגער באַפּוצונג פון דער גאנצער באַלעבאַטישקייט, ווער ס'האָט נאָר געהאט די מעגלאַכקייט, אפילו יידן ניט קיין לומדים, האָבן געקויפט ספרים און דערפון געהאט אַן עונג רוחני. די פארלאגן „אחיאָסף", „תושיה" און „צענטראַל" האָבן פאַר זייערע אַרויסגעגעבענע השכלה-ביכער געשמאק געלייזט אין יענער צייט, דער לייענער-עולם האָט זיך אינטערעסירט מיט די אויסגאַבעס; ס'האָט שפּעטער ניט קיין שלעכטע געשעפטן געמאַכט אויך דער „שטיבל"-פארלאג, אויף די ביכער האָבן זיך געפונען גענוג קונים.

אונטער דער ווירקונג פונם קריזיס איז דער פאַרקויף פון העברייאישע ביכער לעצטנס כמעט אינגאנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן. ניט קוקנדיג אויף דער היפשער צאָל העברייאישע גימנאזיעס, און דאָס וואָס די שילערס פאַרשטייען און ריידן העברייאיש, איז פונדעסטוועגן ניטאָ קיין קונה אויף העברייאישע ביכער, און עס זעט זיך פאָר אַ סכנה פאַרן העברייאישן בוך פאַרשוואונדן צו ווערן פונם ביכער-מארק, ווייל ביי אַזאַ לאַגע לוינט ניט צו דרוקן נייע און אפילו איבערדרוקן אַלטע ביכער, וואָס זיינען אין אַ משך צייט פאַרקויפט געוואָרן.

שולדיג דערין איז, אמת, דער קריזיס — אויסגעבן געלט אויף ביכער איז איצט אַ לוקסוס, אַ טייל פון אָט דער שולד מוז אָבער אויך פאַרשריבן ווערן, במחילה מכבודם, אויף די העברייאישע לערערס, וואָס האָבן ביי זייערע תלמידים ניט דערוועקט דעם חשק מער אָדער ווייניגער צו קויפן העברייאישע ביכער, ווי ס'האָבן זיך געפירט אַמאָליגע לערערס. און אפילו ביי שווערע קריזיס-צייטן זיינען נאָך פאראן גענוג מענטשן, וואָס זיינען ביכולת צו קויפן ביכער, מ'דאַרף זיי נאָר אויפמערקזאַם מאַכן, וועקן, אויפפאָדערן, דאָס וואָס ביים גוטן ווילן איז ניט שווער,

גפרט איצט, ווען ס׳רוב קינדער ווערן דערצויגן אין העברייאישן נאַציאָנאַלן גייסט.

3. יידיש.

מיט איבער דרייסיג יאָר צוריק, ווען ס׳זיינען דערשינען אַלע שריפטן פון י. ל. פרץ אין איין באַנד, האָט זיך געפילט אַ התעוררות ביים יידישן לייענער-עולם און אַ גייסטיגע שמחה; מ׳האָט גערעדט, דיסקוטירט, און דער עולם האָט גערן געקויפט די ניי-דערשינענע שריפטן, דווקא אין אַ שיינעם באַנד און מ׳האָט זיך דערמיט געצאַצקעט.

שפּעטער ביים באַווייזן זיך אויפן ביכער-מאַרק פון שלום-עליכמ׳ס הומאָריסטישע דערציילונגען אין העפטן צו 5, 8, 10 קאָפּ. אַ העפט, איז אין ביאַליסטאָק אָנגעקומען דער ערשטער טראַנספּאָרט צו 1000—1200 עקז. און זיי זיינען פאַרקויפט געוואָרן אין משך פון צוויי — דריי טעג. אויך נאָכדעם ווי ס׳זיינען דערשינען גאַנצע בענד פון „שלום-עליכמ׳ס" און „מענדעלע מוכר ספרימ׳ס" ווערק, זיינען זיי פאַרקויפט געוואָרן אין אַ גאַנץ גרויסער צאָל עקזעמפּליאַרן. איין צייט האָט מען געגעבן „מענדעלעס" ווערק, באַנדווייז, אַלס פּרעמיע צום „מאָמענט", האָט זיך אין ביאַליסטאָק אַליין פאַרקויפט מער פון 500 עקז. פון יעדער באַנד. דאָס איז אַלץ געווען פאַר דער וועלט-מלחמה.

אין און נאָך דער מלחמה איז אַ צייט לאַנג געווען כמעט אַ שטילשטאַנד אויפן יידישן ביכער-מאַרק, — די נייע מלחמה-גבירים האָבן תחילת יע אָנגעהויבן איינקויפן פאַר זיך יידישע ביכער, שאַפן אַזוי צו זאָגן אַ הויז-ביבליאָטעק, איינקויפנדיג שלום-עליכמען, מענדעלען, פרצן, אַשן, סעגאַלאָוויטשן און אַנדערע ווערק, אָבער ביסלאַכווייז זיינען אָט די נייע קויפערס ווי פאַרשוואונדן געוואָרן.

אַ גרויסן גערודער האָט אָנגעמאַכט דער דערשיינען פון אָפּאַטאָשוס „די פוילישע וועלדער", פריער אין העברייאיש, ביי פאַרלאַג „שטיבל" און נאָכדעם אין יידיש. אין ביאַליסטאָק אַליין זיינען פאַרקויפט געוואָרן לערך טויזנט עקז. פונם דאָזיגן בוך. דערמיט האָט זיך ווי כמעט געשלאָסן דער איינקויף פון יידישע ביכער; ווען ניט ווען האָט זיך פאַרקויפט אַ יידישער בוך, אָבער אין געציילטע עקזעמפּלאַרן.

אַ קורצע צייט האָט זיך אויפן מאַרק פון יידישן בוך גערודערט מיט רעמאַרקס בוך „אויפן מערב-פראָנט ניטאָ קיין נייס", וועלכער איז פאַרקויפט געוואָרן אין טויזנטער עקז. פון דאמאָלס אָן איז געפאַלן דער פאַרקויף פון יידישן בוך ביז אַ מינימום. שלום אַשס טרילאָגיע: „פּעטערבורג" „וואַרשע" „מאָסקווע" איז אין ביאַליסטאָק פאַרקויפט געוואָרן (חוץ, פאַרשטייט זיך, אין ביבליאָטעק) איגגאַנצן איין איינציגער עקז. און דאָס איז אויך געווען אויף אַוועקצופירן קיין שווידן.

דער יידישער בוך האָט ניט די לעצטע צייט קיין אָפּזאַץ-מאַרק, ס׳איז אין קונה, שולדיג דערין איז ערשטנס דער קריזיס; ס׳איז פשוט ניטאָ קיין געלט פאַרוואָס צו קויפן, און דעם לייענער, וואָס לייענען איז ביי אים אַ טאָג-טעגלאַכע נויטיגקייט, אַ גייסטיגע שפּייז, גיבן אַ סך לייען-מאַטעריאַל די יידישע צייטונגען, וועלכע שטעלן אים צו אַלע צוזאַמען אַ 10—12 ראָמאַנען, און דערצו נאָך גוט און שטאַרק געפעפערט, אַזוי אַז ער האָט שוין ניט קיין צייט און גערולד, צו לייענען אַנדערע זאַכן.

וויל מען וואָס ס׳איז טאָן, כדי צו פאַרשפּרייטן דעם יידישן בוך און דערמוטיגן דעם יידישן לייענער צו קויפן יידישע ביכער, דאַרפן די פאַרלעגערס, אָדער די מחברים אַליין, שליסן אַ אָפּמאַך מיט אַ צייטונג-פאַרלאַג, אַז אין משך פון יאָר זאָלן זיי געבן אַלע ווערק פון אַ באַוואוסטן שריפטשטעלער, איינטיילנדיג יעדער וואָך איין העפט צו אַ נומער צייטונג, צו אַ אויסגערעכנטן מינימאַל-פּרייז.

אַזוי אַרום וועט דער לייענער אין משך פון יאָר, פאַר אַ ניט-פילבאַרער סומע, זיך דערווערבן אַ גאַנצן ווערק, און ער וועט זיך אויך צוגעוואוינען צו פאַראינטערעסירן מיטן יידישן בוך.

---

פסח קאַפּלאַן

# אַ בלויז איז פאַרפולט געוואָרן

## (צו דער גרינדונג פון דער שטודיר-ביבליאָטעק ביי דער קהילה)

די יידישע ביאַליסטאָק איז היינטיגס יאָר רייכער געוואָרן מיט אַן אינסטיטוציע—די שטודיר-ביבליאָטעק ביי דער קהלה.

צי איז אַזאַ אינסטיטוציע נויטיג געווען גראָד איצט, אינם שרעקלאַכן קריזיס, ווען אויפן סדר - היום שטייט ביי אונז די פראַגע פון רעווידירן די נויטיגקייט פון אַ טייל יידישע אינסטיטוציעס, וועלכע עקזיסטירן ביז איצט?

ס׳איז ניט דאָ דער אָרט, אַריינצולאָזן זיך אין אַן אָפּשאַצונג פון אונזער גאַנצן געזעלשאַפטלאַכן וועזן; ס׳מעג דאָ נאָר בקיצור געזאָגט ווערן, אַז די רעוויזיע באַשטייט ניט דווקא אין פאַרמאַכן אינסטיטוציעס, נאָר אין נאָרמירן דעמדאָזיגן ענין, אין שייכות מיט די נייע פאַרהעלטעניש.

מיר לעבן איצט אין אַן איבערגאַנג-צייט. די מויערן פון געטאָ זיינען פאָרמעל געפאַלן, אָבער זייטיגע פאַקטאָרן באַמיען זיך, זיי צוריק קינסטלאַך אויפצושטעלן. און ווען מיר שפּרייטן אויס אַ פראָנט פון קאַמף כלפּי-חוץ פאַר אונזערע רעכט, מוזן מיר אויך זיך אַליין פּסיכאָלאָגיש צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען, וועלכע מיר ווילן אויסקעמפן. מיר מוזן פאַרשטיין, אַז יענע מינים געזעלשאַפטלאַכע הילף, וואָס די מלוכה, אָדער דער מוניציפּאַליטעט זיינען מחוייב אונז געבן, דאַרפן מיר פאַר זיך אַליין ניט שאַפן, און אויף וויפל די דאָזיגע אינסטיטוציעס עקזיסטירן נאָך פון דער פריערדיגער געטאָ-צייט, מעגן מיר זיי ביסלאַכווייז, בהדרגה, אַליין ליקווידירן, כדי ניט אָנצוואַרפן אויף דער יידישער באַפעלקערונג קיין אומזיסטן טאָפּעלן שטייער.

אין דערזעלביגער צייט אָבער זיינען פאַראַן אַזוינע מינים געזעלשאַפטלאַכע הילף, וואָס קיינער מן הצד וועט אונז קיינמאָל ניט געבן און מיר האָבן אפילו ניט קיין מאָראַלישע רעכט, דערפאַר צו קעמפן. דאָס זיינען ענינים, וואָס האָבן ס׳רוב אַ שייכות מיט יידישער רעליגיע, אָדער יידישער קולטור. נאָכמער, גראָד די נייע צייט, מיט אירע געענדערטע פאַרהעלטענישן און באַגריפן, קען אַרויסרופן די נויטווענדיגקייט אין אַזוינע נייע אינסטיטוציעס, וועגן וועלכע אונזערע אבות האָבן אפילו ניט געחלומט.

ס׳גייט ניט ביי אונז סתם אַ פּאָליטיק פון עקאָנאָמיע, פון בוכהאַלטאָרישער רעדוקציע, נאָר אַן איבערשאַצונג פון ווערטן, אַ בייט פון באַגריפן. און דעריבער איז רעכט, אַז בעת מ׳טראַכט וועגן שליסן אַן איבעריגע אינסטיטוציע, זאָל מען דווקא גרינדן אַ נויטווענדיגן אַנשטאַלט.

---

דער יידישער עם-הספר האָט פון אומגעדיינקבאַרע צייטן געהאַט זיין ביבליאָטעק—ביי זיך אין שטוב און אין בית - מדרש. אַ היימישע ביבליאָטעק האָט זיך געקענט פאַרגינען נאָר דער

באַלעבאַטישער ייד, דערפאַר איז די ביבליאָטעק אין בית-מדרש געווען צוגייענגלעך פאַר אַלעמען, אָרים און רייך.

פאַר די לעצטע הונדערט יאָר, זינט יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַהעפטן צו דער אַלגעמיינער אייראָפּייאישער קולטור, האָט די היימישע ביבליאָטעק דאָ און דאָרט געביטן איר אינהאַלט און כאַראַקטער; אַקעגן-זשע די געזעלשאַפטלאַכע ביבליאָטעק, אין בית-מדרש, איז געבליבן אַ ענג-רעליגיעזע, תלמודישע. אַנשטאָט דעם האָבן דאָ און דאָרט אָנגעהויבן אויסוואַקסן געזעלשאַפטלאַכע מאָדערנע ביבליאָטעקן, מיט אַ לייי-כאַראַקטער, וואָס האָבן שוין אינגאַנצן איבערגעריסן מיט דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, און אָפט ווערן ביי זיי אפילו די מאָדערנע יידישע שפּראַכן און ליטעראַטורן פאַרשטויסן אין הינטער-גרונט דורך די ביכער אויף די לאַנד-שפּראַכן.

אין די לעצטע קריזיס-יאָרן האָט דער יידישער בוך בכלל איבערגעלעבט אַ שרעקלאַכע קאַטאַסטראָפע, יידן האָבן אויפגעהערט קויפן ביכער, און ס'קומט אויס, אַז דערעם-הספר פאַרלירט ביסלאַכווייז זיין אייביגע גייסטיגע געווער — דעם ספר.

---

פאַר די לעצטע עטלאַכע צענדליג יאָר האָבן מיר, יידן, אַדורכגעמאַכט עטלאַכע גלגולים בנוגע דעם ספר. ס'איז נאָך ניט לאַנג די צייט, ווען אין אַ יידישער שטוב האָבן זיך געפונען בלויז רעליגיעזע ספרים — פון וועלטלאַכקייט קיין זכר ניט. נאָכדעם איז געקומען די השכלה, אין דער ערשטער בערלינער תקופה, וועלכע האָט טיילוויז אַרויסגעשטויסן דעם רעליגיעזן ספר. שפּעטער איז אויפגעקומען די מאָדערנע העברייאישע ליטעראַטור, פון „אחיאסף", „תושיה" וכדומה, וועלכע האָט געלאָזן אין הינטער-גרונט די אַלטמאָדישע השכלה-ביכער. און ווייטער איז געקומען די יידישע ליטעראַטור, וועלכע האָט אין אַ קורצער צייט אַדורכגעמאַכט אַ תקופה פון ברויזיגן אויפשטייג און האַלט שוין איצט ביי ירידה.

ס'איז ניט קיין זעלטנהייט, צו טרעפן אַ פאַמיליע, וואו פיר דורות נאָכאַנאַנד האָבן געביטן זייערע ביכער: דער עלטער-זיידע האָט זיך געהאַלטן ביי די רעליגיעזע ספרים, דער זיידע — ביי דער השכלה, דער טאַטע — ביי מאָדערנער העברייאישער און יידישער ליטעראַטור און דער לעצטער דור איז שוין אינגאַנצן אַוועק פון יידישקייט און לעבט זיך אויס אין דער לאַנד-שפּראַך.

אָבער יידישקייט גייט ניט אונטער און דאַרף ניט אונטערגיין. דער יידישער ספר פון אַלע צייטן, פון אַלע מינים, מוז זיך געפינען אין רשות פונם יידן, כדי אים צו לערנען, שטודירן און קענען ווייטער ציען דעם פאָדים פון דער יידישער נאַציאָנאַלער טראַדיציע פון גייסטיגקייט.

דידאָזיגע אויפגאַבע צו דערפילן קען ער באַקומען די מעגלאַכקייט נאָר אין אַ ביבליאָטעק פון יידישע ספרים. אַלגעמיינע בילדונג קענען מיר פאָדערן פון מאַגיסטראַט, אפילו אַ יידישער ספר מעג זיך אויך געפינען אין אַ שטאָטישער ביבליאָטעק; אָבער אַן אוצר פון יידישע ספרים, יודאיק און העבראיק, אַ פעסטונג פאַר אַלע שאַפונגען פונם יידישן גייסט, אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון יידישקייט, דאָס קען זיך בויען נאָר דער יידישער קבוץ אַליין, און אויב ער וועט עס ניט טאָן, וועט עס קיינער פאַר אים ניט טאָן.

דער אָרגאַן פונם יידישן קיבוץ איז — די קהילה.

---

דער ערשטער גרונטשטיין פאַר דער שטודיר-ביבליאָטעק ביי דער קהילה איז געלייגט געוואָרן נאָך פאַר צוויי יאָרן, דורך אַ באַשלוס פון דער קהילה-פאַרוואַלטונג, אויף דער איניציאַטיוו פונם שרייבער פון די שורות. אָבער צוליב דוחק אין אַ לאָקאַל איז די פאַקטישע פאַרווירקלאַכונג פונם פּלאַן ניט אַ־ווירכגעפירט געוואָרן.

אין פעברואַר היי יאָר האָט די קהילה רעמאָנטירט איר אויבערשטן גאָרן, איבער דער קיך, וועלנדיג אים אויסנוצן פאַר אַנדערע צוועקן. דאַמאָלס האָט דער וויצע-פּאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג ה' פּייוול ציטראָן, געמאָלדן דעם איניציאַטאָר, אַז איין זאַל פונם רעמאָנטירטן לאַקאַל קען אָפּגעגעבן ווערן פאַר אַ שטודיר-ביבליאָטעק, און דאַמאָלס איז מען צוגעטראָטן צום גרינדן די אינסטיטוציע.

לויט א באַשלוס פון דער קהילה-פאַרוואַלטונג, האָט דער איניציאַטאָר צונויפגערופן א פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט זיך דערקלערט פאַרן קאָמיטעט פון דער ביבליאָטעק. ס'איז אויסגעקליבן געוואָרן אַן עקזעקוטיווו מיט: פּ. קאַפּלאַן פאָרזיצער, דר. ש. גוטמאַן וויצע-פאָרזיצער, יר. באַכראַך סעקרעטאַר און מיטגלידער: א"ש עמיאל, ב. עפּשטיין, וו. אינדיצקי, א. אורינאָווסקי און יואל רובינשטיין.

די ביכער-זאַמלונג, וועלכע האָט זיך באַלד אָנגעהויבן, האָט געגעבן אומגעריכטע גרויסע רעזולטאַטן. עטלאַכע מנדבים האָבן געשיינקט גאַנצע ביבליאָטעקן. צוזאַמען באַטרעפט די צאָל געשיינקטע ביכער—אַן ערך 5000. באַזונדערס גרויס איז די זאַמלונג פון קאָמפּלעקטן צייטונגען און זשורנאַלן — אַן ערך 300 אין צאָל.

אין גאַנג פון דער אַרבעט האָט די קהילה - פאַרוואַלטונג זיך איבערצייגט, אַז די שטודיר-ביבליאָטעק מוז פאַרנעמען דעם גאַנצן לאָקאַל, וועלכער באַשטייט פון 4 צימערן מיט א קאָרידאָר.

ס'מוז דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אין דער גרינדונג פון דער ביבליאָטעק, ווי אויך אין שיינקען ביכער האָבן זיך באַטייליגט אַלע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג, אָרטאָדאָקסן, ציוניסטן, ראַדיקאַלן, סאָציאַליסטן — אָן שום אונטערשייד. אַלע טראָגן אין דער דאָזיגער אינסטיטוציע זייער וואַרימקייט און סימפּאַטיע.

---

דער צונויפקלייבן די ספרים און ביכער, פון פאַרשיידענע בוידימער און פאַרוואָרפענע פּאַליצעס, איז א וויכטיגער אויפטו, גראָד פאַר דער הייַנטיגער צייט.

וואָס מער דער יידישער בוך גייט אַרויס פון טאָג-טעגלאַכן געברויך, אַלץ מער נויטיג ווערט אַ זאַמל-אָרט פאַר דער שארית-הפליטה, וואָס ווערט געראַטעוועט פון צופּרעסערישער מאָל. אין יענע לענדער, וואו די טראַדיציאָנעלע יידישקייט איז געוואָרן אַנאַכראָניזם, וואו די צאָל העברייאיש-קענערס קען מען ציילן מיט די פינגער און יידיש האָט אויפגעהערט צו זיין די אומגאַנגשפּראַך, דווקא אין יענע לענדער קלייבן זיך די גרעסטע אוצרות פונם יידישן ספר. אַזוי די צוויי ריזיגע יידישע ביבליאָטעקן אין ניו-יאָרק, דער גרויסער יידישער אָפּטייל אין לאָנדאָנער בריטיש-מוזיי, אַזוי אין פּאַריז, אין בערלין וכדומה.

און ביי אונז, אין פּוילן, וואו די קייט פון דער יידישער טראַדיציע איז ניט איבערגעריסן געוואָרן, וואו יידישע קולטור איז נאָך פעסט פאַרוואָרצלט אין אַלע אירע פאָרמען, מוז דער ביכער-אוצר דינען ווי אַ פרישער קוואַל, פון וועלכן די לעכצנדיגע זאָלן שעפּן מיט פולע הויפנס די געדאַנקען, וואָס האָבן אַרויסגעשטראַלט פון יידישן גייסט אין משך פון הונדערטער יאָרן און זאָלן אַליין באַפרוכפּערט ווערן מיט פרישע שעפערישע געדאַנקען פון יידישער גייסטיגקייט.

דעדאָזיגער בלויז אין אונזער שטאָט איז דורך דער גרינדונג פון דער שטודיר-ביבליאָטעק פאַרפולט געוואָרן.

מיכל שטופלער

# די מאַנופאַקטור-בראַנזשע אין ביאַליסטאָק פאַר דער מלחמה און איר איצטיגער צושטאַנד

כדי צו האָבן אַ ריכטיגן באַגריף וועגן דער איצטיגער לאַגע פון דער מאנופאַקטור בראַנזשע אין ביאַליסטאָק, מוז מען פריער מאכן אַ גיגאַנטישן שפרונג איבער די גרויסע חורבות פון עקאָנאָמישן צוזאמענברוך, וואָס די מלחמה האָט געמאַכט, און זיך אָפּשטעלן ביים יאָר 1914.

איך וויל דאָ איצט באַרירן ספּעציעל דעם וויכטיגערן טייל פון דער בראַנזשע, דעם אנגראָ-האַנדל.

דעם יונגן דור איז ווייניג באַקאַנט, אז ביאַליסטאָק האָט פאַר דער מלחמה געשפּילט א גרויסע ראָליע אַלס צענטער פון מאַנופאַקטור-האַנדל, א דאַנק איר געאָגראַפישער לאַגע, זייענדיג אַ מיטל-פונקט פון דער גרויסער רוסישער פאַבריק-שטאָט מאָסקווע מיט איר פאַרצוויגטער נעץ פון באַן ליניעס, וואָס האָבן געפירט אין אלע ריכטונגען צום יידישן תחום המושב.

די אָפּזאַץ-מערק פון ביאַליסטאָק האָבן זיך פאַרשפּרייט ווייט, ווייט איבער אירע גרענעצן ביז באַראַנאָוויטש, ווילנע, בריסק, וואַרשע, און אפילו אַ גרויסער טייל וואַרשעווער אַנגראָ-סיסטן האָבן געליפערט סחורה פון גרויסע מאָסקווער פירמעס דורך ביאַליסטאָקער פאַרמיטלונג, ווי דורך דער פירמע „גערציג און זין" און אַנדערע.

ביאַליסטאָק האָט פאַרמאָגט 14 ערשטקלאַסיגע מאנופאַקטור-לאַגערן פון סאָלידע פירמעס, וועלכע האָבן געהאַט אונטער זיך א פּראַקטיק פון צענדליגער יאָרן מיט ערלאַכע סוחרישע טראַדיציעס, מיט אַן אַלגעמיינעם יערלאַכן אומזאַץ פון פיר מיליאָן רובל און דער ווערט פון די לאַגערן-סחורות האָט ביי זיי באַטראָפן איינס מיט א פערטל מיליאָן רובל.

די דאָזיגע 14 זיינען געווען:

1. גערציג און זין. א מאָסקווער רייכע פירמע, אומזאַץ דרייהונדערט טויזנט רובל.

2. מאנאסעוויטש. אַן אלטע פירמע פון לאָדזער, מאָסקווער און פּעטערבורגער סחורה, ספּעציעל א קאָמיסיע-לאַגער פון י. ק. פּאָזנאַנסקי, לאָדז. יערלאכער אומזאַץ פוןביידע געשעפטן—זעקס-הונדערט טויזנט רובל.

3. כוואט. אַ קאָלאָסאַלער אומזאַץ פון זעקס - הונדערט טויזנט רובל.

4. איינהאָרן. געשמט פאר אַ רייכער פירמע, ספּעציעל זיידנס, טיכלאַך און מאָסקווער שטיק סחורה; אומזאַץ דרייהונדערט טויזנט רובל.

5. מארלינסקי. אַ רייכע פירמע, טוך, מאנופאַקטור און קירזשנערישע סחורות; אומזאַץ דרייהונדערט טויזנט רובל.

6. כאַשע גאָלדשטיין. אַ לאַגער פון שייבלערס און מאָסקווער סחורות; אומזאַץ צוויי הונדערט פינף און צוואנציג טויזנט רובל.

7. מאַזאווער. טיכלאַך און מאָסקווער סחורה; אומזאַץ 225000 רובל.

8. זאַקהיים. אַנגראָ און דעטייל-געשעפט; אומזאַץ 200000 רובל.

9. זאַבלודאָווסקי. ספּעציעל מאָראָזאָווס סחורה; אומזאַץ 150000 רובל.

10. ווילישאַנסקי. ספּעציעל ווידזעווער מאַנופאַקטור, חוץ אַנדערע לאָדזער-מאָסקווער סחורות; אומזאַץ 300000 רובל.

11. ליפשיץ. אַ לאַגער פון לאָדזער און מאָסקווער סחורה; אומזאַץ זיבעציג טויזנט רובל.

12. מ. זילבערדיק. אַ גרויסער דעטייל-געשעפט פון פיינע סחורות, ספּעציעל אנגראָ פאַרקויף פון לאָקאַלאָווס סחורות; אומזאַץ 100000 רובל.

13. יעקב גאָלדשטיין. אַ גרויסער געשעפט פון די פיינסטע מאַנופאַקטור-סחורה, אַנגראָ און דעטייל; אומזאַץ 150000 רובל.

14. ראָזענבלום. אַ לאַגער פון קאָנשינס סחורה פון מאָסקווע און אַנדערע פירמעס; אומזאַץ 80000 רובל.

חוץ די אויסגערעכנטע פירמעס, האָבן נאָך עקזיסטירט אַ צען קלענערע אַנגראָסיסטן מיט שיינע געשעפטן און גרויסע אומזאַצן, זיי האָבן אַלע געמאַכט אַ גאַנץ פיינעם לעבן און פון יאָר צו יאָר, מיטן צוקום פון די פאַרדינסטן, וואָס די געשעפטן האָבן געגעבן, פאַרגרעסערט די אונטערנעמונג.

כדי צו פאַרפולקאָמען דעם בילד פון אַמאָליגן האַנדל פון אַ גרויסער פירמע, איז דאָ כדאי צו געבן אַ קליינעם כאַראַקטעריסטישן שטריך.

אין לעצטן חודש פאַרן מלחמה-אויסבראָך איז אין אַ געוויס-פירמאָרגן די גאנצע היינטיגע געלדאָווע גאס געווען אויסגעשטעלט מיט פורן סחורה, וואָס זיינען אָנגעקומען פון באַן פאר דער פירמע כוואַט. בלויז ראָזנבלאַטס סחורה אליין איז אריין גאַנצע 3 וואַגאָן!

אָט די דאָזיגע בליענדיגע פעלד פון יידישן מסחר איז ווי מיט אַ שאַרפן סערפּ אָפּגעשניטן געוואָרן מיטן אויסבראָך פון דער מלחמה. אַ גרויסער טייל פון די אויסגערעכנטע אַנגראָסיסטן האָבן איבערגעפירט זייערע לאַגערן קיין רוסלאַנד צוליב מורא פארן אָנקומענדיגן שונא און דאָרט האָבן זיי אַלץ פארלאָרן ביי די באָלשעוויקעס.

עטלאַכע פון זיי האָבן זיך נאָך שווערע וואָגלענישן אומגעקערט פון גלות, נאָר שוין צובראָכענע, קראַנקע, און אין אַ קורצער צייט ארום זיינען זיי אין אָרימקייט געשטאָרבן.

דער טרויעריגער סך הכל: פון 14 זיינען בלויז געבליבן 2. אָפּגעמעקט געוואָרן 12 יידישע שיינע האַנדל-פירמעס מיט זייערע פאַרמעגנס. ניטאָ מער קיין זכר פון זיי.

אַנגראָסיסטן, שוין מיט די אויפגעקומענע, אויפגעוואָקסענע אויף די חורבות פון די אַלטע, קען מען איצט אָנציילן אין ביאַליסטאָק בלויז 5, און דאָס זיינען זיי, אין פארגלייך צו די אמאָליגע, ווייט אָפּגעשטאַנען.

פון אלע אומזאַץ-מערק איז געבליבן אַ קליינע פּראָווינץ, וועלכע ווערט פון יאָר צו יאָר מער פאַראָרימט צוליב דער וואַקלעניש פון די פרייזן און, דער עיקר, מחמת די גרויסע שטייערן. ביי היינטיגס טאָג זיינען אין יעדער שטעטל געבליבן בלויז איינצלנע מער פאַרמעגלאַכע קרעמערס, די איבעריגע זיינען פאַראָרימט געוואָרן, שטייען אין די גרויסע קראָמען מיט קליינע רעשטקעס, אָדער האָבן זיך אינגאנצן ליקווידירט.

עס זיינען דאָ אַ סך שטעטלאַך, וואו ס'האָבן זיך צוגעמאַכט אַלע שניט-קראָמען, בפירוש אַלע.

אָט, למשל, אַזאַ שטעטל ווי טרעסטענע ביי ביאַליסטאָק. זי האָט פאַרמאָגט צען שניט-קרעמערס און אַלע האָבן געמאַכט אַ לעבן, יעדערער האָט זיך געהאַט זיין אייגן שטיבל מיט אַ קראָם, אַנדערע נאָך דערצו אַ שטיקל גאָרטן, אַ בהמהלע, אַ ציג. די 20 זלאָטעס אַ וואָך, וואָס האָט נאָך צוגעפעלט צו חיונה, האָט די קרעמל געגעבן ריווח. מער טאַקי ניט, וואָרום 200 זלאָטעס

אַ וואָך פדיון אין אַ קליין שטעטל איז שוין דאָס גרעסטע וואָס מ׳קען זיך פאַרשטעלן.

צוליבן שווערן ניט באַרעכטיגטן שטייער, וואָס די קרעמערס זיינען באַלעסטיגט געוואָרן, זיינען אָבער ביסלאַכווייז די קרעמלאַך אויסגעליידיגט געוואָרן. אויף צו באַצאָלן די פאַרשיידענע עקזע-קוטאָרן מיט די גרויסע פּראָצענטן, איז צוערשט צורונען געוואָרן דער אייגענער קאַפּיטאַל און נאָכדעם דער פרעמדער קרעדיטיר-טער, ביז אין איין העלן טאָג איז פּוסט געוואָרן די קראָם. ניטאָ פאַרן „אוזשאָנד“, ניטאָ פאַרן סקלאַדניק און ניטאָ פאַר זיך צו עסן.

אָט אַזוי איז אין טרעסטענע, אַזוי אין סאָקאָלקע, אין קרינעק א.אַ.וו. אפילו די לעצטע פאַרלייכטערונג, וואָס די רעגירונג האָט גע-מאַכט פאַר די אָרימערע קרעמערס מיטן „ריטשאַלט“, האָט אויך געבראַכט אַ קנאַפּע ישועה. ווי דער געזעץ זעט פאָר, זיינען באַ-רעכטיגט צו געניסן פון זכות פון „ריטשאַלט“ נאָר די יעניגע פירמעס, וואָס האנדלען אָן איבעררייס אַ געוויסע צייט, און גראַד די קלענערע, אָרימערע סוחרים האָבן צוליבן קריזיס גע-מוזט בייטן די נעמען פון זייערע פירמעס און דערמיט אַליין שוין פאַרלאָרן דעם זכות פון „ריטשאַלט“ און מוזן צאָלן טאָפּל, ווי די רייכערע, וואָס האָבן ניט געביטן די פירמעס.

אַצינד וועגן די מאַנופאַקטור-קרעמערס אין שטאָט. אַראָפּ-רעכענענדיג די פאָר רייכע דעטייל-געשעפטן, וועלכע האָבן אַן אויסקלייב פון אַלע מינים סחורות, מיט אַ רייכער קליענטור, לעבן איבער די איבעריגע קרעמערס אַ שווערע צייט, זייענדיג אָנגעוויזן אויפן פדיון פון פויער און שטאָטישן אַרבעטער, וועלכע געפינען זיך ביידע אין אַ קלאָגעדיגער לאַגע. דער ערשטער — מחמת זיינע פּראָדוקטן זיינען ניט צוגעפּאַסט צו די פרייזן פון דער פאַבריק-סחורה און דער צווייטער — צוליב דער אַרבעט-לאָזיגקייט.

און פאַקטיש שטייען טאַקי די פרייזן פון מאַנופאַקטור-סחורה זייער הויך אפילו נאָך אַלע פאַרביליגערונגען, די קאַרטעלן רעכענען זיך ווייניג מיט דער אָרימקייט פון דער באַפעלקערונג און לאָזן ניט אַראָפּ פון די פרייזן.

אָט, למשל, אַ קורצע טאַבעלע:

פאַר דער מלחמה 10 אַרשין וואָלנס צו 50 קאָפּ. — 5 רובל.
היינט 7 מעטר וואָלנס צו 3,50 זל. — 24.50 זל.
אַמאָל 10 אַרשין קרעטאָן צו 12 קאָפּ. — 1.20 קאָפּ.
היינט 7 מעטר קרעטאָן צו 1 זל. — 7 זל.
אַמאָל 10 אַרשין בולגארן צו 15 קאָפּ. — 1.50 קאָפּ.
היינט 7 מעטר בולגארן צו 1.10 זל. — 7.70 זל.

כדי צו קויפן די וואָלנס פאַר דער מלחמה האָט דער פויער פאַרקויפט 10 פערטל קאַרטאָפל צו 50 קאָפּ — 5 רובל, היינט פאַר-קויפט ער מער ווי 16 פערטל צו 1.50 זל. — 24 זל.; כדי צו קויפן די קרעטאָן פאַר דער מלחמה האָט ער פאַרקויפט 2 מיט אַ האַלבן פערטל און היינט פאַרקויפט ער 5 מיט אַ האַלבן פערטל; כדי צו קויפן די בולגארן—אַמאָל 3 פערטל קאַרטאָפל און היינט מוז ער פאַרקויפן מער ווי 6 פערטל קאַרטאָפל, און אַזוי בנוגע אַלע טעקסטיל-סחורות.

מיט איין וואָרט, כל זמן די פאַבריק-אויסאַרבעטונגען וועלן ניט ביליגער ווערן און דער שטייערן-קלעם וועט דריקן ווי פריער, זיינען די פּערספּעקטיוון פון מאַנופאַקטור-קרעמער גאָרניט — קיין פריילאַכע.

משה וויסאָצקי

# די פויפּעריזאַציע פון דער יידישער ביאַליסטאָק

„פרעג ניט דעם דאָקטאָר, פרעג דעם חולה“ — זאָגט אַן אַלטער יידישער שפּריכוואָרט. ווען מ׳וויל דעריבער באַקומען אַ ריכטיגן באַגריף, ווי האַלט עס איצט מיט דער יידישער ביאַלי-סטאָק, ווי ווייט ס׳קלאַפּט נאָך אין איר דער עקאָנאָמישער און גייסטיגער דופק, איז אפשר לחלוטין ניט נויטיג צו פרעגן ביי די ה״ה סטאַטיסטיקער, עקאָנאָמיסטן א. א. וו. (אגב איז אין ביאַלי-סטאָק גאָר דער מין ניטאָ), נאָר די בעסטע און גלייכסטע זאַך איז: צוגיין דירעקט צום חולה, שטעלן זיך ביי זיין צוקאָפּנס און דאמאָלס טאַקי זיך איבערצייגן, ווי האַלט עס מיט אים אין דער אמתן.

אַ אויסערגעוויינלאַכע מוטלאָזיגקייט, אָפּהענטיגקייט, עפּעס אַזאַ מין לעטאַרגיע ליגט איצט אויסגעגאָסן אויף דער יידישער ביאַליסטאָק. כדי זיך צו איבערצייגן דערין, איז אפילו ניט נויטיג אַריינצודרינגען טיפער און אינטימער אין יידישן לעבן פון שטאָט, עס איז כמעט ניט נויטיג אַריבערצוטרעטן די שוועלן פון יידישע הייזער, געשעפטן, ביוראָען א. ד. גל. עס געניגט בלויז אַרומקוקן זיך מיט אַ וואַכעדיג אויג אויף דער אויסערלאַכקייט, דערויף וואָס עס וואַרפט זיך אייך אין די אויגן יעדע ווײַלע, אַז איר זאָלט דעם היגן יידישן דלות, די יידישע האָפענונגלאָזיג-קייט, די יידישע ירידה אויף אַלע געביטן פשוט אָנטאַפּן מיט די פינגער.

ווער ס׳געדיינקט ביאַליסטאָק אין אירע פאַרגאַנגענע 2—3 צענדליגער יאָרן, וועט איצט פשוט נתפעל ווערן בלויז פון דער כאַראַקטעריסטישער דערשיינונג, וואָס ביאַליסטאָקער יידן האָבן זיך א ו י פ ג ע ה ע ר ט אָ נ צ ו ט אָ ן. כ׳ווייס ניט, צי איי-נעם איבער צען וועט איר איצט אָנטרעפן אַ ביאַליסטאָקער יידן מיט אַ נייעם פעלצל, אַ נייעם אָנצוג, אַ פאַלטאָ אָדער הוט, צוגעפּאַסט צום קלימאַט און סעזאָן, ס׳איז דאָך ניט צו באַ-גרייפן, אָבער ס׳איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז חוץ אַ גע-מיינעם טאַנדעט, ווערן איצט אין ביאַליסטאָק כמעט קיין נייע קאָפּעליושן ניט פאַרקויפט; אין ביאַליסטאָק זיצן כמעט אַלע קוואַ-ליפיצירטסטע, בעסטע און עלטסטע מענער-שניידערס, סעזאָנען-ווייז, אָן אַ שטאָך מלאכה.

אמת, די ווייבערשע העלפט פון דער יידישער ביאַליסטאָק וויל נאָך אַזוי לייכט ניט אויפגעבן די וואַרשעווער, ווינער און אפילו פאַריזער פּאָזיציעס פון הלבשה, אָבער אויך דאָ באַמערקט איר דעם דורכבראָך, אויך דאָ זעט איר מער ניט די שרייאיגע עלעגאַנץ אין די פאַרמיטאָג-שעהן אויפן רינעק-קאָסציושקי און סענקעוויטשאַ. אויך דאָ, אין דער אומבאַזיגבאַרער פעסטונג פון ביאַליסטאָקער פרויען-מאָדעס, איז מען איבערגעגאַנגען צו אַ מער עקאָנאָמישן רעזשים. אויך דאָ הויבט מען אָן צו לעבן אויף „דיעטע“, אַ סימן, אַז דער קריזיס, וואָס באַלאַגערט אונז פון אַלע זייטן, שליסט צו זיין שטאָלענע פעטליע אַלץ שטייפער און שטייפער.

אין דער יידישער ביאַליסטאָק באַמערקן מיר אין די לעצטע יאָרן פשוט אַ בהלה-לויפעניש פון גרויסע דירות אין קליינע. די צוויי-צימער דירה, דאָס איז איצט געוואָרן דער הערשנדיגער טיפּ פון יידישע דירות אין שטאָט. מ׳קוקט ניט דע-רויף וואָס ס׳איז איינג, וואָס די פאַמיליע איז צו גרויס, מ׳גיט זיך אַן עצה, מ׳שרומפּט זיך ווי ס׳איז איין, ווייל מ׳קען ניט צאָלן קיין טייערע דירה-געלט.

מ׳באַמערקט אפילו די יידישע ירידה אויף... די טראָטואַרן, אויף די גאַסן, ניטאָ אפילו אין אַ שבת בייטאָג, אין אַ שבת צו-נאַכטס, יענער אומאויפהערלאַכער שטראָם פון יידישע פנימער,



BUW

וואָס האָט זיך געצויגן הין און צוריק, אָנהויבנדיג פון קינאָ „מאָדערן" און ענדיגנדיג ביזן פאָלקאָוואָיעם בית-מדרש. אָנשטאָט דעם, וועט איר אין די שפּאַציר-שעהן און אין די שפּאַציר-טעג, אויף ביידע זייטן פּילסודסקעגאָ, רינעק-קאָסציושקי, סענקעוויטשאַ א. א. וו. באַמערקן געדיכטע שפּאַלערן פון אַ ניט-יידישן עולם, די יידישע ביאַליסטאָק ווערט אויך פון גאַס און פון טראָטואַר אָפּגעוואָרפן אָן אַ זייט...

און אויב איר ווילט זען, ווי ס'האַלט מיט דער ביאַליסטאָקער יידישער עקאָנאָמיק, שפּאַצירט זיך אַדורך אין לאַבירינט קרעמלאַך אונטערן „ציגן-וואָלף", אין די „ברעמלאַך", דאָ וואו ס'איז שטענדיג געווען אַ ירידל, וואו ס'האָט ניט אויפגעהערט זיך ציען די פאַרביגע סטיינגעס פון פויערשע טיכלאַך און פויערשע סערמיגעס, דאָ הערשט איצט אַן אמתער בית עולם, כמעט יעדער צווייטע קרעמל פוסטעוועט און איז פאַרהאַקט אויף די שטאַבעס און פון די, וואָס זיינען כלומרשט אָפן, גלאָצט אַרויס אַזאַ מין שרייאיגער דלות פון די פּאָליצעס, אַז ס'ווילט זיך וואָס גיכער אנטלויפן און ניט אָנזען דעם עלנט.

אין ביאַליסטאָק באמערקט זיך איצט איינע פון די טרויעריגסטע דערשיינונגען פון די יאָרן פון דער וועלט-מלחמה און אָקופּאַציע — דאָס זיינען די הונדערטער „מלעטשאַרניעס", „קאַוויאַרניעס", בירעלאַך, שיינקלאַך, פּרוכט און וואורשט-קרעמלאַך א. ד. גל. און מערקווירדיג, אַז ביי די טובּיינק פון אָט די געשעפטן זעסטו גאָר אנדערע פנימער, סיי די מענער, סיי די פרויען זיינען גאָרניט צוגעפּאַסט צו די אויפגעשניטענע דאַרע קישקע, געוועגזלטע הערינג און לעקאַך, וועלכע שטייען אויסגעשטעלט אין שויב.

אָדער אפשר באַמערקט איר ניט אין איילעניש, ווען איר לויפט דורך, אויף יעדן שריט און טריט די אַראָפּהיינגענדיגע שילדלאַך „רעשטקי". וואו איר שטייט און גייט אַלץ „רעשטקי". די יידישע ביאַליסטאָק האָט זיך ברייט און פריי פאַנאַנדערגעלייגט מיט אירע אָרימע ר ע ש ט ל אַ ך פון אַ אַמאָליגער יוסטער יידישער שטאָט...

און אַז איר גייט שוין פאַרביי דער יידישער „סיטי", דער ריי פון גאַלאַנטעריי, מאַנופאַקטור און אנדערע יידישע געשעפטן אויף פּילסודסקעגאָ, רינעק-קאָסציושקי, סענקעוויטשאַ, זעט איר ווידער אַן אַנדערע כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג: קראָמען, אָנגעטיטשעט איינס אויף דאָס אנדערע, און פון אַלע גלאָנצן אַרויס דיזעלביגע ביליגע קראַוואַטן, קאָלנערס, העמדער, זאָקן, סוועטערס, אַ ים אַ גאַנצער פון מענער, דאַמען און קינדער-קאָנפעקציע. ס'פרעגט זיך בלויז, ווער קאָנסומירט, ווער צוקויפט עס אַזעלכע היפּשע מיינגעס פון סחורה?

אַ תשובה אויף אָט דער פראַגע וועט איר באַקומען, ווען איר וועט זיך מטריח זיין און איבערשפּרייזן די שוועלן פון אָט די ביאַליסטאָקער יידישע פּראָנט-קראָמען:

— „די קריסטלאַכע קליענטעלע, באַאַמטע א.ד.גל. ייִדן קויפן היינט ווייניג, יידן האָבן קיין געלט ניט".

יע, ביאַליסטאָקער יידן האָבן קיין געלט ניט, און דערפאַר זיינען די דאַטעס פון 1-טן ביזן 3-טן יעדן חודש, געוואָרן די וויכטיגסטע דאַטעס אין לעבן פון דער יידישער ביאַליסטאָק, דער „ערשטער" דאָס איז געוואָרן אַ מין סימבאָל, דער „ערשטער" דאָס איז דער הייס-באַגערטער טאָג, נאָך וועלכן דער יידישער סוחר און בעל-מלאכה בענקט אַ גאַנצן חודש, דער „ערשטער" — דאָס איז געוואָרן דער צענטראַלער אַקס, אַרום וועלכן ס'דרייט זיך דער גאנצער לעבן פון דער יידישער ביאַליסטאָק.

אָבער בלויז אַ קליינער טייל ביאַליסטאָקער יידן באַוויזן דאָך צו מאכן אַ לעבן פון די באַאַמטע מיט זייער „ערשטן", די גרעסערע מערהייט האָט שוין לאַנג דאָס אויך ניט, פאַרגרעסערט זיך טאקי און פאַרמערט זיך וואָס אַ טאָג אומגעהייער די אַרמיי פון פויפּעריזירטע, דעקלאַסירטע ביאַליסטאָקער יידן.

ווען איר גייט דורך אין די בייטאָגיגע שעהן די באַלעבטסטע ביאַליסטאָקער גאַסן, גייען אייך אָן אנטקעגן אין די צענדליגער, אין די הונדערטער, מענטשן מיט פאַרזאָרגטע, פאַרכמורעטע פנימער, איר זעט פאַר זיך בליקן פאַריאושטע, פאַרלאָרענע, איבערגעשראָקענע, מוטלאָזע. צווישן דער דאָזיגער אומעטיגער גאַמע פון בליקן, ווארפן זיך דורך אויך אַ סך נאָנטע, באַקאַנטע—פריינט און גוטע ברידער, פון לאנגע יאָרן. פון רגילות וועגן טוט מען נאָך אַ שאָקל איינע צו די אַנדערע מיטן קאָפּ, מ'באַגעגנט זיך הארט מיט די בליקן און גענוג, מער דארף מען שוין ניט; די אויגן, די אומעטיגע, אָבער אַמאָל אויך צאָרנדיגע, דערציילן אייך שטום אַ לאנגע, טרויעריגע געשיכטע אָן ווערטער, אַ געשיכטע פון לעבנס, וואָס גוססן, פון אַ שטאָט, וואָס גייט אויס ווי אַ ליכט.

אויף וועלכע וועגן און שטעגן ווארפן זיי זיך דען ניט אָט די נייע „חלוצים פון יאוש"—די יידישע דעקלאַסירטע? אָט שלעפּן זיי עפּעס אזעלכע רענצלאַך און פעקלאך אונטערן אָרעם, דאָס פארקויפן זיי אויף פּראָבע עפּעס אַ נייעם סאָרט קאקאָ, זייף אָדער אזא מין פּולווער צום באקן... און אָט באשטייט גאָר זייער טועכץ אין האַלטן אַ פארברודיגטן קוויטארושל, אין אַ האַלבצוריסענער טעקע און מיט אַ ציטערנדיגער האַנט אויסשרייבן קוויטלאך פאר די, וואָס טרייבן זיי צופעליג ניט ארויס און באַוויליגן צו געבן אַ האַלבע זלאָטע...

און אָט לויפן זיי גאָר ארום פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאכט, מייסטנס צו פּאָרוויז, דער נייער מין „פּארדינערס"—די מעקליירים פון הייזער. אַלע יידישע הייזער פון ביאַליסטאָק פארקויפן זיך איצט, אַלע יידישע הייזער שטייען גרייט אויף ליציטאציע. און מיט אָט די אַלע הייזער ווערן צען מאָל אַ טאָג געמאכט שטר מכירהס און צען מאָל א טאָג ווערן זיי בטל. ווייל... ווייל קונים זיינען דאָך פאראן אזוי ווייניג. קיין אמעריקאנער פּאָליאקן מיט דאָלארן זעט מען היינט ניט, מוז מען אָנקומען ערגעץ צו א קרעמערל אָדער א בעל-מלאכה, וואָס האָט עפּעס דורך ניסים, באַוויזן אָפּצושפּאָרן א פּאָר גילדן, אָפּשפּאָרן זיי—ווער ווייס—אויב ניט פון „קישקע-געלט", פון יאָרן ניט דערעסן, די דאָזיגע נייע ביאַליסטאָקער יידישע „בורזשואזיע" ליפערט עס איצט די עווענטועלע קונים פון ביאַליסטאָקער הייזער.

יע, מעקליירים, סרסורים, קאָמיסיאָנערן, קאָלעקטאָרן, שפּיליטערן און אויטאָבוסן-וואָיאזשאָרן, אינקאסענטן, אגענטן—אָט אין וואָס ס'האָבן זיך פארוואנדלט—ווער ווייס—אויב ניט צוויי דריטל פון דער ביאַליסטאָקער באַפעלקערונג.

איין טרייסט פאַרבלייבט אפשר אין דער איצטיגער צייט פון אַלגעמיינעם דלות און אַלגעמיינער פּויפּעריזאציע: דער גרויסער ביאַליסטאָקער יידישער עולם הויבט זיך ביסלאכוויַיז אָן אויסצוגלייכן אין מעמד, ס'הויבט כמעט אָן צו פארשווינדן פון ביאַליסטאָקער האָריזאָנט דער מין יידישער גביר... ס'ווערט אויך ווייניגער דער מין פון פארמעגלאכער אינטעליגענץ, ס'הויבט זיך אָן א תקופה פון אַלגעמיינער ניוועלירונג, פון אַלגעמיינעם אויסגלייך...

כמעט די גאנצע ביאַליסטאָקער יידישע „בורזשואזיע" און „קליין-בורזשואַזיע", וועט איר היינט געפינען אין די מיטגלידער רשימות פון פאיען-באנק, צווישן די הלוואה-נעמערס פון רעטונג-קאָמיטעט, און נאָך א קליין ביסעלע און איר וועט זיי אַלעמען געפינען פאררעגיסטרירט אין דער מיטגלידערשאפט פון „עזרה"...

צו וואָס קען אזא מין מצב, סוף כל סוף, דערפירן? צי קען א יידישער ציבור פון פערציג טויזנט נפשות גאנץ פשוט מצדיק את הדין זיין און קלערן זיך: זאָל גיין ווי ס'גייט!

**יצחק אַלעקסאַנדראָוויטש**

# די געשיכטע פון דער לעדער־בראַנזשע

נעמענדיק אין אַכט, וואָס אונזער שטאָט ביאַליסטאָק שפּילט זייער אַ גרויסע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער לעדער-אינדוסטרי, איז כדאַי איבערצוגעבן פאַר די לייענערס פון „יאָר-בוך", אין אַ פאַרקירצטער פאָרם, די געשיכטע פון דער אַנטשטייאונג פון לעדער.

די חיהשע הויט, וועלכע ווערט איבערגעאַרבעט אין אַ אומפאַרענדערטער סובסטאַנץ, וועלכע איז שוין ניט אומשטאַנד מער צו פוילן, הייסט לעדער. די מיטלען און שטאָפן צו איבערפירן דער חיהשער הויט אין לעדער, זיינען זייער צאָלרייך און פאַרשיידנאַרטיק. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז כמעט אַלע שטאָפן, וועלכע געפינען זיך אויף דער וועלט, סיי אָרגאַנישע און סיי אומאָרגאַנישע, און וואָס די כעמישע פאַבריקן פּראָדוצירן ווערט באַנוצט אויסצואַרבעטן לעדער.

ניט קוקנדיק אויף די טעכנישע דערגרייכונגען אין דער לעדער-אינדוסטרי פאַר די לעצטע עטלאַכע צענדליק יאָר, פאַרנעמען זיך נאָך ביי היינטיגס טאָג די עסקימאָסן און אינדיאַנער מיט די עלעמענטאַרע גאַרב-מיטלען: זיי קייען למשל די לייכטע פעלכל, כדי איר צו מאַכן ווייך, און נאָכדעם ווערט זי געשמירט מיט פיש-טראָן, פון וואָס די פעלכל ווערט ווייך, און דאַמאָלס ווערט עס באַנוצט פאַר זיי אויף בגדים.

עס איז אויך באַקאַנט, אַז עטלאַכע אַפריקאַנער פעלקער מאַכן פון שטאַרקן און לאַנג-דויערנדיגן קלאַפּן אין דער פעל, זוילן-לעדער, וועלכע איז אפילו זייער דויערהאַפטיג און פעסט. אין די באַלקאַן-לענדער פּאַקן די פויערים ציגן - פעלכלאַך אין גריבער און פעסער, וועלכע ווערן פאַרשאָטן מיט וואַליאָנע-שישקעס אין וואַסער, און אַזוי-אַרום פאַרטיגן זיי אויס די לעדער אויף זייערע ספּעציעלע פאָלק-שיך. אין געוויסע געגנטן פון אונגאַרן איז יעדער פויער אַ גאַרבער, ניט קוקנדיג דערויף, וואָס אין לאַנד זיינען דאָ באַטייטיגע לעדער-פאַבריקן, וועלכע אַרבעטן לויט די נייסטע סיסטעמען פון דער גאַרבעריי-טעכניק.

אינגאַנצן עטלאַכע צענדליג יאָר, ווי די לעדער-אינדוסטרי האָט זיך אָנגעהויבן אויסערגעוויינלאַך אַנטוויקלען און איז איבערגעגאַנגען פון איר פּרימיטיווער און עלעמענטאַרער אויסאַרבעטונג פון פאַר טויזנטער יאָרן צו די איצטיגע גאַרב - סיסטעמען. פונדעסטוועגן באַקלאָגן זיך אַ סך עלטערע מענטשן, אַז די נייסטע מעטאָדע פון דער גאַרבעריי - טעכניק איז ניט אומשטאַנד צו ליפערן אַזאַ שטאַרקן און גוטן לעדער ווי פאָריגע צייטן. אַ סך ביינקען זייער נאָך אַ שטיקל פאָדעשווע, וועלכע איז אַ יאָר אָדער אַפילו צוויי אויסגעלעגן אין די גאַרבעריי-גריבער אין דער ריינער דעמבענער קאָרע. צום באַדויערן, האָט זיך די וועלט מיט אַזעלכע אויסאַרבעטונגען שוין געזעגנט: ווייל די הוצאות און די צייט דערלויבן עס ניט, ס'וואָלט זיך ביי היינטיגע צייטן קאַלקולירט צו טייער.

אינמיטן פון די פופציגער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט זיינען די איטאַליענישע לעדער-פאַבריקאַנטן, לויט אָנווייז פון די פראַנצויזישע גאַרבערס, וועלכע האָבן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אין נאפּאָלעאָנס צייטן געמוזט פאַרגיכערן דעם גאַרב-פּראָצעס, כדי צוצושטעלן פאַרן מיליטער וואָס מער לעדער — געפאַלן אויף דער המצאה צו גאַרבן אין פעסער (באַראַבאַנעס). אָבער נאָכדעם ווי די מלחמה - צייטן זיינען אַריבער, און די מענטשהייט האָט זיך ניט גענויטיגט אין אַזויפיל לעדער, איז די פאַס-גאַרבונג אויפגעגעבן געוואָרן

דער פאַקט אַליין ווייזט, ווי שוין אינמיטן פאָריגן יאָרהונדערט האָט מען געזוכט וועגן, ווי אַנטקעגנצוקומען אַ פּלוצלינגן שטאַרקן נאָכפרעג אויף לעדער פאַר מיליטער-באַדערפענישן דורך אַ גיכערער און ראַציאָנעלער אויסאַרבעטונג. ווען צו יענער צייט וואָלטן די גאַרבערייען געהאַט צו זייער דינסט די איצטיגע פאַרפולקאָמטע קאָנצענטרירטע וועגעטאַבילישע גאַרב-עקסטראַקטן, וואָלט געקענט די איצטיגע גיך-גאַרבונג, וועלכע האָט אייגנטלאַך איר וויגעלע געפונען אין איטאַליע, געקענט זיין עלטער מיט אַ 70—80 יאָר.

סוף כל סוף, אין אַ 30 יאָר אַרום, האָט זיך בהדרגה אָנגעהויבן אַנטוויקלען די גאַרבשטאָף - עקסטראַקט - אינדוסטרי אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע, וועלכע האָט אָנגעהויבן פון די קאָרע און פון פאַרטיידענע וואָרצלען און בלעטער אויסצואַרבעטן קאָנצענטרירטע עקסטראַקטן, ספּעציעל צו פאַרגיכערן מיט פאַרשטאַרקטע קוואַסן דעם גאַרב-פּראָצעס.

די ערשטע מוטיגע „ריזיקאַנטן" איינצופירן די מעטאָדע זיינען געווען די איטאַליענישע אינדוסטריעלער בר. דוריא. אין יאָר 1882 האָבן זיי מיט דער גאַנצער „פאַרע" איינגעפירט די ראַציאָנאַלע און גיכע פאַס - גאַרבונג - מעטאָדע. די קרעפטיגע אונטערשטיצונג פון דער מעכטיגער גאַרב-שטאָף-אינדוסטרי מיט דער באַטייליגונג פון דער מעכאַנישער באַאַרבעטונג פון דער פעל און פאַרטיגן לעדער (מאַשינעס) זיינען געווען די וויכטיגסטע פאַקטאָרן ביי דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער גאַרבעריי-טעכניק אין צוואַנציגסטן יאָרהונדערט.

פונקט ווי עס איז שוין געווען באַקאַנט דער מענטשהייט אין אַלטערטום די פּרימיטיווע קאָנסערווירונג פון דער חיהשער הויט, פאַר זייערע באַדערפענישן, מיט די עלעמענטאַרע מיטלען, וועלכע איך האָב שוין אויבן אָנגעוויזן, אַזוי איז זיי אויך געווען באַקאַנט די קאָנסערווירונג פון אַלון און זאַלץ. דערפון פלעגט די פעלכל ווערן זייער ווייך און שניי - ווייס, נאָר זי איז ניט געווען וואַשבאַר: ד. ה. אַז ווען די פעלכל פלעגט קומען אין באַריר מיט וואַסער, פלעגט די וואַסער צוריק אויסוואַשן די זאַלצן, און די לעדער פלעגט צוריק ווערן האַרט. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס זיי איז דאַמאָלס ניט געווען באַקאַנט, ווי אַזוי צונויפצובינדן די הויט-געוועב מיט די מינעראַל-זאַלצן.

אינטערעסאַנט וועט זיין איבערצוגעבן ביי דער געלעגנהייט, ווי אַזוי די אַלטע עגיפּטיאַנער פלעגן קאָנסערווירן זייערע מומיעס. די מתים פלעגן אַריינגעלייגט ווערן אויף צוויי חדשים אין אַ ליזונג פון קאָכזאַלץ און סאָדע. (דאָס לעצטע געפינט זיך אין מצרים אין גרויסע מאַסן). קאָנסערווירנדיג אַזוי אַרום דעם אויבערפלאַך, פלעגט מען אויפשניידן דעם בויך פון דער לינקער זייט, און נאָכן ארויסנעמען פון קערפּער די אינגעווייד, פלעגט מען דער מומיע פאַמעלאַך אויסגאַרבן מיט די זאַלצן און פאַרשיידענע קוואַסן, צונויפגעשטעלט פון פאַרשיידענע מינים פלאַנצונגען, וועלכע האָבן אַנטהאַלטן אַ סך גאַרב - אייגנשאַפטן. חוצדעם פלעגט מען נאָך אָנפילן דעם בויך מיט פאַרשיידענע בלעטער ווי: Ecaliptus, Cassia א. א. וואָס מ'באַנוצט נאָך אפילו ביי היינטיגס טאָג אין מזרח-אינדיע צו גאַרבן שעפּסן- און ציגן-פעל. און אין אַ קורצער צייט אַרום פלעגט דעם טויטנס הויט ווערן גוט אויסגעגאַרבט, ווי אויך דער גאַנצער קערפּער קאָנסערווירט.

אויך איז שוין געווען אין מיטלאַלטער באַקאַנט, ווי אַזוי צו קאָנסערווירן חזיר-פעל ווי באַקאַנט, איז עכטע חזיר-לעדער דויערהאַפטיג און פעסט, און די מעלות פון די חזיר-פעל האָט מען נאָך פעסטגעשטעלט אין יענע צייטן. דעריבער האָט מען זיך ספּעציעל אויף דעם אָפּגעלייגט.

די נאַטירלאַכע הויט פֿון אַ חזיר אונטערשיידט זיך מיט איר סטרוקטור פֿון אַלע אַנדערע הויטן דערמיט, וואָס דער נאַרב (אויבערשטע שיכט) האָט אַ כאַראַקטעריסטישע צייכענונג און איז אינגאַנצן ענלאַך צום מענטשנס הויט. בײַ דער געלעגנהייט איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז דעם מענטשנס הויט קען אַרויסגעבן זייער אַ גוטן מין לעדער; באַוויזן האָט מען עס אין דער צייט פֿון העכסטן טעראָר, אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, בעת מ׳האָט פֿון מענטשן-הויט אויסגעאַרבעט דאַמאָלס די בעסטע הויזן פֿאַרן מיליטער.

די אַנטשטייאונג פֿון דער מינעראַל-גאַרבונג שטאַמט נאָך אַזוי אַרום פֿון מיטלאַלטער, אָבער זי איז דאַמאָלס פֿאַרווענדט געוואָרן אין זייער אַ פּרימיטיווער פֿאָרם. ערשט אַ דאַנק עטלאַכע פֿאָר-שערס האָט מען אין מיטן פֿאָריגן יאָרהונדערט אָנערקענט, אַז מעטאַל-זאַלצן האָבן גאַרבנדיגע אייגנשאַפֿטן, ווי למשל די פֿאַר-בינדונגען פֿון אייזן, צינק, צין א. א. וו. פֿון די אַלע גאַרבנדיגע פֿאַרבינדונגען האָבן אַ גרעסערן פּראַקטישן באַטייט אין דער לעדער-אינדוסטרי נאָר די כראָמזאַלצן. (כראָם איז זייער אַ האַר-טער מעטאַל. ספּעצ. געוויכט 7 — 8, 6, שמעלץ-פּונקט $^{0}$C 2000). ניט קוקנדיג דערויף, וואָס די אייזן - און צינק-זאַלצן גיבן גאַנץ גוטע פּראַקטישע רעזולטאַטן, באַנוצט מען זיך ניט מיט זיי בײַ הײַנ-טיגס טאָג, צוליב געוויסע סיבות, וואָס עס קען, אגב, נאָר אינ-טערעסירן כעמיקערס.

די אַנטדעקונג פֿון די גאַרבנדיגע אייגנשאַפֿטן פֿון די באַ-זישע כראָם-זאַלצן צו גאַרבן לעדער האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען דעם פּראָפֿ. ק נ אַ פּ פֿון בראַונשווייג. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט נאָך יאָרנלאַנגער אומדערמידלאַכער וויסנ-שאַפֿטלאַכער און פּראַקטישער אַרבעט, באַוויזן דער וועלט די גאַרבערישע אייגנשאַפֿטן פֿון די באַזישע אייזן - און כראָם-זאַלצן. אין יאָר 1861 האָט ער אַרויסגענומען זײַן ערשטן פּאַטענט. ער האָט אָבער ניט דערלעבט צו שנײַדן די פֿרוכט פֿון זײַן פֿאַר-זייאונג.

פֿערציג יאָר האָט מען זײַן דערפֿינדונג ניט געקענט באַנוצן צו פּראַקטישע צוועקן, צוליב פֿאַרשיידענע סיבות, וועגן וועלכע מען קען ניט געבן קיין קורצן איבערבליק אין אַן אַרטיקל. נאָר פֿונדעסטוועגן איז ער דער פֿאָטער פֿון דער אַזוי גערופֿענער כראָם-גאַרבונג. ניט קענענדיג צו יענער צייט אינגאַנצן פּראַקטיש אויספֿירן זײַנע שפּעטערדיגע געוואַלדיגע דערפֿאָלגן, האָט ער דאָך, דער ביז צו יענער צייט פֿאַרשלאָפֿענער גאַרבערײַ-וויסנשאַפֿט אַרויסגעפֿירט אויף אַ נײַעם וועג.

די ערשטע פּראַקטישע דערפֿאָלגן אין דער כראָם-גאַרבונג האָבן דערגרייכט די אמעריקאַנער אינדוסטריעלער, אַ דאַנק דעם געוואַלדיגן וואוקס צו יענער צייט פֿון דער מאַשינעס-אינדוסטרי אין אַמעריקע.

די אייגנשאַפֿטן פֿון כראָם-לעדער לגבי עקסטראַקט-געגאַרבטן לעדער זײַנען פֿאַרשיידן: כראָם-לעדער ציט זיך מער, זײַן ספּע-ציפֿישער געוויכט איז אַ סך לײַכטער, זײַן ווידערשטאַנד-פֿייאיג-קייט קעגן וואַסער, היץ, קעלט, אַלקאַלי און זויער—אַ סך גרעסער. אין קאָכיג-הייסן וואַסער איז א גוט געגאַרבטער כראָם-לעדער ניט עמפּינדלאַך, און נאָך ווייניגער פֿאַרענדערט ער זיך אין קאַלטע וואַסער.

דער באַטייט פֿון כראָם-לעדער פֿאַר טעכנישע צוועקן איז אומבאַשרײַבלאַך, צוליב דעם, וואָס עס פֿאַרטראָגט א שטאַרקע היץ אפֿילו איבער 100 $^{0}$C און האָט ניט קיין מורא פֿאַר זויער און אַלקאַלי. אין דער טעכניק פֿאַרבײַט אויך כראָם-לעדער אין אַ סך פֿאַלן קויטשוק. אויך קען זיך די טעקסטיל-אינדוסטרי שוין ניט באַגיין אָן דיקן כראָם-לעדער.

ווי נאָר די כעמי האָט זיך וויסנשאַפֿטלאַך פֿאַרבונדן מיט דער גאַרבערײַ-טעכניק, זײַנען ניט בלויז געמאַכט געוואָרן אויף דעם געביט גרויסע פֿאָרשריט, נאָר עס זײַנען אויך אַנטדעקט געוואָרן צאָלרײַכע אָרגאַנישע שטאָפֿן, וועלכע האָבן א גאַרבנדיגע ווירקונג, אָדער לכל הפּחות, די זשעליאַטינע פֿון דער הויט צו מאַכן אומלייזלאַך. צום גרעסטן טייל האָבן זיי לעת-עתּה בלויז א וויסנשאַפֿטלאַכן אינטערעס, אָבער עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אין עתיד וועט מען זיך מיט א טייל פֿון די שטאָפֿן באַנוצן.

צום באַדויערן, איז מיר אוממעגלאַך דאָ אויסצורעכענען אפֿילו א קלײנעם טייל און זייערע אייגנשאַפֿטן. דאָס פֿאָדערט א וויסנשאַפֿטלאַכע באַאַרבעטונג אין א ספּעציעלער בוך-פֿאָרם.

---

יצחק באַצער

# ביאַליסטאָקער עקספּאָרט

אין די פֿריערדיגע יאָרן האָט דער עקספּאָרט פֿאַרנומען אין דער ביאַליסטאָקער טעקסטיל-אינדוסטרי זייער אַ בכבודיגן אָרט. דער הויפּט-אָפּנעמער פֿון אונזערע סחורות איז געווען דער ווײַ-טער מזרח מיט די הויפּט-שטעט כאַרבין, שאַנכאַי און אויך מוקדען, די הויפּט-שטאָט פֿון מאַנדזשוריע.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַ קלײנער עקספּאָרט אויפֿן נאָענטן מזרח (פּאַלעסטינע, סיריע און אַ טייל מצרים), איז דער עקספּאָרט אויפֿן ווײַטן אָריענט שוין געווען שטאַרק אַנטוויקלט. ס׳פֿלעגן שוין סיסטעמאַטיש געשיקט ווערן פֿון ביאַליסטאָק גרויסע טראַנספּאָרטן שאַגאַט-דעקן, וועלכע די דאָרטיגע סוחרים פֿלעגן אין גרויסע קוואַנטומס קויפֿן אין ביאַליסטאָק נאָך פֿאַר דער מלחמה.

אָנשטאָט דעם, וואָס די סחורות פֿון ביאַליסטאָק זײַנען פֿאַר דער מלחמה געגאַנגען אויפֿן ווײַטן מזרח דורך רוסלאַנד — סיביר צוויי וואָכן צײַט, איז איצט דער טראַנספּאָרט געגאַנגען דורך האַמבורג גאַנצע דרײַ חדשים, ווײַל די סאָוועטן גיבן ניט קיין טראַנזיט דורך רוסלאַנד, און פֿונדעסטוועגן האָט עס ניט גע-שטערט דעם עקספּאָרט אויפֿן ווײַטן מזרח.

די באַוואוסטע מיט אירע בעסטע שאַגאַט-דעקן אַקצ. געז. „אַ טרילינג און זון" האָט אפֿילו געעפֿנט אין כאַרבין און שאַנכאַי אירע אייגענע סקלאַדעס און לאַגערן.

פֿאַרקוקנדיג זיך דערויף, האָבן דאַמאָלס אייַנגלענדער מיט כינעזער אויפֿגעבויט אין כאַרבין אַ פֿאַבריק, נאָכצומאַכן די ביאַ-ליסטאָקער שאַגאַט-דעקן, מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט פֿון ביאַליסטאָק מײַסטערס, די פֿאַבריק האָט אַ קורצע צייט געאַרבעט, אָבער נאָכמאַכן ביאַליסטאָקער דעקן איז זיי ניט געלונגען.

צום באַדויערן, האָט אָבער פֿאַר צוויי יאָרן דער עקספּאָרט אויפֿן ווײַטן מזרח זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרקלענערן מיט אַ גע-וואַלדיגן טעמפּ, גורם געווען דערצו האָבן פֿאַרשיידענע סיבות (זילבער-וואַלוטע, פֿאַראָרימונג פֿון דער באַפֿעלקערונג, די אומ-רוען אין לאַנד) און בײַ הײַנטיגס טאָג איז דער עקספּאָרט אויפֿן ווײַטן מזרח שוין אינגאַנצן אָפּגעהאַקט, ווי ער וואָלט גאָר קיינ-מאָל ניט עקזיסטירט.

אין חודש יולי פֿאָריגן יאָר איז ביאַליסטאָק אויפֿגעלעבט געוואָרן מיט אַ נײַעם מין עקספּאָרט. אייַנגלאַנד האָט געבראַכט ישועות ונחמות אויף ביאַליסטאָק. ביאַליסטאָקער פֿאַבריקאַנטן זײַנען געוואָרן ווי שלום-עליכם זאָגט: „עמק שער און אייזן", זיי האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין קאָנפֿעקציאָנערן (טאַנדעטניקעס בלע"ז)

ניט זייענדיג אָבער קיין פאַכמענער, האָבן די פאַבריקאַנטן געמוזט אָנקומען צו אמתע טאַנדעטניקעס, אַז זיי זאָלן מיט זיי לערנען די תורה פון טאַנדעטעריי, די אַרבעט אין די פאַבריקן איז דאַמאָלס אַוועק אין פולן גאַנג, די קוימענס האָבן שטאַרק גערויכערט.

פון איינגלאַנד זיינען אפילו אַראָפּגעקומען עטלאַכע איינגלישע גרויסע עקספּאָרטערן און אויפן אָרט געגעבן באַשטעלונגען, די מאַשינעס אין די פאַבריקן האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן שטאַרקער און ביאַליסטאָק האָט גערודערט.

גלייכצייטיג איז געווען אַ קליינער עקספּאָרט קיין דענעמאַרק אויך פון פאַרטיגע זאַכן.

די ביאַליסטאָקער טאַנדעט שניידערס, וועלכע זיינען ביז דאַמאָלס דריי מאָל אַ טאָג געשטאָרבן פון הונגער, האָבן אָפּגעלייגן דעם אָטעם, ס׳איז געווען חי געלעבט...

אָבער אין סאַמע רעכטן ברען, ווען גרויסע טראַנספּאָרטן פאַרטיגע בגדים און סחורות זיינען שוין געווען אין איינגלאַנד, און אַנדערע טראַנספּאָרטן זיינען געווען אין וועג, האָט פּלוצים געפּלאַצט אַ באָמבע: יום־כפור נאָך דער מוסף־פּויזע, ווען אין אַלע שולן און בתי־מדרשים האָט מען זיך געקליבן צו נעילה, איז, ווי אַ עלעקטריע־שטראָם, דורכגעפלויגן די בשורה, אַז דער איינגלישער פונט האָט געפּלאַצט.

די שטימונג אין שטאָט איז געוואָרן אַ געדריקטע.

די ביאַליסטאָקער פאַבריקאַנטן האָבן שוין גערעכנט אָפּצושטעלן די אַרבעט און מער קיין סחורה אין איינגלאַנד ניט שיקן. נאָר היות גרויסע טיילן פון די באַשטעלטע סחורות זיינען שוין געווען אַרויסגעשיקט, האָבן די פאַבריקאַנטן, נאָלענס־וואָלענס, געמוזט אַרבעטן ווייטער און אויספּילן פאַר די איינגלישע „לאָרדן" (ווייטשעפּלער שניידערס...) די אונטערגעשריבענע באַשטעלונגען.

פון די צייטונגען ווערט מען דערווייל געוואויר, אַז די איינגלישע רעגירונג גייט איינפירן אַ צאָל אויף די פוילישע סחורות. האָבן די ביאַליסטאָקער פאַבריקאַנטן אַוועקגעלאָזן די פאַבריקן אין צוויי, אין דריי שיכטן, כדי אויסצופירן די באַשטעלונגען, איידער דער צאָל גייט אַריין אין קראַפט. די שניידערס האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט, די טראַנספּאָרט־קאַנטאָרן האָבן אפילו געשיקט די סחורה קיין גדיניע מיט משא־אויטאָס, כדי ניט צו פאַרשפּעטיגן די שיפן, וואָס דאַרפן אָנקומען קיין איינגלאַנד פאַר דער איינפירונג פונם צאָל.

ביאַליסטאָק האָט מיט מזל און ברכה אויסגעפירט פּינקטלאַך די איינגלישע באַשטעלונגען, אָבער דער פינאַל פון איינגלישן עקספּאָרט איז געווען זייער אַ טרויעריגער; ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין הלכות אָנזעצן זיינען די „לאָרדן" פּונקט אַזעלכע קענערס, ווי אַלע טאַנדעטניקעס פון די פוילישע שטעט און שטעטלאַך. דער איינגלישער עקספּאָרט האָט ביאַליסטאָק אָפּגעקאָסט גוטע רבי־געלט — אַ סך צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן.

פונם איינגלישן עקספּאָרט איז נאָך געהאַט פאַרבליבן אַ שארית־הפליטה; צוויי ביאַליסטאָקער פירמעס האָבן נאָך היי־יאָר געליפערט פאַרטיגע מלבושים קיין איינגלאַנד, אָבער ווען די פוילישע רעגירונג האָט פון 15־טן אָקטאָבער ה. י. אויפגעהערט אַרויסצוגעבן די עקספּאָרט־פּרעמיעס, האָבן אויך יענע געמוזט רעזיגנירן דערפון — דער ביאַליסטאָקער עקספּאָרט האָט געקריגן דעם לעצטן טויט־קלאַפּ.

---

**א. אורינאָווסקי**

# וועגן העברייאישן שול=וועזן אין ביאַליסטאָק

דער פאַרגאַנגענער יאָר 1932 איז געווען זייער אַ ג י נ ס ט י ג ע ר פאַר דער אַנטוויקלונג פונם העברייאישן שול־וועזן אין פוילן בכלל, און ביי אונז אין ביאַליסטאָק בפרט. אין דעם יאָר האָט די רעגירונג געענדערט איר שטעלונג צו דער העברייאישער שולע און האָט געגעבן עטלאַכע העברייאישע גימנאַזיעס עפנטלאַכע רעכט, דערביי איז די היגע העברייאישע גימנאַזיע געווען דער ערשטער נאַציאָנאַלער דערציאונג־אַנשטאַלט, וואָס זיין הויכער פּעדאַגאָגישער ווערט איז אַנערקענט געוואָרן דורך דער שול־מאַכט און רעכטלאַך אויסגעגליכן געוואָרן מיט די רעגירונגס־גימנאַזיעס.

פאָריגן יאָר זיינען דעם ערשטן מאָל פאָרגעקומען אין דער באַפרייטער פוילישער רעפּובליק מלוכה־מאַטוראַלע עקזאַמענס אין העברייאיש, ביי אונז אין ביאַליסטאָק איז געווען דער פאָרזיצער פון דער עקזאַמענירקאָמיסיע ביי דער העברייאישער גימנאַזיע דער באַוואוסטער יידישער היסטאָריקער, פּראָפעסאָר דר. מאיר באַלאַבאַן. פאָריגן יאָר זיינען אויך דעם ערשטן מאָל אָנגענומען געוואָרן אונזערע אַבסאָלווענטן־העברייער אויף די פוילישע אוניווערזיטעטן און האָבן פאַרשפּאָרט אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד — זוכן וויסנשאַפט אין דער פרעמד...

די פאַרבעסערטע רעכטלאַכע לאַגע פון דער העברייאישער מיטל־שולע האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג אויך אויף דער העברייאישער פאָלק־שולע, וואָס בילדעט לויטן נייעם שול־געזעץ די נידעריגע קלאַסן פון גימנאַזיע. „תרבות" באַזיצט אין ביאַליסטאָק, חוץ דעם „גן ילדות", צוויי פאָלק־שולעס, און אָט אין ביידע האָט זיך פאַרגרעסערט די פרעקווענץ פון די קינדער, און די צווייטע „תרבות"־שולע האָט אפילו געעפנט נייע קלאַסן אין איר נייעם בנין.

חוץ דעם פּאָליטישן מאָמענט, האָט אויך געווירקט פאָריגן יאָר אויף דער פאַרשטאַרקונג פון דער „תרבות"־טעטיגקייט אויפן געביט פון העברייאישער דערציאונג — די פ אַ ר ג ר ע ס ע ר ט ע ע ל י ה ק י י ן א ר ץ ־ י ש ר א ל. סטיכיש איז דעם מאָל אַנטשטאַנען די עליה, אָן קולות, אָבער זי פאַרכאַפּט ברייטע שיכטן פון אונזער שטאָט, און אָט די עליה צווינגט לערנען העברייאיש, דערמאָנט די עלטערן, באַזונדער פון די ציוניסטישע מאַסן, זייער חוב כלפּי דער העברייאישער קולטור און דערציאונג, דערוועקט ספקות: טאָמער, אולי וועט ער, אָדער זיין קינד בויען זיין מעמד אין ארץ ישראל...

קיינמאָל זיינען אַזוי ניט באַזוכט געוואָרן די מיטינגען פון „תרבות", ווי דער לעצטער, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין שייכות מיטן אָנהויב פון שול־יאָר, מ׳האָט געזען בחוש, אַז דער אינטערעס און די ליבע פון די מאַסן צו דער „תרבות"־שולע האַלטן אין איין שטייגן.

און ניט בלויז אין שטאָט, נייערט אויך אין דער נאָענטער ביאַליסטאָקער פּראָווינץ האָט זיך באַמערקט פאָריגן יאָר אַן אויפלעבונג אין דער העברייאיש־דערציערישער באַוועגונג, קיין ביאַליסטאָק האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון גראָדנע דער ראַיאָן־קאָמיטעט (הועד הגלילי) פון „תרבות", וועלכער האָט באַוויזן צו עפענען פינף נייע העברייאישע שולעס און פאַרשטאַרקן די עקזיסטירנדיגע אַנשטאַלטן.

די געזעלשאַפט „תרבות" האָט דעם גרעסטן חלק אינם העברייאישן שול־וועזן ביי אונז אין שטאָט: איר געהערט די ערשטע העברייאישע פאָלק־שולע, וואָס געפינט זיך אין זייער אַ שיינעם, גרויסן, באַקוועמען בנין און ווערט באַזוכט דורך אַ פיר הונדערט קינדער; דער „גן־ילדות", וואָס ווערט אָנגעפירט דורך

איינער פון די בעסטע העברייאישע פּרעבעליסטינס אין פּוילן; די צווייטע פאָלק-שולע, וואָס האָט היי-יאָר באַזונדער פּראָגרעסירט; לויט דער פּראָגראַם פון „תּרבות“ און אין איר גייסט ווערט געפירט די היגע העברייאישע גימנאַזיע, וואָס איז די ציּרונג און דער שטאָלץ פונם העברייאישן שול-וועזן אין פּוילן. די ביאַליסטאָקער „תּרבות“-אנשטאַלטן האָבן שוין אַ עבר, האָבן שוין געפייערט יובילייען, האָבן שוין אַ אויסגעקריסטאליזירטן פּרצוף, זייערע טראַדיציעס און פּרינציפּן, און זיינען זייער פּאָפּולער אין שטאָט ווי אַנשטאַלטן, וואָס באַזיצן קוואַליפיצירטע פּעדאַגאָגישע כּוחות, מכשירים, און דער עיקר — אַ געזעלשאַפטלאַך-נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

אָבער חוץ די „תּרבות“-שולעס, געפינען זיך נאָך אין ביאַליסטאָק העברייאיש-דערציערישע אנשטאַלטן „תּחכמוני“, וואָס זיינען געגרינדעט דורכן „מזרחי“ און זייער צוועק איז — די אויסבילדונג פונם נאַציאָנאַל-אָרטאָדאָקסישן מאָדערנעם יידן. אַ באַזונדער ווערט און באַטייט האָט דער ביאַליסטאָקער „תּחכמוני גבוה“ — אַ מאָדערנע ישיבה מיט אַלגעמיינע לימודים פון גימנאַזיאַלן קורס; אָט דער טיפּ פון ישיבות איז געשאַפן געוואָרן נאָך פאַר דער מלחמה אין לידע (דורכן מנהיג פון „מזרחי“ — הרב יצחק יעקב ריינעס) און אין אָדעס.

אויך באַזיצט ביאַליסטאָק זייער אַ סך „חדרים“, מער אָדער ווייניגער „מאָדערנע“, און פּריוואַטע שולעס מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער פּראָגראַם פון העברייאישע למודים. די אנשטאַלטן לאָזן זיך ניט קאָנטראָלירן, כּדי פעסטצושטעלן זייער פּעדאַגאָגישן ניוואָ, זייער שעדלאַכע אָדער נוצלאַכע טעטיגקייט.

דער העברייאישער שול-וועזן האָט זייער גוטע אַנטוויקלונג-באַדינגונגען אין ביאַליסטאָק, אָבער, צום באַדויערן, שטערט די אָרימקייט, דער דוחק אין פינאַנסיעלע מיטלען. קיין פאָלק בויט ניט זיין פאָלק-שולע אויף שכר-למוד, און בלויז אונזערע נאַציאָנאַלע שולעס זיינען אָנגעוויזן אויף דער לעכערדיגער קעשענע פונם אָרימען יידישן פאָטער. דער קריזיס וואַקסט, דער דלות שטייגט, דער שכר-למוד פאַלט, די הכנסות פון „תּרבות“ זיינען נישטיגע, און אָט ווערן טאָג-טעגלאַך באַדראָט אונזערע שולעס, טאָמער, חלילה, האַלטן זיי ניט אויס די ביטערע צייטן...

פריער פלעגן לכל הפּחות זיך פּינקטלאַך באַקומען די קליינע סובסידיעס פון מאגיסטראַט, אָבער לעצטנס ווערן זיי, צום באַדויערן, אויסגעצאָלט אין אַ פאַרקלענערטער, מיקראָסקאָפּישער דאָזע, און דאָס נאָר צופעליג...

אויך אונזער קהלה טוט זייער ווייניג פאַר דער העברייאישער פאָלק-שולע, אין איר בודזשעט געפינען זיך אפילו יע פּאָזיציעס פאַר די שולעס, אָבער זיי ווערן זייער זעלטן רעאַליזירט, זעלטן אויסגעצאָלט —

ס'איז קלאָר, אַז דער העברייאישער געזעלשאַפטלאַכער שול-וועזן אין ביאַליסטאָק, פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט אין פּוילן, ראַנגלט זיך פאַר דער אָרימער עקזיסטענץ און פאָדערט דעם אויפמערק פון דער באַפעלקערונג: איר גייסטיגע און מאַטעריעלע אונטערשטיצונג.

מרדכי זאַבלודאָווסקי

# ביאַליסטאָקער יידישע האַנטווערקער-שולע

## עטלאַכע געדאַנקען צו דער פראַגע וועגן פּראָדוקטיוויזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג

די יידישע האַנטווערקער-שולע אין ביאַליסטאָק פאַרנעמט דעם אָרט פון עפּעס א פּאַראַדאָקס אויפן פּאָן פון ביאַליסטאָקער לעבן.

אין דער אמתן: שוין איבער א צענדליג יאָר, זינט די וועלט-מלחמה האָט זיך געענדיגט, ווי אויף דער יידישער גאַס שרייט מען מיט קולות וועגן פּראָדוקטיוויזאַציע פון די יידישע מאַסן, וועגן אויסראָטונג פון די יידישע לופט-פּרנסות, וועגן געזונט מאַכן דעם יידישן פאָלק-אָרגאַניזם דורך אריינציען אים אין פּראָדוקטיווער שאַפנדיגער אַרבעט דורכן הויבן דעם ניוואָ פון יידישן בעל-מלאכה — און ביי אַלע געשרייען ווייס ביאַליסטאָק אין עצם גאַנץ קנאַפּ וועגן איר האַנטווערקער-שולע, איינע פון די וויכטיגע רפואות קעגן די אויבן אויסגערעכנטע מחלות.

פאַר די לעצטע 6 יאָר, זינט די האַנטווערקער-שולע האָט אויפגעהערט צו זיין דער שרייענדיגער בעטלער פון נדבות אויפן גאַס, האָט ביאַליסטאָק פאַרלאָרן איר געזעלשאַפטלאַכן אינטערעס צו דער שולע.

די דאָזיגע קאַלטע באַציאונג צו דער שולע, ווי שעדלאַך זי זאָל ניט זיין פאַר דער שולע אַליין, איז אָבער ממש א פאַרברעך, ווען מ'קלערט וועגן די פויפּעריזירטע יידישע קליינבירגערלאַכע און האַנטווערקערשע שיכטן, פאַר וועלכע די האַנטווערקער-שולע איז א וויכטיגער מיטל צום ציל פון פּראָדוקטיוויזירן און ברייגנען צו א תּכלית זייערע קינדער.

וואָס ווייס, למשל, אַזא קליינבירגערלאַכער טאַטע וועגן דער האַנטווערקער-שולע אין ביאַליסטאָק?

מיט א פאַרשטיקטן קרעכץ אין האַרצן פירט ער זיין יינגל אין דער האַנטווערקער-שולע, ווען ער קען שוין ניט צונויפברייגען דעם שכר-למוד פאַר זיין לערנען אין דער מיטל-שולע. ער מאַכט שוין פון אים דעם „גראָבן יונג“, ניט קענענדיג אים ווייטער האַלטן אין גימנאַזיע, וואו מען וואָלט פון אים געמאַכט א „מענטשן“.

וואָרום אַזא טאַטע האָט גאָר קיין פאָרשטעלונג ניט וועגן דעם, אַז זיין זון לערנט אין דער האַנטווערקער-שולע אויך טעאָריע, וועלכע איז ניט ווייניגער „טיף“, ווי די טעאָריע אין דער מיטל-שול, נאָר זי איז פון אַן אַנדער קאַטעגאָריע, פון דער קאַטעגאָריע פון אַרבעטן, שאַפן, בויען ממש מיט די הענט און קאָפּ און ניט מיטן מויל... ווייל אַזא טאַטע אַליין דרייט דאָך אויך מיטן שטעקל און מיטן מויל און ציט פּרנסה, רחמנא לצלן. היינט, אַז צוליבן קריזיס הערשט נאָך אַרבעטלאָזיגקייט אויף דער וועלט, לוינט שוין דאָך אוודאי ניט געבן דעם יינגל צו אַן אַרבעט-פאַך: אי זיך מיאוס מאַכן מיט „מלאכה“ אין דער משפּחה און נאָך קיין הנאה ניט האָבן...

ערשט ווען ער דערוויסט זיך, אַז א שילער, וואָס האָט געענדיגט די האַנטווערקער-שולע, איז אָנגעקומען ערגעץ אין אויסלאַנד אין א העכערער שולע, גיט ער א קלער, אַז אויב אַזוי, קען ער דאָך אויך מאַכן זיין יינגל פאַר א אינזשינער, אפילו ווען ער לערנט אין דער האַנטווערקערשולע. דאַמאָלס ברייגנט ער זיין זון אין שולע, ווי אין א קאָרידאָר אריין, דורך וועלכן דער זון דאַרף צום סוף ארויסגיין א אינזשינער.

די עצם אַרבעט, די מלאכה אַליין ווי א פאַך, שמעקט אים נאָך ניט, פּאַסט נאָך ניט פאַר זיין כּבוד.

און דאָ ווילט זיך אַזא טאַטן זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן פאַך-בילדונג פאַר זיין זון און אין שייכות דערמיט וועגן דער

האַנטווערקער-שולע.

דער לעבן נאָך דער מלחמה האָט אָנגענומען אַזאַ טעמפּ, אַז אַלגעמיינע בילדונג אַליין איז ניט גענוג, כּדי זיך צו פאַרנעמען מיט אַ וועלכן עס איז פאַך. יעדער פאַך פאָדערט זיין ספּעציעלע צוגרייטונג, סיי טעאָרעטישע, סיי פּראַקטישע.

די חכמה פון האַנדלען-וואַנדלען האָבן זיך שוין די אומות העולם אויך אויסגעלערנט און אויף געשעפט-פּרנסות זיינען אַלע אַרום אונז ניט קיין קלענערע בעלנים ווי יידן, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס יידן ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער אַרויסגעשטופּט פון די פּרנסות, אין וועלכע זיי פלעגן פאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט, צוליב זייער „צוגעפּאַסטקייט" צו זיי פון קדמונים אָן. מלאָכה, פאַך-אַרבעט, האַנטווערקעריי, צי פאַבריק-מעסיגע אַרבעט, רייסט זיך אַריין וואָס ווייטער, אַלץ מער אין יידישן לעבן. דער באַלעבאַטישער יידישער פאָטער, וואָס גרייט ניט צו זיין זון צום פאַך פון דאָקטאָר, יוריסט, אינזשיניער, דאַרף זיך פאַרטראַכטן וועגן אַ פאַך פאַר זיין קינד באַצייטנס, ווייל האַלטן קינדער ביז 18—19 יאָר אויף דער מיטל-שול-באַנק סתּם צוליב בילדונג קענען זיך דערלויבן בלויז שטאַרק-פאַרמעגלעכע עלטערן.

די האַנטווערקער-שולע, ווען אפילו זי פאַרמאָגט ניט מער ווי 3 אָפּטיילן פאַר שלאָסעריי, סטאָלעריי און עלעקטראָטעכניק, גיט דעם שילער אירן אַ סך אַ בעסערע צופּאַסונג צו אַ וועלכן עס איז אַנדערן טעכנישן פאַך, ווי די מיטל-שול. אַ געענדיגטער שילער פון דער האַנטווערקער-שולע וועט זיך בלי שום ספק צופּאַסן צו אַ וועלכער ניט איז פּראָדוקציע און אפילו מסחר אַ סך, אַ סך בעסער, ווי אַ געענדיגטער שילער פון אַ מיטל-שולע, ווייל די אַלגעמיינע טעכנאָלאָגישע אויסבילדונג זיינע וועט האָבן אַ גרעסערן באַטייט, ווי די אַלגעמיין בילדנדיגע פאַכן פון דער מיטל-שול.

איז דער יינגל פייאיג, דאַמאָלס איז פאַר אים אויך ניט פאַרמאַכט דער וועג צו ווייטערדיגער בילדונג (אמת, נאָר אין אַ טעכנאָלאָגישן פאַך). איז ווידער דער יינגל אַ באַגרענעצטע מיטלמעסיגקייט, וועט אים זיין פאַך אַלס בעל-מלאָכה, און אָפּטמאָל אַ גאַנץ גוטער, אַרויסהעלפן אין לעבן אַ סך בעסער, ווי זיין אַלגעמיינע בילדונג, ווייל אַטעסטאַטן פאַפּירענע הערן אויף צו שפּילן זייער אַמאָליגע ראָלע.

אָט דאָס אַלץ דאַרף גאַדיינקען יעדער באַלעבאַטישער פאָטער, יעדער האַנטווערקער, יעדער באַוואוסטזיניגער פאָטער, וועלכער וויל זיין זון אויסבילדן אין אַ וועלכן עס איז טעכנישן פאַך.

אין ביאַליסטאָק איז פאַראַן פאַר אַזוינע שילערס אַ גאַנץ צוגעפּאַסטע שולע, אַ שולע וואָס רעכנט זיך ווייט ניט פון די שלעכטסטע אין פוילן, שוין ניט וועלנדיג זיך לויבן אַליין. און וואָלט ביאַליסטאָק ניט געווען אַזוי קאַלט געשטימט צו איר יידישער האַנטווערקער-שולע, ווער ווייס וויפל עלטערן וואָלטן ממש געהאָלפן געוואָרן דורך זייערע קינדער, וועלכע וואָלטן מיט זייער פאַך זיי געקענט שטיצן און אונטערהאַלטן.

און דערווייל... דערווייל פּילן אויס די „גימנאַזיע-געענדיגטע" די ביאַליסטאָקער גאַסן, פאַרגרעסערנדיג דעם קאַדער ליידיגגייערס איצט און לופט-מענטשן שפּעטער.

דער שטעמפּל פון „מאַוסקייט" מוז פון דער „מלאָכה" אָפּגעטאָן ווערן דורכן טאַטן, אויב ער וויל ניט מאַכן זיין זון פאַר אַן אומפּראָדוקטיוון מענטשן.

---

ירוחם לעווין

# ביאַליסטאָקער אויף דער וואַך

## אין גליל העליון

די דריטע עליה, וואָס איז אָנגעקומען קיין ארץ-ישראל נאָך דער מלחמה, איז געווען ס'רוב אָרגאַניזירט אין לאָקאַלע קבוצות. סלאָבאָטער, פּראַסקוראָווער, באַברויסקער, שאַוולער א. אַז. וו. אַזאַ קבוצה איז אויך געווען „קבוצת ביאַליסטאָק", וועלכע האָט געאַרבעט ביים אויפבוי פון אַ נייער שטאָטישער שכונה „בית הכרם" אין ירושלים.

דער ציל פון אַלע איינגעוואַנדערטע אין לאַנד, באַזונדערס פון חלוצים, איז: קאָלאָניזירונג, זיך איינצואָרדענען „אונטערן וויינשטאָק און אונטערן פייגנבוים". די ביאַליסטאָקער, אָפּזעגענענדיג זיך מיט דער צייטווייליגער בוי-אַרבעט אין ירושלים, זיינען אַוועק זיך קאָלאָניזירן אין אַ קבוצה פון גליל-העליון א י ל ת-ה ש ח ר.

אַ טייל חברים זיינען דאָרט אָפּגעוועזן אַ פּאָר יאָר און נאָכדעם אַוועקגעלאָזן זיך איבער די פאַרשיידענע ווינקלען פון לאַנד. געבליבן זיינען נאָר פאַרעקשנטע און געטרייע, וועלכע האָבן שוין דאָ זייערע פאַמיליע-נעסטן אויפגעבויט און זייערע עתיד-חלומות מיטן פלאַץ פאַרבונדן, זייערע קינדער ווערן שוין דאָ דערצויגן אינם שותּפותדיגן האָדעוואַניע-אַנשטאַלט און די וואָכעדיגע ווי די יום-טובדיגע סעודות ווערן דאָ געפּראַוועט אינם שותּפותדיגן עס-צימער.

די קבוצה אילת-השחר, ווי דער גאַנצער גליל-העליון, געפינען זיך אין אַ ספּעציפישן מצב. דער וואַנדער-שי-נער געגנט וואַרט נאָך אויף זיין אויסלייזער און אויפבויער. אין שכנות געפינט זיך דער זומפּיגער געגנט פון דער חולה, וועלכע איז זייער פּרוכטבאַר, אָבער עטלעכע עפּענדיס באַזיצן אַ קאָנצעסיע אויף צו עקספּלואַטירן דעם געגנט, נאָך פון די טערקישע צייטן. עס דאַרף אויך רעגולירט ווערן די וואַסער-פראַגע, אַז עס זאָל דאָ אויך קענען קולטיווירט ווער, די גרייפּ-פרוט („אשכולות").

דער געגנט באַזיצט אַלע מעלות און קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געדיכט-באַפעלקערטן, „אַלץ איז אָבער אָפּהייניג פון מזל" אפילו די באַזעצונג פון אַ געגנט אין ארץ-ישראל. פאָרלויפיג ליידט דער גליל-העליון פון א יי נ ז אַ מ ק יי ט. צוואָרפענע ישובים, איינער פון אַנדערן שעהן ווייט. דער, וואָס קומט אַהער פון עמק-יזרעאל אָדער פון תל-אביבער אומגעגנט (השרון), קען זיך ניט צוגעוואוינען צו דער שטילקייט, וועלכע הערשט דאָ. זיצסט ביים שאָסיי שעהן לאַנג און וואַרטסט אויף אַן אויטאָמאָביל. דערפאַר אָבער קען זיך די אויג ניט אָנזעטיגן פון דער לאַנדשאַפט און דעם ספּעציפיש ארץ-ישראלדיגן קאָלאָריט פון באַרג און טאָל.

די ביאַליסטאָקער אין אילת-השחר זיינען ניט סתּם סאָלדאַטן פון דער מחנה. יעדערער פון זיי פאַרנעמט אויף זיין פלאַץ אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן. פון זיי איז אויך דער הויפּט - סעקרעטאַר, וועלכער פירט אין נאָמען פון דער קבוצה די אונטערהאַנדלונגען מיט די הויכע פקידים פון פּיק"א (וועלכע האָט אויפגעבויט דעם ישוב), מיט דער צענטראַלער באַנק און מיט די אַרבעטער-מוסדות. איינער איז אַ גוטער מאַשיניסט, דער אַנדערער איז אַ גוטער „פלח" (ערד-אַרבעטער) א. אַז. וו.

ניט בלויז דעם יונגן, אויפוואַקסנדיגן דור האָדעוואַען זיי דאָ, נאָר זיי מיען זיך אויך דעם אָוועקגייענדיגן דור — די עלטערן — אַהערצו אַראָפּברענגען, זיי זאָלן דאָ, צווישן די

גליליער בערג, זייערע לעצטע יאָרן פאַרברייננגען, טאָג - טעגלאַך קומט אַהערצו אַ שוחט פון אַ נאָנטער קאָלאָניע, רייטנדיק אויף אַן אייזל, כדי צוצושטעלן פלייש אויף די קבוצה - חברים און זייערע עלטערן.

עס זיינען דאָ צוגעקומען אויך עטלאַכע ביאַליסטאָקער פון דער לעצטער חלוצישער עליה. מ'דאַרף אָבער מיט באַדויערן פאַרצייכענען, אַז זיי געדיינקען שוואַך זייער אויסוואַנדערונג-שטאָט ביאַליסטאָק. אמת, פאַלט אַמאָל אַריין ביי זיי אין האַנט די היימישע צייטונג, כאַפּט מען זיך צו צום לייענען און מ'היפּט ניט איבער אפילו די מודעות (אפשר דווקא די מודעות לייענט מען מיט גרויס אינטערעס). צו האָבן אין זינען די חלוצים פון דער היים-שטאָט קענען זיי ניט, פשוט דערפאַר, וואָס זיי טראָגן אַ גרויסן יאָך אויף זייערע פּלייצעס. זיי זיינען דער אַוואַנגאַרד פון גליל-העליון, וועלכער בויט מיט אָנשטריינגונג און גייסטיגע-פיזישע כוחות אַ ווירטשאַפטלאַכע פעסטונג אין אַ איינזאַמען געגנט.

ווען דער עתיד וועט דערציילן וועגן די ראשונים, וואָס האָבן זייער לעבן אַוועקגעגעבן פאַרן גליל, וועט צווישן די דאָזיגע באַזונדערס זיין פאַרצייכנט דער נאָמען פון די ביאַליסטאָקער חלוצים.

---

**ב. גוטמאַן**

# דער נייער ווירטשאַפטלאַכער עטאַפּ אין יידישן צייטונג=וועזן

דער קריזיס—די מחלה, וואָס פאַרצוקט ביי היינטיגער צייט די שטאַרקסטע ווירטשאַפטלאַכע אונטערנעמונגען, ברעכט אונטער זייער קיום, און וואַרפט טויזנטער אַרבעטער און אָנגע-שטעלטע אין די אָרימס פון נויט און יאוש,—האָט אויך געלייגט איר שטאַרקן חותם אויפן יידישן פּרעסע-וועזן אין פּוילן.

אויב אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן יאָרנלאַנג געשמט מיט זייער סאָלידקייט, רייכקייט און גלאַנץ, האָבן זיך געלאָזן דורכן קריזיס אָפּווישן פון אויבערפלאַך, פאַרשטיקנדיג דעם וויי און קרעכץ פון די טויזנטער אַרבעטער און אָנגעשטעלטע און אָנגענומען פאַר ליב די איינציגע טרייסט אין די דאָזיגע שווערע מאָמענטן, די גראָשנדיגע סאָציאַלע אונטערשטי-צונגען—האָט עס אָבער אַנדערש אויפגעפאַסט דער יידישער צײַ-טונג-וועזן אין פּוילן.

ביטערע צייטן האָט דורכגעלעבט און לעבט נאָך איצט אויך איבער דער יידישער צייטונג-וועזן אין פּוילן.

די יידישע פּרעסע איז שוין געשטאַנען ביים ראַנד פון אונטערגאַנג, דער קריזיס האָט מיט זיין גאַנצער שווערקייט זיך געלאָזן פילן, אָבער ניט קוקנדיג אויף דעם אַלעמען, איז דער צייטונג-וועזן ניט אַריינגעפאַלן אין יאוש, נאָר מ'האָט אָנגעהויבן זוכן מיטלען, ווי זיך צו ווערן פון דער שווערער מחלה. ס'האָט זיך געפאָדערט אַ נייס, אַ איבערבויאונג פון די יסודות, וואָס זאָלן מעגלאַך מאכן די ווייטערדיגע עקזיסטענץ.

און אָט איז געפאַלן דער לאָזונג פון קאָלעקטיוויזאַציע — אַ קאַרדינאַלער שנוי אין דער ווירטשאַפטלאַכער סטרוקטור פון די אונטערנעמונגען, וואָס האָט געפאָדערט אַ געמיינזאמע שפּראַך פון ביידע צדדים, סיי פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע און סיי פון די אונטערנעמערס.

ניט גרינג, פאַרשטייט זיך, איז עס אָנגעקומען, ס'זיינען נויטיג געווען קרבנות פון ביידע צדדים, אָבער ניט געקוקט אויף אַלע מכשולים, איז מען דאָך געקומען צו אַן אויסגלייך און דער יידישער צייטונג-וועזן איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ אומבאַ-דינגטן אונטערגאַנג, אָדער אין בעסטן פאַל—געוואַלדיגער פאַר-קלענערונג, וואָס וואָלט פאַרמינערט איר חשיבות און ווערט.

ס'זיינען אויך דערמיט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אונ-טערגאַנג הונדערטער יידישע משפּחות.

כמעט אַלע יידישע צייטונגען אין פּוילן פאַרמאָגן ניט ביי היינטיגס טאָג קיין אונטערנעמער, זיי ווערן געפירט דורך דער אינערציע פון געמיינזאַמען כוח, וואָס רופט זיך: קאָלעקטיוו.

די יעניגע, וועלכע האָבן ניט געוואָלט פאַרשטיין דעם געבאָט פון דער נייער צייט און זיך ניט געקענט געבן די מינדסטע מי, זיך איינצולעבן אין די נייע ראָמען, האָבן געמוזט אומברחמנותדיג אַרויסגעשמיסן ווערן פון כלל.

און אויך ביאַליסטאָק האָט מיט 2 יאָר צוריק דורכגעמאַכט דעם דאָזיגן עטאַפּ.

די איינציגע יידישע צייטונג אין שטאָט האָט געהאַלטן ביים קראַכן, און נאָר אַ דאַנק דעם געמיינזאַמען כוח פון קאָ-לעקטיוויזאַציע, איז ניט בלויז די צייטונג אָפּגעראַטעוועט גע-וואָרן פון אונטערגאַנג, נאָר, אדרבה, זי האָט זיך פאַרשענערט סיי אין כמות, סיי אין איכות. ס'האָט זיך געשאַפן אַ רואיגע אַטמאָספער פאַר פּראָדוקטיווער און נוצלאַכער אַרבעט.

אָבער דאָס אַלץ באַווייזט נאָך ניט, אַז די אַלע, וועלכע זיינען ביי איר באַשעפטיגט, זיינען מאַטעריעל באַפרידיגט, די צייטונג אלס אונטערנעמונג האָט נאָך גענוג זאָרגן.

אָבער ניט קוקנדיג אויף די מאַטעריעלע מניעות, לאָזט זי עס ניט פילן דעם קאָנסומענט-לייענער, וועלכער באַקומט טאָג-טעגלאַך אַ שיינע 6-זייטיגע צייטונג מיט אַ גוטן פּובליציסטישן אינפאָרמאַטיוון מאַטעריאַל.

„אונזער לעבן" איז געוואָרן אַ נויטוועדיגקייט פאַר ביאַ-ליסטאָק.

די נייע יסודות און רעאָרגאַניזירונג אין צייטונג-וועזן, ד. ה. דער איבערגיין אויף קאָלעקטיווע באַדינגונגען, באַווייזט, וואָס פאַר אַ געזונטער חוש ס'האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט ביי די שאַפערס פון נייעם ווירטשאַפטלאַכן עטאַפּ פון יידישן פּרעסע-וועזן אין פּוילן בכלל און אין ביאַליסטאָק בפרט.

דאָס דאַרף באַגריסט ווערן, און אפשר וואָלט עס אויך גע-דאַרפט דינען פאַר אַ מוסטער פאַר אַ סך אנדערע אונטערנע-מונגען, וועלכע האַלטן זיך ביים ברעכן און קענען געראַטעוועט ווערן דורך איבעראַנדערשונג אויף אנדערע יסודות.

מ. ז. האַכמאַן

# ווי זעט אויס דער אַסעקוראַציע=וועזן אין ביאַליסטאָק?

„מאַכן אַ סטראַכאָווקע“—אַזוי געוויינטלאַך רופט מען אָן די טראַנזאַקציע פון פאַרזיכערן דעם פאַרמעגן פון אַ שרפה, גנבה, אומגליק, טויט-פאַל און אַנדערע אומגעריכטע שלעק אָדער קלעפּ פון אומבאַקאַנטן מזל.

„סטראַכאָווקע“—דער דאָזיגער וואָרט האָט נאָך געקלונגען אַ סך אימפּאָנירנדיגער אין יענער צייט, ווען פון די ווענט פון ביאַליסטאָקער הייזער האָבן אַראָפּגעגלאַנצט די פאַרשיידענע קאָלירטע שילדלאַך, פירקאַנטיגע, אָוואַלע און קיילעכדיגע, אויף וועלכע ס'האָבן שעמערירט די אויפשריפטן, „סאַלאַמאַנדראַ“, „סאַנקט - פּעטערבורגסקאָיע“, „מאָסקאָווסקאָיע“, „סעווערנאָיע“, „ראָסיא“ א. ד. גל.

בײַ אָט די „סטראַכאָווקעס“ האָבן דאַמאָלס געמאַכט אַ גאַנץ פיינעם און טיילמאָל אויך נגידישן לעבן אַ אָנדערהאַלבן צענדליג אינטעליגענטע ביאַליסטאָקער יידישע משפחות, פון וועלכע אַ סך געדיינקען נאָך געוויס די נעמען ווי: וואַלק, וויינציער, לאַסקי, ראַם, דלוגאַטש, קעמפנער א.אַ.וו.

די דאָזיגע אַגענטן האָבן געהאַט, יעדער איינער, זיין געזעלשאַפט, זיין רעפּרעזענטאַנץ, דער אַגענט איז געווען אַ געוואוינטשענער, געאַכטער מיטאַרבעטער בײַ זיין געזעלשאַפט, אָבער גלייכצייטיג אויך אַ אָנגעלייגטער גאַסט בײַ דער קליענטעלע.

אָט דער פעסטער מעמד פון אַסעקוראַציע-אַגענט און פון גאַנצן מין אַסעקוראַציע-וועזן בכלל האָט זיך דאַמאָלס באַזירט, דער עיקר, אויף דער אַסעקוראַנץ פון אומבאַוועגלאַכע גיטער, אַלערליי וואוינונג-הייזער און בנינים, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם געזינטסטן און נאָרמאַלסטן טייל פון גאַנצן אַסעקוראַציע-געשעפט.

אויך בנוגע דעם קליענט און די מעגלאַכע היזקות, פלעגן די גרויסע און שטיין-רייכע רוסלענדישע אַסעקוראַציע-געזעלשאַפטן אַרויסווייזן אַ גאַנץ אַנדער באַציאונג ווי היינט, די קאַסעס פון די געזעלשאַפטן זיינען געווען איבערלאָדן מיט געלט-רעזערוון און ס'האָט ניט געשפּילט קיין ראָלע נאָך טויזנט, אָדער נאָך פינף טויזנט רובל, אַבי דער קליענט זאָל קיין טענות ניט האָבן.

ביאַליסטאָק איז פאַר די רוסלענדישע אַסעקוראַציע-פירמעס געווען אַ גוטער קליענט, די אין אַ ראַשיגן אימפּעט וואַקסנדיגע אינדוסטריע, האָט געגעבן יערלאַך גרויסע סומעס „פּרעמיע“, אויך די לעבן-אַסעקוראַציע איז דאָ געווען אויף דער העכסטער מדרגה אַנטוויקלט, עס איז אין ביאַליסטאָק מיט אַ דור צוריק ניט געווען קיין צווייטע באַלעבאַטישע הויז, וואו ס'האָט זיך ניט געפונען אַ פּאָליס פון „ראָסיא“, „זשיזן“, „פּעטערבורגסקאָיע“ און ד. גל.

אָבער ביאַליסטאָק, מיט איר ספּעציפישער ענערגיע און שאַפונג-כוח, איז ניט בלויז געווען אַ געביט פון עקספּאַנסיע פאַרן רוסלענדישן אַסעקוראַציע-געשעפט, נאָר זי האָט אויך באַוויזן צו שאַפן און איינפונדעווען אין שטאָט אייגענע אַסעקוראַנץ-געזעלשאַפטן; אַזוי, למשל, איז אונזער שטאָט געווען, דוכט זיך, די איינציגע אין דער צפון-מערבדיגער רוסלאַנד, וואָס האָט פאַרלייגט בײַ זיך אַ אייגענע געזעלשאַפט — די „ביאַליסטאָקער קעגנזייטיגע פאַרזיכערונג-געזעלשאַפט“, וואָס איז שפּעטער אויסגעוואָקסן אין אַ סאָלידער פאַרזיכערונג - אינסטיטוציע און איז שטאַרק טעטיג אויך היינט.

ביאַליסטאָק האָט פאַר דער מלחמה אויך פאַרמאָגט אַ גוט אַוועקגעשטעלטע „קעגנזייטיגע פאַרזיכערונג - געזעלשאַפט אויפן פאַל פון טויט“, אַ מין איצטיגע „עזרה“, אָבער אַוועקגעשטעלט אויף ראַציאָנעלע, ריין-קאָמערציעלע יסודות.

אונזער שטאָט האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אויך אירע אָריגינעלע ספּעציאַליסטן—פאַכלייט, אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שטיקל צייט באַקומען אפילו אַ גרויסן נאָמען, ווי למשל ה' שוויף, וואָס האָט שיר ניט אויפגערודערט אַ וועלט מיט זיין פּראָיעקט פון אויסנוצן דעם אַסעקוראַציע-וועזן בײַ יידן צום צוועק פון... אַ יידישער מלוכה אין א“י. אויך אַזעלכע גלענצנדיגע קענערס פון מאָדערנעם אַסעקוראַציע-געשעפט, ווי פאַלק קעמפנער און דער פאַרשטאָרבענער וואַקס ז“ל, זיינען זעלטן וואו צו געפינען.

אָבער אָט די פאַקטן געהערן שוין כמעט אַלע צום אַמאָל... היינט זיינען, פּונקט ווי אויף אַלע איבעריגע געביטן פון האנדל און וואנדל, אָנגעקומען אויך שווערע צייטן פאַר דער אַסעקוראַציע.

קודם כל, איז אַוועקגענומען געוואָרן בײַם פּוילישן פּריוואַטן אַסעקוראַציע-וועזן דער הויפּט-צווייג זיינער—די אַסעקוראַציע פון בנינים. דער דאָזיגער מעכטיגער געביט פון אַסעקוראַציע-וועזן איז איבערגעגעבן געוואָרן אין מאָנאָפּאָל אַ האַלב-מלוכהשער געזעלשאַפט, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „אַלגעמיינער אַנשטאַלט פאַר קעגנזייטיגע פאַרזיכערונגען“ (פּ.ז.או.וו.)

אויסטיילנדיג די אַסעקוראַציע פון בנינים, איז פון גאַנצן איבעריגן אַסעקוראַציע-וועזן שוין קיין סך ניט פאַרבליבן, די א.ג. ציווילע זיכערונגען פון געשעפטן, הויז-ווירטשאַפט, א.ד.גל., שפּילן אַ סך אַ קלענערע ראָל. די וויכטיגסטע, אין באַטראַכט קומענדיגע פאַרבליבענע געביטן, זיינען, נאַטירלאַך, די פאַבריק-זיכערונגען, וואו ס'איז, אגב, ניט חל דער צוואַנג פון פּ.ז.או.וו. און אויך די לעבן-אַסעקוראַציע.

אָט אויפן דאָזיגן שטאַרק פאַרשמעלערטן געביט פון אַסעקוראַציע-אַרבעט האָבן זיך אָבער אין באַנייטן פּוילן אַ וואָרף געטאָן ניט מער און ניט ווייניגער ווי אַ דרייסיג אַסעקוראַציע-קאָמפּאַניעס, סיי אינלענדישע, סיי אויסלענדישע.

אין די יאָרן 1926–27 האָט זיך אין פּוילן אָנגעהויבן אפילו אַ שטיקל „האָסע“, גאַנץ באַזונדער אויפן געביט פון לעבן-אַסעקוראַציעס, די גרויסע אויסלענדישע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן אויפן מאַרק, ווי אויך די פאַרהעלטנישמעסיג הויכע פּראָוויזיע, האָבן צוגעצויגן צו אָט דעם צווייג פון אַסעקוראַציע זייער אַ סך אַגענטן-אַמאַטאָרן...

נאַטירלאַך, זיינען אויך אַ סך ביאַליסטאָקער יידן, וואָס האָבן אפילו קיין אנונג ניט געהאַט, וואָס לעבן-אַסעקוראַציע איז, מיטאַמאָל געוואָרן אַגענטן, קיין סך האָט זיך דערצו אויך ניט געפאָדערט, אַ קרייז באַקאַנטע, אַ... טעקע, אַ ביסל שמאַרגאַלן און אַנדערע געדרוקטע שאַלאַמייזן און מ'איז געווען פיקס און פאַרטיג צו נעמען „וויזיטאַסקעס“.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און ס'איז געקומען די אַנטוישונג. די גוטע פאָר יאָר זיינען פאַרשוואונדן, די קליענטן גופא זיינען פאַראָרימט געוואָרן, די וועקסלען זיינען ניט געצאָלט געוואָרן און פון דער אָנגעפאַרדינטער פּראָוויזיע האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך.

די פאַרשיידענע „ליבהאָבערס“, אַמאַטאָרן און אפילו אַמאַטאָרקעס (געווען אויך אזעלכע) טראָגן זיך אָפּ פון פלאַץ, ס'בלייבן בלויז געציילטע עקשנים, וואָס האָבן זיך שוין איינגעגעסן אינם ביטערן ברויט און, פארשטייט זיך, אויך די פּראָפעסיאָנעלע אַגענטן פון פריער.

אָבער אויך פאר דעם פארבליבענעם הייפל (ארום 50 משפחות) ווערט, וואָס אַ טאָג, דער לעבן אַלץ שווערער, ביאַליסטאָק מיט איר האלב-געשטאָרבענער אינדוסטרי, מיט איר באַפעלקערונג (באַזונדערס די יידישע), וואָס זינקט אומאויפהערלאַך אין אַ עקאָנאָמישן תהום, אָט די ביאַליסטאָק דאַרף מער ניט האָבן אזויפיל אגענטן, רעפּרעזענטאנטן און ביוראָען, ווי זי פארמאָגט זיי ביים איצטיגן טאָג.

זעען מיר טאקי, ווי איינע נאָך דער אַנדערער ליקווידירן זיך דאָ די אינספּעקטאריאטן פון גרויסע געזעלשאפטן, דער גאנצער אַסעקוראציע-וועזן אין ביאַליסטאָק שרומפּט זיך איין אַלץ מער און דאָס וואָס עס פאַרבלייבט פון אים ווערט, וואָס ווייטער, אַלץ מער אַן ענין פון פערזענלאכן, דירעקטן קאָנטאקט צווישן אַגענט מיט זיין קליענט.

די דאָזיגע אייגנארטיגע „סטאביליזאציע“ פון ביאַליסטאָקער אַסעקוראציע-וועזן באַאומרואיגט אַלץ מער די פאכלייט און אגענטן, די לעצטע האָבן מיט אַ געווויסער צייט צוריק אפילו געפּרובט שאפן אַ פּראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציע, וואָס זאָל פארבעסערן די מאטעריעלע און מאָראַלישע לאגע פון אגענט און אפשר אויך געבן דעם גאנצן מין אַסעקוראציע אַ שענערן אויסזען און חשיבות, צום באדויערן אבער איז פון דערמאָנטן פּרוב פאָרלויפיג גאָרניט געוואָרן.

דערביי דאַרף מען אָבער דערמאָנען, אַז חוץ דער אַלגעמיינער ווירטשאפטלאַכער סטאַגנאַציע, האָבן זייער אַ סך מיטגעווירקט צום קריזיס פון אַסעקוראַציע-וועזן געוויסע ספּעציפישע סיבות; שווערע זינד זיינען זיכער באַגאַנגען געוואָרן ביי די לעבן-אַסעקוראציעס. דער מאַכן „סטראַכאָוועקס“ ביי יהיה מי שיהיה, אויף לינקס און אויף רעכטס, האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון האָלץ-האַקן, אָבער ניט פון קיין געזונטע, צוגעפּאַסטע טראַנזאַקציעס, און ס'איז דעריבער ניט קיין חידוש, וואָס צוליב דעם איז אונטערגעגראָבן געוואָרן דער צוטרוי, צו אָט דער אין תוך גענומען, געזינטסטער און נוציגסטער פאָרם פון אַסעקוראַציע.

אויך דער באַנקראָט פון דער אין ביאַליסטאָק שטאַרק-פּאָפּולערער, קאָאָפּעראַטיווער פייער-פאַרזיכערונג-געזעלשאַפט, דער „פאַרזיכערונג-פארבאַנד פון פוילישע אינדוסטריעלער“, אָדער ווי מ'פלעגט אים רופן קורץ, דער „זוויאָנזעק“, וועלכער האָט דאָ געהאַט ביי אַ האַלבן טויזנט גרעסערע און קלענערע קליענטן, האָט אויך געווירקט דעפּרימירנדיג און אָנשרעקנדיג אויף דעם ברייטן עולם פאַרזיכערערס. די דאָזיגע מוזן איצט פשוט צוטראָגן פון קעשענע, כדי צו דעקן די פאַטאַלע ווירטשאַפט, וואָס איז געפירט געוואָרן דורכן דערמאָנטן שלימזלדיגן פאַרזיכערונג-קאָאָפּעראַטיוו.

דערביי פארגעסט אָבער דער ברייטער עולם אין ביאַליסטאָק, אַז אין פוילן האָט שוין כמעט אויפגעהערט צו עקזיסטירן דער מין פון קעגנזייטיגע פאַרזיכערונג-געזעלשאַפטן. ערשט היינטיגס יאָר האָט איינע פון די עלטסטע און סאָלידסטע קעגנזייטיגע פאַרזיכערונג-געזעלשאפטן, די „קראקאָווסקא“, איבערגעמאַכט אין סטאַטוט אויף אַ אַקציאָנערן-געז. און זיך אַ נאָמען געגעבן „פלאָריאַנקאַ“. וואָס ס'איז שייך ווידער די איינע, אָדער צוויי נאָך פאַרבליבענע קעגנזייטיגע פאַרז. געז. האָבן זיי זיך אזוי איינגעאָרדנט, אַז זיי נעמען אויף זיך אַ ריזיקע פון בלויז 1—3 פּראָצענט און די רעשטע פון 97—99 פּראָצענט היזק ווערט דורך זיי איבעראַסעקורירט, אַזוי אַז פאַרן קליענט קענען קיין שום קאָמפּליקאַציעס ניט אַנטשטיין.

בכלל דאַרף דערמאָנט ווערן דער פאַקט, וואָס חוץ אַ פּאָר אויסנאַמען, זיינען אַלע איבעריגע א. ג. אינלענדישע פאַרז.-געז. לאַנג שוין, אויף דרייפערטל און ס'רוב אויף גאנצע הונדערט פּראָצענט, פארשלונגען געוואָרן פון אויסלענדישע אַקציאָנערן און אויסלענדישע אַסעקוראַנץ-קאָמפּ.

עס זיינען נאָך פארבליבן 1—2 באמת אינלענדישע געזעלשאַפטן פון די סאַמע שטאַרקסטע און קאַפּיטאַל-קרעפטיגסטע, אָבער אויך זיי וועלן פריער אָדער שפּעטער, גלויבן מיר, ניט אויסמיידן קיין „פוזיע“ מיטן אויסלענדישן קאפּיטאַל...

געוויס, דער וואָס אַסעקורירט זיך, דאַרף ניט לייגן בלינד זיין אונטערשריפט, ער דאַרף געוויינטלאַך זיך אָפּגעבן אַ חשבון מיט וועמען און מיט וואָס ער שטעלט זיך אין פארבינדונג. ער טאָר אָבער בשום אופן ניט פארלירן דעם צוטרוי צוליב דער אָדער יענער צופעליגקייט אין דער אַסעקוראציע-וועלט.

נאָך אלעמען איז אַ אַסעקוראציע-אינסטיטוציע, לויט איר אינערלאַכער נאַטור, איינע פון די זיכערסטע און געזינטסטע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, וועלכע געפינט זיך אונטער אַ שטענדיגן און אויסערסט-שטרייגן מלוכהשן קאָנטראָל, און די דורך איר אַרויסגעגעבענע פּאָליסן זיינען שטענדיג גאַראַנטירט דורך אַנטשפּרעכנדיגע מיליאָניגע קויצעס, הן אין הייזער, הן אין מזומן, וואָס דינען אלס משכנות ביי דער רעגירונג.

דער פאַל מיטן „זוויאָנזעק“ איז בלויז אַ טרויעריגער אויסנאַם, הגם דער דאָזיגער אויסנאַם האָט פאַרמאָגט אין זיך אויך זיין פאַרקערטע, מער גינסטיגע זייט פון דער מטבע, ווייל ביי אַ קאָאָפּעראטיווער פייער-פאַרזיכערונג-געז. איז דער פּאָליס-אייגנטימער אבסאָלוט זיכער, אַז דער עווענטועלער שאָדן ביי אַ שרפה, גנבה א. ד. גל. וועט באַצאָלט ווערן, ווייל פארן פּאָליס זיינען ערוב די צענדליגער טויזנטער מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו.

אָבער אויך ביי די פאַרמיטלערס צווישן די געזעלשאפטן און דעם קליענט — ביי דעם עולם אַגענטן, קען עס אזוי ווייטער ניט גיין. ס'מוז אויך דאָ געמאכט ווערן אַ סוף מיט דער אומברחמנותדיגער קאָנקורענץ, מיט „אונטערשטעלן אַ פיסל“ און מיט דער הפקרות, וואָס הערשט אין „פאַך“. אַסעקוראציע-אַגענטן פלעגן פון שטענדיג אָן זיך רעקרוטירן פון די אינטעליגענטסטע און בעסטע משפחות און גראָד זיי דאַרפן זיך היטן, ניט פאַלן צו נידעריג...

ביאַליסטאָקער אַגענטן דאַרפן ראשית שאַפן זייער פּראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציע, דארפן אפשר אָנהויבן זוכן אויך מער ראַציאָנעלע און מאָדערנע פאָרמען פון אַרבעט, ווי דער שטענדיגער אַרומשמייען מיטן פּאָרטפּעלטשיק און שלעפּן דעם קליענט ביים אַרבל...

נאָר ווען די היגע אַגענטן וועלן זיך אָרגאניזירן און קאָנסאָלידירן, וועלן זיי ממילא אויך אויפהויבן אויף אַ העכערער מדרגה זייער באַרוף, וועט וואַקסן צו זיי דער צוטרוי, ווייל דער קליענט וועט דאמאָלס וויסן, אַז ער שיינקט זיין צוטרוי ניט סתם עפּעס אַ איינזאמען איקס אָדער איגרעק, נאָר אַ מיטגליד פון אַ חשובער קאָרפּאָראציע, וואָס אַז מ'דאַרף איז זי אחריותדיג פאר אים און שטייט אָבער אויך הינטער אים...

אינזש. הערמאַן ליפשיץ

# די צענטראַלע וואַסער=הייצונג

איינע פון די עלטסטע צווייגן פון דער טעכניק איז די צענטראַל-באַהייצונג פון וואוינונגען. נאָך טיף אין אַלטערטום ביי די רוימער איז שוין אויפן דאָזיגן געביט אַ סך געטאָן געוואָרן. דאָס באַשטעטיגן די אויסגראָבונגען פון די אַלטע רוימישע שטעט. צוליב טעמים פון באַלעבאַטישקייט האָט מען געשטרעבט צו האָבן אין יעדער הויז בעסער איין הייצשטעל איידער אַ סך. און דאָס פלעגט מען דערגרייכן דורך דער קאַנאַל-הייצונג און דער לופט-הייצונג.

די קאַנאַל-הייצונג איז באַשטאַנען דערין, וואָס אונטער דער פּאָדלאָגע פון די צימערן פלעגן גיין געמויערטע קאַנאַלן, דורך וועלכע די הייץ-גאַזן פלעגן דורכגיין איידער זיי זיינען אַרויס דורכן קוימען. ביי דער לופט-הייצונג געפינט זיך אונטער דער הויז אַ געמויערטע הייץ-קאַמער, אויף אָנצוואַרעמען לופט און די אָנגעוואַרעמטע לופט פלעגט דורך קאַנאַלן אין די ווענט פליסן אין די צימערן.

די דאָזיגע הייצונג פלעגט מען אָנווענדן, ווי געזאָגט, בלויז צוליב טעמים פון באַלעבאַטישקייט, ווייל היגיענישע מאָטיוון האָבן דאָ קיין שום ראָלע ניט געשפּילט.

ערשט אין די נייערע צייטן, בעת אין לעבן פון מענטש האָט די היגיענע אָנגעהויבן שפּילן אַ וויכטיגע ראָלע, ווערן אויך אויפן געביט פון הייצונג אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט היגיענישע טעמים, היגיענישע פאָדערונגען.

פון היגיענישן שטאַנדפּונקט טאָר די צימער-לופט ניט פאַראומריינעט ווערן דורך מעכאַנישע אָדער גאַז-פאָרעמדיגע ביימישונגען, ווי דער שטויב פון ברען-מאַטעריאַל, רויך, קוילנזויער א. ד. גל. ווייטער זאָל דער צימער האָבן, האָריזאָנטאַל ווי ווערטיקאַל, אַ גלייכמעסיגע טעמפּעראַטור. די לופט אונטן ביי דער פּאָדלאָגע טאָר ניט זיין קעלטער ווי אינמיטן אויף דער הויך פון קאָפּ. ס'מוז זיין, קורץ גערעדט: „וואַרימע פיס — קאַלטער קאָפּ". חוצדעם מוז די הייצונג זיין רעגולירבאַר, כדי ביי פאַרשיידענע אויסערלעכע טעמפּעראַטורן צו דערהאַלטן שטענדיג אויף דער זעלבער הויך די טעמפּעראַטור אין צימער.

די דאָזיגע היגיענישע פאָדערונגען קענען אָבער דורך די אויבנדערמאָנטע סיסטעמען פון הייצונג ניט דערגרייכט ווערן. פון געוויינלעכע אויוונס שוין אָפּגערעדט. דערגרייכן קען מען עס נאָר דורך אַ גוט אויסגעפירטער וואַרים-וואַסער הייצונג.

די וואַסער הייצונג באַשטייט אין אַט-וואָס:

וואַסער, אָנגעוואַרעמט אין אַ קעסל, פליסט דורך רערן אין די הייץ-אַפּאַראַטן (ראַדיאַטאָרן, ריפּנרערן, א. אנד.), וועלכע ווערן אין יעדער צימער אויפגעשטעלט אונטער די פענצטערס אָדער ביי די דרויסן-ווענט. אין די הייץ-אַפּאַראַטן קילט זיך די וואַסער אָפּ און פליסט אויטאָמאַטיש אין קעסל צוריק. דער שטענדיגער אויטאָמאַטישער קרייז-לויף ווערט אַרויסגערופן דורך די פאַרשיידענע געוויכטן פון קאַלטע און וואַרימע וואַסער.

איין קוביק מעטער וואַרימע וואַסער פון 90° C וועגט 965,3 קילאָגראַם, אַקעגן-זשע פון 65° C וועגט 980,6 קילאָגראַם. צווישן 2 וואַסער זיילן פון 1 מעטער הויך, איינע 90° C און די צווייטע 65° C, באַשטייט אַ דיפערענץ פון 15,3 קילאָגראַם אויף יעדער קוואַדראַט מעטער. די דאָזיגע דרוק-דיפערענץ ווערט באַניצט ווי אַ מאָטאָרישע קראַפט פאַר דער באַוועגונג פונם וואַסער און פאַר דער איבערשטאַרקונג פון די רייבונגען אין די רערן. דער סכום פון די רייבונגען אין די רערן און הייץ-אַפּאַראַטן מוז גענוי אנטשפּרעכן דער פאַראַנענער דרוק-ציפערענץ. די מאָסן פון די רערן מוזן דעריבער באַשטימט ווערן נאָך אַ זייער גענויער אויסרעכענונג. ביי אַ פאַלשער אויסרעכענונג אָדער ניט פאַכמענישער אויספירונג וועלן די הייץ-קערפּערס ניט זיין גלייכמעסיג דערוואַרימט, אָדער אַ טייל פון זיי וועט דערהויפּט בלייבן קאַלט.

הגם די ערשטע וואַסער-הייצונג איז אויסגעפירט געוואָרן אין לאָנדאָן שוין אין יאָר 1819, האָט זיך די דאָזיגע סיסטעם פון הייצונג אָנגעהויבן פּאַקטיש צו פאַרשפּרייטן, דער עיקר אין אונזערע קאַלטע געגנטן, ערשט מיטן סוף פון פאָריגן יאָרהונדערט. דערהויפּט אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה האָבן שוין כמעט אַלע גרעסערע הייזער באַקומען צענטראַל-וואַסער-הייצונג. פון איין קעסל אין אַ הויז פלעגן באַהייצט ווערן צענדליגער וואוינונגען און הונדערטער צימערן.

די מלחמה האָט אָפּגעשטעלט די פאַרשפּרייטונג פון דער צענטראַלער וואַסער-הייצונג. די מלחמה-יאָרן האָבן אַרויסגעוויזן עטלעכע שאָטן-זייטן פון אַ צענטראַלער הייצונג. אין דער עת צרה, בשעת קוילן זיינען געווען אויף געוויכט פון גאָלד, אָדער זיינען אינגאַנצן ניט געווען צו קריגן, האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן די אומבאַקוועמלעכקייט פון אַ קאָלעקטיוו אויפן דאָזיגן געביט. די באַלעבאַטים זיינען ניט אומשטאַנד געווען צו שאַפן אליין הייץ-מאַטעריאַל. דאָס האָבן געמוזט טאָן די שכנים אליין. אָבער ניט אַלע שכנים פון הויז האָבן געהאַט גלייכע געלט-מיטלען. עס זיינען אַנטשטאַנען קריגעריען און ניט וויניג האָט מען מקנא געווען די יעניגע, וואָס האָבן דירות מיט פּשוטע אויוונס. לכל הפּחות איז דאָ איינער ניט געווען אָפּהענגיג פון אַנדערן.

צוליב די דאָזיגע טעמים האָט זיך די צענטראַלע וואַסער-הייצונג אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין די נאָך-מלחמה-יאָרן אין אַן אַנדער ריכטונג. די שטרעבונג איז געווען צו מאַכן איין דירה אומאָפּהענגיג פון דער אַנדערער, יעדע דירה מוז האָבן אַ וואַסער-הייצונג פון אַ באַזונדער קעסל. מ'האָט אָנגעהויבן בויען אַזעלכע קעסלען, וואָס ווערן איינגעמויערט צוזאַמען מיט דער קיך-פּליטע, אגב, זאָל מען קענען, הייצנדיג דעם קעסל, גלייכצייטיג קאָכן אויף דער פּליטע.

די דאָזיגע פּרובן האָבן זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר ניט זייער פּראַקטיש און צו טייער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּשוטער, ביליגער און קודם כל זיכערער איז — באַהייצן די דירה דורך אַ באַזונדער קעסל, וועלכער איז אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער קיך-פּליטע.

אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך אויפן האַנדל-מאַרק באַוויזן אַזעלכע קליינע דירה-קעסלאָך, וועלכע זעען אויס ווי שיינע מעבל שטיק און קענען אויפגעשטעלט ווערן אין יעדער וואוין-צימער. אַ דאַנק די דאָזיגע קעסלאָך איז טאַקי מעגלאָך געוואָרן, איינצואָרדענען גוט און ביליג אין יעדער דירה אַ באַזונדער וואַסער-הייצונג.

די קליינע קעסלאָך, וועלכע קענען, ווי געזאָגט, אַ דאַנק זייער עסטעטישן אויסזען, געשטעלט ווערן אין יעדער צימער פון דער דירה, באַזיצן אין זייערע ווענטלאָך קאַנאַלן, אין וועלכע עס פליסט די וואַסער, וואָס ווערט אָנגעוואַרעמט דורכן פייער אויפן ראָשט. פון די קאַנאַלן ווערט די וואַסער דורך רערן צוגעפירט צו די ראַדיאַטאָרן, וועלכע שטייען אונטער די פענצטערס פון יעדער צימער. נאָכדעם ווי די וואַסער ווערט אין די ראַדיאַטאָרן אָפּגעקילט, פליסט זי צוריק אויטאָמאַטיש אין קעסל.

דער דאָזיגער אופן פון דירה הייצונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער פּראַקטיש סיי אין ווירטשאַפטלעכן, סיי אין היגיענישן פּרט און איז איצט זייער פאַרשפּרייט אין נייע הייזער, גרויסע ווי קליינע.

די מעלות פון אַזאַ וואַסער-הייצונג טרעט בולט אַרויס, ווען מ׳פאַרגלייכט איר מיט אַ הייצונג דורך קאַפל - אויוונס. אַ קאַפל-אויוון דערוואַרימט בלויז אַ טייל פון צימער. און גראָד דאָרט, וואו עס איז ליכטיג און געזונט צו זיצן, דערגרייכט ניט די וואַרימקייט פון אויוון. דאָס וויכטיגסטע און אייגנטלאַך דאָס שעדלאַכסטע פאַרן געזונט פון מענטשן איז אָבער דאָס, וואָס דער אויוון וואַרימט אָן נאָר די אויבערשטע לופט אין צימער, און אין די פיס איז קאַלט, ד. ה. גראָד דאָס אַנטקעגנגעזעצטע דערפון, וואָס די היגיענע פאַרלאַנגט: „וואַרימע פיס — קאַלטער קאָפּ". די רעזולטאַטן דערפון זיינען די גאָר אָפטע פאַרקילעכצן און קאַטאַרן.

ביי דער וואַסער-הייצונג איז עס ניטאָ. די הייץ-אַפּאַראַטן — ראַדיאַטאָרן — זיינען נידעריגע און שטייען אויף דער פּאָדלאָגע אונטער די פענצטערס. די קאַלטע לופט, וואָס קומט פון דרויסן— דורך די שפּאַרונעס אין פענצטערס אָדער דורך די טירן — און וואָס געפינט זיך שטענדיג אונטן לעם דער פּאָדלאָגע, (ווייל זי איז שווערער פון דער וואַרימער צימער-לופט), ווערט דורך די ראַדיאַטאָרן באַלד אָנגעוואַרימט, אַזוי אַז די אָנוועזנדיגע אין צימער פילן גאָרניט די קאַלטע לופט. מ׳קען דעריבער אָן שאָדן פאַרן געזונט זיצן ביים פענצטער און געניסן פון זון-שיין. דערביי קען מען די טעמפּעראַטור אין צימער רעגולירן און איינשטעלן גלייכצייטיג, אויף וועלכן גראַד מ׳וויל.

אויך די ווירטשאַפטלעכע נוצן פון אַ וואַסער-הייצונג זיינען זייער גרויס אין פאַרגלייך מיט קאַפל-אויוונס. אין דער צייט, ווען דער בעסטער קאַפל-אויוון גיט העכסטנס 45 ביז 50 פּראָצ. נוץ-עפעקט, ד.ה. די גרעסערע העלפט פון ברען-מאַטעריאַל גייט לאיבוד דורכן קוימען, דערגרייכט מען ביי אַ מעכאַניש-איינגעאָרדנטער וואַסער-הייצונג ביז 92 פּראָצ. נוץ-עפעקט. דער פאַרברויך פון ברען-מאַטעריאַל איז טאַקי ביי אַ וואַסער-הייצונג כמעט מיט אַ העלפט ווייניגער ווי ביי אויוונס.

דורכשניטלאַך דאַרף מען רעכענען דעם פאַרברויך פון ברען-מאַטעריאַל ביי וואַסער-הייצונג אַזוי:

ביי אַ פראָסט אינדרויסן פון 25 גראַד, כדי צו דערגרייכן אין דער גאַנצער דירה אַ גלייכמעסיגע טעמפּעראַטור פון 20 גראַד, ווערט פאַרברויכט:

ביי אַ דירה פון 5–6 צימערן 2–3 אַ האַלב קילאָ קוילן אַ שעה
" " " 3–4 " 2 און 2 אַ האַלב
" " " " 2 " 1–2 אַ האַלב

---

פסח מעלניצקי

# די טראַגישע לאַגע פון די יידישע האַנטווערקער אין ביאַליסטאָק

דער מוראדיגער קריזיס, וועלכער האָט, ווי אַ הוראַגאַן, צוטרייסלט דעם עקאָנאָמישן לעבן און אַלץ חרוב געמאַכט, האָט צושרעקלאַכסטן זיך אָפּגערופן אויף די יידישע האַנטווערקער אין פוילן און באַזונדערס ביי אונז אין ביאַליסטאָק.

אין יאָר 1932 איז די לאַגע ביי זיי געוואָרן האָפענונגלאָז און פאַרצווייפלט.

די פאַרשיידענע גזרות, ווי: די צעך-פאַרשריפטן, האַנטווערקער-קאַרטן, עקזאַמענס, שטראָפן פאַרן ניט צווינגען די לערן-ייִנגלאַך, צו באַזוכן די פאַך-דערגאַנצונג-שולע, פּאַטענטן, געשוואָלענע „נאַקאַזן" פון כלערליי שטייערן, פאַרצאַמונג פון אומזאַץ-מערק — דאָס אַלץ דערשטיקט די האַנטווערקער צום טויט, פון טאָג צו טאָג זעט מען אַלץ בולטער, ווי דער יידישער האַנטווערקער, דער פּראָדוקטיווסטער און נוציגסטער עלעמענט אין דער געזעלשאַפט, גייט אונטער.

ווען ס׳קומט זיך צונויף אַלע 2–3 חדשים דער ראַט פון די האַנטווערקער-פאַרוואַלטונגען פון אַלע צעכן, נעמט אָן אַ שוידער צו הערן די באַריכטן פון יעדער פאַך, ווי אַזוי די אַרבעטלאָזיגקייט און נויט פאַרגרעסערן זיך כסדר, הונדערטער האַנטווערקערס האָבן ניט קיין געלט אויף עקזאַמענס און פאַרלירן דעריבער די רעכט צו האַלטן לערן-ייִנגלאַך, קיין מלוכהשע אָדער קאָמונאַלע הילף קריגט מען ניט און דער שטייער-שרויף פּרעסט אויס אָן רחמנות די לעצטע ביסל בלוט.

שלעכט איז, וואָס אין גאַנץ פוילן איז היינט ניטאָ קיין ערנסטע אויטאָריטעטע, צענטראַלע קערפּערשאַפט, וועלכע זאָל זיך אָפּגעבן מיט די נויטן פון האַנטווערקער, ניט לאָזן אים אַזוי דריקן און שיקאַנירן. די צענטראַלע פון די יידישע האַנטווערקער אין וואַרשע ווייזט ניט אַרויס קיין שום סימנים פון לעבן און איר אינערלאַכער און אויסערלאַכער אויסזען מאַכן אַן איינדרוק, ווי אַ שילד אָן אַ געשעפט. ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל רעאַגירן קעגן אַזאַ שרייענדיגער עוולה, ווי דער ניט דערלאָזן, אַז די פאָרשטייערס פון די ביאַליסטאָקער יידישע האַנטווערקער, וועלכע ציילן ביי 2000 פערזאָן מיט אַזאַ צאָל וואַרשטאַטן, זאָלן זיין פאָרטראָטן אין די שאַצונג-קאָמיסיעס פון אומזאַץ-שטייער.

לויטן נייעם שטייער-געזעץ, וועלכער איז אַריין אין קראַפט אין 1932, מוזן אַלע האַנטווערקער אויסקויפן פּאַטענטן און צאָלן אומזאַץ-שטייער. לויטן אַרטיקל 8, פּונקט 5 פון שטייער-געזעץ, דאַרפן ניט צאָלן קיין אומזאַץ-שטייער די יעניגע האַנטווערקער וואָס אַרבעטן אַליין און מיט איין פאַמיליע מענטש. ווער-זשע וועט אין שטייער-צאַמט פאַרטיידיגן אָט דער קאַטעגאָריע האַנטווערקער? און ווער וועט פאַרטיידיגן די פאַכן, וואָס אונטערליגן ניט דעם אַרטיקל 142 פון צעכן-געזעץ און געניסן ניט פון ריטשאַלט-שטייער? ס׳איז זיך גרינג פאָרצושטעלן די צרות, וואָס די יידישע האַנטווערקער וועלן אינגיכן האָבן ביים אויסמעסטן דעם אומזאַץ-שטייער פאַרן יאָר 1932.

מ׳מוז וועגן דעם באַצייטנס אָנהויבן אַן אַקציע און אַלע ווירטשאַפטלאַכע אָרגאַניזאַציעס מוזן מיטהעלפן, אַז די האַנטווערקער זאָלן ניט איגנאָרירט ווערן און קריגן זייערע פאָרשטייערס אין די שאַצונג-קאָמיסיעס, ווי אַלע ווירטשאַפטלאַכע אָרגאַניזאַציעס.

קיינמאָל, זינט די 15 יאָר עקזיסטענץ פון ביאַליסטאָקער האַנטווערקער-פאַריין, איז נאָך דאָ אַזאַ באַוועגונג, ווי אין לעצטן יאָר, ניט געווען. טאָג טעגלאַך — זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, קאָנפערענצן, באַראַטונגען, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג.

די מענער און דאַמען מאַגאַזין-שניידערס, אין אַ צאָל פון 130 פערזאָן, זיינען איצט צוריק אַריינגעטראָטן אין האַנטווערקער-פאַריין. די נויט טרייבט אַלע האַנטווערקער זיך צו פאַראייניגן. די

צרות – דאָס זיינען די בעסטע לערערס און די בעסטע אַגיטאַטאָרן...

אין האַנטוועבער־פאַריין זיינען ביי היינטיגס טאָג אָנגעשלאָסן 8 צעכן, אין וועלכע ס׳זיינען פאַרטראָטן 25 פאַכן מיט 1133 מיטגלידער.

2 סעקציעס זיינען אָנגעשלאָסן אין פאַריין מיט 400 מיטגלידער. חוצדעם זיינען דאָ 120 מיטגלידער, וועלכע זיינען אָנגעשלאָסן אין אַלגעמיינעם פאַריין און געהערן ניט צו קיין שום צעך אָדער סעקציע.

אין אַלגעמיין דערגרייכט איצט די צאָל אָנגעשלאָסענע מיטגלידער אין האַנטוועבער־פאַריין – 1653.

אַ באַזונדער וויכטיגן אָרט פאַרנעמט אין האַנטוועבער־פאַריין די טעטיגקייט פון דער לוין־וועבער־סעקציע.

ווי אַזוי האָבן די לוינקעטניקעס אַדורכגעמאַכט דעם לעצטן יאָר? שוין 6 יאָר אָן איבעררייס, ווי זיי זיינען אָרגאַניזירט אין אַ סעקציע און פירן אַ סיסטעמאַטישע פרוכטבאַרע אַרבעט, לויט אַ נייעם אופן פון אָרגאַניזאַציע. אָנהויב 1932 האָבן זיי געפירט אַ *שטאַרקן קאַמף* מיט דער עלעקטראָווניע, וועלכע האָט זיי נאָכגעגעבן 25 פּראָצ. ביליגער אויף די פרייזן פאַר מאָטאָר־קראַפט.

4–5 שטרייקן האָבן זיי אַדורכגעמאַכט היינטיגן זומער און אויסגעהאַלטן אַלע שטרייקנדיגע מיט שטיצע פון אייגענעם זעלבסט־הילף־פאָנד. מ׳האָט כסדר רעגולירט און נאָרמירט די אַרבעט־צייט און מיט אַלע מיטלען ניט דערלאָזן אין דער צייט פון סעזאָן צו קיין כאַאָס אין די פרייזן פאַרן וועבן.

אַ סך מאָל האָט מען אָנגעווענדט קעגנזייטיגע סאָלידאַרע פאַרזיכערונגען צוליבן אָפּשלעפּן די רעכענונגען פאַר דער אַרבעט, די אָפּרעכענונגען פאַרן וועבן איז, ווי יעדער יאָר, דורכגעגאַנגען דורך אַ ספּעציעלן אינקאַסענט.

די אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג איז דעם יאָר געווען אויסערגעוויינלאַך באַשווערט. צוויי שווערע שטיינער ליגן איצט אויפן וועג פון דער לוין־וועבער־סעקציע און ס׳איז שווער מיט זיי זיך אַן עצה געבן. איין שטיין איז דער טעקסטיל־אַרבעטער, ער וואַרפט כסדר די פרייזן פאַר זיין־אַרבעט ביז א מינימום, וואָס רופט זיך אָפּ זייער פאַטאַל אויף די לוינקעטניקעס, און דער צווייטער שטיין איז די קאָנקורענץ פון מיכאַלאָווער און האַראָדאָקער לוינקעטניקעס. מיט זייער אומגעלומפּערטער קאָנקורענץ האָבן זיי אַרויפגעצויגן אַ שוואַרצע כמארע אויף די ביאַליסטאָקער און וואַסילקאָווער לוינקעטניקעס.

הכלל, ס׳איז איצט ניטאָ אין האַנטוועבער־פאַריין קיין איין פאַך, וואָס זאָל ניט אַדורכמאַכן קיין טראַגישע מאָמענטן. אמת, די פּערספּעקטיוון זיינען ניט קיין פריילאַכע, אָבער פאַרלירן דעם קאָפּ און מוט און ניט זוכן קיין אויסוועג פון דער לאַגע וואָלט, זיכער, געווען אַ פאַרברעך.

מ׳מוז טאָן, שאַפן, העלפן איינער דעם אַנדערן און ניט דערלאָזן צו א פולשטענדיגן אונטערגאַנג.

חיים מאַטינקאַ

# די ביאַליסטאָקער עמיגראַציע און איר ליבשאַפט צו דער אַלטער היים

ביאַליסטאָק האָט פון תמיד אָן געגעבן דער וועלט אַ גרויסן *פּראָצענט עמיגראַנטן*. ביאַליסטאָקער יידן זיינען צוזייט און צושפּרייט איבערן גאַנצן כדור הארץ, איבער פאַרשיידענע לענדער, שטעט און ישובים. אין אַמעריקע, אויסטראַליע, טשילי, אורוגוואַי, אַרגענטינע און אין די וויטסטע מרחקים האָבן אין משך פון די לעצטע עטלאַכע צענדליג יאָר אַריבערגעוואַנדערט אַ סך טויזנטער ביאַליסטאָקער יידן, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אין זייערע נייע היימען דעם ספּעציפישן ביאַליסטאָקער גייסט.

דער עמיגראַציע־שטראָם, וועלכער האָט פאַר דער מלחמה אַרומגעכאַפּט דעם יידישן ישוב אין רוסלאַנד, האָט אויך ניט אויסגעמיטן אונזער היימשטאָט ביאַליסטאָק מיט איר פופציג־טויזנט־קעפּיגער יידישער באַפעלקערונג.

סיבות דערצו האָבן גורם געווען: פון איין זייט – די כסדרדיגע צאַרישע רדיפות און באַגרענעצונגען און פון דער צווייטער – די רעוואָלוציע פון 1904–5, וואָס האָט זיך פאַרענדיגט מיט אַ שרעקלאַכן פינאַל – מיט בלוטיגע פּאָגראָמען אויף יידן אין גאַנצן געדיכט־באַוואוינטן תחום המושב און זיך אויסגעלאָזן אַזוי פאַטאַל פאַר אונזער היימשטאָט, וואו עס זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן איבער הונדערט אומשולדיגע נפשות.

דער גרעסטער טייל פון דער פאַרמלחמהדיגער עמיגראַציע האָט געשטראָמט קיין אַמעריקע, וועלכע האָט שוין דאַמאָלס געדינט פאַר דער איינציגער לאַנד, וואו „ס׳וואַלגערט זיך גאָלד אין די גאַסן“. אַמעריקע איז דעריבער געווען דער כשוף־וואָרט, וועלכער האָט מיטגעריסן יעדן ערב־עמיגראַנט.

קיין באַזונדערע שוועריקייטן ביים פאָרן ווי היינט, ווי קוואָטעס, וויזעס א. אז. וו. זיינען ניט געווען, מ׳האָט בלויז געדאַרפט האָבן אַן אויסלענדישן פּאַס און מזומנים אויף אַ שיפקאַרטע, האָט מען זיך דרייסט געקענט לאָזן אין וועג אריין.

האָט טאַקי ביאַליסטאָק פאַר דער מלחמה אַריבערגעשיקט אויף יענער זייט אוקינוס טויזנטער פון אירע זין און טעכטער, וועלכע האָבן דאָרטן געבויט און געשאַפן זייער נייע היים. די דאָזיגע האָבן שפּעטער אַריבערגענומען זייערע קרובים און די קרובים – די ווייטערדיגע קרובים און אַזוי האָט זיך עס געקייטלט אַ קייט, ביז אין אַמעריקע איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע ביאַליסטאָקער קאָלאָניע, – אַ שטיק ביאַליסטאָק, איבערגעפלאַנצט אויפן אַמעריקאַנער באָדן.

די ביאַליסטאָקער יידן אין אַמעריקע האָבן, צוזאַמען מיט די איבעריגע איינגעוואַנדערטע יידן, ניט ווייניג מיטגעהאָלפן מיט זייער ספּעציפיש־ביאַליסטאָקער עקשנות און ענערגיע צום אויפבוי פון אַ ריי אינדוסטרי־צענטערס אין אַמעריקע, ווי פּעטערסאָן א. אנד. אַ סך ביאַליסטאָקער אין אַמעריקע זיינען אין משך פון אַ קורצער צייט דערהויבן געוואָרן און דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון אויפשטייג.

אויך אין פרט פון געזעלשאַפטלאַכקייט האָבן זיך די ביאַליסטאָקער אין אַמעריקע ברייט פאַרמאָסטן. די ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק איז די גרעסטע, זי האָט אויסגעבויט אַן אייגענע הויז מיט אַ מושב זקנים פאַר ביאַליסטאָקער אַלטע לייט. אויך אין שיקאַגאָ, דעטראָיט און אַנדערע שטעט פון אַמעריקע געפינען זיך ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט־פאַריינען, וועלכע דערהאַלטן ביי די ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט דעם געפיל פון היימישן פאַטריאָטיזם.

ניט ווייניג האָבן די ביאַליסטאָקער אין אַמעריקע געזאָרגט פאַר דער אַלטער היים. פון אַמעריקעס זכות געניסן און לעבן

נאָך עד היום אַ סך הונדערטער פאַמיליעס פון ביאַליסטאָק און פּראָווינץ. אין די יאָרן נאָך דער מלחמה, ווען ביאַלי-סטאָק האָט זיך געראַנגלט אין שרעקלאַכע נויט-קאָנוואולסיעס, אויסגעמאַטערט און אויסגעהונגערט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָבן די ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע איבערגעשיקט אַהערצו מיליאָנען דאָלאַרן אינדיווידועלע הילף פון קרובים צו קרובים און אויך הונדערטער טויזנטער דאָלארן פאַר היגע גע-זעלשאַפטן און אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען ממש אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אונטערגאַנג.

נאָך דער מלחמה, ווען די עמיגראַציע קיין אַמעריקע איז כמעט ווי אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן און בלויז יחידי סגולה האָבן זיך געקענט אַהינצו דערשלאָגן, האָבן זיך, צום גליק, גע-עפנט נייע עמיגראַציע-מעגלאַכקייטן קיין אַרגענטינע, בראַזיליע, ארץ ישראל און אַנדערע לענדער, וואו די ביאַליסטאָקער עמיג-ראַציע שטראָמט און באַזעצט זיך.

אויך אין די דאָזיגע נייע ישובים ברייגנען אריין די ביאַ-ליסטאָקער עמיגראַנטן פרישן גייסט און אויפלעבונג. ס'ווערן אומעטום געגרינדעט לאַנדסמאנשאַפט-פאריינען, וועלכע שטעלן זיך דורך דער צייטונג אין פאַרבינדונג מיט דער אַלטער היים, זאָרגן וועגן איר און ברייגנען איר מאָראַלישן און מאַטע-ריעלן נוצן.

ס'קלאַפט און ס'פולסירט די ביאַליסטאָקער יידישע עמיג-ראַציע אין אַלע עקן וועלט, דורכגעדרונגען מיט בייגקעניש און ליבשאַפט צו דער אַלטער היים און מיט טויזנטער פעדים פאַר-בונדן מיט דער מעטראָפּאָליע, פונוואַנען זי גאַרט צו הערן אַ לעבעדיגן גרוס פון שטאָט-זייגער, פון וואַלד, פון שטאָט-גאָרטן, פון די איינגע שמאָלע געסלאַך פון כאַנייקעס און פיאַסקעס, פון דער ביאַליסטאָק מיט איר ספּעציפישער אָרימקייט, אין וועלכער זי זינקט וואָס ווייטער אַלץ טיפער און טיפער, פון אירע נאַקעטע פאַבריק קוימענס, וואָס סטאַרטשען ארויס ווי סקעלעטן און זיינען עדות פון אַמאָליגן לעבן...

אָבער ניט קוקנדיג אויף די אַלע סענטימענטן פון דער ביאַליסטאָקער עמיגראַציע צו דער אַלטער היים, האָט זיך די לעצטע צייט, און באַזונדערס אין יאָר 1932, די הילף-אַקציע פאר ביאַליסטאָק כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. דער שווערער עקאָנאָמישער קריזיס האָט אויך ניט געשוינט די עמיגראַציע-לענדער, אפילו דער רייכער אַמעריקע. אַמווייטאָגסטן פילן עס אונזערע פילאַנטראָפּישע און געזעלשאפטלאַכע אינסטיטוציעס, וועלכע ראַנגלען זיך מיט די לעצטע כּוחות פאַר זייער קיום.

---

אהרן ברעזינסקי

# וואוקס און עקספּאַנסיע פון דער ביאַליסטאָקער שרייבער=משפּחה

אין קעגנזאַץ צו דער עקאָנאָמישער דעפּרעסיע, וואָס האָט דעם לעצטן יאָר, ווי מיט צוואַנגען, אַרומגעכאַפּט דער סוחריש-אינדוסטריעלער ביאַליסטאָק — איז אין דער היגער שרייבערשער וועלטל דווקא געווען לעבעדיג, פאראן אפילו צו באַצייכענען באַטייטיגע נצחונות אויפן שטייגערונג-וועג צום פאַרנאַס.

קודם כל — אונזער טעגלאַך גייסטיג ברויט — דער „אונזער לעבן", וועלכע האָט אין 1932 אָנגעהויבן אַרויסגיין טעגלאַך אין 6 זייטן און פרייטאָג אין 10—12.

ווער האָט עס גאָר אמאָל געקענט חלומען וועגן דעם אין דער „עיר נדחת" ביאַליסטאָק? די ערב-שבתדיגע נומערן שטעלן מיט זיך פאָר אַן אמתן אוצר פון זאַפטיג-וואָגיגן, אין זיין גרעסטן רוב אָריגינעלן לייען-מאטעריאל, און „קוראים נכבדים" פאַרגינען זיך שוין צו זאָגן, אַז די פרייטאָגדיגע „בלעטל" איז אַ סך מאָל אינטערעסאַנטער און פרישער פון אירע וואַרשעווער, שבתדיג-אויסגעפוצטע חברטעס.

פאַרשטייט זיך, אַז דעם לייבן-חלק פון דער צייטונג פילט אויס דער סעניאָר פון דער ביאַליסטאָקער שרייבער-משפחה, הויפּט-רעדאקטאָר פסח קאַפּלאַן.

ניט בלויז ביאַליסטאָק שפּייזט ער מיט זיינע געדאנקען, נאָר דער גאנצער יידישער פרעסע אויף דער פּראָווינץ, און ס'שטעלט זיך צייטנווייז אַ פראַגע: ווי וואָלטן אַ סך פון יעפּע צייטונגען אויסגעזען, ווען זיי האָבן ניט אָט דעם צופעליגן געדאַנקען-שפּייכלער, וואו זיי קומען און נעמען מן המוכן?

אָבער אויך די יונגע שרייבער-כאַליאַסטרע, וועלכע האָט אַ סך צו פאַרדאנקען איר גייסטיגן מדריך, פּסח קאַפּלאַן, האָט אין 1932 אַ היפּשן וואָקס געטאָן, זיך פאַרמאָסטן אויף ברייטערע וועגן און, דער עיקר, אויסגעהאַקט אַ פענצטער אין דער ברייטער ליטעראַרישער וועלט אריין, וועלכע איז, ווי באַקאַנט, פאַר-שלאָסן פאַרן „יונגן" אויף זיבן שלעסער.

ש. ליאַמפּערט, וועלכער האָט פאָריגן יאָר פאַרעפנטלאַכט אַ ראָמאַן אין „אונזער לעבן" א. נ. „איר ערשטער אומגליק", האָט אים שפּעטער אָפּגעדרוקט אין דער אַרגענטינער „יידישע צייטונג". נאָכדעם האָט ער אין דערזעלבער צייטונג פאַרעפנט-לאַכט אַ צווייטן ראָמאַן א. נ. „קידוש השם".

אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער" זיינען דעם לעצטן יאָר פאַרעפנטלאַכט געוואָרן עטלאַכע לידער פון די דיכ-טערס מענדל גאָלדמאַן און יהודה ליס. דעם לעצטנס אַ פּאָעמע און ליד זיינען אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „היינט". ניט לאַנג, ווידער, האָט מענדל גאָלדמאַן אָנגעהויבן צו געבן אין די פריי-טאָג-נומערן פון וואַרשעווער „ראַדיאָ" זיינע פיין-פאַריידישטע „טאַנגאָס", מיט וועלכע ער האָט זיך שוין פריער קונה שם געווען אין ביאַליסטאָק, און אַרטיסטן ניצן עס אויס אַלץ אָפטער אַלס געזאַנג-מאַטעריאַל אויף דער סצענע.

אינם „בדרך", די איינציגע העברייאישע וואָכנבלאַט אין פוילן, דרוקט פון צייט צו צייט א. ל. פּאַיאַנס זיינע שטריכן-מיניאַטורן, וואָס שיינען דאָרט אַרויס ווי אמתע פּערלאַך. די בלומען-שפּראַך פאַרכאַפּט ממש און פאַרכּשופט.

אָבער אין די גרעסטע טירן האָבן אָנגעקלאַפּט דער יונגער בעלעטריסט חיים וויסאָצקי און דער שרייבער פון די שורות. דער ניו-יאָרקער „פאָרווערטס" דרוקט אָפּט און גערן זייערע סקיצעס און דערציילונגען. דאָס איז אַ דאַנק דעם רעדאַקטאָר אב. קאהאַן, וועלכער באַציט זיך בכלל זייער וואַרים צו יונגע אויפגייענדיגע כּוחות אין דער ליטעראַטור, שטאַרקט זיי די הענט און מוטיגט, גאָרניט ווי דער שטייגער פון די היינטצייטיגע רע-דאקטאָרן...

כדאי דאָ, אגב, צו באמערקן, אַז אונזערע ביאַליסטאָקער האָבן בכלל ליטעראַרישן חן אין „פאָרווערטס". אזוי, למשל, איז

דאָרט דער ריכטער מענדל גאָלדמאַן פּרעמירט געוואָרן מיט 100 דאָלאַר פאַר זיין ליד „האַרץ-איין, האַרץ-אויס“, בעתן לידער-קאָנקורס אין 1928, און דער שרייבער פון די שורות איז שטאַרק געלויבט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן אַרטיקל פון רעד. אב. קאַהאַן פאַר זיין דערציילונג „איסר דער בוכהאַלטער“, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אינם „פאָרטרעטן-קאָנקורס“ אין יאָר 1931.

די ביאַליסטאָקער ליטעראַרישע משפּחה ווייס עס ווי אָפּצושאַצן.

דערמאָנענדיק דעם וואוקס און עקספּאַנסיע פון ביאַליסטאָקער וואָרט, דאַרף מיט גרויס אנערקענונג אונטערגעשטראָכן ווערן די אַרבעט פון די ליטעראַטן ח"ח י. ל. שאַצקי און א. זבאַר, וואָס אַ דאַנק זייער ענערגיע און שאַפערישן גייסט זיינען דערשינען מאָנומענטאַלע זאַמל-ביכער, וועלכע פאַרשאַפן באמת כבוד אונזער ביאַליסטאָק אין דער גאַנצער וועלט.

אין יאָר 1931 האָבן זיי אונטערן פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן“ אַרויסגעגעבן דעם „ביאַליסטאָקער אַלמאַנאַך“ (רעד.-קאָלעגיע: קאַפּלאַן, אַלבעק, שאַצקי, זבאַר, עמיאל) און איצט אין יאָר 1932 אונטערן פאַרלאַג „אונזער לעבן“ — דעם „יאָר-בוך“.

ביידע זאַמל-ביכער אנטהאַלטן אַ סך וואָגיגן מאַטעריאַל וועגן דער עקאָנאָמישער, געזעלשאַפטלאַכער און קולטורעלער ביאַליסטאָק —

וועגן אונזער אַלץ מער חרוב-ווערנדיגער היים...

---

פייוול ציטראָן

# די ערשטע לעגאַליזירטע קהלה אין ביאַליסטאַק 1929—1932

אין יאָר 1928 איז אין ביאַליסטאָק געקליבן געוואָרן די ערשטע לעגאַליזירטע קהלה.

די וואַלן זיינען פאָרגעקומען לויט אַ פאַראָרדענונג פון דער מאַכט, וועלכע האָט אויך אויסגעאַרבעט דעם געהעריגן וואַל-קאַלענדאַר. צום באַדויערן, איז די אָרדינאַציע זייער אַ באַגרעניצטע, אַזוי, למשל, האָבן שטימרעכט נאָר מענער אין עלטער פון 25 יאָר, וועלכע דאַרפן פריער אונטערשרייבן געוויסע דעקלאַראַציעס.

בכלל איז דער גאַנצער אינהאַלט פון דער קהלה אַ ריין-רעליגיעזער און ווייט פון וועלטלאַכקייט.

דער סך-הכל פון די וואַלן איז אָבער געווען אַזאַ, אַז ס'רוב מיטגלידער פון דער קהלה, סיי פון ראַט, סיי פון דער פאַרוואַלטונג, האָבן זיך צונויפגעשטעלט פון פּראָגרעסיווע עלעמענטן, און ממילא האָט זי זיך שוין ניט אַזוי באַגרענעצט אין איר טעטיגקייט און זיך באַמיט ווי ווייט מעגלאַך צו ענדערן דעם אויסזען פון דער קהלה, געבן איר אַ מער וועיניגער וועלטלאַכן אויסזען.

דער צונויפשטעל פון ראַט און פאַרוואַלטונג איז געווען פאָלגנדיגער:

10 פון ציוניסטישע גרופּירונגען, צורעכענענדיג אויך צו דער גרופּירונג די אויסגעבליבענע פון דער ליסטע כאַנייקעס-פּיאַסקעס, 1 פון פּועלי ציון, 6 פון בתי מדרשים, 2 דעמאָקראַטן 5 „אגודה“, 3 האַנטווערקער, 3 באַלעבאַטים, 2 קליינהענדלערס, 4 בונד, 1 סוחר.

זייער אַ שווערע ירושה האָט די דאָזיגע קהלה איבערגענומען ביי דער אַלטער קהלה.

כמעט דער גאַנצער אייגנטום פון דער קהלה איז געווען חרוב ומוחרב.

אַזוי, למשל, איז דער בנין אויף ליפּאָווע 41, וואו ס'האָט זיך געפונען די ביוראָ, דער מעטריקאַציע-אָפּטייל און די רעפּרעזענטאַנץ פון דער קהלה געווען אַ חורבה, ממש אַ סכנה זיך דאָרטן צו געפינען.

ניט אין קיין בעסערן מצב האָט זיך געפונען דער בנין פון דער בייליגער קיך אויף סאָסנאָווע, וואו עס האָט זיך אויך אין זעלבן בנין איינגעאָרדנט אויפן צווייטן שטאָק דער קיבוץ „בית-יוסף“. ווי עס האָבן פעסטגעשטעלט פאַכלייט, זיינען די בעלקעס פון צווייטן שטאָק געווען פאַרפוילט, און אין אַ שיינעם העלן מיטוואָך האָט דער גאַנצער סופיט, מיטן קיבוץ „בית-יוסף“ געקענט אַראָפּפאַלן אויף די עסערס פון דער בייליגער קיך.

די קהלה האָט דיביידע לאָקאַלן פולשטענדיג רעמאָנטירט, געגעבן דעם קבוץ בית-יוסף עטלאַכע טויזנט זלאָטעס אויף צו דינגען זיך אַ צווייטן לאָקאַל.

חוצדעם האָבן זיך אַלע קהלה - בנינים געפונען אין אַ הפקרותדיגן צושטאַנד, פאַקטיש אָן אַ באַלעבאָס, ווייל אויף קיין איינציגן האָט די קהלה ניט געהאַט קיין היפּאָטעק.

אַ טייל בנינים, ווי דער בית-המרחץ און די בית-השחיטה אויף פּיאַסקעס, האָבן פאַקטיש ניט געהערט צו דער קהלה.

בעלי-חובות, וועלכע האָבן געהאַט אויף די אויבנדערמאָנטע בנינים יורידישע רעכט, וואָלטן זיי צוגענומען פאַר זייערע חובות, וואָס האָבן באַטראָפן אַ סומע פון ערך 80.000 זל. אָט דאָס אַלץ האָט די נייע קהלה געדאַרפט מתקן זיין, און ס'האָט זיך איר טיילוויז איינגעגעבן.

דער בית-המרחץ און די בית-השחיטה זיינען אָפיציעל געוואָרן דער קהלה-אייגנטום. גלייכצייטיג האָט מען דורכגעפירט אַ גרונטיגן רעמאָנט אין בית-המרחץ. אויף אַ טייל בנינים דורכגעפירט היפּאָטעקן.

גרויסע רעמאָנטן זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן אויף די בית-עלמינס, מ'האָט פאַרריכט די פאַרקאַנעס, פאַרפלאַנצט עטלאַכע טויזנט בוימער, אַזוי אַז ס'האָט זיך דאָ באַקומען אַן אייראָפּייאישער אויסזען.

זייער אַ סך אויסצושטיין האָט די קהלה אויך געהאַט פונם בנין פון געוועזענעם הכנסת-אורחים.

אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן דעם קהלשן בנין פאַרכאַפּט פאַרשיידענע שנאָרערס, זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט, און צוליב זייער ניט סאַניטאַרן צושטאַנד, האָבן זיי פאַרסמט די לופט, אָן אַ שיעור פּאָליצייאישע פּראָטאָקאָלן פלעגט אויסקומען דער קהלה צו באַצאָלן צוליב אַנטי-סאַניטאַרן מצב. די קהלה האָט מיט אַלע כוחות באַפרייט זיי פון דעם בנין, געבנדיג זיי גלייכצייטיג געלט אויף צו דינגען זיך אַ צווייטע דירה.

מ'האָט דורכגעפירט אויף עטלאַכע הויפן קאַנאַליזאַציע. ביים איבערבויען און רעמאָנטירן די בנינים, איז אויך אויסגערעמאָנטירט געוואָרן אַ גאַנץ שיינער און באַקוועמער לאָקאַל פאַר אַ שטודיר-ביבליאָטעק, געגרינדעט לויט דער איניציאַטיוו פונם פרגס

פסח קאַפּלאַן. די קהלה האָט אויך געהאָלפן מיט אַ סובסידיע בעת די ביבליאָטעק האָט זיך געשאַפן.

זייער ניט אין קיין נאָרמאַלן מצב האָבן זיך אויך געפונען די אינסטיטוציעס פון דער קהלה.

די חברה קדישא, למשל, איז געווען אינגאַנצן זעלבסט-שטענדיג און דעריבער האָט זי געקענט טאָן, וואָס זי האָט נאָר געוואָלט, אפילו ווען דאָס איז געווען ניט לטובת דער באַפעלקערונג. דער איצטיגער קהלה האָט זיך, נאָך אַסך מי און שווערן קאַמף, איינגעגעבן אַרויסצונעמען דעם בית-עולם פון איר רשות. ביי היינטיגן טאָג געפינט זיך די בית-עולם-אַדמיניסטראַציע אינגאַנצן אונטער דער השגחה פון דער קהלה, אַלע הכנסות און הוצאות גייען אַדורך דורכויס אונטער דער קאָנטראָל פון דער קהלה.

א גרויסע און פאַרביטערטע מלחמה איז אויסגעקומען דער קהלה צו פירן ביים איבערנעמען די שחיטה אין איר רשות. דער שוחט איז איצט געוואָרן אַ קהלה-באַאַמטער, אַזוי אַרום ציט שוין איצט דער רב זיין חיונה פון דער קהלה, און ניט פון שוחט און קצב, און וואָלט עס ניט געטאָן געוואָרן, וואָלט זיך איצט געפונען כמעט די גאַנצע שחיטה אין די הענט פון די לינקע שוחטים.

אַ געהעריגן סדר האָט די קהלה אויך אַריינגעבראַכט אין דער רבנות - פראַגע, דאָס איז געווען די סאַמע אָנגעווייטאָגטסטע פראַגע פון כמה יאָרן, וועלכע האָט, צום באַדויערן, אריינגעבראַכט אין אַ סך קהלות אין פוילן מחלוקת און ס׳האָט זיך געפילט אַ געוואַלדיגע הפקרות, וואָס האָט ממש פאַרשוועכט דעם כבוד פון יידישן מורה דרך.

די איצטיגע קהלה האָט געפירט אַ שלום-פּאָליטיק און אַ דאַנק דער מערהייט פון פּראָגרעסיווע עלעמענטן, איז אויסגעקליבן געוואָרן אלס רב-ראשי דער דורך אלעמען געאַכטער גרויסער געלערנטער ראַבינער ד״ר גדליה ראָזענמאַן, און פאַר ראב״ד איז אויסגעקליבן געוואָרן הרב ר׳ דוד פאַיאַנס, וועלכן ס׳קומט אָן ספק דעם בכבודיגן אַמט סיי צוליב זיין יחוס עצמו אַלס גרויסער גאון, און סיי צוליבן יחוס, פונוואַנען ער שטאַמט.

## פרעזידיום פון דער ביאַליסטאָקער קהלה



בערל שמיד

סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג



צבי כהן

פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג



פייוול ציטראָן

וויצע-פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג

אַ סך אַרבעט איז אויך געטאָן געוואָרן אויפן געביט פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג. אמת, די קהלה האָט זיך תמיד געפונען אין אַ שווערן פינאַנסיעלן מצב, אָבער פונדעסטוועגן האָט זי געטאָן און געשאַפן מיט די לעצטע כוחות.

די קהלה האָט זיך באַמיט, אַז פון די גאַנצע איינגעקאַסירטע עטאַט-געלט זאָל קיין איינציגער גראָשן ניט פאַרווענדט ווערן פאַר באַאַמטע, רבנים, אפילו ניט אויף חובות, וואָס די קהלה איז שולדיג, נאָר אויף דרינגנדיגער הילף פאַר אינסטיטוציעס און פאַר אָרימע יתומים. כדאי צו אונטערשטרייכן, אַז אַזא וויכטיגע אינסטיטוציע, ווי די האַנטווערקער שולע, וואו מען לערנט דעם יידישן תלמיד בילדונג און מלאכה, האָט מען פאַר דער צייט סובסידירט 14000 זל.

די ביליגע קיך ווערט אויסגעהאַלטן דורך דער קהלה, וואָס קאָסט איר אָפּ אַ סך טויזנטער זל.

אין שווערן ווינטער 1929 פירט דורך די קהלה א ברייטע האָלץ-אקציע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַן ערך 27000 זל.

די קהלה האָט אויך מיטגעהאָלפן אין ווינטער 1931 דורכצופירן אַ באַקלייד - אקציע פאַר די שול-קינדער.

חוצדעם זיינען געגעבן געוואָרן גרעסערע סובסידיעס פאַר פאַרשיידענע קולטורעלע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. קולטורעלע 32369 זל. און פילאַנטראָפּישע צוזאַמען מיט דער קיך אַן ערך 250000 זל.

אַ באַטייטיגע סומע האָט אויך די קהלה געגעבן דעם יאָר אויף מעות חיטים.

די קהלה האָט זיך אויך פאַרנומען מיט געוויסע פּאָליטישע ענינים, וואָס זיינען נוגע דער יידישער געזעלשאַפט. אַלע „קאָלאָ״-זיצונגען זיינען פאָרגעקומען אין דער קהלה און כמעט שטענדיג האָבן די „קאָלאָ״-מיטגלידער געהאַנדלט אין יידישע ענינים לויטן אויפטראָג און דירעקטיוון פון דער קהלה.

די קהלה האָט אויך אָנגענומען אַ געוויסע שטעלונג ביים באַשטימען דעם הויפּט-דאָקטאָר אין יידישן שפּיטאָל און מיטגעווירקט אין אַ ריי ענלאַכע פאַלן.

אוודאי קען מען ניט זאָגן, אַז די דאָזיגע מעשים קענען שוין אינגאַנצן באַפרידיגן, ס׳איז נאָך דאָ גענוג וואָס צו טאָן און וואָס צו פאָדערן. קודם כל מוז געפאָדערט ווערן צו פאַרברייטערן די קאָמפּעטענץ פון דער קהלה, אָבער איין זאַך מוז מען פעסטשטעלן, אַז די קהלה האָט געהאַט זייער אַ גוטן רצון און דאָס אַליין איז שוין אויך איינע פון די גרויסע מעלות.

**פראָפ. מ. גאָלאָווסקי,**
לייטער פונם אָפּטייל פאַר קולטור און בילדונג ביים ביאַליסטאָקער מאַגיסטראַט

# די טעטיגקייט פון ביאַליסטאָקער מאַגיסט־ראַט אויפן געביט פון קולטור און בילדונג *)

ביי דער צאָל פון 16 עפנטלאַכע פאָווּשעכנע שולן און ביים צוּוואוּקס פון 1000 קינדער אין שול־עלטער פילט זיך אַ דוחק אין שול־בנינים, באַזונדערס צוליב דעם, וואָס די געדונגענע געפינען זיך ניט אין קיין פּאַסיגן צושטאַנד.

עס איז דעריבער פאָרגעזען אין משך פון אַ ריי יאָרן אויסצובויען שול־לאָקאַלן, וואָס פאָדערט אָבער ספּעציעלע פאָנדן, אויף וואָס די שטאָט האָט ניט קיין שום סובסידיעס פון דער שול־מאַכט.

פון פאָווּשעכנעם שול־וועזן פאַרדינען אַ ספּעציעלן אויפמערק די פאָווּשעכנע שול אויף דער פרייער לופט און דער שטאָטישער צענטראַלער שול־גאָרטן.

ביי איצטיגער צייט וואַקסט אויף אונזער יוגנט אין זייער שווערע באַדינגונגען, אין מאַטעריעלן און וואוינונג־פּרט. אין די איבערפולטע פאָווּשעכנע שולן געפינען זיך קינדער, וועמעס געזונט־צושטאַנד לאָזט אָבער אַ סך צום ווינטשן. דער זיצן עטלעכע *שעה כסדר* אין ניט נענוג־דורכגעלופטערטע קלאַסן, טיילמאָל פולע מיט שטויב, ווירקט זייער נעגאַטיוו אויפן געזונט פון דער שול־יוגנט. פיזיש־שוואַכע און קראַנקע קינדער מאַכן זייער קליינע פאָרשריטן, און געפינענדיג זיך אין קלאַס צוזאַמען מיט געזונטע קינדער, ברענגען זיי דערצו, אַז דער ניוואָ פון די למודים פאַלט. קראַנקהייט איז די סיבה פון אַ גיכער גייסטיגער אויסמאַטערונג און דעריבער מוזן די פאָדערונגען פון לערער ביי אַ קראַנקן קינד זיין באַטייטיג נידעריגער.

אין יעדער שולע, אין יעדער קלאַס קען מען געפינען קינדער, וועלכע פאַרבלייבן צוליב קראַנקהייט אַ לענגערע צייט אינדערהיים און לאָזן דורך אַ געוויסע צאָל שול־טעג. אָט די קינדער דאַרף מען אריבערטראָגן פון זייערע אייגע, לופטלאָזע וואוינונג־נאָרעס אויף דער שויס פון דער נאַטור, אויף פרישע לופט, אין זוניגע ערטער, אין וואַלד, דאָרט וואו די באַדינגונגען זאָלן פאַרבעסערן זייער געזונט, וואו דער אָרגאַניזם זאָל זיך שטאַרקן, ניט פאַרנאַכלעסיגנדיג די גייסטיגע אויסבילדונג.

לויט דער איניציאַטיוו פון בילדונג־מיניסטעריום און ביי דער מיטהילף פון וואַרשעווער שול־קוראַטאָריום האָט ביאַליסטאָקער מאַגיסטראַט, ניט קוקנדיג אויף זיין שווערן פינאַנסיעלן מצב, געגרינדעט אַ שול אויף דער פרייער לופט, וואָס איז טעטיג זינט דעם 1־טן סעפּטעמבער 1930. זי געפינט זיך אין „פּאַרק פון 3־טן מאַי". דער פּלאַץ פון דער שול איז זייער אַ שיינער. דער פּאַרק איז 3 קילאָמעטער ווייט אָפּגעלייגט פון צענטער שטאָט, אַרומגערינגלט מיט וואַלד, דער פּלאַץ — אַ טרוקענער, אַ געמעטער.

דעם צענטער פון פּאַרק פאַרנעמט דער „צענטראַלער שול־גאָרטן", וואָס איז איינגעאָרדנט לויט די מאָדערנסטע פּאָדערונגען.

דער גאָרטן דינט ניט בלויז ווי אַ וויכטיגער וויסנשאַפטלאַכער הילף־מיטל ביים לערנען די לעבעדיגע נאַטור, נאָר אויך צו הויבן די גאָרטן־קולטור אין שטאָט און באַזונדערס אין די פאָרשטאָט־טיילן. די לעצטע פונקציע ווערט דורכגעפירט דורך איינאָרדענען מוסטער־גערטלאַך, גערטנעריי־קורסן, דורך פאַרטיילן פלאַנצונגען אויף פאַרזייען און דורך פאַרשפרייטן אינדוסטריעלע, מעדיצינישע און אנדערע פלאַנצונגען.

אין איבעריגן טייל פון פּאַרק געפינען זיך בליענדיגע לאָנקעס, וואו די קינדער פאַרברענגען אין פאַרווייל ונגען און שפּילן.

ביז עס איז אויסגעבויט געוואָרן אַ פּאַסיגער בנין, איז די שול־אַרבעט אָנגעהויבן געוואָרן אויף די וועראַנדעס פון אַמאָליגן רעסטאָראַן.

די שול איז געווען טעטיג אין משך פון אַ גאַנצן שול־יאָר.

כדי די שול־אַרבעט זאָל קענען געפירט ווערן אין די געהעריגע באַדינגונגען, האָט דער מאַגיסטראַט מיט דער מיטהילף פון וואַרשעווער שול־קוראַטאָריום אויסגעבויט אַ הילצערנעם בנין פון $12 \frac{1}{2} \times 34$ מעטער.

אַזוי ארום האָט די שול באַקומען אַ נייעם לאָקאַל און האָט איצט אַ פולשטענדיג גענוגן רוים.

די הוצאות פון בנין האָבן באַטראָפן 40.000 זלאָטעס, האָט דער קוראַטאָריום סובסידירט דערויף 20.000 זלאָטעס און די רעשט האָט געדעקט דער מאַגיסטראַט.

דער נייער שול־בנין, אין וועלכן ס'געפינען זיך די קלאַסן, ליגט אינגאַנצן אויף דער זייט פון דער זון־באַלייכטונג. ס'זיינען דאָרט פאַראַן 4 קלאַסן מיט גרויסע פענצטערס מיט אויבערלופטן, צוגעפּאַסטע צום עפענען אין משך פון גאַנצן ווינטער. חוץ די קלאַסן זיינען נאָך דאָ אין בנין: אַ רעקרעאַציע־זאַל, וואָס ווערט אויסגענוצט נאָר בעת שלעכטע וועטערן, אַ קליידער־צימער, אַ קאָרידאָר און אוביקאַציעס.

צום נייעם שול־בנין געהערט אויך אַן אַלטער, וואו ס'געפינען זיך: אַ עס־צימער, וועלכער ווערט אויסגענוצט בעת שלעכטע אַטמאָספערישע באַדינגונגען, אַ דאָקטאָר־קאַבינעט, אַ צימער פאַר באַלייכטונגען מיט קווארץ־לאָמפּ, אַ קיך, אַ לערער־צימער, אַ וואוינונג פאַרן שול־לייטער, אַ וואוינונג פאַר דער שוועסטער און אַ צימער פאַר אָנגעגרייטע דערנערונג־פּראָדוקטן.

דורך די שול־דאָקטוירים זיינען אויסגעקליבן געוואָרן די שוואַכסטע קינדער פון אַלע עפנטלאַכע און פריוואַטע פאָווּשעכנע שולן אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און רעליגיע. ס'זיינען אָרגאַניזירט 4 אָפּטיילן: 4a, 4b, 5 און 6. די גרעסטע צאָל תלמידים זיינען אַזוינע, וואָס האָבן אַ נויגונג צו טובערקולאָז, אָבער קיין מעדיצינישע השגחה דאַרפן זיי נאָך ניט.

די פרעקווענץ אין שול איז זייער אַ גוטע. דער ציל פון דער שול אויף דער פרייער לופט איז צו טאַמעווען די אַנטוויקלונג פון דער קראַנקהייט און שטאַרקן דעם אָרגאַניזם דורך ראַציאָנעלער השגחה. דאָס ווערט דערגרייכט דורך אָנווענדן אַ ריי אויסגעפּרובטע מיטלען, ווי 2 מאָל־ טעגלאַך נאַרהאַפטע באַשפייזונג, פאַרברענגען אויף דער פרייער לופט, זון־וואַנעס אויף

---

*) אויף דער בקשה פון די פאָרשטייערס פון די אינסטיטוציעס: מאַגיסטראַט, קראַנקן־קאַסע, מלוכהשע האַנקווערקער־שולע, וואַסער־לייטונג און קאָמונאַלע שפּאָר־קאַסע, דרוקן מיר זייערע אַרטיקלען אין פוילישער איבערזעצונג.

ליג-שטולן, בייטן פון די למודים, באַוועגונג און רו.

אין אַ געוויסער מאָס ווירקן אויך: דער פאַרקלענערן די שול-שעה מיט 5 מינוט, די אַנטשפּרעכנדיגע לערן-מעטאָדע, וואָס פאַרקלענערן ביזן מינימום די ניט-גינסטיגע שול-באַדינגונגען.

די שילערס ווערן קוואַליפיצירט דורך אַ דאָקטוירים-קאָמיסיע, וואָס באַשטייט פון 3 שול-דאָקטוירים, אונטערן פאָרזיץ פון הויפּט-דאָקטאָר. די שול-דאָקטוירים קלייבן אויס די קאַנדידאַטן פון די שולן, וואו זיי אַרבעטן, און שטעלן זיי צו צו דער דאָקטוירים-קאָמיסיע.

די קינדער געפינען זיך אונטער אַ געניער השגחה פון אַ דאָקטאָר-ספּעציאַליסט, וואָס נאָרמירט אַלע דערשיינונגען פון שול-לעבן, אין פאַרשטענדיגונג מיט דער שול-לייטונג, און פּאַסט זיי צו צו די געזונט-באַדינגונגען פון די קינדער.

ס'ווערן אָנגעווענדט אַלע ספּעציעלע מיטלען, ווי: באַשטראַלונגען, זון-וואַנעס, ליגן אויף די וועראַנדעס און הייל-גימנאַסטיק. די דורכן דאָקטאָר צוגעשריבענע הייל-מיטלען ווערן די אָרימערע קינדער אַרויסגעגעבן אומזיסט דורכן מאַגיסטראַט. עס איז אויך איינגעפירט די דענטיסטישע אויפזיכט.

די שול-פּראָגראַם איז ספּעציעל צוגעפּאַסט צום פיזישן און געזונט-צושטאַנד פון די קינדער.

אין יאָר 1932 האָבן דער שול באַזוכט 144 קינדער. די שול איז פון קאָעדוקאַציע-טיפּ.

חוצדעם פאַרדינען אַ באַזונדער אויפמערק:

1) די שטאָטישע צענטראַלע פיזיקאַ-כעמישע לאַבאָראַטאָריע, וואו עס קומען פאָר פּראַקטישע אַרבעטן און איבונגען אויפן געביט פון פיזיקא כעמישער פּראָפּעדעאוטיק פון די העכערע קלאַסן פאָוושעכנע שולן. די לאַבאָראַטאָריע איז פאַרזען מיט אַלע נויטיגע וויסנשאַפטלאַכע הילף-מיטלען.

2) די ספּעציעלע שול פאַר גייסטיג-אָפּגעשטאַנענע קינדער, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1932. זי האָט 1 קלאַס. ס'לערנען דאָרט גייסטיג-אָפּגעשטאַנענע קינדער, וואָס פאָדערן אַ זאָרגפעלע און פאַכמענישע השגחה, די למודים קומען דאָ פאָר אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען, ווי אומעטום, די שול ציילט 40 קינדער.

3) די פּסיכאָ-פּעדאַגאָגישע באַראַטונג-שטעלע.

אין נאָוועמבער 1932 האָט דער שטאָטישער שול-ראַט אָרגאַניזירט אַ פּסיכאָ-פּעדאַגאָגישע באַראַטונג-שטעלע, כדי וויסנשאַפטלאַך אַוועקשטעלן דעם למוד און דערציאונג פאַר מאָראַליש פאַרנאַכלעסיגטע קינדער. די באַראַטונג-שטעלע טראָגט אַ עקספּערימענטאַלן כאַראַקטער און וועט מיט דער צייט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּסיכאָטעכנישער באַראַטונג-שטעלע.

איצט באַאַרבעט ה' פּראָפ. גאַלאַווסקי אין הסכם מיטן באַשלוס פון שטאָטישן שול-ראַט אַ ווערק אויף דער טעמע: „היסטאָרישער איבערבליק פון פאָוושעכנעם שול-וועזן"

אויפן יידישן פּריוואַט-געזעלשאַפטלאַכן שול-וועזן אין ביאַליסטאָק גיט אויס דער מאַגיסטראַט אַ געהעריגע סומע אין דער פאָרם פון סובסידיעס.

אין בודזשעט אויף יאָר 1932.33, וואָס איז באַשטעטיגט געוואָרן דורך דער אויפזיכט-מאַכט, פיגורירן פאָלגנדיגע סומעס:

| | |
|---|---|
| א. יידישע שול-אָרגאַניזאַציע | 17.402 זל. |
| ב. געזעלשאַפט צו שטיצן לערנענדיגע | |
| יידן „תחכמוני" | 8.119 „ |
| ג. יידישע געזעלשאַפט פאַר קולטור | |
| און בילדונג „תרבות" | 8.701 „ |
| ד. „תלמוד-תורה" | 12.691 „ |
| ה. עלעמענטאַרע רעליגיעזע שולן | |
| „אגודת ישראל" | 2.587 „ |

אויף מיטעלע פאַך-שולן איז באַשטימט אין מאַגיסטראַט-ביודזשעט—72.364 זל., דערפון:

| | |
|---|---|
| א. דער שטאָטישער פאַך-דערגאַנצונג-שולע (314 ייִנגלאַך און 110 מיידלאַך) | 43.068 זל. |
| ב. סובסידיעס פאַר פאַך-שולן: | |
| האַנדל-שולע א.נ. פון קאָפּערניק | 2.500 „ |
| יידישע האַנטווערקער-שולע | 10.000 „ |
| מיידל-פאַך-שולע „אָרט" | 1.500 „ |
| אינטערנאַט פון דער מלוכהשער | |
| האַנטווערקער-שול | 1.000 „ |
| מיידלשע אינדוסטרי-שול | 1.125 „ |
| געז. „אָרט" אויף טריקאָטאַזש-קורסן | 375 „ |

אויפן געביט פון בילדונג מחוץ דער שול באַשטימט דער מאַגיסטראַט אין זיין ביודזשעט אויפן שטאָטישן אוניווערזיטעט (80 פאַקטישע צוהערערס און 350 פרייע) 10.000 זל.

חוצדעם גיט אויס דער מאַגיסטראַט יערלאַך אויפן שטאָטישן קאָמיטעט פאַר פיזישער דערציאונג און מיליטערישער צוגרייטונג 29.612 זל., אויף דער שטאָטישער עפנטלאַכער ביבליאָטעק 31.259 זל., (דער לאָקאַל פון ביבליאָטעק איז לעצטנס פאַרברייטערט געוואָרן, ס'איז אויך פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל ביכער. 5000 ביכער זיינען דערהאַלטן געוואָרן אַלס דעפּאָזיט פון דער מלוכהשער עפנטלאַכער ביבליאָטעק).

דער מאַגיסטראַט סובסידירט אויך דעם אַרומפאָר טעאַטער פון זעלבסט-פאַרוואַלטונגען אין ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס קומט צופאָרן אויף פאָרשטעלונגען 4 מאָל אַ חודש. די סובסידיע מאַכט אויס 250 זל. פון יעדער פאָרשטעלונג. דאָס איז דער גראָדנער שטאָטישער טעאַטער אונטער דער דירעקציע פון ה"ה: קראַקאַווסקי און אַפּאַלינסקי.

צום סוף דאַרף נאָך פאַרצייכנט ווערן, אַז דער מאַגיסטראַט האָט איינגעשאַפט אַ אַפּאַראַט מיט פילם ליכט-בילדער, וואָס ווערן אויסגעליען אומזיסט שולן און בילדונג-געזעלשאַפטן אין ביאַליסטאָק און אַפילו אין דער נאָענטער פּראָווינץ, ווי סופּראַסלע און כאָראָשטש. עס זיינען דאָ הונדערט מיט עטלאַכע צענדליג סעריעס ליכט-בילדער (יעדער סעריע באַשטייט פון 50 ביז 60 איינצלנע בילדער.)

ס'זיינען אויך באַאַרבעט געוואָרן אָרטיגע סעריעס: פון דער שולע אויף דער פרייער לופט, פון שטאָטישן צענטראַלן שול-גאָרטן. ס'ווערט אויך באַאַרבעט אַ סעריע ליכט-בילדער פון די היסטאָרישע זע-ווערטקייטן פון שטאָט-ביאַליסטאָק.

**Prof. MICHAŁ GOŁAWSKI,**
Kierownik referatu Kultury
i Oświaty przy Magistracie

# Opieka Magistratu m. Białegostoku nad kulturą i oświatą

W dziale oświaty przy ogólnej ilości 16 szkół powszechnych publicznych i przyroście dzieci w wieku szkolnym o przeszło 1000 odczuwa się ogromny brak lokali szkolnych, zwłaszcza, że wydzierżawione znajdują się w stanie nieodpowiednim.

Przewidziana jest rozbudowa lokali szkolnych na szereg lat, co wymaga jednak specjalnych funduszów, a miasto pozbawiono jest jakichkolwiek subsydjów ze strony władz szkolnych na ten cel.

W szkolnictwie powszechnem na specjalną uwagę zasługują szkoła powszechna na powietrzu i miejski centralny ogród szkolny.

W czasach dzisiejszych młodzież nasza wyrasta w bardzo trudnych warunkach, jak mieszkaniowych, tak i materjalnych. W przepełnionych szkołach powszechnych znajdują się dzieci, które pod względem zdrowia pozostawiają wiele do życzenia. Praca siedząca przez kilka godzin w klasie niedostatecznie przewietrzonej i nieraz pełnej kurzu, bardzo ujemnie wpływa na zdrowie młodzieży. Dzieci chore, fizycznie słabe, robią postępy bardzo mierne i gdy znajdują się w klasach z dziećmi zdrowemi, obniżają poziom naukowy, gdyż choroba jest przyczyna prędkiego zmęczenia umysłowego, wskutek tego i wymagania od dziecka chorego muszą być znacznie zredukowane. W każdej szkole, w każdej klasie można znaleść dzieci, które z powodu choroby dłuższy czas pozostają w domu, opuszczając dni szkolne z powodów od siebie niezależnych. Dzieci te należałoby z pomieszczeń ciasnych, dusznych, zatęchłych nor mieszkalnych przenieść na łono przyrody, na świeże powietrze, w miejsca słoneczne, do lasu, wogóle tam gdzie inne warunki pobytu przyczyniłyby się do podniesienia stanu zdrowia, gdzie organizm mógłby wzmocnić, nabrać sił, bez zaniedbania wykształcenia duchowego.

Z inicjatywy Ministerstwa Wyznań Religijnych i Oświecenia Publicznego przy poparciu Kuratorjum Szkolnego Warszawskiego, Magistrat m. Białegostoku, pomimo ciężkich warunków finansowych, założył w Białymstoku szkołę na „Otwartym powietrzu", która jest czynna od 1-go września 1930 r. Mieści się ona w Parku 3-go Maja. Położenie szkoły jest piękne. Park oddalony od centrum miasta o 3 klm., otoczony jest lasem świerkowym. Podszycie lasu jest suche i zdrowe. Środek parku zajmuje „Centralny Ogród Szkolny" urządzony według ostatnich wymagań.



Ogród ten jest nietylko poważną pomocą naukową przy nauczania przyrody żywej, ale również przyczynia się do podniesienia ogrodnictwa w mieście a szczególnie na przedmieściu przez urządzenie wzorowych ogródków, pokazów i kursów ogrodniczych, oraz przez rozdawanie o ile możności roślin celem ich szerszego rozpowszechniania, jak również przez rozwijanie hodowli roślin przemysłowych i lekarskich etc.

W pozostałej części parku znajduje zię kwiecista łąka, gdzie dzieci odbywają gry i zabawy. Do czasu zbudowania odpowiedniego gmachu rozpoczęto zajęcia na werandach starego budynku porestauracyjnego.

Szkoła była czynna w ciągu całego roku szkolnego.

Ażeby zapewnić dzieciom naukę w należytych warunkach Magistrat przy materjalnej pomocy Kuratorjum Szkolnego Warszawskiego wybudował drewniany budynek o rozmiarach 34×12 1/2 m.

W ten sposób szkoła uzyskała nowy lokal i obecnie posiada zupełnie wystarczające pomieszczenie.

Koszt budynku wyniósł przeszło 40.000 zł., z czego Kuratorjum udzieliło w formie subsydjum 20.000 zł., a resztę pokrył Magistrat.

Nowy budynek szkolny, w którem mieszczą się klasy, wystawiony jest na promieniowanie słońca. Są cztery klasy z dużemi oknami, z oberluftami, przystosowanemi do otwierania w ciągu całej zimy. W budynku tym znajduje się oprócz sal, przeznaczonych na klasy, sala rekreacyjna, z której dzieci korzystają tylko w czasie niepogody, szatnia, korytarz i ustępy.

Do budynku nowego przylega stary, w skład którego wchodzą: jadalnia, z której dzieci korzystają podczas złych warunków atmosferycznych, gabinet lekarski, pokój do naświetlań lampą kwarcową, kuchnia, pokój nauczycielski, mieszkanie kierownika szkoły, mieszkanie higienistki, oraz spiżarnia do przechowywania zapasów żywnościowych.

Za pośrednictwem lekarzy szkolnych wybrano najsłabszych dzieci ze wszystkich publicznych i pry-

watnych szkół powszechnych bez różnicy narodowości i wyznania i zorganizowano oddział IV-a, IVb, oddz. V i oddz. VI. Ogólna ilość dzieci w szkole wynosiła 124 dzieci, przeważnie takich, które mają skłonność do gróżlicy, a które jeszcze nie potrzebowały opieki lekarskiej.

Frekwencja w szkole na otwartem powietrzu jest bardzo dobrą.

Celem szkoły na otwartem powietrzu jest zapobiec rozwojowi choroby, a przez racjonalną opiekę wzmocnić organizm. Osiąga się to przez szereg wypróbowanych środków stosowanych w szkole, do których należą obfite dwurazowe dożywianie, przebywanie dzieci na otwartem powietrzu, leżakowanie, zmiana zajęć, ruch i odpoczynek. Oddziaływa też w znacznym stopniu skrócona o 5 minut długość godziny szkolnej, odpowiedni sposób nauczania, który wszystkie warunki niekorzystne dla dziecka, będącego w szkole zwykłej, zmniejsza do minimum.

Do szkoły na otwartym powietrzu przychodzą te dzieci, które zostały skierowane przez komisję lekarską, składającą się z trzech lekarzy szkolnych pod przewodnictwem naczelnego lekarza.

Lekarze szkolni z powierzonych im szkół zbierają odnośny materjał i przedstawiają kandydatów komisji lekarskiej. Dzieci są pod ścisłą opieką lekarską wyznaczonego lekarza specjalisty, który w porozumieniu z kierownictwem szkoły normuje wszystkie przejawy życia szkolnego stosownie do wymogów zdrowotnych dzieci.

Z zabiegów specjalnych stosowane jest naświetlanie, kąpiele słoneczne, werandowanie, gimnastyka lecznicza. Przepisane lekarstwa wydawane są niezamożnym przez Magistrat bezpłatnie. Udzielana jest również pomoc dentystyczna.

Program szkoły jest specjalnie dostosowany, uwzględniając stan fizyczny i zdrowotny dzieci. Liczba dzieci w roku 1932-im wynosi 144. Szkoła jest koedukacyjną.

Na wyróżnienie zasługują także:

a) Miejska centralna pracownia fizyko-chemiczna. Jest to laboratorjum, gdzie odbywają się praktyczne zajęcia i ćwiczenia w zakresie propedeutyki fizyko-chemji w starszych oddziałach szkół powszechnych. Pracownia zaopatrzona jest we wszelkie niezbędne pomoce naukowe.

b) Szkoła specjalna dla dzieci niedorozwiniętych umysłowo. W obecnym roku została ona rozszerzona o jedną klasę. Skupia specjalnie dzieci niedorozwinięte umysłowo, które wymagają troskliwej i fachowej opieki i których nauka odbywa się w zupełnie innych warunkach. Szkoła liczy 40 dzieci.

c) Poradnia psycho - pedagogiczna. W listopadzie Miejska Rada Szkolna zorganizowała poradnię psycho-pedagogiczną celem umiejętnego poprowadzenia nauki i wychowania dzieci zaniedbanych moralnie. Poradnia ma charakter doświadczalny i z czasem przekształci się na poradnię psychotechniczną.

Obecnie na skutek uchwały Miejskiej Rady Szkolnej prof. Goławski opracowuje wydawnictwo p. t. „Rys historyczny szkolnictwa powszechnego w Białymstoku".

Na prywatno-społeczne szkolnictwo żydowskie Magistrat wydatkowuje odpowiednie kwoty tytułem subsydjów.

W zatwierdzonym przez władze nadzorcze budżecie na rok 1932 | 3 figurują następujące kwoty:

a) Zjednoczenie Szkół Żydowskich Zł. 17.402.–
b) Stowarzyszenie popierania uczących się Izraelitów „Tachkemojne" Zł. 8.119.–
c) Żydowskie stow.-kult. oświatowe „Tarbut" Zł. 8.701.–
d) Stow. Talmud-Tora Zł. 12.691.–
e) Szkoły elementarne religijne „Agudath Izrael" Zł. 2.578.–

Na szkolnictwo średnie zawodowe przeznacza Magistrat w budżecie Zł. 72.364, a mianowicie:

a) Miejska Szkoła Zawodowa Dokształcająca (314 chłopców i 110 dziewcząt) Zł. 43.068.–
b) subsydja dla szkół zawodowych:
Szkoła handlowa im. Kopernika Zł. 2.500.–
Żydowska szkoła rzemieślnicza Zł. 10.000.–
Szkoła rzemieślnicza żeńska „Ort" Zł. 1.500.–
Internat Państw. Szkoły Rzemieślniczej Zł. 1.000.–
Żeńska Szkoła Przemysłowa Zł. 1.125.–
T-wu „Ort" na kursy trykotażowe Zł. 375.–

W dziale oświaty pozaszkolnej Magistrat przeznacza w swoim budżecie na Miejski Uniwersytet Powszechny (ilość słuchaczy rzeczywistych ok. 80; słuchaczy wolnych – 350.) – Zł. 10.000.

Pozatem Magistrat wydaje rocznie:

Na Miejski Kom. Wychowania Fizycznego i Przysp. Wojsk. Zł. 29.612.

Na Miejską Bibljotekę Publiczną Zł. 31259. (Lokal Bibljoteki ostatnio rozszerzono i powiększenie księgozbioru, m. in. w drodze uzyskania depozytu 5.000 książek z państwowej bibljoteki publicznej).

Magistrat subwencjonuje również Teatr Objazdowy Samorządów Województwa Białostockiego, który dojeżdża tu cztery razy na miesiąc na przedstawienia. Subsydjum wynosi Zł. 250. — za każde przedstawienie. Jest to teatr miejski w Grodnie, prowadzony przez dyr. Krokowskiego i Opalińskiego.

Wreszcie zanotować należy, że Magistrat uruchomił wypożyczalnię przezroczy. Aparat projekcyjny wraz z przezroczami filmowemi wypożyczane są bezpłatnie szkołom i instytucjom społeczno-oświatowym w Białymstoku, a nawet w najbliższych okolicach, jak Supraśl i Choroszcz. Wypożyczalnia posiada stokilkadziesiąt seryj (każda po 50–60 obrazków). Opracowane zostały również serje miejscowe: szkoła powszechna na powietrzu, miejski centralny ogród szkolny. W przygotowaniu jest serja przezrocy o zabytkach m. Białegostoku.

ה. לעווינסקי

# די ביאַליסטאָקער „שלום-עליכם"-ביבליאָטעק אין יאָר 1932

ביאַליסטאָק לייענט! דער בוך איז פאַר ביאַליסטאָקער אַן אַרטיקל פון ערשטן געברויך! — אַזאַ איינדרוק באַקומט איטלעכער, וואָס קוקט זיך צו נאָנט צו דער אַרבעט אין דער „שלום-עליכם"-ביבליאָטעק. אַ גאַנצן טאָג אין משך פון 8 שעה אָן אַ הפסקה פאַרמאַכט זיך ניט די טיר. עס גייען אַריין און אַרויס — שילערס, אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, סוחרים, מיידלאַך ביי עלטערן, פרויען ביי מענער, פרייע פּראָפעסיאָניקעס און ווער ניט? יעדער איינער מיט איינעם אָדער עטלעכע ביכער אין האַנט. מ'זוכט און מ'קלייבט דעם בעסטן בוך פאַר זיך. פאַרלירט זיך ווער זוכנדיג אין קאַטאַלאָג, ווענדט ער זיך צום ביבליאָטעקאַר נאָך אַן עצה וואָס צום לייענען, רעקאָמענדירן אים עפּעס אַ גוט בוך.

אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר איז די פרעקווענץ אין דער ביבליאָטעק געשטיגן אין פאַרגלייך מיט די פריערדיגע יאָרן. עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן צום לייענען העכער 110.000 ביכער (אין 1931 — 105.000). דידאָזיגע ציפער דערציילט אַמבעסטן וועגן דער אינטענסיווער און אָנגעשטריינגטער אַרבעט, וועלכע איז אָנגעגאַנגען אין דער ש"ע ביבליאָטעק אין משך פון גאַנצן יאָר. אויך די צאָל אַבאָנענטן איז געוואָקסן. אין דורכשניט זיינען יעדער חודש געווען 1538 אַקטיווע אַבאָנענטן (אין 1931—1479).

דער ביכער-אויסקלייב אין ביבליאָטעק איז כסדר באַרייכערט געוואָרן אין פאַרשיידענע שפּראַכן. עס זיינען צוגעקומען אין משך פון יאָר נייע קרוב 2000 ביכער. עס גייט דערין אַריין דאָס בעסטע, וואָס דערשיינט אויפן ביכער-מאַרק. דער לייענער אין דער ש"ע-ביבליאָטעק האָט די מעגלאַכקייט נאָכצופאָלגן די נייסטע און וויכטיגסטע ליטעראַטור-דערשיינונגען. און אויב אין די פריערדיגע יאָרן פלעגן צוקומען נייע ביכער ס'רוב אין יידיש און פויליש, איז אין דעם יאָר איינגעשאַפט געוואָרן אַ באַטייטיגע צאָל גוטע ביכער אין רוסיש, העברייאיש, דייטש.

די ביבליאָטעק שיינקט זייער אַ סך אויפמערק דעם איינשאַפן פון נייע וויסנשאַפטלאַכע ווערק. אַן ערך 35 פּראָצ. פון די נייע ביכער זיינען וויסנשאַפטלאַכע, ניט קוקנדיג דערויף, וואָס וויסנש. ביכער ווערן פּראָצענטועל געלייענט אַ סך ווייניגער — אַ דערשיינונג וואָס איז צו באַמערקן אין אַלע ביבליאָטעקן. דער ערנסטער לייענער, דער וויסנשאַפטלאַכער פאָרשער, דער אַליינלערנער באַקומט דורך דער ש"ע ביבליאָטעק אַ צוטריט צום גוטן וויסנשאַפטלאַכן בוך פון די פאַרשיידענע געביטן.

פון צייט צו צייט ווערט געלייגט מער אַכט אויף באַזונדערע צווייגן פון דער וויסנשאַפט. אַזוי, למשל, זיינען צוגעקליבן געוואָרן מער נייע ביכער וועגן פּעדאַגאָגיק, פּסיכאָאַנאַליז, סאָציאָלאָגיע א. א.

איצט ציילט די ביבליאָטעק צוזאַמען 37.500 בענד אין 8 שפּראַכן.

די ביבליאָטעק באַמיט זיך אויך צו פאַראינטערעסירן דעם לייענער מיט די וויכטיגסטע געשעענישן אין דער ליטעראַרישער וועלט, ספּעציעל יידישער. ביי יעדער יובּיליי אָדער יאָרצייט פון אַ שרייבער ווערט פאַר די לייענערס אויסגעשטעלט אַ רשימה פון אַלע ווערק פון געגעבענעם מחבר, די קריטיק וועגן דער שאַפונג פון שרייבער, מיינונגען פון פאַרשיידענע קריטיקער, אויסצוגן פון אַרטיקלען, בילדער א. ד. ג. דאָס ציט צו דעם אויפמערק פון לייענער, ווייזט אים אַ וועג, ווי אַזוי צוצוגיין צום שרייבער, וואָס צום לייענען און ווי צו פאַרשטיין דאָס געלייענטע.

אַזעלכע אויסשטעלונגען זיינען אין לויף פון יאָר געווען פאָלגנדיגע: פרץ הירשביין (50-יאָריגער יובּיליי), געטע (100-טער יאָרצייט), שפּינאָזא (300-טער געבוירן-טאָג), מענדעלע מוכר ספרים (15-טער יאָרצייט) און צום טויט פון מ. ווינטשעווסקי, מ. ל. האַלפּערן, א. ליטוואַק.

אין ביבליאָטעק ווערט אַ סך צייט אָפּגעגעבן דער געהעריגער אויפשטעלונג פון די קאַטאַלאָגן. די קאַטאַלאָגן זיינען דאָך אייגנטלאַך די וועג-ווייזערס, אָן וועלכע סיי דער לייענער און סיי דער ביבליאָטעקאַר וואָלטן זיך פאַרלאָרן אין גרויסן ביכער-לאַבירינט. לעצטנס זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן נייע קינדער-קאַטאַלאָגן, וויסנשאַפטלאַכע א. א.

מ'איז אויך צוגעטראָטן אויפצושטעלן אַ ספּעציעלן קאַטאַלאָג „צו דער געשיכטע פון ביאַליסטאָק". דערדאָזיגער קאַטאַלאָג וועט זיכער ברענגען אַ סך נוצן אַלע די, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער געשיכטע פון אונזער שטאָט. די ביבליאָטעק פאַרמאָגט אויף דעם געביט אַ גאַנץ רייכן מאַטעריאַל, וועלכער איז אָבער צוואָרפן אין די פאַרשיידענע קאַטאַלאָגן, זשורנאַלן א. א. אין קאַטאַלאָג וועט עס אַלץ זיין צונויפגעקליבן צוזאַמען און וועט איינשפּאָרן דעם זוכער אַ סך צייט און אַרבעט. אין קאַטאַלאָג וועלן אויך אַריינגעצויגן ווערן פאַרשיידענע דאָקומענטן פון היסטאָריש-עטנאָגראַפישן אַרכיוו ביי דער ביבליאָטעק.

ווי ווייט באַליבט די ביבליאָטעק איז אין שטאָט און מחוץ שטאָט און ווי גרויס עס איז איר פּעריפעריע פון פריינט, באַווייזט ניט בלויז די גרויסע צאָל לייענערס, נאָר אויך דער פאַקט, אַז די ביבליאָטעק באַקומט אויך פון צייט צו צייט אַ סך ביכער-מתנות. אַ טייל פון די געשיינקטע ביכער זיינען גוטע און ווערטפולע.

אין משך פון יאָר האָט די ביבליאָטעק באַקומען קרוב 400 ביכער, געשיינקט פון פאָלגנדיגע פּערזאָנען: ג. אַדלער, מאַקאָווסקי, פרוי ניעמצאָוויטש, דר. זכאַריאַוויטש, ר. טאַנכעלעוויטש, ה. פריידקעס, פרוי ש. פּערלשטיין, מ. קאַץ, ר. אַבראַמאָווסקי, א. ריווקינד, א. מ. שיינמאַן, משה עובד (לאָנדאָן), קאַרפּאָוויטש, מ. סמאַגלער, מ. ליטווינסקאַ, י. קרינסקי, זאַק, א. דאָמעראַצקאַ, י. גרינהויז, ב. פיינעמען, י. פּאַט (וואַרשע), יעקב לעוו, א. יאַוואָרקאָווסקי, ד. פּאָרטנאָי, פלאַווסקין, מ. גערץ. די מנדבים ווייסן, אַז די ש"ע ביבליאַטעק איז דער איינציגער אָרט, וואו די ביכער קענען באַקומען זייער תיקון און ברענגען נוצן דער געזעלשאַפט.

די ביבליאָטעק האָט אויך איבערגענומען די ביכער פון ענגלישן קרייז („סערקל"), וועלכער האָט עקזיסטירט אין ביאַליסטאָק אַ לייננגערע צייט און האָט פאַרמאָגט העכער הונדערט ענגלישע ביכער און עטלאכע הונדערט זשורנאַלן. לעצטנס האָט דער קרייז אָפּגעשטעלט זיין טעטיגקייט און די ביכער זיינען געלעגן אָן שום נוץ. די פאַרוואַלטונג פון ענגליש-קרייז האָט דעריבער באַשלאָסן איבערצוגעבן די ביכער דער ש"ע ביבליאָטעק, וואו עס קענען זיך מיט זיי באַנוצן אַלע אָן אויסנאַם ענגליש-לייענערס פון שטאָט.

די ביבליאָטעק האָט ניט בלויז באַקומען ביכער, נאָר זי אַליין האָט אויך געשיינקט אַנדערע פון אירע ניט קאַטאַלאָגירטע

דובליקאַטן. אַזוי, למשל, האָט די ביבליאָטעק, אויף דער ווענדונג פון מאגיסטראט, געשײנקט 50 ביכער אין יידיש און פויליש דער ביבליאָטעק ביים שפיטאָל אין כאָראָשטש; 17 יידישע ביכער און זשורנאלן זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן פאר דער ביבליאָטעק ביי דער י. ש. א. אין סאָקאָלקע.

אין משך פון יאָר איז די ביבליאָטעק באַזוכט געוואָרן דורך עטלאַכע חשובע געסט, וועלכע האָבן זיך באַקענט מיט דער ביבליאָטעק-איינריכטונג און אופן פון ארבעט. דאָס זיינען: דער קינסטלער-רעציטאַטאָר הערץ גראָסבאַרט, דר. ש. בערקאָוויטש, פראָפ. דר. מ. באלאבאן, ז. ארטור (וואַרשע) פ. וואַלד (בוענאָס איירעס). אַלע אָן אויסנאם האָבן זין געפרייט מיטן גרויסן און רייכן ביכער-אוצר, זיינען געווען אַנטציקט פון דער מוסטערהאַפטער אָרדענונג און האָבן אויפגעשריבן זייערע מיינונגען אין אָנדיינק-בוך פון ביבליאָטעק.

דער שטודיר-צימער ביי דער ביבליאָטעק איז געווען טעטיג אַ גאנץ יאָר, חוץ די אורלויב-חדשים, צו 3 שעה אינאָוונט. דער שטודיר-צימער איז געווען אַן אמתער גייסטיגער אַרבעטוואַרשטאַט. עס זיינען באַנוצט געוואָרן אַן ערך 1000 ביכער, חוצדעם אויך די צייטונג-קאָמפּלעטן פון פארשיידענע יאָרגיינג. עס פלעגן קומען שילערס, וואָס האָבן געדארפט צוגרייטן אַרבעטן פאר דער שולע; פרעלעגענטן, וואָס האָבן געהאט צוצוגרייטן רעפעראטן; זשורנאליסטן, וואָס האָבן געזוכט מאטעריאל צו זייער שרייבערישער ארבעט און סתם לייענערס און לערנערס, וואָס זוכן אַ ווינקל, וואו צו קענען זיצן אַ פּאָר שעה איבער אַ בוך.

די ביבליאָטעק מוז זיך שטארק באַגרענעצן אין איר טעטיגקייט. זי איז אָנגעוויזן אויף אירע אייגענע מיטלען. פון קליינעם לייען-אָפּצאָל דאַרפן עס געדעקט ווערן אַלע הוצאות. די סובסידיע פון מאגיסטראט אויפן יאָר 3—1932 אין דער הויך פון... 1000 גילדן איז נאָך ביז היינט ניט אויסגעצאָלט געוואָרן. די קהלה-סובסידיע איז געשטראָכן געוואָרן. אַ דאנק דער ראציאָנעלער ווירטשאַפט געלינגט אָבער דער ביבליאָטעק צו גיין כסדר פאָרויס, הגם ניט ווייניג פּראָיעקטן בלייבן ניט פאַרווירקלאַכט. די גרויסע צאָל געטרייע פריינט וועלן אָבער אַרומרינגלען די ביבליאָטעק מיט ליבע און איבערגעבנקייט און וועלן איר מיטהעלפן אין דער אַרבעט ביים דערפילן אירע גרויסע און וויכטיגע קולטור-אויפגאבעס.

---

א. מ. פרושאנאוויטש

# ביאַליסטאָקער יידישע אינסטיטוציעס אין יאָר 1932

די ביאַליסטאָקער יידישע געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געבויט געוואָרן מיט אַזויפיל מי און מסירת נפש, האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין גרינגן לעבן, תמיד האָבן זיי געדאַרפט שווער קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ און תמיד איז זייער פינאַנציעלער מצב ניט געווען קיין זיכערער.

דער יאָר 1932 איז אָבער געווען פאַר אונזערע אינסטיטוציעס דער סאַמער שווערסטער, ניט איין אינסטיטוציע איז אין דעם יאָר געשטאַנען אויף משקולת און ס׳איז איר פאָרגעשטאַנען אַ סכנה פון אונטערגאַנג.

קיינמאָל האָט זיך די געזעלשאפטלאַכע און עפנטלאַכע מיינונג ניט געלאָזן אַזויפיל הערן בנוגע די אינסטיטוציעס ווי הייאָר, ווייל דער גורל פון אַ גאַנצע ריי אינסטיטוציעס האָט געדאַרפט אין דעם יאָר באַשלאָסן ווערן, צי זיי האָבן אַ זכות הקיום אָדער ניט.

לאָמיר אָנהויבן פון אונזערע געזונט אינסטיטוציעס: אַזעלכע פארמאָגן מיר 5: „לינת-הצדק“, „לינת-חולים“, „טאָז“, „מרפא“, און יידישער שפיטאָל.

די געז. „לינת-הצדק“, וואָס רעכנט זיך אָן שום ספק פאַר איינער פון די עלטסטע און פּאָפּולערסטע אין אונזער שטאָט, האָט אין משך פון איר עקזיסטענץ (געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1885) זיך באַוויזן שטאַרק צו אַנטוויקלען.

חוץ די פאַרשיידענע אַרבעטן, וואָס זי טוט לטובת דעם אָרימען קראַנקן, ווי באַזאָרגן מיט לינות, אַרויסגעבן געלט-שטיצעס, פאַרשיידענע מכשירים וכדומה, האָט זי באַוויזן צו שאַפן אַ גאַנצע ריי אינסטיטוציעס: ווי די אַמבולאַטאָריע, אַפּטייק, גיכע הילף און גמילת-חסדים.

יעדער אינסטיטוציע פאַר זיך איז אַ געוואַלדיגער פאַרדינסט פאַר דער ביאַליסטאָקער יידישער באַפעלקערונג, באַזונדערס פאַרן אָרימען חולה.

חוץ דעם אַלעמען איז דער לינת-הצדק געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, אַ דערציאונג-אַנשטאַלט, וואו ס׳ווערט דערצויגן דער געזעלשאַפטלאַכער טוער, און שטענדיג קען מען דאָ באַגעגענען צענדליגער יוגנטלאַכע און עלטערע, וואָס זיינען איבערגעגעבן דער געזעלשאפטלאַכער אַרבעט בלב ונפש.

הייאָר האָט אָבער די געזעלשאַפט איבערגעלעבט אַ מוראדיגן קריזיס, אין משך פון יאָר איז דורך דער פאַרוואַלטונג גערופן געוואָרן אַ ריי קאָנפערענצן וועגן דעם קאַטאַסטראָפאלן מצב פון דער „גיכער הילף“, די סאַמע וויכטיגסטע אינסטיטוציע ביים „לינת הצדק“.

און צוליב דעם איז ניט איינמאָל געשטאַנען די פראַגע פון אַ פאַראייניגונג מיט די איבעריגע אנאלאָגישע אינסטיטוציעס אין שטאָט; אפשר וואָלט דורך דער פאַראייניגונג געשלאָסן געוואָרן איינע פון די אינסטיטוציעס, וואָס דער „לינת הצדק“ פארמאָגט, אָבער די איבעריגע וואָלטן דורכדעם פאַרפעסטיגט געוואָרן.

די פאַראייניגונג איז, צום באַדויערן, ניט צושטאַנד געקומען און ביים היינטיגן טאָג געפינט זיך נאָך אַלץ דער „לינת-הצדק“ אין דער דאָזיגער שווערער לאַגע, אָבער דאָך ווערט געפירט אַ אינטענסיווע טעטיגקייט און ס׳פילט זיך, אַז ביי די טוערס פון „לינת-הצדק“ איז פאַראַן אַ געזעלשאַפטלאַכע אחריות און דער עיקר—אַ שטאַרקע ליבשאַפט צו דער געזעלשאַפט מיט אַלע אינסטיטוציעס און ווי ווייט מעגלאַך באַמיען זיי זיך איר נאָך ווייטער צו אַנטוויקלען.

די געז. „לינת חולים“ איז יינגער פאַרן „לינת-הצדק“ (געגרינדעט אין יאָר 1893), אָבער זי האָט אויך באַוויזן אין משך פון איר עקזיסטענץ שטאַרק מפורסם צו ווערן, „לינת-חולים“ איז ניט אַזוי פאַרצווייגט מיט אינסטיטוציעס, אָבער זי פאַרמאָגט אויך אַ פּאָר אַנשטאַלטן, וואָס האָבן אַ אומגעהייערן באַטייט, דאָס זיינען: דער אייז-קעלער און דער עלעקטראָ-טעראַפּישער הייל-קאַבינעט.

די אַמבולאַטאָריע ביים „לינת-חולים“ איז אויך גלענצנדיג אַוועקגעשטעלט געוואָרן און חוצדעם פארנעמט זי זיך אויך מיט באַזאָרגן לינות, אַרויסגעבן מכשירים און געלט-שטיצעס.

„לינת חולים“ פירט אויך אַ קולטורעלע טעטיגקייט צווישן אירע חברים. די ווינטער-פרייטאָגצונאַכטן האָבן אַ גרויסן דערציערישן באַטייט.

די געזעלשאפט „לינת-חולים“, וואָס איז אין פינאַנציעלן מצב די גאנצע צייט ניט געשטאַנען אַזוי שלעכט, האָט אָבער היי יאָר געליטן פון עפּעס אַנדערש:

אין דער געזעלשאַפט האָט זיך אַריינגעריסן דער פייער פון אינעווייניגסטע רייבונגען און צוליב דעם איז אַוועק פון דער

פֿאַרוואַלטונג דער לאַנג-יעריגער פֿאַרזיצער ה׳ זלמן וויינראַך און די צוויי דאָקטוירים דר. זאַדוואָריאַנסקי און דר. עדלשטיין.

דער אַוועקגיין פֿון אַזעלכע טוערס פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, האָט דער געזעלשאַפֿט קיין טובה ניט געבראַכט, דעריבער וואָלט מען נאָכאַמאָל געדאַרפֿט שטעלן די פֿראַגע וועגן אַ פֿאַרייניגונג, וואָס איז אויך אַמאָל דאָ געשטאַנען אויפֿן סדר-היום.

די געזעלשאַפֿט „טאָז״ (געגרינדעט תיכף נאָך דער מלחמה) פֿאַרנעמט בײַ אונז אויך זייער אַ בכבודיגן אָרט; הגם זי פֿאַרנעמט זיך אויך מיטן העלפֿן דעם אָרימען קראַנקן, הערשט דאָ אָבער אַ גאַנץ אַנדער גייסט ווי אין די אויבנדערמאָנטע אינסטיטוציעס, די הויפּט-אויפֿגאַבע פֿון „טאָז״ איז ניט אַזוי צו היילן די קראַנקע, ווי ניט דערלאָזן געזונטע קראַנק צו ווערן.

די געזעלשאַפֿט פֿאַרמאָגט: אַ קינדער-קאָנסולטאַציע, „טראָפּן מילך״, קינדער-אַמבולאַטאָריע, שול-מעדיצין, צאָן-הייל-קאַבינעט, און קינדער-קאָלאָניע.

אין יאָר 1932 איז פֿאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג און אין דער פֿאַרוואַלטונג זײַנען אַרײַן, חוץ די שטענדיגע „טאָז״-עסקנים, פֿרישע בחות.

אין זעלביגן יאָר האָט אויך די געזעלשאַפֿט געפֿייערט דעם חנוכת-הבית פֿון איר אייגענער קינדער-קאָלאָניע אין יאַראָשובקע. דאָס איז אַ ריזיגער אויפֿטו, און דער באַטייט דערפֿון איז אין לשער, ניט בלויז „טאָז״, נאָר די גאַנצע ביאַליסטאָקער יידישע געזעלשאַפֿט דאַרף דערמיט שטאָלצירן.

דערפֿאַר האָט זי זיך היי יאָר געמוזט פֿאָרלויפֿיג אָפּזאָגן פֿון גראַנדיעזן פּלאַן וועגן אַ קינדער-סאַנאַטאָריע. ביז איצט איז נאָך דער פּרעכטיגער בנין, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן דורך פֿר. פֿאַני טרילינג, געשטאַנען ליידיג און געוואַרט, מ׳זאָל דאָ אײַנאָרדענען די קינדער-סאַנאַטאָריע, ער האָט זיך אָבער אַלץ ניט געקענט דערוואַרטן, און אויף דער אויבנדערמאָנטער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג האָט מען באַשלאָסן פֿאַרנעמען דעם בנין מיט די אינסטיטוציעס, וואָס דער „טאָז״ פֿאַרמאָגט און פֿון דער סאַנאַטאָריע לעת עתה רעזיגנירן.

„מרפּא״ איז די ייִנגסטע געזעלשאַפֿט פֿון דעם טיפּ (געגרינדעט אין יאָר 1925)

יעדער זומער גרינדעט די געזעלשאַפֿט אַ וואַלד-קאָלאָניע און בײַ הונדערט שווערע טובערקולאָזע חולאים ווערן דאָ געפֿלעגט און ניט איינעם ראַטעוועט מען אָפּ פֿון מלאך המות׳ס נעגל.

די געזעלשאַפֿט איז אָבער באַלד לכתחילה געשאַפֿן געוואָרן ניט אויף קיין ריין דעמאָקראַטישע יסודות, ס׳הערשט דאָ מער דער גייסט פֿון גבאות, ווי פֿון אַ מאָדערנער געזעלשאַפֿט. און אויב אין „מרפּא״ האָט זיך געפֿונען אַ גרופּע יוגנטלאַכע, וועלכע האָט אפֿשר זיך באַמיט דאָ אַרײַנצובלאָזן דעם מאָדערנעם גייסט, איז די דאָזיגע יוגנט היי יאָר אָפּגערוקט געוואָרן פֿון דער אַרבעט און דורכדעם האָט זיך די ממשלה פֿון די גבאים נאָכמער פֿאַרשטאַרקט.

מ׳מוז אָבער מודה זײַן, אַז די געזעלשאַפֿט ברענגט גרויסע נוצן.

דער יידישער שפּיטאָל, (געגרינדעט אין יאָר 1826), וועלכן מיר רעכענען אויך אַרײַן אין די יידישע געזונט-אינסטיטוציעס, געפֿינט זיך אָבער אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען, ער ווערט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן פֿון מאגיסטראַט.

דער יידישער שפּיטאָל האָט אָבער היי-יאָר אַדורכגעלעבט שטורמישע מאָמענטן, אַ סך בייז בלוט האָט פֿאַרשאַפֿט די פֿראַגע וועגן אַ הויפּט-דאָקטאָר און ס׳איז געווען אַ צײַט, וואָס ס׳איז פֿאָרגעשטאַנען אַ סכנה, אַז די פֿראַגע זאָל אַרויסרופֿן אַ פֿייער פֿון מחלוקת.

סוף כל סוף איז די פֿראַגע דאָך געלייזט געוואָרן און פֿאַר הויפּט - דאָקטאָר איז באַשטימט געוואָרן דר. א. וו. קאַפּלאַן פֿון וואַרשע.

דער יידישער שפּיטאָל האָט בלתי ספֿק דערמיט אַ סך געוואונען ער איז געוואָרן אין אַ געוויסן זינען אַ קליניק און מ׳באַציט זיך איצט צום שפּיטאָל, ווי צו אַ הייל-אַנשטאַלט און ניט ווי צו אַ הקדש.

לעצטנס האָט מען אָבער געפּרובט מאַכן אַן אַטענטאַט אויף דער דאָזיגער יידישער פּלאַצובקע, מ׳האָט געוואָלט אינגאַנצן שליסן דעם שפּיטאָל און איבערפֿירן די יידישע קראַנקע אין אַלגעמיינעם שפּיטאָל.

נאָך אַ סך מי איז געלונגען לעת-עתה אָפּצושרייען די גזרה, אָבער דער ענין איז נאָך ניט דערליידיגט, דעם כירורגישן אָפּטייל מאַכט מען פֿאָרט בטל, און דער שפּיטאָל איז נאָך ניט אַרויס פֿון דער סכנה אונטערצוגיין.

אַממערסטן האָט זיך די ביאַליסטאָקער געזעלשאַפֿט היי יאָר פֿאַרנומען מיטן „עזרת יתומים״.

די ביאַליסטאָקער געזעלשאַפֿט פֿאַר יתומים-פֿאַרזאָרגונג (געגרינדעט אין יאָר 1923) פֿאַרמאָגט 4 אינסטיטוציעס: „בית-יתומים״ אויף טשענסטאַכאווער גאַס (געגרינדעט אין יאָר 1906) „עזרת יתומים״ (געגרינדעט אין יאָר 1917) „זויג היים״ און „האַלב-אינטערנאַט״ ((געגרינדעט אין יאָר 1929).

פֿון „בית-יתומים״ האָט די געזעלשאַפֿט לעצטנס ניט קיין סך צו זאָרגן. שוין אַ א פּאָר יאָר ווי דער מאַגיסטראַט האָט איבערגענומען דערדאָזיגער אינסטיטוציע און באַזאָרגט איר מיט אַלץ, וואָס זי נויטיגט זיך.

גאַנץ אַנדערש איז שוין מיטן „עזרת יתומים״ און „זויג היים״ (ביידע זײַנען פֿאַקטיש איין אַנשטאַלט), זיי באַקומען טאַקי אַ געהעריגע סובסידיע פֿון מאַגיסטראַט און אויך אַ טיילווייזע שטיצע מחוץ, אָבער דאָך האָבן זיך דידאָזיגע אַנשטאַלטן שטענדיג געפֿונען אין אַ שווערן מאַטעריעלן מצב.

די געזעלשאַפֿטלאַכע עסקנים, באַזונדערס די געוו. מיטגליי-דער פֿון שטאָט-ראַט און מאַגיסטראַט, האָבן זיך דעריבער די גאַנצע צײַט באַמיט, אַז אויך דער „עזרת יתומים״ זאָל איבערגיין אין רשות פֿון מאַגיסטראַט און לסוף האָט די יידישע געזעלשאַפֿט אָפּגעהאַלטן אין דעם פּרט אַ גרויסן נצחון: דער מאַגיסטראַט און דער שטאָט-ראַט האָבן באַשלאָסן איבערצונעמען דעם „עזרת יתומים״. די פּאָזיציע איז שוין אפֿילו אַרײַן אין בודזשעט פֿון יאָר 1932—33 און באַשטעטיגט געוואָרן דורכן וואָיעוואָדע, אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטערונג מצד אַ טייל עסקנים פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר יתומים פֿאַרזאָרגונג גופֿא, באַזונדערס פֿון דער פֿאַרזיצערין פֿרוי ראַשל ראַבינאָוויטש. מיט אַלע מיטלען האָבן זיי געוואָלט צושטערן דעם באַשלוס, צוליב דעם זײַנען פֿאָרגעקומען א גאַנצע ריי קאָנפֿערענצן אפֿילו מיט א פֿאָרשטייער פֿון „אגודת ישראל״ פֿון דייטשלאַנד. אין דעם ענין האָט זיך אויך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט די יידישע קהלה און כמעט אַלע, חוץ אַ פּאָר יחידים, האָבן באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם „עזרת יתומים״ דעם מאגיסטראַט. אָבער די אויבנדערמאָנטע שטערונגען האָבן דאָך פֿאַרצויגן דעם ענין און דערווײַל איז דער שטאָטראַט פֿאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן. דער רעגירונג-קאָמיסאַר האָט לכתחילה אויך פֿאַרזיכערט תיכף איבערצונעמען דעם אנשטאַלט, אָבער שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן אָפּצושלעפּן דעם ענין כלומרשט צוליב יורידישע טעמים.

בעת פֿרוי ראַבינאָוויטש איז אָפּגעפֿאָרן קיין אַפֿריקע, האָט זיך די פֿאַרוואַלטונג איבערקאָנסטרואירט און בראש פֿון דער געזעלשאַפֿט האָט זיך געשטעלט ה׳ לוריע. די פֿאַרוואַלטונג האָט שוין געוואָלט צואײַלן דעם ענין, זי האָט אָנגעווענדט אַלע השתדלותן, אַז מ׳זאָל וואָס גיכער איבערנעמען דעם אנשטאַלט,

אָבער לעת-עתה האָבן די השתדלותן ניט געווירקט, דער קאָמיסאַר איז אַלץ מדחה מיט אַ „לך ושוב" און דערווייל געפינען זיך די קינדער אין אַ געוואלדיגער נויט. מחוץ קומען אויך ניט אָן קיין שטיצעס און די איינציגע האָפענונג איז, אַז סוף כל סוף וועט מען פאָרט אַדורכפירן דעם באַשלוס פון געוו. שטאָטראַט און מאַגיסטראַט און דער „עזרת יתומים" וועט אריינגענומען ווערן אין דער נעץ פון אלע שטאָטישע אנשטאלטן.

בעת ס׳רעדט זיך שוין וועגן דער געזעלשאפט פאר יתומים-פארזאָרגונג, וואָלט געווען אַן עוולה, ווען מ׳זאָל ניט דערמאָנען די הויפט-פארוואלטונג פון דער צענטראַלער געזעלשאפט פאר יתומים-פארזאָרגונג, וואָס געפינט זיך אין ביאַליסטאָק.

די הויפט-פאַרוואלטונג פירט א קאָרעספּאָנדענץ מיט אַלע אָפּטיילן פון דער געזעלשאפט פאַר יתומים-פארזאָרגונג אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאפט. זי באמיט זיך אויסצופועלן רעגירונג-סובסידיעס פאר די אינסטיטוציעס, און דאָ וועט זיין נויטיג אונטערשטרייכן דעם צירקוליאַר, וואָס דער וואָיעוואָדע האָט היי יאָר איבערשיקט אין אלע קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, אַז פון די ערשטע געלטער זאָלמען אויסצאָלן די סובסידיעס פאר די יתומים-אַנשטאַלטן.

די הויפט-פּאַרוואלטונג שיקט אויך ארויס א גרויסע צאָל קינדער יעדן זומער אין פאַרשיידענע קינדער-קאָלאָניעס, זי פירט אויך א שטארקע פּראָפּאגאַנדע-ארבעט.

אין זייער א טרויעריגן מצב געפינען זיך היי יאָר די אזוי וויכטיגע אינסטיטוציעס „מושב זקנים" און „הקדש".

דער „מושב זקנים" (געגרינדעט אין תרמ"א) פארמאָגט אַ שיינעם בנין און אין דעם בנין געפינען זיך ביי הונדערט זקנים און זקנות.

די פאַרוואלטונג פון „מושב זקנים" ווייזט אָבער ניט אַרויס קיין סך אייגענע איניציאַטיוו, פּאַקטיש איז די פּאַרוואַלטונג א חלוקה קאָמיטעט, צוטיילט אַלץ וואָס זי באַקומט און גיט אויף אַלץ השגחה, אַז ס׳זאָל הערשן א געוויסער סדר.

דער „מושב זקנים" האָט דעריבער געהאַט זיין שטענדיגן בודזשעט. די הויפּט-הכנסה איז געווען די מאגיסטראַט-סובסידיע. היי יאָר איז אָבער די סובסידיע א סך פאַרקלענערט געוואָרן. מ׳האָט איר געשניטן מיט גאַנצע 25 פּראָצ. און די קליינע סומע ווערט אויך ניט אויסגעצאָלט פּינקטלאַך.

דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז מ׳האָט די אָרימע זקנים און זקנות געמוזט מקמץ זיין אין דער באַשפייזונג. א סברא, אַז מ׳האָט ביי זיי צוגענומען דעם האַלבן פונט חלה, וואָס זיי פלעגן יעדן טאָג באַקומען.

די פאַרוואַלטונג האָט אפילו געפּרובט אָנהויבן א זאַמלאַקציע. דער פּאָרזיצער ה׳ משה באַטשקאָווסקי איז געלאָפן פון איין בית-מדרש אין אנדערן און האָט מעורר געווען דעם עולם, אַז ער זאָל קומען צו הילף די אלטע לייט, אָבער די אַקציע האָט זיך ניט איינגעגעבן און טאָג צו טאָג פארגרעסערט זיך די נויט און דחקות אין דער אינסטיטוציע.

דער „הקדש" (געגרינדעט אין יאָר 1830) פארמאָגט זיין בנין אין צענטער פון דעם אָרימען קוואַרטאַל און אויך דאָ געפינען זיך ביי הונדערט אַלטע און קראַנקע.

היי יאָר האָט מען אויך די סובסידיע פון הקדש געקירצט מיט 25 פּראָצ. א נס וואָס ס׳געפינט זיך א געזעלשאפטלאכער עסקן, ה׳ לייב ראפאפּאָרט, וואָס גייט אלע טאָג ארום פון קראָם צו קראָם און פון יאַטקע צו יאַטקע און קלייבט צונויף א ביסל שפּייז פאר די עלנטע זקנים, וואָס געפינען זיך אין „הקדש".

אין משך פון אַ סך יאָרן פלעגט מען אַלע יאָר אַדורכפירן אַ געהעריגן רעמאָנט, ווייל דער בנין איז שוין אַן אַלטער. היי יאָר געפינט זיך דער אַנשטאַלט אין אַזאַ שווערן פינאַנסיעלן מצב, אַז מ׳קען זיך ניט דערלויבן אויף דער סאַמע קלענסטער הוצאה און מ׳איז קיינמאָל ניט זיכער, אַז אויף מאָרגן וועט זיין מיט וואָס מפרנס צו זיין די אַלע קראַנקע זקנים און זקנית.

ס׳וואָלט געווען אומבאַדינגט נויטיג, אַז אויך וועגן די צוויי אַנשטאַלטן זאָל זיך די יידישע געזעלשאַפט מער פאַרטראַכטן און אָנהויבן אַן אַקציע, אַז אויך זיי זאָל אינגאנצן אויסהאַלטן דער מאַגיסטראַט ד. ה. זיי איבערנעמען אין זיין רשות, ווי דעם יידישן שפּיטאָל און די יתומים.

זייער אַ סימפּאַטישע אינסטיטוציע, וואָס ברענגט אויך גרויסע נוצן דער אָרימער יידישער באַפעלקערונג, איז די אָנפּראָצענטיגע ליי-קאַסע, געוו. רעטונג - קאָמיטעט (געגרינדעט אין יאָר 1926).

די דאָזיגע אינסטיטוציע האָט זיך אין משך פון היי יאָר שטאַרק אַנטוויקלט, גראָד אין דעם יאָר, וואָס אַ סך ביינק האָבן אין דער וועלט געקראַכט, האָט די ליי - קאַסע ארויסגעוויזן אַן אינטענסיווע טעטיגקייט, זי האָט געוואונען דעם צוטרוי אַפילו ביים רייכערן טייל פון דער היגער באַפעלקערונג און אַ דאַנק דעם באַקומט זי פון צייט צו צייט גרויסע הלוואות און דורכדעם האָט זי די מעגלאַכקייט זיי צוצוטיילן צווישן דער אָרימער באַפעלקערונג.

היי יאָר האָט זי אויך אָרגאַניזירט אַ ראַיאָן - קאָנפערענץ, אויף וועלכער ס׳זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אַ גאַנצע ריי זייער וויכטיגע פראַגעס און ס׳איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די פּראָגראַם פון דער ווייטערדיגער אַרבעט.

די ליי-קאַסע האָט אויך געשאַפן אַ שוועסטער-אינסטיטוציע, דאָס איז די געזעלשלפט „עזרה".

היי יאָר האָט די נייע אינסטיטוציע שוין באַוויזן, ווי וויכטיג זי איז.

אין משך פון דעם יאָר האָט זי אויסגעצאָלט גרעסערע סומעס געלט אַ פּאָר פאַמיליעס פון אירע פארשטאָרבענע מיטגלידער.

חוץ די פילאַנטראָפּישע און טיילווייז ווירטשאַפטלאַכע אינסטיטוציעס, איז אויך נויטיג צו דערמאָנען די קולטורעלע אינסטיטוציעס, אין וואָס פאַר אַ מאטעריעלן מצב זיי געפינען זיך.

געזעלשאַפטלאַכע קולטורעלע אינסטיטוציעס, וואָס ווערן אויסגעהאלטן, אָדער סובסידירט דורך דער שטאָט, זיינען די שולן פון פראָפעסיאָנעלער בילדונג, ווי די האַנטווערקער שולע (געגרינדעט נאָך פאר דער מלחמה) די מיידל שול פון „אָרט"-(געגרינדעט אין יאָר 1923) די יידיש וועלטלאַכע שולן, תרבות שולן, תחכמוני און תלמוד תורה.

אָט די אַלע קולטורעלע פלאַצובקעס געפינען זיך היי יאָר אין אַן אויסערגעווינלאַך-קריטישן מצב.

די סבה איז די אַלגעמיינע, ווייל מ׳האָט געקירצט די סובסידיעס און דאָס וואָס ס׳קומט, צאָלט מען אויך ניט אויס און דאָ קומט נאָך צו די מוראדיגע אָרימקייט פון דער באַפעלקערונג און דער קריזיס אין אמעריקע.

די אַלע אינסטיטוציעס האָבן זיך טיילווייז אויך אויסגעהאַלטן פון שכר-למוד. צוליבן שווערן קריזיס, אַרבעטלאָזיגקייט און דעם לאַנגדויערנדיגן שטרייק, וואָס האָט זיך געצויגן גאַנצע חדשים, האָבן די עלטערן אינגאַנצן פאַרלאָרן די מעגלאַכקייט צו צאָלן דעם נישטיגן שכר-למוד און דאָס האָט געבראַכט צו אַ פולשטענדיגן חורבן פון די אינסטיטוציעס. די לערערס קומט אויס כמעט צו הונגערן און אַ סך שול-לאָקאַלן שטייט פאָר עקסמיסיע.

ביז איצט פלעגן נאָך די שולן באַקומען געוויסע שטיצעס פון אַמעריקע און לעצטנס איז דאָס שוין אויך בטל געוואָרן.

צוליב דעם קומען אַרויס פאַרשיידענע רייבונגען אין די שולן; אַזוי איז היי יאָר צו פאַרצייכענען אַ פּאָר פאַלן פון שווערע סכסוכים צווישן די לערערס מים די פּאַרוואַלטונגען, נאָר אַ

דאַנק דעם אידעאַליזם פון דער לערערשאַפט, וועלכע וואָלט זיך מפקיר געווען פאַר די אינסטיטוציעס, געלינגט צו באַזייטיגן די סכסוכים און ווי ס׳איז פונקציאָנירן די אינסטיטוציעס ווייטער.

די לאַגע איז אָבער זייער אַן אָנגעשטריינגטע און ניט איין אינסטיטוציע שטייט אונטער אַ פרעג-צייכן, צי זי וועט ווייטער עקזיסטירן.

ביים אויסרעכענען די קולטורעלע אינסטיטוציעס דאַרפן מיר מיט דער גרעסטער שמחה קאָנסטאַטירן, אַז ניט קוקנדיג אויף דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע איז היי-יאָר צוגעקומען אַ נייע קולטורעלע אינסטיטוציע—דאָס איז די שטודיר-ביבליאָטעק ביי דער קהלה, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון רעד. פסח קאַפלאַן.

דאָס איז באמת זייער א וויכטיגער אויפטו און בכלל אַ גרויסע נייס פאַר ביאַליסטאָק און דאָס ווייזט אונז, אַז ס׳פּולסירט נאָך ביי אונז דער געזעלשאַפטלאַכער חוש פאַר בויען און שאַפן.

דער סך-הכל איז:

אַ שווערן יאָר האָבן דורכגעלעבט די ביאַליסטאָקער געזעלשאַפטלאַכע אינסטיטוציעס און אויך דער געוואלדיגער קריזיס האָט זיי דאָך ניט חרוב געמאכט. לאָמיר האָפן, אז זיי וועלן ווייטער עקזיסטירן און נאָך שטארקער זיך פאנאנדערבליען און פאנאַנדערוואקסן.

---

יוסף רובינליכט

# דער איבערבראך אין דער ביאַליסטאָ= קער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין יאר 1932

העכער 4 יאָר האָט רעגירט אין ביאַליסטאָק דער צווייטער שטאָטראט, זינט פוילנס אומאָפּהענגיגקייט. די 3-יאָריגע קאַדענץ פון דער זעלבסטפארוואלטונג איז שוין געווען אַריבערגעטראָטן, האָט מען זיך געריכט, אַז היינטיגס יאָר וועלן באשטימט ווערן וואלן.

אָבער דער שטאָטראַט איז געשטאָרבן מיט ניט קיין נאטירלאכן טויט. די געקליבענע שטאָט-טאַטעס זיינען פלוצים געוואָרן אויס באלעבאטים איבער דער שטאָט, צוליב א דעקרעט פון מיניסטער, אז זייער באלעבאטישקייט האָט ניט געטויגט און דעריבער ווערט באשטימט א קאָמיסאר.

ביאַליסטאָקער יידן האָבן ניט קיין מזל צו דער זעלבסט-פארוואלטונג

ביי די ערשטע וואלן, ווען מ׳האָט צוגעטשעפעט צו דער שטאָט די ארומיגע דערפער, כדי צו שאפן א קריסטל. מערהייט, האָבן די יידן, ווי באקאנט, אלס פראָטעסט זיך ניט באטייליגט אין די וואלן.

דער צד שכנגד האָט זיך אָבער דערפון ניט גענומען צום הארצן און 8 יאָר צייט האָט געבאלעבאטעוועט אין שטאָט א ריין-קריסטלאכער שטאָטראט און מאגיסטראַט.

די יידן האָבן זיך שפעטער געשלאָגן „על חטא" אויף זייער אָפּגעטועגעם פאָליטישן פעלער, אָבער ס׳איז שוין געווען פאַר-פאלן.

אַז יידן זיינען ניט געווען פאַרטראָטן אין שטאָטראַט און מאַגיסטראַט, האָט מען זיך וויייניג אינטערעסירט מיט דער יידישער באַפעלקערונג. שטייערן פלעגט מען נעמען, אָבער געניסן פון די שטאָטישע געלטער איז דעם יידן אָנגעקומען זייער שווער. די סובסידיעס פאַר די אינסטיטוציעס און שולן זיינען געווען די מינימאַלסטע. וויפל מ׳האָט געגעבן, האָט מען עס פון זייער זייט פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן „חסד".

האָבן די יידן געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן טאָג, ווען מ׳וועט באַשטימען נייע וואַלן און זיי וועלן אויך קענען זאָגן אַ שטיקל דעה.

דעם ערשטן מאָל זיינען די יידן אַריין אין שטאָטראַט דורך אַ שמאָל טירעלע; פאַר דער לאַנגיאָריגער עקזיסטענץ פון ערשטן שטאָטראַט איז דער צונויפשטעל געוואָרן דעקאָמפּלעטירט. אַלע קאַנדידאַטן-ליסטעס האָבן זיך אויסגעשעפּט.

די מינדערווערטיגע קאַנדידאַטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף די צוואַנציגסטע ערטער, זיינען שוין געהאַט געווען ראָטמענער און אפילו סטרושעס האָבן, נעבאך, געמוזט זיצן אויף די ווייכע פאָ-טעלן...

דאַמאָלס האָט מען באַשטימט צוגאָב-וואַלן אויף אַ דריטל ראָטמענער. די עטלאַכע יידן, וועלכע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן, האָבן, פאַרשטייט זיך, געשפילט אַ קליינע ראָלע אין לעבן פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

ערשט ביי די לעצטע וואַלן זיינען שוין די יידן אריין אין שטאָטראט דורך אַ ברייטן טויער. היות יידן האָבן געבילדעט אַ מערהייט אין שטאָט, האָט זיך עס אָפּגעשפּיגלט ביי די וואַלן. סיי דער שטאָטראט און סיי דער מאַגיסטראַט איז באַשטאַנען פון אַ יידישער מערהייט.

אָבער, צום באַדויערן, איז די יידישע מערהייט געווען בלויז אַ טעאָרעטישע און ניט קיין פּראַקטישע. די בונדיסטן פלעגן אַלס סאָציאַליסטישע פארטיי שטימען כמעט שטענ-דיג קעגן דער בירגערלאַכער יידישער „קאָלאָ".

אָט אַזוי איז צונישט געוואָרן די יידישע מערהייט אין שטאָטראַט. אויך אין מאַגיסטראַט איז בטל געוואָרן די מערהייט, ווייל דער בונדישער לאַווניק פלעגט ניט שטימען מיט די לאַווני-קעס פון דער יידישער „קאָלאָ" און זייער אָפּט פלעגט אויך דער יידישער וויצע-פּרעזידענט דר. זשעמילסקי מאַכן שבת פאָר זיך און שטימען פונקט דער היפך, ווי די איבעריגע „קאָלאָ"-מיטגלידער, וועלכע האָבן אים באַשטימט פאַר וויצע-פּרעזידענט...

ניט געקוקט אויף דער צושפּליטערונג פון די כוחות, האָט פונדעסטוועגן די יידישע רעפּרעזענטאַנץ פאָרט פאַרריכט אַ ריי עוולות, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן דורך דער פריערדיגער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

ס׳איז געלונגען אַריינצוזעצן אַ געוויסע צאָל יידישע באַ-אַמטע אין מאַגיסטראַט און ס׳זיינען פאַרגרעסערט געוואָרן אַ ריי סובסידיעס, דערביי האָבן די יידן אויך געהאַט אין זינען די אַל-געמיינע באַלעבאַטישקייט: ס׳איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די קאָרופּציע און פּראָטעקציע-סיסטעם ביי די שטאָטישע צושטעלונגען, ס׳זיינען דורכגעפירט געוואָרן רעוויזיעס אין עטלאַכע מאַגיסטראַט-אָפּטיילן, וועגן וועלכע ס׳זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען אין שטאָט, אַז דאָרטן איז ניט אַלץ אין אָרדענונג.

ביי דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע אין לאַנד, ווען די הכנסות פון אַלע מאַגיסטראַטן זיינען געפאַלן און די דעפּיציטן זיינען געוואָקסן, איז דער ביאַליסטאָקער מאַגיסטראַט געווען פאַררעכנט צווישן די, וואָס פירן אַ ראַציאָנאַלע ווירטשאַפט.

פאַר דער גאַנצער קאַדענץ פון שטאָטראַט איז ניט געפאַלן קיין שום פּגימה אויף וועלכן ס׳איז מאַגיסטראַט-מיטגליד, וואָס ביים פריערדיגן מאַגיסטראַט איז עס דווקא געווען פון די גע-וויינטלאַכע זאַכן...

ניט קוקנדיג דערויף, האָט מען לסוף דער ביאַליסטאָקער

זעלבסטפאַרוואַלטונג געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים, דורכן באַשטימען פלוצים אַ רעגירונג-קאָמיסאַר.

8 יאָר האָבן די יידן געוואַרט, זיי זאָלן קענען איבערטרעטן די שוועל פון שטאָטראַט, 4 יאָר האָבן זיי געפירט אַ קאַמף צו פאַרריכטן די עוולות, וואָס זיינען פריער אָפּגעטאָן געוואָרן, און איצט וועט יעדער דערגרייכונג אָפּגעווישט ווערן מיט איין פעדער-שטריך.

גאָר אַ קליינער זכר וועט בלייבן פון „יידישן מאַגיסטראַט", אַלץ קערט זיך אום צום זעלבן מצב פון 5–6 יאָר צוריק, ווען די ביאַליסטאָקער יידן האָבן נאָך בלויז געחלומט וועגן שטאָטראַט.

דער איבערבראָך אויף צוריק האָט געטראָפן אין 1932, ווען אין ביאַליסטאָק איז אָפּגעמעקט געוואָרן די זעלבסטפאַרוואַלטונג, און ווער ווייס ווי די זעלבסטפאַרוואַלטונג וועט אויסזען, ווען זי וועט צוריק אויפלעבן?

די ביאַליסטאָקער 50-פּראָצענטיגע יידישע באַפעלקערונג האָט ניט קיין מזל צום שטאָטישן פּאַרלאַמענט!

---

ח נ ז

# ביאַליסטאָקער יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן

אינם יאָרבוך פאַר 1932 איז כדאי צו פאַרצייכענען אונזער ליטעראַריש-זשורנאַליסטישע משפּחה, ווי זי האָט אויסגעזען אינם דאָזיגן יאָר.

איך וועל צייכענען לויטן אלף-בית פון דער מיטגלידער-רשימה פון ליטעראַטן-קרייז, עלעהיי אַ היימישער לעקסיקאָן.

נאָר צוערשט אַ קורצער אַלגעמיינער בילד.

די ביאַליסטאָקער חברים זיינען אָרגאַניזירט שוין 12 יאָר אין אַ ליטעראַטן-קרייז. פאַר דער דאָזיגער צייט האָט דער צונויפשטעל פונם קרייז זיך קנאַפּ-וואָס געביטן. צוויי חברים זיינען געשטאָרבן, אלי זילבערבלאַט (טאַלבערבליז) און אַנשל מאַרגאָליס — זאָל דאָ זיי געשטעלט ווערן אַ דיינקמאָל; אַ פּאָר חברים זיינען אַוועקגעפאָרן און איבערגעריסן מיט אונז דעם קאָנטאַקט. די איבעריגע היינטיגע חברים זיינען כמעט אַלע געווען צווישן די גרינדערס און האָבן פאַר דער צייט זיך צעוואָקסן, אַנטוויקלט און ליטעראַריש געפּרוכפּערט.

נאָכן טויט פונם דיכטער יהואש, האָט דער ליטעראַטן קרייז געעפנט אַ לייען-זאַל אויפן נאָמען פונם פאַרשטאָרבענעם דיכטער; דער יהואש-לייען-זאַל געפינט זיך איצט אין אַ שיינעם לאָקאַל.

אַזוי איז דער אויסזען פון אונזער ליטעראַריש-זשורנאַליסטישן קאָלעקטיוו. און איצט פונם כלל צום פּרט.

א. אַלבעק. ליטעראַט-אַמאָטאָר. פאַרעפנטלעכט אין „דאָס נייע לעבן" אַ ריי שיינע דערציילונגען פון חסידישן לעבן, אין דעליקאַטן חסידישן סטיל געשריבן. שרייבט אויך פון צייט צו צייט געלעגנהייט-אַרטיקלען. מיטגרינדער און לאַנגיאָריגער אַרויסגעבער פון „דאָס נייע לעבן".

א. בּרעזינסקי. לאַנגיאָריגער רעדאַקציע-מיטאַרבעטער אין „דאָס נייע לעבן" און איצט מיטרעדאַקטאָר אין „אונזער לעבן". שרייבט סקיצן און דערציילונגען פון שטעטלשן לעבן, וואו ס'ווערן מיט שאַרפע פאַרבן געצייכנט בילדער פון יידישער געפאַלנקייט און פאַראָרימונג. פאַראַיאָרן האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין פאַר-טרעטן-קאָנקורס פון „פאָרווערטס" און פון דאמאָלס אָן געוואָרן דאָרט אַ שטענדיגער סקיצן-שרייבער.

מאיר מרדכי בּערך. בעלעטריסט. געשריבן יאָרנלאַנג פאַר דער מלחמה נאָוועלן און סקיצן אין „המליץ", „הצפירה" און אַנדערע העברייאישע צייטונגען. נאָך דער מלחמה פאַרעפנטלעכט אַ ריי נאָוועלן אין „דאָס נייע לעבן".

מ. גאָלדמאַן. דיכטער. האָט פאַרעפנטלעכט אַ פּאָר הונדערט לירישע לידער אין „דאָס נייע לעבן" און „אונזער לעבן", ווי אויך אין די „ליטעראַרישע בלעטער", אין דער „ביאַליסטאָקער שטימע" (ניו-יאָרק) און אַנדערע אויסגאַבעס. געוואונען אין ניו-יאָרקער „פאָרווערטס" די הונדערט-דאָלאַרדיגע פּרעמיע פאַרן בעסטן ליד און געדרוקט דאָרט נאָך לידער, פאַרנעמט זיך די לעצטע פּאָר יאָר מיט איבערזעצן די מאָדערנע טאַנגאָס; זיי ווערן געדרוקט אין „אונזער לעבן" און אין וואַרשעווער „ראַדיאָ" און דער עולם זינגט זיי מיט גרויס אינטערעס. לאַנגיאָריגער מיטאַרבעטער פון „דאָס נייע לעבן" און איצט מיטרעדאַקטאָר פון „אונזער לעבן". זיין רעסאָרט איז פּאָליטישער רעפּאָרטאַזש און פּרעסע-איבערבליק, שרייבט אויך פון צייט צו צייט שיינע טעאַטער-רעצענזיעס און געזעלשאַפטלעכע אַרטיקלען אין אַ פיינעם זאַפטיגן יידיש. מיטרעדאַקטאָר פון „יאָר-בוך".

---

## פאַרוואַלטונג פון ביאַליסטאָקער יידישן ליטעראַטן-און זשורנאַליסטן-קרייז



פון לינקס אויף רעכטס: א. זבאַר — סעקרעטאַר; נח זאַבלודאָווסקי — ערן-מיטגליד; משה ווייסאָצקי — פאָרזיצער; י. ל. שאַצקי — וויצע-פאָרזיצער; י. רובינליכט — קאַסיר.

---

מגר. יעקב וואַרשאַווסקי. שרייבט אַרטיקלען וועגן ווירטשאַפטלעכע ענינים אין דער אָרטיגער פּרעסע, פאַרעפנטלעכט אַ בוך: „די אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער קהלה אין פּוילן".

צ. ווידער. ליטעראַט-אַמאַטאָר. שרייבט נאָך פון פאַר דער מלחמה. מיטאַרבעטער פון „דאָס נייע לעבן" און „אונזער לעבן" די גאַנצע יאָרן. צייכנט זיך אויס מיט אַ פּרעכטיגן בילדער-רייכן סטיל און מיט טיפער לאָגיק. פאַרנעמט זיך ס'רוב מיט האַנטוועקער-ענינים, וואו ער אַנטוויקלט אַן אייגענע אידעאָלאָגיע. פון צייט צו צייט שרייבט ער אָבער אויך וועגן אַלגעמיינע ענינים מיט אַ ברייטן פּובליציסטישן פאַרנעם.

ח. ווייסאָצקי. בעלעטריסט. פאַרעפנטלעכט אַ ריי נאָוועלן און דערציילונגען אין דער אָרטיגער פּרעסע, ס'רוב אויף עראָטישע מאָטיוון. לעצטנס ווערן זיינע סקיצן געדרוקט אין ניו-יאָרקער „פאָרווערטס".

מ. ווייסאָצקי. מיטגרינדער פון „דאָס נייע לעבן", פאַרעפנטלעכט דאָרט אַרטיקלען פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. פאַרבנרייכער סטיל, טעמפּעראַמענטפולע אויסדרוק-פאָרם. רעדאַגירט די וואָכנשריפט „ביאַליסטאָקער שטימע", אַ ריי יאָרן אין עטלעכע גלגולים. שפּעטער רעדאַגירט די טעגלעכע צייטונג

„ביאַליסטאָקער טעלעגראַף". איצט מיטרעדאַקטאָר פונם „ביאַליסטאָקער יידישן קוריער". מיטגרינדער פונם ליטעראַטן-קרייז, פונם יהואש-לייען-זאַל, וואו ער פאַרנעמט עטלאַכע מאָל דעם פאָרזיץ; איצט — פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג.

נ. זאַבלודאָווסקי. דער זקן שבחבורה, ערנמיטגליד פון ליטעראַטן - קרייז. שרייבט שוין איבער 50 יאָר. געווען קאָרעספּאָנדענט פון „המליץ", „הצפירה", „פריינד", „טאָג" און אנדערע. שטענדיגער מיטאַרבעטער פון „דאָס נייע לעבן" און „אונזער לעבן". געשריבן אויך אין אַנדערע היגע אויסגאַבעס. פאַרעפנטלאַכט עטלאַכע אייגענע דראַמעס. שוין עטלאַכע יאָר שרייבט ער סעריעס אינטערעסאַנטע היימישע בילדער אונטערן אלגעמיינעם נאָמען „פון ביאַליסטאָקער עבר". די לעצטע זייער אינטערעסאנטע סעריע איז געווען „ביאַליסטאָקער דאָקטוירים".

מרדכי זאַבלודאָווסקי. ליטעראַט-אַמאַטאָר. פאַרמאָגט אַ געזונטן יידישן סטיל. פאַרעפנטלאַכט צוויי אייגענע לערן-ביכער איבער פיזיקע און אַריטמעטיקע. שרייבט געלעגנהייט-אַרטיקלען וועגן טעכנישע און אויך געזעלשאַפטלאַכע ענינים.

א. זבאַר. קאָרעספּאָנדענט און לאַנגיאָריגער מיטאַרבעטער פון „יידישן קוריער" אין שיקאַגאָ, שרייבט אין דער ביאַליסטאָקער פרעסע אַרטיקלען וועגן געזעלשאַפטלאַכע ענינים, ליטעראַטור און קונסט. מיטגרינדער פון יהואש-לייען-זאַל, איצט — סעקרעטאר פון דער פארוואלטונג פון ליטעראַטן-קרייז. מיטרעדאָקטאָר פון „אַלמאַנאַך" און פון „יאָרבוך".

אָשר טרזשאנאָוויטש. מיטגרינדער און לאַנגיאָריגער סעקרעטאַר פון ליטעראטן-קרייז. געאַרבעט פראָפעסיאָנעל נאָך פאַר דער מלחמה אין א. ש. הערשבערגס „טאַגעבלאַט", פאַרעפנטלאַכט פון צייט צו צייט אין „דאָס נייע לעבן" געלעגנהייט-אַרטיקלען וועגן געזעלשאפטלאַכע ענינים. די לעצטע יאָרן — ביאַליסטאָקער קאָרעספּאָנדענט פונם וואַרשעווער „עקספּרעס", מיטרעדאַקטאר פונם „ביאַליסטאָקער יידישן קוריער".

לוי טרעשטשאַנסקי. שרייבט אין אַ שיינעם יידיש געלעגנהייט - אַרטיקלען און גוט-געבויטע לידער.

בנימין טאַבאַטשינסקי. שרייבט געלעגנהייט-אַרטיקלען וועגן געזעלשאַפטלאַכע ענינים אין אַ פאַרבנרייכן טעמפּעראַמענטפולן סטיל.

ש. לאַמפּערט. נאָוועליסט און ראָמאַניסט. פאַרעפנטלאַכט אין „דאָס נייע לעבן" ביי הונדערט נאָוועלן, וואָס שפּראָצן מיט קערנדיגן טאַלאַנט. שפּעטער אַריבער צו דער ראָמאַן-פאָרם, אָפּגעדרוקט אין „דאָס נייע לעבן" און „אונזער לעבן" דריי ראָמאַנען, וועלכע ווערן אויך איבערגעדרוקט אין דער אַרגענטינער „יידישער ציי‏טונג".

י. ליס. לירישער דיכטער, מאָדערן אין פאָרם און מיט אַ סך טעמפּעראמענט. נעמט אויף, אין דיכטערישע וויזיעס, דעם יידישן נאַציאָנאלן וויטאָג, ווי אינדיווידועלע איבערלעבונגען. געדרוקט זיך אין „דאָס נייע לעבן", „אונזער לעבן", אַנדערע ביאַליסטאָקער אויסגאבעס, אין „ליטעראַרישע בלעטער", „היינט" און אַנד.

דר. י. לוקאַטשעווסקי. אַ פיינפילנדיגע זשורנאַליסטישע פעדער. שרייבט זעלטן, אָבער פרעכטיג. צייכנט זיך באַזונדער אויס אין נאַטור-שילדערונגען. שטענדיגער מיטארבעטער פון „דאָס נייע לעבן", „אונזער לעבן", „הצפירה" און אנד.

דוד סאַפיר. נאָוועליסט און ראָמאַניסט. געדרוקט אין „דאָס נייע לעבן" און אַנדערע אַ סך נאָוועלן און סקיצן, ווי אויך אַ ראָמאַן „דער דור פון די שוואַכע" אין 3 טיילן. פאַרמאָגט אַ שיינעם זאַפטיגן יידיש, שרייבט אין אַ זאַכטן, ליריש-עלעגישן טאָן.

א"ש עמיאל. אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין דער „פרייהייט" (רעדאקציע נ. זאַבלודאָווסקי) אין דער אָקופּאַציע-צייט. מיטאַרבעטער פון „דאָס נייע לעבן" און „אונזער לעבן" די גאַנצע 14 יאָר. פאַרמאָגט אַ ברויזיגן, קאָלירנרייכן סטיל. שרייבט אַרטיקלען עסייאיסטיש וועגן געזעלשאַפטלאַכע און קולטור-ענינים. אַ גרעסערן אַרטיקל, כמעט אַ ווערק, פאַרעפנטלאַכט אין „אַלמאַנאַך", וואו געווען מיטרעדאַקטאָר.

ל. פאַיאַנס. אַ זעלטענער שפּראַך-קינסטלער; שרייבט ניט אָפט, אָבער איטלאַכס אַרטיקל און פעליעטאָן איז אַ פערל פון שיינשרייבן. איבערזעצער פון טשערניכאָווסקי, ביאַליק און אַנדערע העברייאישע דיכטערס.

י. פוריע. נאָוועליסט. קערנדיגער פאָלק-סטיל און קענער פון אַרבעטער-לעבן. פאַרעפנטלאַכט אַ ריי דערציילונגען אין „דאָס נייע לעבן" און אַנדערע.

פסח קאַפּלאַן. אָנגעהויבן שרייבן אין „המליץ" אין יאָר 1889. פון דאַמאָלס מיטאַרבעטער אין אַ ריי העברייאישע און יידישע צייטונגען. פאַרעפנטלאַכט אַ ריי ביכער אין העברייאיש און יידיש. רעדאַקטאָר פון „דאָס נייע לעבן", הויפּט-רעדאַקטאָר פון „אונזער לעבן". פאַרעפנטלאַכט אָן אַ צאָל אַרטיקלען, עסייען, פעליעטאָנען און אַנד. מיטגרינדער און פילמאָליגער פאָרזיצער פון ליטעראַטן קרייז, סעניאָר פון ביאַליסטאָקער זשורנאַליסטן-סינדיקאַט.

ליטמאַן ראָזנטאַל. ביאַליסטאָקער נעסטאָר, שרייבער פון זכרונות. פאַרעפנטלאַכט אין „דאָס נייע לעבן" איבער הונדערט אַרטיקלען, פון מעמואַרן-כאַראַקטער, וועגן פערזענלאַכקייטן און געשעענישן, דערהויפּט אויפן ציוניסטישן געביט און פון קאָנגרעס-לעבן.

י. רובנליכט. דער יינגסטער פון דער משפחה. אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין שטיינסאַפּירס „קוריער", אַריבער אין „דאָס נייע לעבן" און איצט רעדאַקציע-מיטאַרבעטער פון „אונזער לעבן". זיין הויפּט-פאַך: רעפּאָרטאַזש. פאַרמאָגט אָבער אַ היפּש ביסל הומאָר, רעדאַגירט דעם הומאָריסטישן אָפּטייל אין „אונזער לעבן" און שרייבט אָפּט בילדלאַך, נאָטיצן און אויך גרעסערע ערנסטע אַרטיקלען אויף אָרטיגע טעמעס. פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון ייד. ליטעראַטן-קרייז.

י. רושאַנסקי. ליטעראַט-אַמאַטאָר. פאַרעפנטלאַכט אין „דאָס נייע לעבן" און אַנדערע פאַרשיידענע געלעגנהייט-אַרטיקלען וועגן קולטורעלע און געזעלשאַפטלאַכע ענינים. איינער פון די ענערגישסטע מיטאַרבעטערס פונם ליטעראַטן-קרייז.

י. ל. שאַצקי. נאָוועליסט. פאַרעפנטלאַכט אַן ערך הונדערט נאָוועלן אין „דאָס נייע לעבן" און אַנדערע. טעטיג אויך אויפן זשורנאַליסטישן געביט. שרייבט געלונגענע פעליעטאָנען. מיטרעדאַקטאָר פון „אַלמאַנאַך" און „יאָר-בוך", אויך פון „אונזער וועג". מיטגרינדער פון ליטעראַטן-קרייז, מיטבויער פון יהואש-לייען-זאַל, וויצע-פאָרזיצער פון ייד. ליטעראַטן-קרייז און איינער פון די טיכטיגסטע עסקנים אין דער שרייבערישער משפחה.

י. ג. שטיינסאַפּיר. זשורנאַליסט און פעליעטאָניסט. געאַרבעט נאָך פאַר דער מלחמה אין הערשבערגס „טאַגעבלאַט", „ביאַליסטאָקער וואָרט" און אַנדערע. לאַנגיאָריגער מיטאַרבעטער פון „דאָס נייע לעבן", געווען רעדאַקציע - מיטאַרבעטער פון „פאָלקסבלאַט" (אין 1919) און פון דער „ביאַליסטאָקער שטימע". אַרויסגעגעבן אַליין אַ טאָג-צייטונג „ביאַליסטאָקער קוריער", געווען מיטגליד פון דער רעדאַקציע-קאָלעגיע אין „אונזער לעבן". איצט רעדאַקטאָר פון דער וועכנטלאַכער „וועלט". קאָרעספּאָנדענט פון „היינט". פאַרמאָגט אַ לייכטע פעדער און אַ סך וויץ אין פעליעטאָן.

יעקב שאַפּיראָ. קאָרעספּאָנדענט פון „א. ק. צ." און אַנדערע

פוילישע און אויך אויסלענדישע צייטונגען און זשורנאַלן, דער-הויפּט עספּעראַנטישע פון גאָר דער וועלט. פון צייט צו צייט פאַרעפנטלאַכט ער אויך אַרטיקלען אין יידיש, אין דער אָרטיגער פּרעסע. בויער און איצטיגער פאָרזיצער פון ביאַליסטאָקער זשורנאַליסטן-סינדיקאַט. מיטגליד פון דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פון זשורנאַליסטן-פאַרבאַנד אין פוילן. מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּרעסע-קאָמיסיע ביים צענטראַלן עספּעראַנטאָ-קאָמיטעט אין זשענעווע. פאַרעפנטלאַכט אויך אַ באַנד פּעליעטאָנען אין עספּעראַנטאָ און פּראָפּאַגאַנדע-בראָשורן אין פאַרשיידענע שפּראַכן. באַקומען 2 מאָל אויסצייכענונגען אויף אינטערנאַציאָנאַלע ליטעראַריש-וויסנשאַפטלאַכע-קאָנקורסן.

נח שיינברון (פּסעווד. מיקאָלאַי וואַדיאַס). פּוילישער שריפטשטעלער, פאַרמאָגט אַ רייכן און שיינעם סטיל. שרייבט ס׳רוב וועגן קונסט, אָבער אויך וועגן פּאָליטישע און געזעלשאַפטלאַכע ענינים. פאַרעפנטלאַכט אַרטיקלען אין קראַקאָווער „נאָווי דזענניק", אין „נאַש פּשעגל." און אנד., אויך אין „דאָס נייע לעבן" און „אונזער לעבן".

אַזוי זעט אויס אונזער היימישע ליטעראַרישע משפּחה, וואָס גרופּי׳רט זיך אַרום ליטעראַטן-קרייז.

דערמיט איז נאָך ניט אויסגעשעפּט דער גאַנצער ביאַליסטאָקער פאַרנאַס.

אין ביאַליסטאָק לעבט און ווירקט דער אָנערקענטער וועלט-באַרימטער שריפטשטעלער-פאָרשער א. ש. הערשבערג, וועלכער האָט בשעתו אויך רעדאַגירט דעם „טאָגעבלאַט" און האָט אויך פאַרעפנטלאַכט אַ סך אַרטיקלען אין „דאָס נייע לעבן", „אונזער לעבן" און אַנדערע. ער האָט היי-יאָר באַקומען די פּרעמיע פון וואַרשעווער קהלה פאַר וויסנשאַפט.

אין ביאַליסטאָק וואוינט אויך דער העברייאישער שריפטשטעלער א. אורינאָווסקי, וועלכער דרוקט אויך פון צייט צו צייט אַרטיקלען אין יידיש.

אָבער אין דער רשימה פון ליטעראַטן-קרייז געפינען זיך ניט זייערע נעמען.

# וואָס ברייגגט פאַר דער האַנטווער-קערשאַפט דער יאָר 1933?

דער לויפנדיגער יאָר 1933 איז אַ יובל-יאָר פון דער ביאַליסטאָקער האַנטווערקער-אָרגאַניזאַציע. 15 יאָר כסדרדיגע טאָגטעגלאַכע פּראָזאַאיש-נודנע, אָבער אָנגעשטריינגטע אַרבעט. 15 יאָר ראַנגלען זיך אין אַ גאַנצן ים צובראָכענע סטיכיעס, אינערלאַך און אויסערלאַך. איין קריזיס יאָגט דעם צווייטן, איין סכּנה דער אַנדערער.

וואָס טראָגט אין זיך דער יאָר 1933? זינט דער וועלט-מלחמה איז נאָך קיין איין מאָמענט ניט געווען פאַר דער האַנטווערקערשאַפט אין פוילן אַזוי דעצידירנדיג וויכטיג, פון אזאַ קארדינאַלן באַטייט, ווי דער וואָס קומט איצט.

דער גורל פון דער גאַנצער מלאכה און נאָכמער פון דער יידישער מלאכה, דער גורל פון דער אָרגאַניזאַציע ליגט ערשט אויפן וואָגשאָל.

אַ היסטאָרישער מאָמענט.

באַפרייאיגונג-שיינען. צוואַנג-צעכן. די אייגענע ווירטשאַפטלאַכע זעלבסטפאַרוואַלטונג. דאָס זיינען אַלץ גרויסע און ראַדיקאַלע איבערבראָכן, איבערבראָכן מאטעריעלע און טיף פּסיכאָלאָגישע.

צום ערגערן, אָדער צום בעסערן?

איין זאך איז אָבער קלאָר. צום איצטיגן מאָמענט, צו דעם פּעריאָד איז דער יידישער האַנטווערקער שוין דערגאַנגען אָן אָטעם. אַ צודריקטער און צופייניגטער פון כסדרדיגן ווירטשאַפטלאַכן קאַטאַקליזם, וואָס ציט זיך נאָך פון דער מלחמה אָן און וואָס בייט זיך אַלע מאָל צום ערגערן,— האַלט ער זיך, דער האַנטווערקער, קוים אויף די פיס. ניטאָ מער קיין אָטעם צום היינט.

וואָס-זשע ברייננט אונז דער מאָרגן? וואָס ברייגגט אונז דער יאָר 1933?

**צ. ווידער**

## פּרעזידיום פון האַנטווערקער-פאַריין


פסח מעלניצקי,
וויצע-פאָרזיצער


צבי ווידער,
פאָרזיצער


יצחק פלאָנסקי,
וויצע-פאָר זיצער

מ. רובינשטיין

# דער יידיש=וועלטלאכער שולוועזן אין ביאליסטאָק אין יאָר 1932

אין פעברואַר 1933 יאָר ווערט זיבעצן יאָר, זינט ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידיש-וועלטלאכע שול אין ביאליסטאָק. די ערשטע מאָדערנע יידיש-וועלטלאכע שול איז אנטשטאַנען אין די הונגער-יאָרן פון דער מלחמה, און דווקא איצט אין געפערלאכע קריזיס-יאָרן האָט זיך דער יידיש-וועלטלאכער שולוועזן אין ביאליסטאָק פארברייטערט און פאַרפעסטיגט, די אנשטאלטן ביי דער יידישער שול-אָרגאַניזאציע האָבן זיך סטאַביליזירט און פאַרטיפט אין דער ארבעט. די צאָל קלאסן האָט זיך אין לעצטן יאָר פארגרעסערט, די צאָל קינדער דערגרייכט איבער טויזנט, וואָס איז די פריערדיגע יאָרן ניט געווען, דאָס באַווייזט, אז די באַפעלקערונג האָט א פאָזיטיווע באַציאונג צום יידיש-וועלטלאכן שול=וועזן. די ברייטע שיכטן פון שטאָט טרויען אָן זייערע קינדער דער יידיש-וועלטלאכער שול.

דערדאָזיגער וואוקס און פארפעסטיגונג קומט פאָר ביי די ערגסטע באַדינגונגען; דער ווילדער קריזיס לאָזט זיינע שארפע נעגל אומעטום און, פארשטייט זיך, גאָר ווייטאָגדיג אין יידישן שול-וועזן, וואָס זיינע שיכטן פילן אים גאָר שטארק. די טויזנט עלטערן פון דער יידיש-וועלטלאכער שול רייסן אָפּ פון דאָס בלוטיג-נויטיגסטע און צאָלן שכר-למוד פאר זייערע קינדער. די הילף פון אמעריקע האָט זיך כמעט אָפּגעשטעלט. דער הויפּט-מקור פון דער שטאָט-פארוואלטונג האָט זיך מיטן אָנקום פון קאָמיסאר כמעט אויסגעטריקנט.

די שרעקלאכע עקאָנאָמישע לאגע פון שולוועזן האָט אָבער ניט געווירקט אויף זיין אינעווייניגסטן צושטאנד. ביי היינטיגער עקאָנאָמישער דעפרעסיע וואָלט געווען א נצחון אייננאלטן די פריערדיגע פאָזיציעס, דער יידיש-וועלטלאכער שולוועזן אין ביאליסטאָק האָט נאָך אָבער זיינע פאָזיציעס פארברייטערט.

צו אונזער שטאָלץ געהערט נאָך ביאליסטאָק צו די געציילטע שטעט אין פוילן, וואָס פארמאָגט א ברייט פארצווייגטן שול-וועזן.

די אינערלאכע ארבעט אין די זעקס יידיש-וועלטלאכע אנשטאלטן פון דער ביאליסטאָקער יידישער שול-אָרגאניזאציע גייט נאָרמאל, ס׳ווערט נאָך געפירט א גאנץ ברייטע אויסער-שול-ארבעט צווישן קינדער, עלטערן און אביטוריענטן.

די עלטסטע יידיש וועלטלאכע שול, די געוו. יוגנט-פאריין-שול, האָט איינגעהאלטן אירע אלע זיבן קלאסן. די צאָל קינדער וואקסט און איז דעם לעצטן יאָר אריבערגעשטיגן צוויי הונדערט, די שול האָט געפירט א ברייטע אויפקלערארבעט צווישן די עלטערן מיט אירע צענדליגער אינטערעסאנטע עלטערן-אוידיטאָריעס. ביי דער שול פונקציאָנירט א קלוב פאר עלטערע קיידער און א גרויסע שול-ביבליאָטעק. ס׳איז ביי דער שול געמאכט געוואָרן א פרוב צו אָרגאניזירן די הינדערטער אביטוריענטן, וואָס די געוועזענע יוגנט-פאריין-שול האָט שוין באוויזן ארויסצולאָזן.

די מענדעלע-שול ביי דער יי.ש.א. האָט דעם לעצטן יאָר זיך פארשטארקט און פארגרעסערט. ס׳איז צוגעקומען א זעקסטער קלאס, וואָס איז פריער ניט געווען. די צאָל קינדער האָט זיך צום נייעם-לערן-יאָר פארגרעסערט אויף נייע פופציג תלמידים, ס׳איז געפירט געוואָרן א ברייטע אויסער-שול-ארבעט צווישן די קינדער, ס׳פונקציאָנירט א קינדער-ביבליאָטעק, א קינדער-קלוב און א קינדער-אוידיטאָריע, וואָס איז שוין פאָרגעקומען 45 מאָל און איז זייער באליבט ביי די קינדער, די שול פארמאָגט אן אייגענעם שול-קינא, וואָס איז פאָפולער אפילו ביי די קינדער פון אנדערע שולן, ס׳זיינען אין מענדעלע-שול פאָרגעקומען עלטערן-אוידיטאָריעס.

א לעבעדיגע אַרבעט טוט דער אביטוריענטן קרייז ביי דער מענדעלע-שול, וואָס פירט אַ הילף און קולטור-טעטיגקייט פאר דער שול און אַליינבילדונג-טעטיגקייט דורך אַ ליטעראַרישן קרייז.

די גראָסער-שול געפינט זיך אין געדיכטעניש פונם פראָלעטאַרישן קווארטאל אין ביאליסטאָק און איז דער גרעסטער אַנשטאַלט פון דער שול-אָרגאַניזאציע. די צאָל קינדער שטייגט אַריבער דריי הונדערט.

די שול מוז יעדער יאָר עפענען פּאַראַלעלע יינגערע קלאַסן, צוליבן גרויסן צופלוס פון קינדער. דעם לעצטן יאָר איז צוגעקומען אַ זיבעטער קלאַס, וואָס איז אַ לייגגערע צייט ניט געווען. צוליב דער גרעסערער צאָל קלאַסן וועט זיך מיט דער צייט מוזן עפענען אין דער גראָסער-שול אַ פּאַראַלעלע נאָכמיטאָג-שול. די שולע פארמאָגט אַ קינדער-קלוב און אַ קינדער-ביבליאָטעק.

אַ פּערטע יידיש-וועלטלאכע פאָלק-שול ביי יי. ש. א. — גן-ילדים האָט אַ געוויסע צייט געהאט אַ קליינע צאָל קינדער מיט אַ ג׳ עסערער צאָל קלאַסן. די לעצטע יאָרן האָט זיך די שול שטאַרק אַ הייב געטאָן און פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל קינדער מיטן גרעסטן דורכשניט אויף אַ קלאַס. די שול איז אַ נויטווענדיגקייט אין יענעם ראַיאָן. דאָס באַווייזן אויך די גוט-באַזוכטע עלטערן-פּארזאַמלונגען אין יענער שול.

די עלטערן זיינען שטאַרק צוגעבונדן צו דער שול. זיי איז אויסגעקומען צו פירן אַן עקשנותדיגן קאַמף מיט אַ גרופּע גבאים, וואָס ווילן צונעמען דעם לאָקאַל ביי דער שול און איר אומברענגען. די געטרייע עלטערן-מאַסע מיט די שול-טוערס ווילן ניט דערלאָזן צו פאַרניכטן דעם פולבלוטיגן גרויסן קינדער-אַנשטאַלט און זיינען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות, כדי אייננצוהאלטן דעם לאָקאַל פאר דער שול. דאָס איז אַ סך מאָל געקומען צום אויסדרוק אויף די עלטערן-אַרויסטריטן.

די מענדעלע-קינדערהיים, וועלכע געפינט זיך אין לאָקאַל פון מענדעלע-שול, אַנטוויקלט זיך גוט, פאַרמאָגט אַ רוימיגן און שיינעם לאָקאַל. די צאָל קינדער איז באַגרעניצט, און די אַרבעט גייט דאָרט נאָרמאַל.

דער יינגסטער אנשטאלט פון דער יי. ש. א. — איז די יידישע גימנאַזיע. יידישע גימנאזיעס פאַרמאָגט ליטע, לעטלאַנד און רוסלאנד. אין פוילן איז ביאליסטאָק די צווייטע שטאָט נאָך ווילנע, וואָס פאַרמאָגט אַ יידישע גימנאַזיע. שונאים האָבן פאָרויסגעזאָגט, אַ טייל פריינט האָבן זיך געשראָקן, אַז זי וועט זיך האַלטן בלויז אַ יאָר אָדער צוויי. און אָט עקזיסטירט זי שוין זעקס יאָר און פאַרפעסטיגט זיך. די צאָל קינדער האָט זיך אפילו אין לעצטן יאָר פארגרעסערט, דעם לעצטן יאָר איז פאָרגעקומען דער ערשטער ארויסלאָז פון אַכטן קלאַס.

די יידישע גימנאזיע גיט אַ מעגלאַכקייט נאָרמאל פאָרצוזעצן זייער בילדונג די קינדער, נאָכן פאַרענדיגן די יידישע פאָלקשול.

די עלטערן פון דער יידישער גימנאזיע, וועלכע רעקרוטירן זיך אין אַ גרויסער מאָס פון דער יידישער אינטעליגענץ, זיינען געטריי דעם אנשטאלט און מאַכן אָנשטריינגונגען צו פארגרינגערן זיין לאַגע. זיי באַרייכערן דעם אינוועטאר פון דער גימנאזיע, איצט ווערט געשאפן ביי דער גימנאזיע אַ גרעסערע לאבאָראטאָ-

ריע אויף פּראַקטישע אַרבעט, וועלכע וועט באַדינען חוץ דער גימנאַזיע, אויך די יידישע שולן ביי יי. ש. א.

אַלע שול-אַנשטאַלטן פאַרמאָגן שול-קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע באַדינען די קינדער מיט אַלע שרייב-מאַטעריאַלן און ביכער. די הכנסה פון די שול-קאָאָפּעראַטיוון גייט אויף באַרייכערן די שול-ביבליאָטעקן און אויף עקסקורסיעס סוף לערניאָר. אַ דאַנק דעם איז מעגלאַך געווען אויך דעם לעצטן יאָר דורכצופירן אַ גרע-סערע עקסקורסיע אויף עטלאַכע טעג פאַר די עלטערע קלאַסן פון יוגנט-פאַריין,- מענדעלע- און גראָסער-שול קיין גראָדנע און פון דער יידישער גימנאַזיע — קיין ביאַלאָוועזש.

דער מאַנדאָלינע-שפּילן, אַלס באַזונדער לימוד, וואָס איז עטלאַכע יאָר געווען איינגעפירט אין מענדעלע-שול און יוגנט-פאַריין, איז שוין דעם יאָר איינגעפירט כמעט אין אַלע שולן פון יי. ש. א. דער מאַנדאָלינע-אָרקעסטער פון מענדעלע-שול און יוגנט-פאַריין האָט זיך שוין קונה שם געווען דעם לעצטן יאָר אויף עפנטלאַכע אַרויסטריטן.

די קינדער-קלובן האָבן זיך די לעצטע יאָרן שטאַרק איינ-געבירגערט אין די שולן און פירן אַ פאַרשיידנאַרטיגע טעטיג-קייט, די קינדער פאַרווילן זיך דאָרט מיט שפּילצייג, באַוועגונג-שפּילן, פּינג-פּאָנג-שפּילן. עס פונקציאָנירן פאַרשיידענע קרייזן, ס'ווערן געפירט שמועסן, קעסטל-אָוונטן, ס'ווערן צוגעגרייט אינ-סצעניזאַציעס, וואַנט-צייטונגען א. א. וו.

ס'זיינען אין לעצטן יאָר פאָרגעקומען עטלאַכע אַלגעמיינע אַרויסטרעטונגען, ווי די אַקאַדעמיעס פאַר קינדער צום אָנדיינק פון י. ל. פּרץ, מאָריס ווינטשעווסקי, מעדעם און מיכאַלעוויטש.

ס'זיינען פאָרגעקומען צוויי גרויסע שול-מאַניפעסטאַציעס: דאָס איז דער גרויסער שול-יום-טוב אין „פּאַלאַס" אין יוני 1932 און די גרויסע גאַסן-דעמאָנסטראַציע פון אַלע שול-קינדער אין אָקטאָבער 1932.ביידע דעמאָנסטראַציעס האָבן געוויזן דעם כוח און די גרויס פון יידישן שולוועזן אין ביאַליסטאָק.

דער יידיש-וועלטלאַכער שול-וועזן לעבט און וואַקסט. ס'בלייבט צו ווינטשן, אַז אַלע שול-פריינט זאָלן מאַכן די גרע-סטע אָנשטריינגונג, כדי דורכצוקומען די געפערלאַכע קריזיס-צייט און דערפירן צום מאָמענט, ווען די מלוכה-מאַכט וועט טאָן איר חוב און אויסהאַלטן דעם שול-וועזן.

---

# צען יאָר עקזיסטענץ פון דער ביאַלי= סטאָקער קראַנקן=קאַסע

די ביאַליסטאָקער קראַנקן-קאַסע איז אַנטשטאַנען אין נאָ-וועמבער 1922.

ווערנדיג אין משך פון די ערשטע יאָרן געפירט דורך פאַר-שיידענע געקליבענע פאַרוואַלטונגען, איז די קראַנקן-קאַסע געווען אַ פעלד פאַר פאַרשיידענע אַרומרייסעניש און פּאָליטישע קאַמפן. ניט קוקנדיג דערויף, וואָס ס'זיינען דאַמאָלס געווען גאַנץ גוטע צייטן, האָבן דאָך די דאָזיגע פאַרוואַלטונגען איבערגעלאָזן נאָך זיך קאָלאָסאַלע חובות, וואָס האָבן באַטראָפן ביי אַ גאַנצן מיליאָן זלאָטעס, ווי התחייבותן אויף דירה-געלט אויף אַ סומע פון 50.000 זלאָטעס, פאַר וועלכע מ'האָט אין משך פון אַזוי פיל יאָרן געקענט אויפבויען אַ אייגענעם בנין. אין אַזאַ מצב, וואָס האָט געקענט דערפירן צו אַ פולשטענדיגן חורבן, איז אין יאָר 1929 אַריבער-געגאַנגען די לייטונג פון דער קראַנקן-קאַסע צו קאָמיסאַרן.

גלייך אין אָנהויב פון זייער טעטיגקייט האָבן די קאָמי-סאַרן זייער אינטענסיוו געאַרבעט, כדי געזונט צו מאַכן די פאַר-העלטענישן אין קראַנקן-קאַסע.

אַזוי דויערט עס ביזן 1-טן יאַנואַר 1932, ווען אין דער קראַנקן-קאַסע קומט אַריין זייער אַ גרויסער שנוי, דהיינו: אין דער ביאַליסטאָקער קראַנקן-קאַסע ווערן צוגעצויגן אַ ריי אַנדערע שטעט פון קרייז, ווי למשל, וואָלקאָוויסק, וויסאָקא-מאַזאָוועצק, הייבובקע (ביעלס-פּאָדליאַסער קרייז).

די דאָזיגע קאַסעס האָבן אָבער אויך געהאַט קאָלאָסאַלע חובות.

אָט צוליב די אַלע אויבנדערמאָנטע טעמים וועט פאַר אַלע-מען זיין קלאָר, אַז לכתחילה איז געווען זייער שווער אָנצופירן מיט אַזאַ אינסטיטוציע, וועלכע נעמט אַרום אַ שטח פון 12.278 קוו. קילאָמ. (ביי אַ קליינער און שוואַכער קאָמוניקאַציע-נעץ), באַ-וואויגט דורך 692.528 איינוואוינערס, פון זיי קרוב 60.000 קאַסע-פאַרזיכערטע צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס.

אָבער ניט קוקנדיג אויף די אַלע שוועריקייטן האָט דאָך די קראַנקן-קאַסע אין משך פונם ערשטן האַלבן יאָר 1932 געגעבן פאָלגנדיגע מעדיצינישע הילף פאַר די פאַרזיכערטע און זייערע פאַמיליעס:

| | |
|---|---|
| אין די אַמבולאַטאָריעס | 114.236 |
| ביים קראַנקן אין שטוב | 16.421 |
| כירורגישע . . | 196 |
| אויגן-קראַנקע . . . | 65 |
| לארינגאלאשע . . . | 84 |
| ווענערישע . . . | 922 |
| גינעקאלאָגישע . . . | 86 |

אין די שפּיטעלער האָט מען אַריבערגעשיקט 1.809 קראַנקע וועלכע האָבן זיך געהיילט אין משך פון 24.282 טעג — און אין די סאַנאַטאָריעס — 10 קראַנקע אין משך פון 209 טעג.

די דאָזיגע סטאַטיסטישע ציפערן ווייזן, אַז דורכשניטלאַך קומען אויס אויף יעדן פאַרזיכערטן עטלאַכע מעדיצינישע באַ-האַנדלונגען.

אין משך פון דער זעלבער צייט האָט די אַפּטייק אַרויס-געגעבן 127.917 רעצעפּטן.

חוץ די מעדיצינישע הילף האָט מען אויסגעצאָלט אונטער-שטיצונגען פון 60 פּראָצ. אויף דער סומע פון 136.948 זל. 85 גר.; 30 פּראָצ. — 12.200 זלאָטעס 16 גר.; 10 פּראָצ. — 2.975 זל. 64 גר.

| | |
|---|---|
| פאַר קימפּעטאָרינס | 36.630 זל. 36 גר. |
| אויף פלעגע . . | 12.314 „ 94 „ |
| לוויות . . . | 15.224 „ 59 „ |

סך הכל: 216.294 זל. 54 גר.

די גאַנצע הוצאות צוזאַמען מיט היילן באַטרעפן 931.365 זל 11 גר., בעת די הכנסה איז אין דער זעלבער צייט געווען 1.033.155 זלאָטעס.

אַזוי אַרום בלייבט אויף אַדמיניסטראַציע, אַלגעמיינע הו-צאות, דירה-געלט א. ד. גל. סך הכל 100.000 זלאָטעס.

אַזוי שטעלט מיט זיך אין קורצן פאָר די איצטיגע טעטיג-קייט פון דער קראַנקן-קאַסע אין ביאַליסטאָק.

# Dziesięciolecie Kasy Chorych w Białymstoku

Kasa Chorych w Białymstoku została utworzona w listopadzie 1922 roku.

W pierwszych latach swego istnienia, rządzona przez Zarządy, stała się terenem tarć i walk politycznych i mimo dobrych czasów Zarządy te pozostawiły po sobie tylko długi, sięgające prawie 1.000.000 złotych i takie zobowiązanie, jak komorne roczne w wysokości około 50.000 zł., za które w ciągu tylu lat można było wybudować własny dom. W takim stanie, doprowadzającem prawie do kompletnej ruiny Kasę, w 1929 roku kierownictwo objęły Komisarze.

Od pierwszych dni swego urzędowania Komisarze intensywnie pracowali nad uzdrowieniem stosunków w Kasie.

Tak trwało do 1-go stycznia 1932 roku, w którym to czasie nastąpiło scalenie Kas Chorych, polegające na tem, że do Kasy Chorych w Białymstoku zostały wcielone b. Pow. Kasa Chorych w Wołkowysku, w Wysokiem Mazowieckiem i w Hajnówce (pow. Bielsk Podlaski). Wcielone Kasy również posiadały olbrzymie zadłużenia.

Wobec powyższego nie trudno sobie uprzytomnić, jak ciężko jest kierować taką jednostką, obejmującą teren 13.278 klm.$^2$ (o słabej sieci komunikacyjnej), zaludniony przez 692.528 mieszkańców i mający około 60.000 ubezpieczonych kasowych wraz z członkami rodzin.

Mimo tak trudnych warunków Kasa Chorych w Białymstoku w okresie półrocza 1932 udzieliła następujących porad ubezpieczonym i ich rodzinom:

| | | |
|---|---|---|
| Porad ambulatoryjnych | — | 114.226 |
| „ w domu chorego | — | 16.421 |
| Zabiegów chirurgicznych i ambulatoryjnych | — | 196 |
| Zabiegów ocznych | — | 65 |
| „ laryngologicznych | — | 84 |
| „ wenerologicznych | — | 922 |
| „ ginekologicznych | — | 86 |

W szpitalach leczono 1.809 osób w ciągu 24.282 dni, w Sanatorjach 10 osób przez 209 dni.

Z powyższego wynika, że przeciętnie na jednego ubezpieczonego przypada kilka porad lekarskich.

W tym samim okresie apteka wydała 127.917 recept.

Oprócz świadczeń lekarskich wypłacono zasiłków 60 proc. na sumę 136.948 zł. 85 gr.; 30 proc. — 12.200 zł. 16 gr.; 10 proc. — 2.975 zł. 64 gr.

| | | |
|---|---|---|
| Zasiłków połogowych | 36.630 zł. | 36 gr. |
| „ dla karm. | 12.314 „ | 94 „ |
| „ pogrzebow. | 15.224 „ | 59 „ |
| Ogółem | 216.294 zł. | 54 gr. |

Czyli ogólne wydatki wraz z kosztami leczenia wynoszą

Zł. 931.265 gr. 11.—

podczas, gdy wpływ w tym okresie wynosi

Zł. 1.033.155. —

Czyli na administrację, koszty ogólne, komorne i t. p. pozostaje

Zł. 100.000. —

Tak przedstawia się w krótkich zarysach obecna działalność Kasy Chorych w Białymstoku.

---

ד"ר. ע. וו. קאַפּלאַן

# דער ביאַליסטאָקער יידישער שטאָטישער שפּיטאָל

## און דער באַטייט פון אַ שפּיטאָל בכלל

איידער מיר וועלן אַרומריידן דעם איצטיגן צושטאַנד פון יידישן שטאָטישן שפּיטאָל, דאַרפן מיר זיך אָפּשטעלן דערויף, וואָס זיינען די אויפגאַבעס און צילן פון אַ מאָדערנעם שפּיטאָל בכלל.

אַמאָל איז אַ שפּיטאָל געווען די היים פון אָרימע קראַנקע, וואו זיי פלעגט אין שווערע פאַלן געגעבן ווערן מעדיצינישע הילף און קודם כל בעסערע אויפהאַלט-באַדינגונגען, ווי אינדערהיים. די אַנטוויקלונג פון דער מעדיצין אין די לעצטע יאָרן, און ספּעציעל פון דער דיאַגנאָסטיק, ווי אויך די דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפט האָבן וועזנטלאַך געענדערט דעם כאַראַקטער און די צילן פון אַ שפּיטאָל.

אַ שפּיטאָל האָט דעם ציל קודם כל פעסטצושטעלן אַ גענויעם דיאַגנאָז אין די פאַלן, ווען דאָס לאָזט זיך ניט דערגרייכן אין שטוב. אפילו אַ אינטעליגענטער קראַנקער קען אָפטמאָל ניט שילדערן דעם דאָקטאָר די דערשיינונגען פון דער קראַנקהייט, צו ענטפערן אויף די פּשוטסטע פראַגעס, וואָס האָבן אַ שייכות צו איר פאַרלויף. דער דאָקטאָר ווידער זעט דעם קראַנקן אין שטאָט ווייניג און זעלטן.

אָקעגן-זשע אין שפּיטאָל ווערן אַלע קראַנקהייט-דערשיינונגען גענוי אָבסערווירט און פאַרצייכנט. אַזוי, למשל, נאָטירן די שוועסטערס און אַסיסטענטן, ווען ס׳קומען אָן ווייטאָגן, וואו זיי זיינען און וואוהין זיי פאַרשפּרייטן זיך, ווי לאַנג זיי דויערן, ווי לאַנג נאָכן עסן א. א. וו.

עס ווערט פאַרצייכנט די פאַרהעלטעניש פון די ווייטאָגן און אנדערע קראַנקהייט-דערשיינונגען פון דער אַרט דערנערונג, באַוועגונג, איינגענומענע רפואות. טעגלאַך ווערט אויך נאָטירט די באַוועגונג פון דער טעמפּעראַטור, די צאָל שלאָגן פון פּולס, פון אָטעם, די וואָג-וואַקלונג, — וואָס האָט אַ גרויסן באַטייט ביי האַרץ-קראַנקהייטן, — דעם סכום אורין, לייכעץ און קאַל אין פאַרלויף פון מעת-לעת.

באַזוכנדיג דעם קראַנקן טאָג-טעגלאַך און ניט איין מאָל, נאָר אָפּטער, קען זיך דער דאָקטאָר אַ סך גענויער באַקענען מיט

די דערשיינונגען פון דער קראַנקהייט און מיטן חולה גופא, זיין פסיכישן מצב, זיין שטימונג, — וואָס האָט אַ גרויסן באַטייט.

אַ צווייטער זייער וויכטיגער מאָמענט איז דאָס, וואָס אין שפּיטאָל קענען מיר דורכפירן אַלערליי הילף-אונטערזוכונגען אויפן אָרט, ביים בעט פון חולה — אַלערליי זאָנדירונגען, גראַפישע אונטערזוכונגען פון פולס און האַרץ, אַנאַליזן, דורכלייכטונגען מיט רענטגען-שטראַלן א. א. וו.

די דאָזיגע אונטערזוכונגען, וואָס זיינען טיילמאָל זייער וויכטיג פעסטצושטעלן דעם דיאַגנאָז, קענען אין שפּיטאָל ווערן דורכגעפירט, ניט רעכענענדיג זיך מיט די הוצאות, סיסטעמאַטיש טעגלאַך (סעריעסווייז).

אַנדערע קאָמפּליצירטע אונטערזוכונגען פון בלוט, גאַזן, אָדער, למשל, גראַפישע אונטערזוכונגען פון האַרץ מוזן תיכף-ומיד געמאַכט ווערן ביים חולה'ס בעט און דאָס איז בכלל שווער אויסצופירן מחוצן שפּיטאָל. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס נוגע אויך רענטגען-דורכלייכטונגען.

אויך דאָס, וואָס אין שפּיטאָל אַרבעטן מיט אַ ריי דאָקטוירים פון פאַרשיידענע ספּעציאַליטעטן, גיט די מעגלאַכקייט פעסטצושטעלן די קראַנקהייט.

אַ שפּיטאָל איז קודם כל אַ דיאַגנאָסטישער אַנשטאַלט.

אויך די היילונג גופא לאָזט זיך אין אַ סך פאַלן בעסער דורכפירן אין שפּיטאָל, ווי אינדערהיים.

די רואיגקייט און דער באַזייטיגן דעם קראַנקן פון זיין היימישער סביבה איז זייער וויכטיג. טיילמאָל קען די היילונג געפירט ווערן נאָר ביי אַ טאָג-טעגלאַכער אָדער נאָך אָפטערער אָבסערוואַציע און קאָנטראָל. אַנדערע איינגריפן, ווי הידראָ- און עלעקטראָ-טעראַפּיע, פאַרשיידענע אונטערהויט און מוסקול-איינשפּריצונגען, אויף וויפל זיי דאַרפן געמאַכט ווערן סיסטעמאַטיש, קענען כמעט בכלל ניט דורכגעפירט ווערן מחוצן שפּיטאָל. ביי אַנדערע קראַנקהייטן, וואָס פאָדערן אַ פּערמאַנענטע השגחה, וואו ס'קענען זיין אָפטע אַטאַקן אין פאַרשיידענע קאָמפּליקאַציעס, ווי געוויסע האַרץ אָדער אינפעקציע קראַנקהייטן, אָדער ביי לונגען-אַנטצינדונגען, וואו ס'קען זיין אַ פּלוצלינגער אָנפאַל און וואו דרינגנדיגע הילף פון דאָקטאָר קען זיין נויטיג יעדער רגע, — גיט דער שפּיטאָל, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַ סך מער הילף-מעגלאַכקייטן.

אין דעם זינען האָט שוין דער שפּיטאָל אויפגעהערט צו זיין אַן אַנשטאַלט פאַר אָרימע און איז געוואָרן אַ אומבאַדינגט נויטיגער אַנשטאַלט פאַר די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. פונקט אַזוי ווי פריער פון די פאַרמעגלאַכערע שיכטן געבוירן היינט ניט ביי זיך אין דער היים, נאָר אין געבורט-אַנשטאַלטן, אַזוי ווילן אויך באַוואוסטזיניגע קראַנקע פון אַלע קלאַסן אין פאַל פון אַ קראַנקהייט געניסן פון די מעלות פון אַ שפּיטאָל און האָבן בעסערע באַדינגונגען פון אונטערזוכונג און היילונג.

ס'האָבן אויפגעהערט די איינגערעדטע חרפה און פאָראורטייל בנוגע דעם שפּיטאָל. ניט אין קיין קליינער מאָס האָט דערצו מיטגעווירקט די כסדר וואַקסנדיגע פּויפּעריזאַציע, וואָס גיט ניט די מעגלאַכקייט צו דעקן די הוצאות פון היילונג אפילו אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע מ'האַלט נאָך ביז איצט פאַר כלומרשט פאַרמעגלאַכע.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז אַ מאָדערנער שפּיטאָל פאָדערט גרויסע פאָנדן. ביי אונזערע באַדינגונגען קען ער ניט זיין קיין אונטערנעמונג, וואָס דעקט די אייגענע קאָסטן, אָדער אויסגעהאַלטן ווערן דורך אַ געזעלשאַפטלאַכער אָדער רעליגיעזער פאַרייניגונג. ער ווערט אומעטום געפירט דורך דער שטאָט.

אַ חוץ די דיאַגנאָסטישע און הייל-אויפגאַבעס, און אין איינגער שייכות דערמיט, האָט אַ שפּיטאָל אויך וויסנשאַפטלאַכע אויפגאַבעס. די אומגעהייערע אַנטוויקלונג פון דער מעדיצין אין די לעצטע יאָרן איז דערגרייכט געוואָרן ניט בלויז אַ דאַנק טעאָרעטישע, לאַבאָראַטאָרישע, נאַטור-וויסנשאַפטלאַכע און אַנדערע אַרבעטן, נאָר אויך אַ דאַנק דער פאַרפולקאָמטער אָבסערוואַציע פון קראַנקע אין די שפּיטעלער. די אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער מעדיצין קומט פאָר ניט בלויז אין אוניווערזיטעטן און קליניקעס, נאָר אין אַ גלייכער מאָס אויך אין די שטאָטישע שפּיטעלער. אויב די אוניווערזיטעט קליניקעס באַאַרבעטן נייע וויסנשאַפטלאַכע מעטאָדן, ווערט דער ווערט פון די לעצטע אָנערקענט אין דער פּראַקטיק ערשט נאָכן אויספּרובן זיי אין די שטאָטישע שפּיטעלער, נאָכן קאָנטראָלירן זייער ווירקונג אויף אַ גרעסערן קראַנקן-מאַטעריאַל און נאָך אַ שטרייגנער קריטיק. אפילו כלומרשט באַקאַנטע קראַנקהייטן און רפואות דאַרפן כסדר אָבסערווירט און קאָנטראָלירט ווערן. איינע און דיזעלבע קראַנקהייט, ווי אויך די באַקטעריעס, וואָס רופן איר אַרויס, האָט ניט שטענדיג דעמזעלבן פאַרלויף און, אָפּהיינגיג פון צייט און אָרט, קען זי אונטערליגן באַטייטיגע מאָדיפיקאַציעס. (פאַרגלייך די גריפּע אין יאָר 1918 און אין יאָר 1930!). אויך די רעאַקציע פון קראַנקן אויף געוויסע הייל-מיטלען קען האָבן ענדערונגען.

דער קאָנטאַקט צווישן אוניווערזיטעט-פּראָפעסאָרן, קליניק-דירעקטאָרן, לייטערס פון פיזיאָלאָגישע און פּאַטאָלאָגישע אַנשטאַלטן מיט די אָרדינאַטאָרן פון שטאָטישע שפּיטעלער-אָפּטיילן איז, אַזוי אַרום, זייער אַ איינגער. אַ ריי באַרימטע פּראָפעסאָר פון וואַרשעווער און אויסלענדישע אוניווערזיטעטן, ווי פּראָפ. סאָקאָלאָווסקי, זשענטקאָווסקי, ערבערג, לעסניאָווסקי, סאַוויצקי א. אַנד. זיינען אַרויס פון די שטאָטישע שפּיטעלער, און פאַרקערט — ס'רוב שטאָטישע שפּיטעלער אין מערב זיינען באַזעצט דורך אוניווערזיטעט פּראָפעסאָרן. אַ ריי שטאָטישע שפּיטעלער אָרגאַניזירן „פאָרטבילדונגסקורסן" פאַר רעגיאָנאַלע דאָקטוירים. מיט דער צייט באַקומען זיי אַ ווערט און ווערן אוניווערזיטעט-קליניקן ווי, למשל, די שפּיטעלער אין דיסעלדאָרף, קעלן, פראַנקפורט.

אַ ווייטערדיגע וויכטיגע אויפגאַבע פון שפּיטאָל איז די בילדונג און פאַרפולקאָמונג פון דאָקטוירים. אַ מעדיצין-סטודענט קריגט דעם ערשטן אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיטן חולה, אַרבעטנדיג וואַקאַציע-צייט אַ 3—5 חדשים, יערלאַך אין אַ שפּיטאָל-אָפּטייל. אַ יונגער דאָקטאָר קען זיך איינאַיבן אין זיין פאַך, נאָכן ענדיגן זיין טעאָרעטישן שטודיום, בלויז נאָך עטלאַכע יאָר פון סיסטעמאַטישע שפּיטאָל-אַרבעט אונטער דער לייטונג פון אָפּטייל-אָרדינאַטאָר. דער לעצטער באַהאַנדלט פאַר זיינע ייִנגערע קאָלעגן יעדער נייעם פאַל, וואָס איז פריער דורך זיי אונטערזוכט געוואָרן, שטעלט פאַר די עווענטועלע דיאַגנאָזן, השערות און היילונג. דער דיאַגנאָז ווערט דאַמאָלס קאָנטראָלירט, באַשטעטיגט און פאַרטיפט אַ דאַנק די צוגאָב-אונטערזוכונגען (אַנאַליזן, דורכלייכטונגען מיט רענטגען) און דער פאַל ווערט ווייטער געמיינזאַם אָבסערווירט גענוי. די אָרגאַניזירונג פון דער שפּיטאָל-אָבסערוואַציע גיט אויך די מעגלאַכקייט צו קאָנטראָלירן דעם רעזולטאַט פון דער אָנגעווענדטער היילונג.

אויף די אינערלאַכע קאָנפערענצן אין די שפּיטעלער ווערן אַרומגערעדט די וויכטיגסטע פאַלן אין פאַרבינדונג מיט די נייסטע אַרטיקלען פון דער מעדיצינישער ליטעראַטור וועגן געגעבענעם פאַל. אויף געמיינזאַמע הוצאות אַבאָנירן די שפּיטאָל-דאָקטוירים די פאַך-פּרעסע, רעפערירנדיג פון איר און זיך טיילנדיג קעגנזייטיג מיט די נייסטע פאָרשריטן אויף די פאַרשיידענע וויסנשאַפט-געביטן.

אויך די עלטערע דאָקטוירים, וואָס אַרבעטן מיט אין שפּיטאָל און ברענגען אים ווערטפולן נוצן אַ דאַנק זייער דערפאַרונג, האָבן די מעגלאַכקייט פּערמאַנענט זיך צו בילדן, אַנטוויקלען און זיך אויפהאַלטן אויף דער געהעריגער הויך פון דער כסדר זיך אַנטוויקלענדיגער מעדיצינישער וויסנשאַפט.

מיר זעען, אַזוי אַרום, אַז דער באַטייט פון די שפּיטעלער אין די לעצטע יאָרן האַלט אין איין וואַקסן און דעריבער איז פאַרשטענדלאַך די טענדענץ פון אָנערקענטע ספּעציאַליסטן און אוניווערזיטעט-פּראָפעסאָרן צו פאַרנעמען די אַמטן פון לייטערס אין שפּיטאַל-אָפּטיילן. דאָס האָט אַ פּאָזיטיוון באַטייט פאַר די שטעט און דער מלוכה. זיי באַפרייען פון איבערפילונג די שפּיטעלער אין דער רעזידענץ-שטאָט און די אַנדערע גרעסערע שטעט, פון אַנלויף פון פּראָווינציעלע קראַנקע, וועמען ס'איז ניטאָ וואו איינאָרדענען, און גיבן די מעגלאַכקייט די חולאים אין דער פּראָווינץ זיך צו היילן מיט דערפאָלג אין די לאָקאַלע שפּיטעלער.

דער יידישער שפּיטאַל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אַלס פונדאַציע פון יצחק זאַבלודאָווסקי, איז אַן אייגנטום פון דער יידישער קהלה און איז דורך איר געפירט געוואָרן קרוב 100 יאָר. זינט דעם אַנטשטיין פון דער פּוילישער מלוכה, איז ער איבערגעגעבן אויף דער אויסהאַלטונג פון מאַגיסטראַט, ווערנדיג אַזוי אַרום אַ שטאָטישער שפּיטאַל פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג, זעלבסט-פאַרשטענדלאַך איז ער דערביי ניט געבליבן הינטערשטעליג: ער האָט זיך אַנטוויקלט מיטן פאָרשריט פון דער צייט. אין משך פון די לעצטע יאָרן איז באַטייטיג פאַרברייטערט געוואָרן די כעמישע לאַבאָראַטאָריע ביים שפּיטאַל און פאַר די נדבה-געלטער, וואָס ס'האָט איבערגעלאָזן פאַרן שפּיטאַל דער פאַרשטאָרבענער נח פּערליס, איז דורכן שפּיטאַל-קאָמיטעט געגרינדעט געוואָרן דער רענטגען-קאַבינעט.

אין די לעצטע חדשים פון 1932-טן יאָר איז, ניט קוקנדיג אויף די שווערע קריזיס-צייטן, אַ דאַנק דער פאַרשטענדעניש פאַר די נויטן פון שטאָטישן שפּיטאַל מצדן שטאָטישן געזונט-אָפּטייל און דער סימפּאַטיע און באַטייטיגער אונטערשטיצונג פון ה' קאָמיסאַר, — איינגעפירט געוואָרן אַ נייער עטאַט פאַר אַ שטאָט-דאָקטאָר.

אַ דאַנק דעם איז מעגלאַך געוואָרן אַ פּערמאַנענטע דאָקטוירים-אַמטירונג און ס'איז איינגעאָרדנט געוואָרן טעגלאַך אַ 3-פאַכיגע וויזיטאַציע ביי די קראַנקע: פון 9 ביז 1 פאַרמיטאָג — דורכן הויפּט-דאָקטאָר; פון 5 ביז 7 — דורכן אָרטיגן אַסיסטענט און 8 אָוונט — דורכן הויפּט-דאָקטאָר.

דאָס ווירקט ניט בלויז צום בעסערן אָבסערווירן און היילן די קראַנקע, נאָר ס'האָט אויך אַ גוטע פּעולה אויף דער פּסיכיק פון די חולאים און אויפן אויפמערק פון פּערסאָנאַל. ס'האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל דאָקטוירים-וואָלאָנטערן, וואָס אַרבעטן רעגולמעסיג אין שפּיטאַל. וואַקאַציע-צייט אַרבעטן אין שפּיטאַל 15—20 סטודענטן פון די העכערע סעמעסטערס, פאַר וועמען עס קומען פאָר לעקציעס פון הויפּט-דאָקטאָר אויף די געביטן פון פּאַטאָלאָגיע און טעראַפּיע פון אינערלאַכע קראַנקהייטן.

ס'האָט זיך געענדערט אויך דער אויסזען פון די שפּיטאַל-זאַלן, דער אופן פון דערלאַנגען עסן — אויף פאַרצעליי-טעלערס אַנשטאָט די אַמאָליגע בלעכענע קאַזאַרמע-שיסעלאַך, — ס'האָט זיך אויך געביטן דער קאָנטינגענט קראַנקע.

אַלס באַווייז פון צוטרוי פון דער געזעלשאַפט צום שפּיטאַל, קען דינען די פאַרגרעסערטע באַוועגונג פון קראַנקע (כמעט מיט 50 פּראָצ. מער אין משך פון לעצטן האַלבן יאָר).

אַלס אילוסטראַציע פון דער ענדערונג פון קאָנטינגענט קראַנקע, לויט זייער סאָציאַלן מצב, קען דינען דער פאַקט, וואָס די צאָל קראַנקע, וואָס צאָלן אָפּ אין דער קאַסע פון שפּיטאַל פאַר זייער אויפהאַלט (ס'הייסט בעסער-סיטואירטע), האָט זיך אין די לעצטע חדשים פאַרגרעסערט כמעט דרייפאַכיג.

ניט געקוקט אויפן שווערן קריזיס, טרעט איבער דער שפּיטאַל דעם שוועל פון נייעם יאָר פול מיט גלויבן און אָנערקענונג פאַר זיין אַרבעט און איר נוצן פאַר דער באַפעלקערונג און דער שטאָט.

---



ד"ר ע. וו. קאַפּלאַן

הויפּט-דאָקטאָר פון יידישן שטאָטישן שפּיטאַל.

דער הויפּט-דאָקטאָר פון יידישן שטאָטישן שפּיטאַל דר. מעד. ע. וו. קאַפּלאַן, דער זון פון וואַרשעווער באַקאַנטן עסקן עזרא קאַפּלאַן, איז געבוירן אין יאָר 1886.

זיין שטודיום האָט ער דורכגעמאַכט אויף די מעדיצינישע פאַקולטעטן אין בערלין, היידלבערג און מינכען אין די יאָרן 1906—11, אין דער זעלבער צייט 2 סעמעסטערס אין כעמיש-פיזיאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריע. נאָכדעם אַרבעט ער אין דער קליניק פאַר אינערלאַכע קראַנקע פון פּראָפ. היס אין בערלין (פאָרשונגען פון גאַז-וועקסל אונטער דער לייטונג פון פּראָפ. שטעהעלין). דאָרטן ענדיגט דר. קאַפּלאַן זיין דיפּלאָם-אַרבעט און באַקומט אין יאָר 1912 אַ דיפּלאָם פון דר. מעדיצין פון בערלינער אוניווערזיטעט.

פון דאַמאָלס אָן אַרבעט דר. קאַפּלאַן אַלס אַסיסטענט אין יידישן שפּיטאַל אין ברעסלוי אונטער דער לייטונג פון פּראָפ. גאָטשטיין און נאָכדעם אין דער קליניק פון דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע אין דיסלדאָרף אַלס אַסיסטענט ביים באַרימטן ספּעציאַליסט פון האַרץ-קראַנקהייטן, פּראָפ. דר. אויגוסט האָפּמאַן.

פון סוף 1914 ביז 1918 האָט דר. קאַפּלאַן געדינט אין רוסישן מיליטער, צווישן אַנדערע לייטער פון אַ שפּיטאַל פאַר אינפעקציע-קראַנקהייטן, דערהויפּט טיפוס.

נאָכדעם איז דר. קאַפּלאַן אַריינגעטראָטן אַלס פרייוויליגער אין די דאַמאָלס אַנטשטייענדיגע לעגיאָן-פאָרמאַציעס פון פּויל. טשומא אין מזרח-רוסלאַנד (די אָנפירונג פון די פּוילישע מיליטער-כוחות אין מזרח רוסלאַנד), דערפילנדיג די פונקציעס פון שטאַב-דאָקטאָר פון דער 5-טער סיבירער דיוויזיע, לייטער פון דיוויזיע-שפּיטאַל און אויך פון אָפּטייל פאַר אינערלאַכע קראַנקהייטן.

אין פּוילישן מיליטער ווערט דר. קאַפּלאַן באַשאַנקען מיט אַ „קזשיזש וואַלעטשני".

אַרויסטרעטענדיג פון מיליטער, פון 1922 יאָר ביזן איבערנעמען דעם אַמט פון הויפּט-דאָקטאָר אין ביאַליסטאָקער שפּיטאַל, אַרבעט דר. קאַפּלאַן אַלס הויפּט-מיטאַרבעטער טון דר. סקלאַדאָווסקי אין שפּיטאַל „דזיעציאַנטקא יעזוס" אין וואַרשע.

אין משך פון דער צייט האָט דר. קאַפּלאַן פאַרעפנטלאַכט אַ ריי וויסנשאַפטלאַכע אַרבעטן אויף די געביטן פון האַרץ-קראַנקהייטן, שטאָף-וועקסל און דערהויפּט וועגן צוקער-קראַנקהייטן און סקלעראָז.

# דער „לינת הצדק״



**איסר שפּיראָ**
פּאָרזיצער פון „לינת הצדק״.

וועלכער פאַרנעמט ביי היינטיגן טאָג זייער אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער ביאַליסטאָקער יידישער געזעלשאפטלאַכקייט, איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1885.

אין פרט פון היגיענע און נויטיגע מעדיצינישע מכשירים זיינען דער אַפּטייק און די אַמבולאַטאָריע ביים „לינת הצדק״, איינגעאָרדנט אויף אַ מאָדערנעם אופן.

לעצטנס איז זיך דער אַפּטייק פאַנאַנדערגעוואָקסן און ביים איצטיגן שווערן עקאָנאָמישן מצב באַנוצט זיך מיט אים דער גרעסטער טייל פון דער נויטבאַדערפטיגער באַפעלקערונג, אָן חילוק פון נאַציאָנאַליטעט און גלויבן.

אויך דער „גמילת חסדים״ ביים „לינת הצדק״ מאַכט ניט קיין אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און גלויבן און גיט ארויס אַ סך הלוואות דער ביאַליסטאָקער באַפעלקערונג.

מיט דער דאָזיגער וויכטיגער אינסטיטוציע פירט אָן זייער ענערגיש דער באַקאַנטער עסקן, ה׳ חיים גערץ.

דער גרעסטער אויפמערק אָבער ווערט געלייגט אויפן אָפּטייל פון באַזאָרגן לינות. דער דאָזיגער אָפּטייל איז פאַקטיש דער פונדאַמענט פון דער געזעלשאפט.

דער איצטיגער פּרעזידיום פון „לינת הצדק״ באַשטייט פון פאָלגנדיגע פּערזאָנען: ה׳ איסר שפּיראָ — פּאָרזיצער, מ. פריד — וויצע-פּאָרזיצער, איסר לוריע — סעקרעטאַר, ז. שוסטער — קאַסיר.

* *

ה׳ שפּיראָ אלס פּאָרזיצער פון „לינת הצדק״ האָט לעצטנס אַ סך מיטגעהאָלפן דער געזעלשאפט.

בכלל האָט דער גרויס-אינדוסטריעלער ה׳ איסר שפּיראָ די לעצטע פּאָר יאָר זיך אַריינגעוואָרפן אין געזעלשאפטלאַכער טעטיגקייט, ברייגענדיג אומעטום מיט זיין פּרוכטבאַרער אַרבעט אַ סך נוצן.

ה׳ שפּיראָ האָט זיך ניט לאַנג קונה שם געווען מיט זיין גרויסער נדבה, אַ דאַנק וועלכער ס׳איז אויפגעריכט געוואָרן די תלמוד-תורה וישיבה.

אינגלוויז האָט זיך ה׳ שפּיראָ אליין אויסגעוואָלגערט אין די ישיבות, געלערנט אין וואָלאָזשין, מיר און געשמט פאַר אַן עלוי.

אַלס 17 יאָריגער בחור איז ער געקומען קיין ביאַליסטאָק און גלייך זיך גענומען צו פאַבריקאַט.

אַ דאַנק זייגע אויסערגעוויינלאַכע פייאיגקייטן און אָריענטאַציע, האָט ער פּראָגרעסירט, אַנטוויקלט זיין געשעפט און ביי היינטיגס טאָג רעכנט ער זיך צווישן די גרעסטע און סאָלידסטע אינדוסטריעלער און אומעטום לאָזט ער זיך דערקענען מיט זיין ברייטער נדבנישער האַנט.

---

# 8-קל. קאָעדוק.-גימנאַזיע מיט רעגירונג-רעכט פון דר. גוטמאַן אין ביאַליסטאָק

די גימנאַזיע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1915 דורך ד״ר ש. גוטמאַן, וועלכער האָט אויך פאַרנומען די שטעלע פון דירעקטאָר אין משך פון 4 יאָר, ד. ה. ביז 1919.

בהדרגה זיינען יעדער יאָר געעפנט געוואָרן העכערע קלאַסן, אַזוי אַז אין יאָר 1924 איז זי שוין געווען פאַרפולקאָמט מיט גאַנצע 8 קלאַסן.

פון 1918, נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע, איז איינגעפירט געוואָרן פּויליש אלס למוד-שפּראַך און עס איז גרונטיג געענדערט געוואָרן דער לערער-פּערסאָנאַל, מ׳האָט אנגאזשירט נייע לערער-כוחות, וועלכע באַהערשן גלענצנדיג די פּוילישע שפּראַך און באַזיצן הויכע אוניווערזיטעט-בילדונג מיט פולע לערער-קוואַליפיקאַציעס.

אַ דאַנק דער סאָלידער און מיפולער אַרבעט, האָט די שולע זיך געשאַפן אַכטונג און פּאָפּולאַריטעט ביי דער מאַכט, ווי אויך ביי דער אָרטיגער געזעלשאפט. ס׳איז אפשר די איינציגע שולע אין דעם געגנט, וועלכע האָט באַוויזן צו שאפן אַ סינטעז פון אַ גוט-בירגערלאַכער און נאַציאָנאַלער דערציאונג. די שולע, וויסנדיג אירע חובות לגבי דער אָנגעטרויטער איר יוגנט, גרייט איר צו שוין פון פריסטן עלטער צום בירגערטום-לעבן און צו דער פאַרייניגונג פון דער אַלגעמיינער אייראָפּייאישער קעגנווערטיגער וויסנשאפט אין אַ גאַנץ ברייטן פאַרנעם, צופאַסנדיג זיך פּינקטלאַך צו דער מיניסטעריאַלער פּראָגראַם פון די רעג.-שולן, ניט אויסמיידנדיג גלייכצייטיג די נויטווענדיגקייט פון אַ טיפער פלעגונג פונם יידישן גייסט.

אַלס אויסדרוק פון צוגעבונדנקייט פון די תלמידים צו דער שולע, דינען די גאַנץ אָפטע באַזוכן פון אירע אַביטוריענטן און אומאויפהערלאַכער קאָנטאַקט מיט איר.

---



ד״ר ש. גוטמאַן



דיר. הענריק דרעלינגער

---

די למודים אין שולע ווערן געפירט לויט די נייסטע מעטאָדן פון דער פּעדאַגאָגיע דורך אַ גוט-געשולטן לערער-פּערסאָנאַל אונטערן אָנפיר פון לאַנג-פּראַקטיצירנדיגן ספּעציאַליסט-פּעדאַגאָג, דירעקטאָר ה. דרעלינגער, וועלכער שטייט בראש פון דער שולע די לעצטע 6 יאָר.

אַ באַזונדער אַכט ווערט געלייגט אויף די העברייאישע

למודים, וועלכע ווערן געגעבן שוין פון די יינגסטע קלאסן אָן אין אַ ברייטן פאַרנעם אַזוי, אַז עס פאַרשפּאָרט אינגאנצן די נויטיגקייט פון שטוביגער צוהילף אין די יידישע למודים. אָנהויבנדיג פון דער מכינה א׳ ביז צו די העכסטע קלאסן באַזיצט יעדערע אַ גענוגע צאָל שעהן צו דערלערנונג פון די יידאאיסטישע למודים. אין די נידעריגע קלאַסן קומען פאָר די לעקציעס פון העברייאיש טעגלאַך (6 מאָל אין וואָך).

די תלמידים, וואָס ענדיגן די שולע, באַזיצן גוט די העבר. שפראך און קענען די העברייאישע נייע און אַלטע ליטעראַטור. חוץ די אויבנדערמאָנטע לעקציעס, אויף וועלכע עס הערשט אויסשליסלאַך די העברייאישע שפראך, ווערן נאָך אויך געגעבן ספּעציעלע לעקציעס פון יידישער געשיכטע דורך די לערערס פון אַלגעמיינער געשיכטע.

אינם העכסטן קלאַס (VIII) לערנט רעליגיע דער אויבער־ראַבינער ד"ר ראָזנמאַן, וועמעס פרוכטבאַרע לעקציעס גיבן די אַביטוריענטן אויף זייער וועג אַ גרויסע מאָס פון רעליגיעזער וויסנשאפט און יידישער מאָראַל.

די שולע געפינט זיך אין אַ גוטן, באַקוועמען און מאָדערנעם בנין: די קלאַסן זיינען הויך און גראם, פול מיט ליכט און פרישער לופט, נאָכמער דערפאַר, ווייל עס איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט גערטנער. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס הגם די שולע געפינט זיך אין אַ מער קריסטלאַכן קווארטאל, פאַרמאָגט זי פונדעסטוועגן אַ גרויסע פרעקווענץ פון תלמידים.

די סאָלידע און מיפולע אַרבעט פון דער דירעקציע און די לערערס האָבן געשאפן דעריבער דעם געהעריגן דערפאָלג אין די רעזולטאטן פון די מאטורע-עקזאַמענס. אַזוי, למשל, האָבן אין די לעצטע 4 יאָר פון די 90 צוגעלאָזענע תלמידים צו די עקזאָמענס 84 באַקומען מאטורעס. די סטאטיסטיק רעדט שוין פאַר זיך אַליין.

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז שוין זינט 6 יאָר באַשטעטיגט תמיד די העכערע שול מאַכט (קוראַטאָריום) אַלס מאטורע-עקזאַמינאַטאָרן דעם גאנצן לערערטום פון 8-טן קלאַס מיטן ה׳ דירעקטאָר בראש.

חוץ דעם נאָרמאלן לויף פון די למודים, קומען אויך פאָר תלמידים-אַרבעטן אין פאַרשיידענע וויסנשאפטלאַכע קרייזן, ווי למשל, אין אַ קרייז פאַר ליטעראַטור, געשיכטע, ספּאָרט, לאַנדקענטניש, ל. אָ. פּ. פּ., ים און קאָמונאלע ליגע, ביבליאָטעק און לייען-זאַל—מיט איין וואָרט, אויף יעדער נאָר מעגלאַכן געביט פון בירגערלאַכער און אַלוועלטלאַכער קולטור.

צולעצט איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ניט ווייניג איז גורם צו דער פאַרשטאַרקונג פונם דעם נאציאָנאלן גייסט און דער פלעגונג פון יידישן געפיל ביי די תלמידים דער אייגנטימער פון גימנאזיע, דער גוט באַקאַנטער אין ביאַליסטאָק כלל-טוער—ד"ר גוטמאַן.

# קאָעדוקאַציע=גימנאַזיע פון דער געזעלשאפט

## צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן אין ביאַליסטאָק

די געזעלשאַפטלאַכע גימנאַזיע איז געגרינדעט געוואָרן אין ביאַליסטאָק אין יאָר 1925. רעגירונג-רעכט האָט זי באַקומען אין יאָר 1930.



ניט קוקנדיג דערויף, וואָס דער רעכטלאָזער פעריאָד האָט געבראַכט דער שולע אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע, ווערן געמאַכט כסדרדיגע אָנשטריינגונגען, כדי צו באַרייכערן די לערן-מיטלען, ווי דעם פיזישן קאַבינעט, ביבליאָטעק א. א. וו.; דערביי ווערט געזאָרגט ניט בלויז פאַר דער פאַרטיפונג פון דער אַרבעט בכלל, ס׳ווערט געלייגט אַכט אויף יעדער קינד באַזונדער.

צווישן די נייסן אין דער פעדאַגאָגישער אַרבעט פון דער שולע איז וויכטיג צו פאַרצייכענען דעם „שילער-בויגן", וועלכער ווערט געפירט אין דער שולע דעם צווייטן יאָר. (די געזעלשאַפטלאַכע גימנאַזיע איז דער ערשטער אַנשטאַלט אין ביאַליסטאָק, וואו אַזאַ אַרבעט ווערט געפירט).

אינם בויגן ווערן אַריינגעטראָגן די שטוביגע — מאַטעריעלע און קולטורעלע באַדינגונגען — אין וועלכע דאָס קינד לעבט, די אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער און פון זיין אינטעלעקט, ווי אויפנאַם-פייאיגקייט, אויפמערק, זכרון א. אַ. וו. אַלע לערערס באַטייליגן זיך אין דער אַרבעט, מ׳באַהאַנדלט די באַקומענע רעזולטאַטן אויף געמיינזאַמע זיצונגען; אויף אַזאַ אופן ווערט געשטייגערט דער אינטערעס צו דער פערזענלאַכקייט פון קינד, וואָס איז זייער וויכטיג, כדי זיין אַרבעט זאָל געבן בעסערע רעזולטאַטן.

די דערפאָלגן פון דער פעדאַגאָגישער אַרבעט האָבן זיך אויסגעדריקט אין די גלענצנדיגע מאַטורע-עקזאַמענס; צוויי יאָר נאָך דער ריי האָבן אַלע אָן אויסנאַם צוגעלאָזענע צו די עקזאַמענס שילערס באַקומען מאַטורע-צייגענישן.

אין דער וואַקסנדיגער פּאָפּולאַריטעט פון דער גימנאַזיע שפּילט זיכער אַ באַטייטיגע ראָלע אויך דער נידעריגער שכר-למוד, וועלכער איז אומגעפער 25 פּראָצ. נידעריגער ווי אין אַנדערע מיטל-שולן.

מיט באַפרידיגונג קאָנסטאַטירט די אָנפירונג פון דער שולע, אַז די יידישע געזעלשאַפט האָט ריכטיג אָפּגעשאַצט די דורכגעפירטע אַרבעטן.

די אַנטוויקלונג פון דער גימנאַזיע גייט אין אַ שטענדיגן שטייגן. די צאָל קינדער פון 1930 ביזן לויפנדיגן שול-יאָר האָט זיך פאַרגרעסערט אויף 60 פּראָצ. חוץ די 8 קלאַסן פון דער גימנאַזיע ווערן אויך גוט באַזוכט די צוגרייט-קלאַסן, וואו מ׳שיקט קינדער, אָנהויבנדיג פון 6 יאָר אָן.

# 8-קל. קאָעדוקאַציע-גימנאַזיע פון ד. דרוסקין, ביאַליסטאָק, שלאַכעצקאַ 4

ד. דרוסקינס גימנאַזיע איז געגרינדעט געוואָרן אין ביאַליסטאָק דעם 1-טן אויגוסט 1911 אַלס פּראָגימנאַזיע.

ביז 1914 האָט זי זיך געפונען אין אַ געדונגענעם לאָקאַל אויף ליפּאָווע גאַס.

די שולע האָט באַלד פון אָנהויב באַקומען גרויס פּאָפּולאַריטעט ביי דער ביאַליסטאָקער באַפעלקערונג, וואָס עס באַווייזט דער פאַקט, אַז די צאָל שילערס איז געוואָקסן פון 130 ביז 192.

צוליב דעם איז דער אינהאַבער צוגעטראָטן בויען אַ אייגענעם בנין אויף שליאַכעצקי גאַס נומער 4, וואוהין די שולע האָט זיך איבערגעטראָגן אין יאָר 15 | 1914.

דער אויסבראָך פון דער וועלט-מלחמה האָט שטאַרק צוטרייסלט די פינאַנסיעלע מיטלען פון דער שולע און גלייכצייטיג האָט זיך אויך פאַרקלענערט די צאָל שילערס.

אָבער ניט געקוקט דערויף, איז די שולע געפירט געוואָרן מוסטערהאַפט און זי באַקומט די רעכט פון אַ רוסישער גימנאַזיע.

אין דער אָקופּאַציע-צייט איז די שולע ניט געווען טעטיג גאַנצע 4 יאָר.

דעם בנין האָט פאַרנומען די אָקופּאַציע-מיליטער, פאַרניכטנדיג די איינריכטונגען, נאַטור - זאַמלונגען און פיזישע פּרעפּאַראַטן.

אַ נייער עטאַפּ אין דער אנטוויקלונג פון דער שולע שטעלט מיט זיך פאָר דער יאָר 1919.

מיטן מאָמענט פון איבערנעמען די שטאָט דורך דער פּוילישער מאַכט, ווערט באַלד איינגעפירט פּויליש אלס למוד-שפּראַך.

ניט קוקנדיג דערויף, וואָס ס'זיינען געווען אַ סך בקשות פון שילערס, האָט דער אינהאַבער געעפנט נאָר 5 קלאַסן, וויסנדיג, אַז די תלמידים צו די העכערע קלאַסן זיינען ניט געהעריג צוגעגרייט און זיי באַזיצן ניט באַפרידיגנדיג די פּוילישע שפּראַך.



נאַטור-וויסנשאַפטלאַכער קאַבינעט

(לערערין פרוי קאַרלינסקאַ-איזגוראָווא).

אָט דער שריט מצד דעם אינהאַבער, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע מאַטעריעלע היזקות, האָט דערוואָרבן די אָנערקענונג פון דער מאַכט, וועלכע האָט אין דער פּערזאָן פון וויזיטאַטאָר מינ. י. מיכאַלסקי פּאָרויסגעזאָגט דעם אנשטאַלט אַ גינסטיגע אַנטוויקלונג.

שטרעבנדיג צו אַ ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון אנשטאַלט, אינוועסטירט ה' דרוסקין אויף דער איינריכטונג פון דער גימנאַזיע 8 טויזנט דאָלאַר, אַרבעטנדיג מיט אַ דעפיציט, ניט קוקנדיג אויפן צוואוקס פון תלמידים, וועלכע האָבן דערגרייכט אין יענער צייט ביז 280.

דער ביאַליסטאָקער קוראַטאָריום האָט אָנערקענט דעם שול-אנשטאַלט פאַרן בעסטן, געבנדיג אים אין די יאָרן 25 | 1924 ניט קיין פולע רעכט פון אַ רעגירונג-גימנאַזיע אָן שום באַוואָרעניש ן. דעריבער איז אין שול-יאָר 25—1924 פּאָרגעקומען דער ערשטער מאַטורע-עקזאַמען מיט אַ 100 פּראָצענטיגן רעזולטאַט.



פיזישער קאַבינעט

(לערער ד"ר שטעקעל).

אין יאָר 28 | 1927 נעמט איבער די השגחה איבער דער גימנאַזיע דער וואַרשעווער קוראַטאָריום.

אין דערזעלבער צייט נעמט איבער די דירעקציע פון דער גימנאַזיע דר. אהרן טילעמאַן, וועלכער פירט אָן מיט דעם שול-אנשטאַלט ביז היינטיגס טאָג.

די פאָדערונגען פון דער שול-מאַכט האָבן זיך אין דער צייט זייער פאַרגרעסערט.

וועלנדיג באַפרידיגן דעם פאַרלאַנג פון דער שול-מאַכט האָט מען געקויפט אַ ספּעציעלן פּלאַץ אויף ספּאָרט-איבונגען; מ'האָט אויך אויסגעבויט אַ דריטן שטאָק, אויף וועלכן מ'האָט איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלן פיזיש-כעמישן און נאַטור-וויסנשאַפטלאַכן אַרבעט-לאָקאַל, נאָכדעם צוויי ספּעציעלע קאַבינעטן פאַר געאָגראַפיש-היסטאָרישע זאַמלונגען, ווי אויך אַ פיזישן.

מיט גרויסע אָנשטרענגונגען פון הוצאות האָט מען די אַרבעט-צימערן אויסגעפילט מיט לאַבאָראַטאָרישע קאָמפּלעטן.

די ביאַליסטאָקער באַפעלקערונג האָט אנערקענט די באַמיאונגען פון דער דירעקציע און פאַרוואַלטונג פונם שול-אנשטאַלט, וואָס ס'באַווייזט דער פאַקט, אַז אין די יאָרן 31 | 1930 האָט די צאָל תלמידים דערגרייכט 371.

אויך די שול-מאַכט האָט זיך באַצויגן מיט אנערקענונג צו דער אנטוויקלונג פון אנשטאַלט און האָט געגעבן אין יאָר 32 | 1931 דער שולע פולע רעכט פון רעגירונגשולן קאַטעגאָריע A, אַלס די ערשטע אויפן גאַנצן שטח פון דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט.

אין יאָר 33 | 1932 געהערט שוין די שולע צו ברעסקער קוראַטאָריום.

אין שייכות מיט דער איבערבויאונג פון שול-וועזן, האָט די גימנאַזיע-פאַרוואַלטונג צוגענומען פאַרן שול-לאָקאַל די פּריוואַטע וואוינונג פון אינהאַבער פונם אנשטאַלט און צוגעפּאַסט

איר צו די שולע הצטרכותן, און ניט זשאַלעווענדיג קיין הוצאות איינגעאָרדנט אזוי, אַז דער שול-אנשטאלט קען איצט דורכפירן אַלע 3 מדרגות פון דער פאָוושעכנער שולע ביזן לציי איינשליס. לאַך, אַלץ אין דעמזעלבן בנין.

איצט ציילט די שולע 381 תּלמידים און 10 קלאַסן פון דעם פאָרצוגרייטונג-קלאַס ביזן 8-טן איינשליסלאַך.

די לערער-קערפערשאַפט ציילט 20 לערער-כּוחות; חוצדעם באַשעפטיגט דער אנשטאלט אַ דאָקטאָר און אַ דאָקטאָרין, אויך אַ דענטיסט, וועלכער האָט אַ ספּעציעלן קאַבינעט פאַר די שילערס.

## די צילן פון דער גימנאַזיע:

**I.** דער ציל פון דער שולע איז די שטאַנדהאַפטיגקייט פון דער אומאָפּהייניגקייט, קולטור און מעכטיגקייט פון דער מלוכה.

דער אַלגעמיינער וואוילשטאַנד איז דער הויפּטגרונט, וועלכער פאַרפליכט דעם יחיד-בירגער ווי אויך געזעלשאַפט-לאַכע גרופּעס, וועלכע ווערן אַרומגענומען דורך דער מלוכה.

דעריבער פאַרפאָלגט די שולע אויפן ערשטן פּלאַץ ניט קיין אינדיווידועלע צילן, נאָר געזעלשאַפטלאַך-מלוכהשע.

דער יחיד עקזיסטירט פאַרן מלוכה-דינסט, וואָרום אַ דאַנק דער מלוכה אַנטוויקלט ער זיך און דערגרייכט זיין אינטע-לעקטועלע אַנטוויקלונג.

**II.** די אויפגאַבע פון דער שולע איז די דערציאונג-אַרבעט, וועלכע שטרעבט:

1) דערציען ווי געהעריג לויטן פיזישן און היגיענישן שטאַנדפונקט.

2) אַנטוויקלען די גייסטיגע פיייאיגקייט.

3) דערגאַנצן איר מיט אַ אַנטשפּרעכנדיגער וויסנשאַפט.

4) געבן אַ מאָראַליש-געזעלשאַפטלאַכע דערציאונג, בראש פון וועלכער ס'זאָל זיין דער הויפּט-פּרינציפּ: די משפּחה, שולע, געזעלשאַפט, פאָטערלאַנד, מלוכה, מענטשלאַכקייט.

פון די אויפגאַבעס שטראָמט ארויס די אַנטוויקלונג פון פערזענלאַכער זעלבסטווירדע, פאַראַנטוואָרטלאַכקייט, די פיייאיג-קייט צו שאַפונג-אַרבעט און צו שעצן יעדער אַרבעט, דער צוזאַמענלעבן מיט דער סביבה, קולטור, דורך א) זעלבסטבילדונג און ב) זעלבסט-דערציאונג.

---

# די העבּרייאישע גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק

## סענקעוויטש-גאַס 79, טעל. 4-85

די גימנאַזיע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1919 דורך א גרופּע עלטערן, איבערגעגעבענע ציוניסטן, באַגייסטערטע און ענערגישע אויפן געביט פון נאַציאָנאַלער טעטיגקייט.

אין לערן-יאָר 1921.22 איז דערהאַלטן געוואָרן די קאָנ-צעסיע אויף א „גימנאַזיע פון 8 קל. מיט העבּרייאישער למוד-שפּראַך פון דר. מ. קאצנעלסאָן, מ. קאַפּלאַן, ל. כּהנא, ל. פּאַט“, דאָס זיינען די עלטערן-עסקנים, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן בלב ונפש דער אָנפירונג מיטן אנשטאלט. נאָכן טויט פון ר' ליפּא פּאַט ז"ל קומט אויף זיין פּלאַץ ה' דר. זימאַן. די קאָנצעסיאָנערן בילדן עס די פאַרוואַלטונג פון גימנאַזיע, וועלכע אַרבעט אומ-דערמידלאַך ביז היינטיגן טאָג.

אין פאַרגאַנגענעם לערן-יאָר (1931.32) האָט די גימנאַזיע באַקומען רעגירונג-רעכט, נאָכדעם ווי די שול מיזכט האָט זיך נאָך א לייִנגערער וויזיטאַציע געווען באַקענט מיטן הויכן פּעדאַ-גאָגישן און דערציערישן ניוואָ פון דער שולע.

די מאַטורע-עקזאַמענס ביים סוף שול-יאָר זיינען אדורך גלענצנדיג ביי אַ קאָמיסיע פון די אייגענע לערערס (בלויז איין דעלעגירטער לערער פון קוראַטאָריום) מיטן וואַרשעווער באַרימטן פּראָפ. דר. מאיר באַלאַבאַן אלס פּאָרויצער. די אַביטוריענטן האָבן באַקומען מלוכה-מאַטורעס, דערביי איז איין שילער (זאב בורשטיין) אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן פון די מינדלאַכע עקזאַמענס און ער איז דער איינציגער ביאַליסטאָקער סטודענט, וואָס איז היי-יאָר אָנגעקומען אין ווילנע אויף כעמיע. די אַביטוריענטן געניסן אויך פון הנחות בנוגע מיליטער-דינסט ביזן ענדיגן דעם שטודיום.

זייער א סך מי און ענערגיע האָבן געווידמעט דער גימ-נאַזיע די פאַרוואַלטונג, די דירעקטאָרן און לערערס ביז זיי האָבן דערבּראַכט די אינסטיטוציע צו איר הויכער מדרגה. אין ערשטן שול-יאָר איז די שולע געווען קליין: סך הכּל 3 מכינות מיט 3 קלאַסן ביי 174 תּלמידים. ביי היינטיגן טאָג פאַרמאָגט די גימ-נאַזיע איבער 600 תּלמידים, קינדער פון אַלע שיכטן פון דער נאַציאָנאַל-באַוואוסטזיניגער באַפעלקערונג, אין 3 מכינות און 13 פּאַראַלעל - און - גרונט-קלאַסן.

שוין אין 3-טן לערן-יאָר איז איינג געוואָרן דער בנין פון גימנאַזיע אויף סענקעוויטש גאַס 74 און מ'האָט געדונגען נאָך אַ לאָקאַל אויף ברוקאָווע. אין לערן-יאָר 1927 | 28 איז די גימנאַזיע אַריבער אין אַ נייעם פּרעכטיגן 3-שטאָקיגן לאָקאַל, וועלכער איז גרונטיג צוגעפּאַסט געוואָרן פאַר אַ מאָדערנעם לערן-אַנשטאַלט, לויט אַלע פאָדערונגען פון דער פּעדאַגאָגיק און היגיענע.

דער לאָקאַל פאַרמאָגט 24 גרויסע און זוניגע צימערן, וואו עס געפינען זיך חוץ די קלאַסן ספּעציעלע צימערן פאַר די לערערס, דירעקטאָר, שול-דאָקטאָר, לאַבאָראַטאָריעס פאַר נאַטור-וויסנשאַפט, פיזיק און כעמיע, מיט אַ קאָלאָסאַל-רייכן אוצר פון די נייסטע מכשירים, קינאָ, ראַדיאָ, גרויסע ביבליאָטעק א. א. וו.

אויפן הויף פון שול געפינען זיך נאָך 2 בנינים פאַר דער קאַנצעלאַריע און קיך פון דער קעגנזייטיגער הילף פאַר די שילערס.

די ערשטע יאָרן איז דער לערער - פּערסאָנאַל ניט געווען סטאַביל צוליב פאַרשיידענע סבּות און דאָס האָט זיך אויך געלאָזט פילן אין דער פּראָגראַם, וועלכע איז נאָך ניט געווען פעסט אויס-געאַרבעט. פון שול-יאָר 1923 | 24 טרעט איין אַ געוויסע סטאַביליזירונג אין פּעדאַגאָגישן ראַט, און אַ גרויסער טייל פון די דאַמאָלסדיגע לערערס אַרבעטן אויך היינט. אַלע גימנאַזיע-לערערס באַזיצן פולע קוואַליפיקאַציעס.

אין שול-יאָר 1923 | 24 איז דערשינען אין דרוק די פּראָ-גראַם פון גימנאַזיע, באַאַרבעט דורך די לערערס און דאַמאָלסדיגן דירעקטאָר ה' בראַוּוער.

די פּראָגראַם פון די אַלגעמיינע למודים איז גענוי דיזעלבע, ווי אין די רעגירונג-גימנאַזיעס פון הומאַניסטישן טיפּ. די יידישע לימודים פאַרמאָגן זייער אַ רייכע פּראָגראַם, לויט וועלכער די שילערס באַקומען אַ גרונטיגע און אַלזייטיגע בילדונג אין אַלע געביטן פון דער העבּרייאישער אַלטער און נייער ליטעראַטור, קולטור און געשיכטע.

דער פּעדאַגאָגישער ראַט באַשעפטיגט זיך זייער אַ סך מיט די פאַרשיידנאַרטיגסטע פּראָבלעמען פון דערציאונג, און די אָפטע זיצונגען זיינען געווידמעט רעפעראַטן און דיסקוסיעס צו באַהאַנדלען די מאָדערנסטע פאָדערונגען פון פּעדאַגאָגיק און דערציאונג.

די לערערס טרעפן זיך מיט די תּלמידים חוץ די למוד-

שעהן. ביי פאַרשיידענע אַרבעטן אויפן געביט פון אַליינבילדונג און שילער-קרייזלאַך (חוגים) פאַר פאַרשיידענע געביטן פון ליטעראַטור, קונסט און ספּאָרט א. א. און אויך געזעלשאַפטלאַכער טעטיגקייט אין די קלאַסן-פאַרוואַלטונגען, קעגנזייטיגער הילף א.א., וואו די שילערס באַקומען אַ צוגרייטונג אויפן געזעלשאַפטלאַכן געביט.

ביי דער שול עקזיסטירט אַ קלוב, וואו די שילערס פאַרברייננגען די פרייע צייט אויף שפּילן אין פאַרווייליונגען. פון צייט צו צייט גיבן די תּלמידים אַרויס אַן אייגענע צייטונג, וואַנטצייטונגען וכדומה. אָפט ווערן אייגגעאָרדנט אין גימנאַזיע ליטעראַרישע משפּטים, דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען און קאָנצערטן, ביי דער באַטייליגונג פון 24-קעפּיגן אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון מוזיק-לערער ה' שקאָלניקאָוו.




זייער אַ סך טוען די שילערס פאַרן קרן-קימת-לישראל. 11 טויזנט זל. איז דורך די שילערס געזאַמלט געוואָרן דורך פאַרשיידענע אַקציעס אויף קק"ל. די שילערס זיינען אויך פאַרטראָטן אין די מלוכהשה יוגנט-אָרגאַניזאַציעס, ווי: מיליטערישע צוגרייטונג (P.W.), ל.אָ.פּ.פּ. א. א.

איבער 200 אַביטוריענטן האָבן שוין געענדיגט די גימנאַזיע און זיי זיינען צוזייט און צושפּרייט אין א"י און פאַרשיידענע לענדער. זיי שטודירן, אַרבעטן אַלס חלוצים, לערערס, דאָקטוירים אַדוואָקאַטן א. א. עטלאַכע ווי, למשל, אינזשיניער יונה קאַפּלאַן (זון פון ה' מענדל קאַפּלאַן) און אינזש. אברהם וויינטרויב זיינען אַסיסטענטן אין גרענאָבלער (פראַנקרייך) פּאָליטעכניקום.

אין די פריערדיגע יאָרן האָבן אנטיילגענומען אין די סיום-עקזאַמענס פון 8-טן קלאַס חשובע געסט פון צווישן אונזערע געלערנטע און שריפטשטעלערס: אונזער בן עיר דער באַרימטער מלומד ה' א. ש. הערשבערג, וועלכער האָט אַ געוויסע צייט מיטגעאַרבעט אין גימנאַזיע, שאול טשערניכאָווסקי, צ. ז. וויינבערג, דעפּוטאַט גרינבוים, ג. סענאַטאָר הרב רובינשטיין, הרב דר. ג. ראָזענמאַן, משה גאָרדאָן, דר. ראָזנבוים א. א. זיי האָבן אַלע זיך אַרויסגעזאָגט זייער אַנטציקנדיג פאַר די גרויסע לייסטונגען פון דער שולע.

די גימנאַזיע-ביבליאָטעק פאַרמאָגט איבער 6000 ביכער אין פאַרשיידענע שפּראַכן.

די מנהלים פאַר דער צייט פון עקזיסטענץ פון אַנשטאַלט: 1) א. פורמאַן 2) דר. ראָזנבוים 3) דר. ראָזענמאַן 4) ד. בראַוער 5) דר. צבי ליליען 6) דר. צבי זעמעל.

היי-יאָר אַרבעטן פאָלגנדיגע לערערס: דירעקטאָר ה' דר. צ. זעמעל, אַדלער (פּויליש), אַראנאָוויטש (לאַטיין, נאַטור-געשיכטע), אורינאָווסקי (יודאאיסטישע למודים), גוטמאַן-גריפּעל (קאָנצענטראַציע מכינה ג'), גאָלדמאַן (נאַטורוויסן און געאָגראַפיע), גאָלדשטיין (מאַטעמאַטיק), דר. דאַטנער (זינגען און גימנאַסטיק), דר. העלפּער (דייטש און איינגליש), דר. הארּאוויטש (פּויליש), ווילענסקאַ-קאַנטאָר (קאָנצענטראַציע מכינה א'), דר. וועלגער (געשיכטע), זאַבלודאָווסקי, כאַזאַן, כאַזאַנאָוויטש (יודאאיסטישע למודים), יאַקובאָווסקי (צייכענען און האַנט-אַרבעט), פּאָליאַטשעק (פּויליש), רובין-סאַלמאַן (קאָנצענטראַציע מכינה ב'), ראַקאָוויצקי (מאַטעמאַטיק), שפּער (פּויליש און פּוילישע געשיכטע), שקאָלניקאָוו (מוזיק), דר. פינקעלשטיין — שול-דאָקטאָר.

ז—ס.

# קאָעדוקאַציע-גימנאַזיע

## פון זעליגמאַן, לעבנהאַפּט און דרעטשינסקי

די גימנאַזיע איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1919. זי איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ קרייז פּעדאַגאָגן פון פאַרשיידענעם גלויבן און נאַציאָנאַליטעט, דהיינו דורך די ה"ה זעליגמאַן, פּלאַקיער, פרוי טשעטשאַטאָוואַ, שולץ, וואָזניצקי, דרעטשינסקי, גינץ, טראָפּ א. אנד.

אין אָנהויב האָט די גימנאַזיע זיך געפונען אין בנין פון דער אמאָליגער קאָמערץ-שולע (איצט מלוכה-גימנאַזיע א. נ. פון מאַרשאַל פּילסודסקי) און געהאַט צוויי אָפּטיילן: אַ הומאַניסטישן און פון האַנדל-טיפּ — צוזאַמען 16 קלאַסן. כדי צו געבן די מעגלאַכקייט צו ענדיגן דעם שטודיום דעם טייל יוגנט, וואָס האָט זיך דאַמאָלס צוריקגעקערט פון רוסלאַנד און באַקומען די פריערדיגע בילדונג אין רוסיש, איז אין די העכערע קלאַסן געווען איינגעפירט רוסיש אַלס למוד-שפּראַך. אין משך פון די ערשטע 2 יאָר זיינען אָבער אַלע קלאַסן אַריבער אויף פּויליש און שוין אין יאָר 22 | 1921 זיינען די אַביטוריענטן פון דער גימנאַזיע געשטאַנען פאַר דער מלוכהשער עקזאַמינירקאָמיסיע און באַקומען מאַטורעס. דאָס איז געווען די ערשטע מאַטורע אין אַ ביאַליסטאָקער פּריוואַטער גימנאַזיע.

זינט יענעם יאָר געפינט זיך די גימנאַזיע אינם גרויסן בנין אויף סענקעוויטש-גאַס 4.

אין שול-יאָר 25 | 1924 קריגט די גימנאַזיע ניט-פולע רעכט פון אַ מלוכה-גימנאַזיע מיט אַ באַוואָרענונג („זאַסטשעזשעניע") (קאַטעגאָריע B מיט באַוואָרענונג), אין נאָענטסטן 26 | 1925 יאָר ווערן דער גימנאַזיע געגעבן די רעכט פון קאַטעגאָריע B אָן שום באַוואָרענישן, אין שול-יאָר 32—1931 באַקומט די גימנאַזיע פולע רעכט פון אַ מלוכה-גימנאַזיע (קאַטעגאָריע A).

אין די ערשטע צוויי עקזיסטענץ-יאָרן האָט די גימנאַזיע אַרויסגעלאָזן איבער 150 אַביטוריענטן, פון וועלכע כמעט אַלע האָבן שוין אוניווערזיטעט-דיפּלאָמען.

פון שול-יאָר 22 | 1921 האָבן געקריגן מאַטורעס 207 אַביטוריענטן.

אין די 13 יאָר פון איר עקזיסטענץ האַלט די גימנאַזיע כסדר אין אַנטוויקלען זיך און מאַכט פאָרשריטן אין זינען פון אונטעררעכט און דערציאונג, אָנווענדנדיג נייע מעטאָדן און דידאַקטישע און פּעדאַגאָגישע מיטלען.

דער שול-לאָקאַל איז בהדרגהדיג באַטייטיג פאַרברייטערט געוואָרן און איצט פאַרנעמט שוין די גימנאַזיע אַלע 3 שטאָק פון בנין. חוץ קלאַסן-צימערן האָט נאָך די גימנאַזיע אַ פיזישע און אַ נאַטור-וויסנשאַפטלאַכע לאַבאָראַטאָריעס, אַ גימנאַסטיק-זאַל, אַ רעקרעאַציע-זאַל מיט אַ סצענע, אַ דאָקטאָר- און אַ דענטיסטישן קאַבינעטן, ביבליאָטעק און אַנדערע הילף-לאָקאַלן. זי איז אויסגעשטאַט מיט אַ ריי וויסנשאַפטלאַכע מכשירים, אַ טייל פון זיי זייער טייערע, אויף די געביטן פון פיזיק, נאַטור-וויסנשאַפט, ווי אויך פאַר די הומאַניסטישע למודים. דער באַשטאַנד פון די וויסנשאַפטלאַכע מכשירים ווערט כסדר פאַרפולט און פאַרגרעסערט. דעם יאָר האָט די גימנאַזיע בדעה נאָכמער פאַרברייטערן איר לאָקאַל און גרינדן אַ הומאַניסטישע לאַבאָראַטאָריע, לויט די פאָדערונגען פון די נייע אונטעררעכט-מעטאָדן.

אין גימנאַזיע איז איינגעפירט אַ שילער-זעלבסטפאַרוואַלטונג, אין קלאַסן-מאַסשטאַב ווי אויך אין אַלגימנאַזיאַלן, אין דער פאָרם פון א פילאָמאַטישן קרייז א. נ. פון אדאם מיצקעוויטש מיט פאַרשיידענע וויסנשאַפטלאַכע און קינסטלערישע סעקציעס. א באַזונדער אויפמערק פאַרדינט דער שטענדיגער גימנאַזיע-טעאַטער, וואָס האָט זינט פאָריגן יאָר אויפגעפירט 6 פּרעמיערעס, חוצדעם עקזיסטירן א ריי באַזונדערע קרייזן פון געזעלשאַפטלאַך מלוכהשן כאַראַקטער. ס'עקזיסטירט אויך א ספּאָרט-קרייז. די גימנאַזיע פאַרמאָגט אויך א שילער-קלוב „סוועטליצא" מיט א צייטונג-לייענזאַל. ס'עקזיסטירט א „הארצעזשעס"-דרוזשינע און 2 אָפּטיילן („הופצעס") פאַר מיליטערישער צוגרייטונג, איינע פאַר מענער און איינע פאַר פרויען.

אין פאַרגאַנגענעם שול-יאָר האָט די גימנאַזיע באַקומען אַ פאָן, וועמעס טויף-פאָטער ס'איז דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדע ה' מאַריאַן זינדראַם קאָשטשאַלקאָווסקי.

די יוגנט מאַכט פון צייט צו צייט נאָענטע און ווייטערע אויספלוגן. אין יאָר 1932 זיינען פאָרגעקומען צוויי: איינע קיין וואַרשע און די אַנדערע קיין ווילנע.

די גרונט-אידייע פון דער גימנאַזיע איז צו דערציען די יוגנט, אָן אונטערשייד פון גלויבן און נאַציאָנאַליטעט, אין גייסט פון קעגנזייטיגער פריינטשאַפט און צוטרוי פאַר קומענדיגע בירגער פון א געמיינזאַמער מלוכה. די גימנאַזיע האָט שוין אין דעם פּרט א סך אויפגעטאָן, און ביי די לעצטע טרויעריגע באַדינגונגען, ווען אין די העכערע שולן הערשן אַזוינע שרעקלאַכע באַציאונגען פון קעגנזייטיגער מחלוקת, הערשט אין דער גימנאַזיע א ניט-געצוואונגענע אחדות, וואָס וועט אָן ספק ווירקן פּאָזיטיוו אויף די שפּעטערדיגע חברישע באַציאונגען פון דעם טייל יוגנט. דער לערער-פּערסאָנאַל פון גימנאַזיע, אויך פון פאַרשיידענעם גלויבן און נאַציאָנאַליטעט, טוט אַלנפאַלס אַלץ, כדי מיט וואָרט און אייגענעם ביישפּיל פון שלומדיגן צוזאַמענלעבן און צוזאַמענאַרבעט צו ווירקן ווי געהעריג אויף דער יוגנט.

קריגט טאַקי די גימנאַזיע וואָס ווייטער אַלץ מער אָנערקענונג סיי ביי דער יידישער, סיי ביי דער קריסטלאַכער געזעלשאַפט. א באַווייז דערפון איז דער וואַקסנדיגער פּראָצענט פון די קריסטלאַכע שילערס: פון קוים 10 פּראָצ. אין גרינדונג-יאָר האָט זיך די צאָל געהויבן ביז 50 פּראָצ. אין יאָר 1932, דערביי זיינען זיי אין א באַטייטיגן פּראָצענט קינדער פון דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ, פרייע פּראָפעסיעס, ווי אויך העכערע מלוכה-באַאַמטע.

איצט האָט די גימנאַזיע 8 קלאַסן און 2 צוגרייטונג-קלאַסן, ווייל, ווי אין א פּריוואַט-שולע, איז דער ערשטער קלאַס ניט סקאַסירט געוואָרן.

דער דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע איז ה' יוסף זעליגמאַן, דער פּעדאַגאָגישער פּערסאָנאַל באַשטייט פון 25 פּערזאָן. די שילערס געפינען זיך אונטער דער השגחה פון 2 שול-דאָקטוירים: א הער און א פרוי ווי אויך פון א ציין-דאָקטאָר.

# די 2-שפּראַכיגע 7-קל. שולע פון א. עקשטיין

## (צום IV שול-יאָר און 1-טן ארויסלאָז פון דער שולע)

די 2-שפּראַכיגע העברייאיש-פּוילישע שולע פון א. עקשטיין האָט אין 1932 — אין יאָר פון שווערן מאַטעריעלן קריזיס — געהאט דעם יאָר פון איר פולן פונאַנדערבוי. ס'איז געעפנט געוואָרן דער זעקסטער און לעצטער קלאַס (לויט פּראָגראַם: 7-טער קלאַס פאָלק-שול) און סוף היינטיגן שול-יאָר לאָזט שוין אַרויס די שולע אירע ערשטע אַבסאָלווענטן אין אַ צאָל פון עטלאַכע צענדליג. חוצדעם איז היי-יאָר געשאפן געוואָרן בײַ דער שולע די פרעבלובקע און דערמיט איז ניט בלויז פאַרלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער שולע, נאָר בכלל איז איצט די גאַנצע דערציאונג אין שולע אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן יסוד פון איינהייטלאַכקייט און האַרמאָניע.



**אליעזר עקשטיין**
אינהאַבער פון דער שולע.

כדאי דערבײַ צו וואַרפן אַ בליק אויף צוריק און זען דערפון, ווי ווייט גוטע אָרגאַניזאַציע און פארשטענדעניש פאַר דער זאַך, רייכע דערפאַרונג אויפן שול-געביט און אָפּטמאָל פאַרשווענדערישע אויסלאָדונג פון ענערגיע האָבן דאָ במשך פון קנאפּע 4 שווערע קריזיס-יאָרן געשאפן אַ פרעכטיגן ווערק, וואָס איז באמת אַ זעלטענער פאַל.

ב„שבעים נפש"—מיט 70 תלמידים אין יאָר 1929 איז געגרינדעט געוואָרן די שולע און שוין צום סוף שול-יאָר ציילט זי די קיילעכדיגע ציפער פון 100 תלמידים, אין 2-טן שול-יאָר וואַקסט די צאָל ביז 150, אין 3-טן—ביז 200 און היי-יאָר (אין IV-טן שול-יאָר) דערגרייכט זי שוין די ציפער 250. אויב דערפון אַליין זאָל מען דאָ אַרויסציען אַ לויב-געזאַנג פאַר דער שולע, וועט עס זײַן דורכויס כשר פאַרדינט, ווײַל באמת איז דאָס אַ צייכן פון אַ רעקאָרד-דערפאָלג פון אַ שולע בײַ היינטיגער צייט!

און איצט ווי אַזוי איז די שולע אוועקגעשטעלט, ווי זעט אויס איר פּראָגראַם, איר דערציערישע-טעכנישער אפּאַראַט א.אַ.וו.?

קודם — דער לאָקאַל פון דער שולע, דאָס איז איינער פון די שענסטע און פּאַסיגסטע שול-לאָקאַלן אין אונזער שטאָט. אין די שטענדיג פרישע, ליכטיגע און היגיעניש-געזונטע צימערן, וואָס מאַכן גיכער דעם איינדרוק פון סאַלאָנען, באַוועגן זיך די קינדער, ווי אין אַ צווייטער ליבער היים אויפן פרייסטן און זאָרגלאָזסטן אופן. באַזונדערס גילט עס בנוגע דעם שפּיל-און-טורן-זאַל, וואָס איז לויט פאַרנעם און איינריכטונג מוסטערהאַפט.

והשנית—די פּראָגראַם. די עלטערן (און ס'רוב זיינען אַזוי), וואָס ווילן זייער קינד געבן סײַ וועלטלאַכע לימודים מיט פּויליש בראש און סײַ יידישע מיט העברייאיש, תנ"ך, ייד. געשיכטע א. ד. ג., געפינען אין דער שולע טאַקי אַלץ, וואָס זיי פאַרלאַנגען. די מערערע וויזיטאַציעס פון קוראַטאָריום האָבן זייער בעסטע אנערקענונג געפונען פאַרן פּויליש פון דער שולע, וואָס קלינגט אין די מײַלער פון די קינדער אַזוי עכט און לעבעדיג, ווי ס'קען נאָר זײַן. אויך האָבן עס אַלע עלטערן אָן אויסנאַם, ווי זאַכקענערס און פּעדאַגאָגן באַשטעטיגט בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן אויף שול-אָוונטן, ווען די קליינע אַרטיסטן האָבן צוזאַמען מיט זייערע טאַלאַנטן, אויך דעמאָנסטרירט אָט די דאָזיגע דערגרייכונג אין די לימודים.

און וואָס שייך יידיש-טראַדיציאָנעלע לימודים, איז דאָ אַלץ אויפן ברייטסטן פוס. דער העברייאיש (ביזן IV-טן קלאַס אין „מבטא האשכנזי") איז אַ נאַטירלאַכער און פרייער פאַר אַלע קינדערשע אויסדרוקן, חומש און נביאים אָן קיצורים לויטן גוטן יידישלאַכן געשמאַק, ייד. געשיכטע אין קלאָרער, בילדלאַכער אויסטייטשונג א. א. וו. א. א. וו.

וואָס אַזאַ פּראָגראַם מיינט, דאָס איז: די שולע רייסט ניט אָפּ דעם קינד פון זײַן היים און פאָלק, נאָר להיפך: שאַפט נאָכמער דעם געוואונטשענעם קאָנטאַקט, ציט ווייטער דעם גאָלדענעם פאָדים פון יידיש-געזונטער טראַדיציע, געפלאָכטן מיט וועלטלאַכן פּראָגרעס.

והשלישית — אַ גאַנצע ריי איינריכטונגען מאַכן די שולע פאַר אַ פולקאָמען לעבן- און דערציאונג-אנשטאַלט אין ברייטסטן זינען, וואו ניט בלויז לימוד איז דער הויפּט-יסוד, נאָר אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון קינד. די גרויסע שול-ביבליאָטעק (קרוב אַ פאָר טויזנט בענד אין העברייאיש און פּויליש) איז פאַר די קינדער חוץ אומבאַדינגטער הילף-מיטל צו די לימודים, אויך גוטער און נוציגער מאַטעריאַל פאַר צייט-פאַרטרייב, דער שול-קינאָ שאַפט פאַר די קינדער פון צייט צו צייט אַ פריידיגע אַטראַקציע (ווידעראַמאָל אין שייכות מיט די געלערנטע קעגנשטאַנדן) און צולעצט די צאָלרייכע מכשירים צו געאָגראַפיע, נאַטור-וויסנשאַפט א. ד. ג., וואָס די מאָדערנע פּעדאַגאָגיק האָט דערפונדן — אָט דאָס אַלץ, ווי אַ געטרייער, פאָלגזאַמער אינסטרומענט אין די הענט פון 16-קעפיגן קוואַליפיצירטן און גוט-דערפאַרענעם לערער-פּערסאָנאַל, שאַפט די עכטע שול-אַטמאָספער, די ליבע דערציאונג-היים פאַר די הונדערטער קינדער, וואָס לערנען און געניסן ברייט-וועלטלאַכע און טראַדיציאָנעל-יידישע אַנטוויקלונג אין דער שולע פון א. עקשטיין.

**א פּאָטער.**

# די מלוכהשע האַנטווערקער- און אינדוסטרי-שולע אין ביאַליסטאָק

די מלוכהשע האַנטווערקער- און אינדוסטרי- שולע אין ביאַליסטאָק איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1921, אין דעם מאָמענט, ווען די פּוילישע מלוכה האָט פאַרענדיגט אירע זיגרייכע קאַמפן מיט אונזער מזרח-שכן. אַן אָפּגעשוואַכטע, אַ רואינירטע און צוריבטע פון דער וועלט-מלחמה, איז זי דאַמאָלס צוגעטראָטן צום בויען איר פּאָליטישן,ווירטשאַפטלאַכן און אינדוסטריעלן לעבן.

די נויטווענדיגקייט צו שאַפן אַ מיטל-קלאַס אַלס יסוד פאַרן וואוילשטאַנד און כח פון דער מלוכה, איז שוין דאַמאָלס געווען אָפּגעשאַצט און דאָס האָט מיטגעווירקט צום שאַפן נײַע לערן-אַנשטאַלטן פון האַנטווערק-און אינדוסטרי-כוחות, בירגערלאַך-באַוואוסטזיניגע, פייאיגע צום קאַמף פאַר אַ בעסערן עתיד פאַר זייער פאָטערלאַנד און ממילא פאַר זיך. דער גרונט-געדאַנק דאַרף דורכפלעכטן ווי אַ רויטער פאָדים דעם גאַנצן שול-וועזן בכלל און די פאַך-שולן בפרט, ווײַל אין די פאַך - שולן קאָנצענטרירט זיך די יוגנט פון די ספערן, וואָס אָריענטירן זיך ווייניגער אין

די התחייבותן פון בירגער צו זיין מלוכה, צו דער העכערער מאַכט און צו זיין נאָנטסטער סביבה.

מיט דעם כּלל און מיט דער איבערצייגונג מוז זיין דורכגעדרונגען יעדער לערער, אָן דעם טאָר מען ניט צוטרעטן צום לערער-פאַך.

דאָס איז זייער אַ שווערער פאַך, ער פאָדערט אַ סך ארבעט און ניט איינמאָל אויך קרבנות-גרייטקייט. אַ לערער נעמט אויף זיך גרויסע התחייבותן — די אויסבילדונג פון יונגן דור, ער איז אין דער אייגנשאַפט פון אַ וועג-ווייזער אין קומענדיגן לעבן און ווי וועט עס אויסזען, אויב דער וועג וועט געוויזן ווערן ניט ריכטיג?

אין פאַך-שולן מוז די טעאָריע גיין האַנט - אין - האַנט מיט דער אַרבעט אין וואַרשטאַט, דעריבער מוזן די לערן - מעטאָדן סיי פון די אַלגעמיינע לימודים סיי פון דער פאַך-בילדונג זיין אַנדערע. דער לערער האָט דעם חוב צו אַנטוויקלען אין יעדער שילער די ליבע צו זיין פאַך, ווייל נאָר אין דעם פאַל וועט די אַרבעט זיין פּראָדוקטיוו, וועט געבן אַ מאָראַלישע באַפרידיגונג אין לעבן און וועט ניט זיין קיין שווערע משא, ווי עס טרעפט אָפּט ביי פאַך-אַרבעט. חוצדעם דאַרף מען אַנטוויקלען ביים שילער איניציאַטיוו, געוויסנהאַפטיגקייט, סיסטעמאַטישקייט, אויסדויער, ריינקייט א. ד. גל. די אייגנשאַפטן זיינען אומבאַדינגט נויטיג ביי יעדער אַרבעט, ביי פאַך-בילדונג בילדן זיי דעם פונדאַמענט פון וואוילשטאַנד און מוזן אַרויסגערוקט ווערן אויפן ערשטן פּלאַן.

יעדער לערער פון אַ פאַך-שולע מוז האָבן חוץ די קוואַליפיקאַציעס אין די למודים, וועלכע ער לערנט, אויך וואַרשטאַט-פּראַקטיק, אָדער ביוראָ-פּראַקטיק אין די האַנדל-שולן, ווייל נאָר אַזוי אַרום קען דערגרייכט ווערן אַ אַלזייטיגע קענטעניש פון געלערנטן קעגנשטאַנד. אָן דעם וואָלט דער קעגנשטאַנד געווען ניט לעבעדיג, אָן אַ נשמה, באַלעסטנדיג און ניט אינטערעסאַנט.

אַלץ, וואָס ער הערט אין קלאַס, טראָגט דער שילער איבער אין געדאַנק צום וואַרשטאַט, ווייל דאָס איז זיין הויפּט-ציל און הויפּט שטרעבונג. אפילו לערנענדיג אַלגעמיינע למודים טראַכט ער תמיד איבער, וואָס פאַר אַ נוצן קען אים דערפון אַרויסקומען אין זיין שפּעטערדיגער וואַרשטאַט - אָדער ביוראָ - אַרבעט. און אויב דעם לערער וועט ניט געלינגען צו איבערצייגן, אַז דער למוד איז פאַרן תּלמיד אומבאַדינגט נויטיג, וועט ער דעם למוד טראַקטירן ווי אַ איבעריגן יאָך און זיך אינטערעסירן מיט אים נאָר אויף אַזויפיל, וויפל ס'איז נויטיג פאַר דער צייגעניש. אַזוינע לערערס דאַרף די פאַך-שולע ניט טאָלערירן, ווייל אַזאַ אופן לערנען ברייננגט מער שאָדן ווי נוצן. דער שילער דאַרף פאַרשטיין דעם ציל פון יעדער למוד, וואָס ער לערנט.

די קורסן, וואָס דער בילדונג-מיניסטעריום האָט אָרגאַניזירט פאַר דירעקטאָרן, לערערס און אינסטרוקטאָרן פון שולן און פאַך-שולן, האָבן זייער אַ גרויסן באַטייט און מ'טאָר באַין אופן ניט אויסמיידן זיי צו באַזוכן. ס'איז אויך צו דערוואַרטן, אַז דער מיניסטעריום וועט אינגיכן אַרויסגעבן אַ ציקל לעקציעס, צוגעפאַסטע צו די באַזונדערע טיפּן שולן. דאָס וואָלט פאַרגרינגערט דעם שטודיום און אייגעשפּאָרט די הוצאות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן אָרגאַניזירן די קורסן.

ס'איז אויך אומבאַדינגט נויטיג אָרגאַניזירן פּערמאַנענטע רעפעראַטן מיט אַ ברייטער דיסקוסיע. דאָס וואָלט אויפגעקלערט און פאַראייניהייטלאַכט געוויסע אנשויאונגען אויף מאָדערנע פּעדאַגאָגישע און דידאַקטישע מעטאָדן.

Z.

# דער באַטייט פון די אָנפראַגעס פון „באַנק פּאָלסקי“

די היגע סוחרים קריגן זייער אָפּט אָנפראַגעס פון „באַנק פּאָלסקי“ וועגן זייער קרעדיט-פייאיגקייט.

אַזעלכע אָנפראַגעס טראַקטירט די האַנדל-וועלט אין אַלגעמיין ניט פריינטלאַך, מורא האָבנדיג, אַז די „באַנק פּאָלסקי“ וועט ניט האַלטן די ידיעות דיסקרעט.

מ'דאַרף דעריבער אויפקלערן, אַז אויך אין דעם זינען פאַרדינט „באַנק פּאָלסקי“ פ ו ל ן צ ו ט ר ו י'.

די סוחרים דאַרפן דעריבער אויף די דערהאַלטענע אָנפראַגעס תיכף און פינקטלאַך ענטפערן. ניט ענטפערנדיג אויף די אנפראגעס, טוען אָפּט די סוחרים זיך אַליין אַ שאָדן, ווייל זייער אָפּט ווערן אַזעלכע אָנפראַגעס געמאכט מיטן צוועק אָנצוטרויען פאַרטרעטונגען, אָדער פאַרבינדן האַנדל-באַציאונגען.

ווען „באַנק פּאָלסקי“ קריגט ניט קיין תשובה אויף אַזאַ אָנפראַגע, מוז זי ממילא געבן א נעגאַטיווע אינפאָרמאַציע, אין רעזולטאַט פון וואָס ס'ווערט שפּעטער ניט געגעבן קיין קרעדיט.

# O informacjach Banku Polskiego w sprawie zdolności kredytowej

Kupcy białostoccy otrzymują bardzo często zapytania z Banku Polskiego o swojej zdolności kredytowej.

Zapytania te traktuje świat kupiecki naogół niezbyt przychylnie w obawie przed niedyskrecją ze strony Banku Polskiego.

Należy przeto wyjaśnić, że Bank Polski zasługuje również pod tym względem na c a ł k o w i t e z a u f a n i e.

Kupcy winni przeto na otrzymywane zapytania niezwłocznie i dokładnie odpowiadać, gdyż pozostawienie zapytań bez odpowiedzi naraża kupca na szkody, a to z tego względu, że bardzo często zapytania te czynione są w celu powierzenia kupcom przedstawicielstw lub nawiązania z nim stosunków handlowych.

Nie otrzymując od zapytanego odpowiedzi, Bank Polski z natury rzeczy zmuszony jest udzielić negatywnej informacji, której wynikiem jest późniejsze nieudzielenie kredytu.

# Państwowa Szkoła Rzemieślniczo-Przemysłowa w Białymstoku

założona została w roku 1921, a więc w chwili, kiedy Rzeczypospolita Polska po zwycięskich walkach z sąsiadem wschodnim, jeszcze zupełnie słaba, zniszczona, zrabowana przez wojnę światową, mogła przystąpić do budowy życia politycznego, gospodarczego i przemysłowego.

Potrzeba utworzenia klasy średniej, jako podstawy dobrobytu i siły państwowej była już wówczas doceniana i to przyczyniło się do otwierania nowych uczelni typu szkół Rzemieślniczo—Przemysłowych, któreby były rozsadnikiem sił, świadomych swego obywatelstwa, które mogłyby stanąć do walki o lepszą przyszłość dla ojczyzny swej, a tem samem i dla siebie samego. Ta myśl przewodnia powinna jak nić przeplatać tkaninę, którą stanowi szkolnictwo wogóle, a szkolnictwo zawodowe w szczególności, gdyż w szkołach zawodowych rekrutuje się młodzież ze sfer mniej świadomych, co do obowiązków obywatela w stosunku do swego państwa, do władz zwierzchnich i do swego najbliższego otoczenia.

Ta zasada i to przeświadczenie powinno cechować każdego nauczyciela i bez tego nie wolno człowiekowi dotykać zawodu nauczycielskiego. Jest to zawód nader trudny, wymagający wielkiej pracy, a nieraz poświęcenia się. Nauczyciel bierze na siebie wielkie obowiązki, bo kształcenie całych zastępów młodego pokolenia; on jest jakby drogowskazem przyszłego życia i cóż dopiero, jeśli ta droga będzie mylnie wskazana.

W szkołach zawodowych teorja powinna iść w parze z pracą warsztatową, a więc i metody nauczania tak przedmiotów naukowych jak i ogólnokształcących powinno być odmienne. Nauczyciel powinien rozwijać w każdym uczniu zamiłowanie do swego zawodu, bo tylko w tym wypadku praca zawodowa będzie i wydajną i da moralne zadowolenie w życiu, i nie będzie stanowić cieżkiego obowiązku, jak to nieraz w pracy zawodowej się zdarza. Oprócz tego należy rozwijać w uczniu inicjatywę, sumienność, systematyczność, wytrwałość, czystość i t. p. Te właściwości są konieczne przy każdej pracy, a przy pracy zawodowej są podwaliną dobrobytu i powinne być wysunięte na plan pierwszy.

Każdy nauczyciel szkoły zawodowej oprócz posiadanych kwalifikacji, wykładanego przezeń przedmiotu, powinien w równej mierze posiadać warsztatową praktykę, względnie biurową dla szkół handlowych, bo tylko w tym wypadku osiągnie się pełnię wiedzy przedmiotu zawodowego. Bez tego przedmiot byłby martwy, nieżyciowy, byłby bez duszy, byłby nudny i nie interesujący. Słuchając jakiegobądź przedmiotu w klasie, słuchacz szkoły zawodowej zawsze podświadomie przenosi swą myśl do warsztatu pracy, gdyż to jest jego główny cel, jego główne dążenie. Nawet słuchając przedmiotów ogólnokształcących rozważa, jaką będzie miał korzyść z tego przedmiotu w późniejszej jego pracy warsztatowej ewentualnie biurowej. I jeżeli nauczyciel nie potrafi przekonać ucznia, że to jemu potrzebne będzie, to przedmiot ten będzie traktowany przez uczniów jako zbędny i uczeń nim się nie zainteresuje więcej, niż to potrzebne dla uzyskania świadectwa ukończenia szkoły. Nauczycieli takich nie powinna szkoła zawodowa tolerować, gdyż nauczanie to, przyniesie więcej szkody niż korzyści. Uczeń powinien być świadomy celu nauczania go każdego przedmiotu.

Kursa, zorganizowane przez Min. W. R. i O. P. dla dyrektorów, nauczycieli i instruktorów szkół ogólnokształcących i zawodowych mają bardzo doniosłe znaczenie i nie wolno pod tym lub innym pretekstem uchylać się od przesłuchania tych kursów. Należy też oczekiwać, że w krótkim czasie Ministerstwo wyda cykl wykładów, odpowiadających poszczególnym typom szkół; ułatwiłoby to z jednej strony studja i oszczędziłoby koszta, związane z organizacją tych kursów.

Koniecznem również jest organizowanie stałych referatów z szerszą dyskusją nad niemi, któreby miały charakter stały. Wyjaśniłoby to i ujednostajniłoby niektóre rozbieżności w poglądach na nowoczesne metody pedagogiczne i dydaktyczne.

Z.

# פּריוואַטע מיידל־שולע (b. gimnazjum niższe)

## פון ל. ח. באָגדאַנאָווסקי, סענקיעוויטשאַ (ראָג יידן־גאַס)

די שולע איז איינע פון די פּאָפּולערסטע אין שטאָט; פאַר־מאָגט שוין אַ עבר פון אַ פערטל יאָרהונדערט (געגרינדעט דורך ה׳ באָגדאַנאָווסקי אין יאָר 1907). דער אינהאַבער שטרעבט כּסדר, דורך פאַרשיידענע עקספּערימענטן און אומדערמידלאַכער אַרבעט, אַוועקצושטעלן די שולע אַלס איינע פון די פיינסטע לערן־אַנשטאַלטן ביי אונז אין שטאָט, ביז עס געלינגט אים סוף־כּל־סוף צו דערפירן דער שולע צו איר איצטיגן אויפשטייג.



ל. ח. באָגדאַנאָווסקי
אינהאַבער פון דער שולע.

ניט איינמאָל איז שוין טאַקי אויסגעקומען דער היגער פּרעסע צו געבן אַן אָפּשאַצונג און באַטאָנען, ווי ווייט די שולע האָט געשלאָגן אירע טיפע וואָרצלען פון סימפּאַטיע און אָנערקענונג ביי די ביאַליסטאָקער יידישע עלטערן און גלייכצייטיג דערוואָרבן אַ שם־טוב ביי דער לאָקאַלער שול־מאַכט. (דער אויבנדערמאָנטער שול־אינהאַבער האָט שוין אפילו זוכה געווען באַדאַנקט און גראַ־טולירט צו ווערן פונם ה׳ וואָיעוואָדע אין דער אָנוועזנהייט פון ה׳ שול־אינספּעקטאָר, דעם 3־טן יוני 1931, בעתן קינדער־מאַרש צום וואָיעוואָדישן פּאַלאַץ).

אין חודש אַפּריל 1932 באַקומט די שולע שוין גאָר אַן אַנדער פּרצוף: צו איר 25 יאָריגן יובילײ ווערט זי אַריבערגע־טראָגן אין האַרץ פון שטאָט, אין אַ פּרעכטיגן 10־צימערדיגן לאָקאַל, אין איינעם פון די שענסטע און געזינטסטע לאָקאַלן פון שטאָט. און די קינדער האָבן, חוץ די עסטעטיש־רעמאָנטירטע און זוניגע קלאַסן, אויך אַזעלכע באַקוועמלאַכקייטן ווי אַ ספּע־ציעלן עס־צימער, וואַש־צימער און אַ גרויס׳שטח׳דיגן קאָרידאָר צו שפּאַצירן.

דער ה׳ שול־אינספּעקטאָר הערט אויס מיט צופרידנהייט די מעלדונג פון ה׳ באָגדאַנאָווסקי וועגן נייעם שול־לאָקאַל און וועגן די ניי־אַנגאַזשירטע לערער־כּוחות און באַגייט פון זיין זייט אויך זייער אַן אַנשטענדיגן זשעסט: ער דערלויבט דעם ה׳ באָגדאַ־נאָווסקי צו פאַרברייטערן אין שולע די לערן פּראָגראַם אַזוי, אַז די שולע זאָל אינגאַנצן רעפאָרמירט ווערן אין אַ נידעריגערע גימנאַזיע (b. gimnazjum niższe). ה׳ באָגדאַנאָווסקי נוצט אויס די געלעגנהייט און באַשליסט אַוועקצושטעלן דער שולע אויף דער מדרגה פון אַ מין פאַרמלחמהדיגער פּראָגימנאַזיע פאַר מיידלאַך.

צו דעם צוועק ווערן איינגעלאַדן נייע לערער־כּוחות מיט אוניווערזיטעט־בילדונג. איז טאַקי ביי איצטיגן מאָמענט די שולע, סיי בנוגע דעם לערער־פּערסאָנאַל, סיי דער דערציאונג־פּראָבלעם ווי אויך דער נייער לאָקאַל ע ר ש ט ר אַ נ ג י ג, וואָס ס׳האָט אויך באַשטעטיגט דער ה׳ שול־וויזיטאַטאָר ביים וויזיטירן די אויבנדערמאָנטע שולע, דעם 17־טן נאָוועמבער ה. י.

אינם נייעם לאָקאַל האָט אויך ה׳ באָגדאַנאָווסקי איינגע־אָרדנט אַ פּרעבל־שולע (פאַר יינגלאַך און מיידלאַך) אין עלטער פון 4 יאָר אָן, אונטערן אָנפיר פון געניטע פּרעבליסטינס. די פּרעבל־שולע האָט אַ ספּעציעלן אַרבעט־צימער און אַ שפּיל־זאַל אַזוי, אַז די קליינוואַרג האָבן דאָ אַן אמתן „גן־עדן" אויף דער וועלט.

די למוד־שפּראַך פון דער שולע איז פּויליש. אַלע קעגנ־שטאַנדן ווי וועלט־געשיכטע, פּוילישע געשיכטע, נאַטור־וויסנשאַפט, געאָגראַפיע, אַריטמעטיק און געאָמ. ווערט געלערנט אין פּויליש. גלייכצייטיג ווערן געגעבן אין זייער אַ ברייטן מאָסשטאַב יודאַ־איסטישע למודים, אין וואָרט און אין שריפט, דורך וועלכע דאָס קינד באַקומט אַ פעסטן באַגריף אינם אַלטן יידישן אוצר, ווי אויך אין ז׳ער געשיכטע פון יידישן פאָלק. חוצדעם ווערט גע־לייגט גרויס אַכט אויף דער היגיענישער אויפפּאַסונג פון קינד, ווי אויך אויף זיין פיזישער אַנטוויקלונג דורך פאַרשיידענע גימ־נאַסטישע איבונגען און שפּילן. אַ ברייטן אָרט פאַרנעמט אויך די קונסט פון צייכענען און מאָלן.

ס׳איז כּדאי צו באַמערקן, אַז ה׳ באָגדאַנאָווסקי, אַלס שטענדיגער קעגנער פון קאָעדוקאַציע, ניט קוקנדיג אויפן מאַ־טעריעלן שאָדן, וואָס ער ברענגט צוליב דעם דער שולע, שטרעבט אויך אויף להבא, ווי ווייט מעגלאַך, אַז זיין לערן־אַנשטאַלט זאָל בלייבן אַ ריינע מיידל־שולע, אויפווייזנדיג מיט לעבעדיגע פאַקטן, אַז די דערציאונג־פּראָבלעם פון אַזאַ מין שולע איז גאָר אויף אַן אַנדער מדרגה, ווי ס׳איז אין די שולן, אין וועלכע עס לערנען יינגלאַך און מיידלאַך צוזאַמען. אין אַזעלכע שולן זיינען די חסרונות זייער בולט הן בנוגע דער דערציאונג, הן—דער לערן־פּראָגראַם. אפילו די אומות העולם, טענהט ה׳ באָגדאַנאָוו־סקי, באַמיען זיך, ווי ווייט מעגלאַך, אָפּצוטיילן ביידע מינים אין באַזונדערע לערן־אַנשטאַלטן.

# אַ יאָר „יוגנט־קלוב"

די פּאַקטישע און אָפיציעלע גרינדונג פון „יוגנט קלוב" ביי דער הילפס־פאַרוואַלטונג פון דער ביאַליסטאָקער געזעלשאַפט פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג דאַטירט זיך דעם 24.9—1931 דער גרויסער אַרויסלאָז פון ביידע אַנשטאַלטן („עזרת יתומים" און „האַלב־אינ־טערנאַט"), וועלכער איז פאָרגעקומען אַ שטיקל צייט פריער, האָט אַרויסגעפירט די דערציערס אויפן געדאַנק, דידאָזיגע אידייע צו פאַרווירקלעכן און אַזאַ קלוב צו שאַפן. די קלוב־אידייע האָט אויך געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג און פאַראינטערעסירונג ביי די קומענדיגע מיטגלידער, און אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן פאַר איר אַ באָדן אין לעבן.

ווי יעדער פון אַזעלכע אָנהויבן, האָט אויך אונזערער דורכגעמאַכט געוויסע שווערע חבלי־לידה, ביז מ׳האָט געפונען דעם ריכטיגן וועג און גאַנג, ווי אַזוי דעם קלוב אַוועקצושטעלן. היינט צו טאָג האָבן מיר שוין אַ יאָר „יוגנט־קלוב" אין דער פאַרגאַנ־גענהייט. במשך פון זיין קיום האָט דער קלוב צו פאַרצייכענען פאַרשיידענע גלגולים און ענדערונגען, עטלאַכע מאָל האָט ער גע־מוזט בייטן זיין פּרצוף, ביז ער האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט, און היינט קענען מיר זיך שוין גרויסן מיט אַ פעסטן קלוב, אַוועקגעשטעלט אויף פעסטע יסודות.

די ערשטע פאַזע פון קלוב זיינען געווען די געשאַפענע סעקציעס. עקזיסטירט האָבן אַזוינע 3: קולטור־סעקציע, סעקציע פאַר פאַרווײלונג און ספּאָרט־סעקציע. די קולטור־סעקציע האָט שפּעטער אַריינגענומען אין זיך אויך אַ דראַמאַטישע סטודיע און אַ רעדאַקציע־קאָמיסיע אויף אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל. די סעק־

ציעס האָבן געהאַט זייערע דעלעגאַטן אין דער פאַרוואַלטונג, און איר וועגן אַלץ אינפאָרמירט. די הויפּט-טעטיגקייט זייערע איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי פלעגן אָפּהאַלטן זיצונגען און אַרויסטראָגן פּלענער און פּראָיעקטן פאַר דער פאַרוואַלטונג און ערשט די לעצטע פלעגט באַשליסן. דער קלוב איז טעטיג געווען 3 אָוונטן אין וואָך 2—3 שעה, און, כדי אַלע סעקציעס זאָלן אָפּהאַלטן זיצונגען, האָט מען אָבער גערארפט פאַר זיי אָפּגעבן דעם גרעסטן טייל צייט און אַזוי אַרום איז אויף אויסצופירן די באַשלוסן כמעט ווי קיין צייט ניט געבליבן. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געפירט צו פּראָדוקטיווע רעזולטאַטן און ממילא האָט דער פאַקט טאַקי פאַרקלענערט דעם אינטערעס פון די מיטגלידער צום קלוב.

לאַנג האָט אַזאַ לאַגע ניט געקענט אָנהאַלטן און מ'האָט גענומען זוכן אַ נייעם אופן פון רעאָרגאַניזירן דעם קלוב. און די רעאָרגאַניזאַציע איז געקומען: אָנשטאָט סעקציעס זיינען געשאַפן געוואָרן קרייזן, וועלכע האָבן פון איצט אָן געהאַט פאַר זיך זייער פאַרטיגע באַשטימטע אַרבעט, אָנגעצייכנט דורך דער פאַרוואַלטונג אין די הויפּט-שטריכן און אויסגעאַרבעט דורך די קרייזלאַך אויטאָנאָם. באַלד האָט מען זיך גענומען צו פאַרווירקלאַכן די נייע סיסטעם און די 3 פריערדיגע סעקציעס פאַרביטן אויף 3 קרייזן: 1) קרייז פאַר ליטעראַטור, 2) קרייז פאַר פּאָליטישער עקאָנאָמיע און 3) דראַמאַטישער קרייז. די פונקציעס פון ספּאָרט און פאַרווײַלונג זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דער פאַרוואַלטונג צו אָרגאַניזירן באַזונדער.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטע און אינטענסיווע טעטיגקייט. יעדער קרייז האָט זיך פאַרנומען מיט זיין באַשטימטן אַרבעט-פעלד, פון צייט צו צייט האָט אויך איינער פון די קרייזן איינגעאָרדנט אַלגעמיינע אָוונטן פאַרן גאַנצן קלוב, ווי למשל: אַקאַדעמיעס, יובילייען פון פאַרשיידענע שרייבערס, רעפעראַטן אויף אַקטועלע טעמעס א.אַ.וו. אמת, די קרייזן האָבן אויך דורכגעמאַכט פאַרשיידענע פאַזעס ביז זיי האָבן זיך פאַרפולקאָמט, אָבער היינט צו טאָג זיינען זיי שוין פעסט-אויסגעבויטע און פּראָדוקטיווע און פאַר דער צייט פון זייער עקזיסטענץ האָבן די אָנטיילנעמערס אין די קרייזן אַ סך דאָרטן געלערנט אויף פאַרשיידענע געביטן.

אָבער חוץ דער אינעווייניגסטער אויסבילדונג, באַמיט זיך נאָך דער קלוב צו באַקענען זיינע מיטגלידער מיט דער דרויסן-וועלט, און צו דעם צוועק ווערן געמאַכט אָפטע באַזוכן אין קינאָ, טעאַטער, אויף אויסשטעלונגען און אַנד. אָפּטמאָל פאַרבעט דער קלוב צו זיך פאַרשיידענע פּערזאָנען אויף רעפעראַטן אָדער קאָנצערטן, וועלכע זיינען שוין, אגב, דורכן יאָר פאָרגעקומען אין אַ היפּשער צאָל; דער דראַמאַטישער קרייז, הגם זיך נאָך ניט באַוויזן פאַר דער עפנטלאַכקייט, האָט שוין איינגעאָרדנט אַ ריי היימישע פאַרווײַלונגען, וועלכע האָבן שטענדיג דערפאָלג.

בכלל איז די אַטמאָספער אין קלוב אַ חברשע און דער געמיינזאַמער ציל זוך אויסבילדן אַ פרייען און קלאָרן קוק אויפן לעבן און אויפן גאַנג פון די געשעענישן אין דער ברייטער וועלט, צעמענטירט און פאַראייניגט די מיטגלידער פון קלוב אין אַ לעבעדיגער און פריידיג-שאַפנדיגער משפחה.

אין די זומער-חדשים איז צוליב פאַרשיידענע סיבות געווען אַ שטיקל איבעררייס אין דער טעטיגקייט פון קלוב, אָבער מיטן אָנקום פון האַרבסט, האָט מען זיך גענומען מיט פרישע כחות צו דער אַרבעט און צוגעגרייט אַן אַרבעט-פּראָגראַם שוין אויף אַ לענגערער צייט.

אגב איז איצט פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ ווערביר-אַקציע צווישן דער אַרבעטנדיגער יוגנט און דער קלוב האָפט זיך צו פאַרגרעסערן און צו פאַרברייטערן זיין אַרבעטפעלד. די אויפגאַבע פון קלוב איז אַזוי אַרום צו דערהויבן אים צו דעם הויכן ניוואָ, וועלכער וועט אים ערשט מאַכן פאַרן מאַסן-קלוב אין בעסערן און ברייטערן זינען.

**ז. ראזשאנסקי.**

**מ. פּאָזנאַנסקי**

# די יידישע ספּאָרט=באַוועגונג

צו דער אַלגעמיינער צאָל זעלבסטשטענדיגע יידישע געזעלשאַפטלאַכע אינסטיטוציעס איז אינם לעצטן יאָר-צענדליג צוגעקומען אַ נייער מין: ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס.

ניט בלויז פאַר דורכשניטלאַכע מענטשן, נאָר אפילו פאַר אַ גרויסן טייל געזעלשאַפטלאַך-רייפע, איז די עקזיסטענץ פון ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס ניט קיין באַרעכטיגטע.

די יעניגע אפילו, וועלכע פאַרשטייען יע, ווי אַזוי אויסנוצן די ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס פאַר געהילפן ביי זייער געזעלשאַפטלאַכער טעטיגקייט (פאַרטייען, פּראָפ. פאַריינען א. א.) מיען זיך אָבער ניט צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט און די אויפגאַבעס פון די יונגע אָרגאַניזאַציעס.

די ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס לעגאַליזירן זיך אַליין מיט זייער עקזיסטענץ און בלייבן ווי פאַר זייער יצירה אַ רעטעניש און אַן אומנויטיגע זאַך פאַרן רוב דערוואַקסענע.

צענדליגער יאָרן וועלן דאַרפן אַריבער, ביז דער נייער דור פון די פיזיש-אויסגעשולטע יונגע שטאָלצע מענטשן, וועלן מיט זייער געזונט, לעבן-לוסט און געזעלשאַפטלאַכער רייפקייט, שטעלן אין שאָטן די אומגלויביגע.

ניט ווייניג איז שוין געקעמפט געוואָרן, ניט ווייניג ווערט נאָך אויך איצט געקעמפט אויף דער יידישער גאַס, כדי אָפּצווישן דעם שטעמפּל פון געטאָ אויף דער פּסיכיק און לעבנשטייגער פון פרייעם בירגער.

אין די ווענט פון געטאָ האָט מען זיך דורך לאַנגע יאָרן צוגעוואוינט צו פאַרשיידענע באַגרענעצונגען, רעזיגנאַציעס, טראַדיציעס און וועלט-באַנעם, און די דאָזיגע געוואוינטשאַפטן גייען איבער בירושה פון דור צו דור.

דער געזונט איז נאָך עד היום הפקר און איז בלויז דער מאָנאָפּאָל פון דער מעדיצין.

יעדער דורכשניטלאַכער ייד ווייס דעם צווייטן צו ווינטשן געזונט און גלייכצייטיג ווערן אַלע פאַרהיטונג- און זיכערקייט-מיטלען לטובת דעם געזונט אויסנעלאַכט.

יידן האָבן זיך צוגעוואוינט צום קורירן און די גאַנצע רפואה ווערט געזוכט אין רעצעפּט.

די „זעכצנטע ראָטע" איז די בעסטע אָפּשפּיגלונג פון דער גבורה פונם יונגן מענטש. פּחדנות, נאָכגיביגקייט, „מאָשקיזם" איז געבליבן ווי אַ זכר פונם טרויעריגן אַמאָל.

זקנים האָבן זיך שוין איינגעלעבט מיט די אַלע באַגריפן, וועלכע זיינען שוין פאַר זיי געזעצן געוואָרן.

די נייע וועלט פאָדערט אָבער נייע מענטשן און פאַר זיי, פאַר די נייע, פאַר די יינגסטע זיינען עס געשאַפן געוואָרן די נייסטע דערציאונג-סיסטעמען, מאָדערנע שול, ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס פאַר גייסטיגער און פיזישער דערציאונג, אויסשולונג און פאַרפולקאָמונג.

די ספּאָרט-אָרגאַניזאַציע איז אַ געזונט-שוץ=אָרגאַניזאַציע

און אַ שוץ פאַר דיסציפּלין און געזעלשאַפטלעכער אחריות.

די גערשטנטע חולאתן, פאַרקריפּלונגען, פאָדערן אַ היילונג דורך איבונג, באַוועגונג.

ניט די רעצעפּטן אַליין קענען באַפרייען דעם גוף פון זיינע צרות. נאָרמאַלע באַדינגונגען ביי דער אַרבעט, אין דער היים, ווידערשטאַנד-פעיִקייט קעגן שעדלעכע געוווינטשאַפטן, זאָרג פאַרן קערפּער איז דער הויפּט-תּנאַי פאַרן געזונט.

די מעדיצין גייט האַנט ביי האַנט מיט די ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס און קאָנטראָלירן זייערע דערגרייכונגען.

ס'מוז אויך ביים יוגנטלעכן פאַרהאַרטעוועט ווערן זיין פּסיכיק, זיכערער געמאַכט ווערן זיין טריט, פאַראַנטוואָרטלעכער זיינע מעשים און דיסציפּלינירטער יעדע באַוועגונג.

אין געזעלשאַפטלעכן שטראָם פון פאַראַנטוואָרטלעכע טוערס מוזן צוקומען זיכערע, דיסציפּלינירטע מענטשן.

יידישע פּינקטלעכקייט, פון וועלכער אַלע אָן אויסנאַם וויצלען זיך אַזוי, איז אויך אַ פּראָדוקט פון דער דיסציפּלינלאָזיגקייט, ווייכביינדלדיגקייט פון יעדער יחיד.

אין אַ נייעם גייסט דאַרף מען דערציען, כדי פּטור צו ווערן פון אַ סך שעדלעכע „טראַדיציעס", וועלכע דערנידעריגן אָפּטמאָל די ווירדע פון יחיד און פונם כּלל, צו וועלכן ער געהערט.

די יידישע גאַס שפּאַנט איצט מיט ריזן-שריט פאָרויס אָנצוהאָלן די אַמאָליגע פאַרלוסטן.

די יידישע ספּאָרט-באַוועגונג אין פּוילן כאַפּט אַרום די פאַרוואָרפנסטע ווינקלעך פון דער פּראָווינץ אפילו.

ביאַליסטאָק האָט צו פאַרצייכענען אַ נעץ פון 5 ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס.

יידישער ספּאָרט-קלוב, „מכּבי", „שטראַל", „מאָרגנשטערן", הפּועל (געוו. „קראַפט").

די לעצטע דריי זיינען אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס.

דער גורל און די אַנטוויקלונג פון די ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס גייט אין איינקלאַנג מיט דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג.

די פּריוואַטע איניציאַטיוו געפינט אָבער ניט, צום באַדויערן, קיין אונטערשטיצונג מצד דער געזעלשאַפט. אָן מלוכה-סובסידיעס, אָן הילף פון דער קאָמונאַלער מאַכט, אָן אָנערקענונג פון דער יידישער געזעלשאַפט, וואַרפט זיך דער וואוילשטאַנד פון דער אָרגאַניזאַציע לויט דער מאַטעריעלער לאַגע פון דער מיטגלידערשאַפט.

פאַרן יאָר 1932 האָבן די ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס געהאַט אויסצושטיין אָן אַ צאָל שוועריקייטן.

די עקזיסטענץ-באַרעכטיגונג, די איבערגעבנהייט פון די יונגע ספּאָרטלערס, האַלטן אָבער איין אַלע אָרגאַניזאַציעס.

אָנטיילנעמענדיג אין אַלע פאַרמעסטונגען פון די אָפיציעלע מלוכה-אַמטן, געווינען די ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס אָנזען און אָנערקענונג מצד די אָפיציעלע קערפּערשאַפטן.

די הויפּט-אַרבעט ווערט אָבער געפירט אינעווייניג אין די אָרגאַניזאַציעס גופא.

דער חוב פון דער געזעלשאַפט איז דערנענטערן זיך צו די יונגע ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס, וועמעס דערגרייכונגען באַרייכערן, אגב, דער גאַנצער געזעלשאַפט.

---

# ביאַליסטאָקער פּלאַסטיק אין יאָר 1932

די באַזונדערע ווערטן פון ביאַליסטאָקער פּלאַסטישער קונסט, וועגן וועלכע ס'איז שוין געשריבן געוואָרן מער-ווייניגער אויספירלעך אויף די עמודים פון ביאַליסטאָקער „אַלמאַנאַך" זיינען ניט געוואָרן פולשטענדיג פאַרניכטעט אין יאָר פון דער ווירטשאַפטלעכער נויט. איינס איז אָבער זיכער: ס'האָבן זיך איינגעבראָכן די רייען פון קונסט-קאָנסומענטן. מיטן היימישן קויפער פון מאַלעריי-בילדער ווערט עס וואָס ווייטער אַלץ ערגער. פון דער אַנדערער זייט איז אָבער אימדערשעפּלאַך דער אויסדויער פון מאַלער. זיי צוברעכן ניט די פּענדזלעס און וואַרפן ניט אַרויס אויפן מיסטקאַסטן די רעשטן פון פאַרב.

אַ טייל פון זיי האָט זיך באַזעצט אין דער רעזידענץ פון דער מאָדערנער קונסט — אין פּאַריז.

י ה ו ש ע ר אָ ז אַ נ ע צ ק י האָט דאָרט פאַרבראַכט איבער אַ יאָר צייט, וואו ער האָט אַ סך געלערנט, פאַרפולקאָמט זיך אויפן געביט פון קונסט און שטאַרק נושא חן געווען ביים באַרימטן סקולפּטאָר אַראַנואַן. דערדאָזיגער קינסטלער פאַרדינט די גרעסטע באַוואונדערונג שוין בלויז פאַר זיין אומגעווינלעכן גלויבן אין דער קונסט און פאַר זיין באַגייסטערונג, מיט וועלכער ער גייט צו צום מאָלבערט.

ב ן - צ י ו ן ר אַ ב י נ אָ ו ו י ט ש האָט באַוויזן אין משך פון זיין פאָר-יאָריגן זוילן אין פּאַריז זיך פאַרוואַנדלען אין בען. אַ פּאָר אויסשטעלונגען זיינע האָבן געהאַט אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג, די פאָרלעצטע — אפילו אין אייראָפּייאישן מאַסשטאַב. אין איצטיגן מאָמענט דערשיינט אין פאַרלאַג „סירס" אַ גרויסע מאָנאָגראַפיע וועגן בענען. געשריבן דורך י. מ. קאַמפּאַן. וועגן די היי-יאָריגע אויסשטעלונגען פון בענען אין פּאַריז, וועלכע די קריטיק האָט איינשטימיג אָנערקענט אַלס רעוואָלוציע פון קינסטלערישן סעזאָן, איז פול געווען מיט אָפּשאַצונגען אין די ערנסטע פאַך-זשורנאַלן און דער אַלגעמיינער פּרעסע.

קיין ווילנע האָט זיך איבערגעטראָגן מ י כ א ל ד ו נ י ע ץ נאָך זיינע דערפאָלגן אין וואַרשעווער אינסטיטוט פאַר קונסט-פּראָפּאַגאַנדע און יידישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט, האָט ער אין ביאַליסטאָק ניט געקענט געפינען גענוג רוים פאַר זיין ברייטן אָטעם.

אין משך פון דעם יאָר האָט דוניעץ געקריגן אַ סך טעכנישע זיכערקייט, וואָס גיט זיינע בילדער וואָס ווייטער אַלץ מער אייגנשאַפטן פון דויערנדיגן ווערט.

די, וואָס זיינען געבליבן אויפן אָרט, האָבן זיך גרופּירט אין דער פאַראייניגונג „פּ.פּ.פּ.". די דריי איניציאַלן האָבן אַ זייער טיפן אינהאַלט: פאָרמע, פאַרב, פאַקטורע. דאָ קומט בולט צום אויסדרוק די פאַרשטענדעניש פון אונזערע ביאַליסטאָקער פאַר די פאַקטישע הויפּט-ציילן פון מאַלעריי, וואָס שטיצט זיך אויף שטאַרקער צייכענונג (פאָרמע), פאַרטיפט דורך אַ פאַרבן-גאַמע (פאַרב) און אַרויספּילונג פון מאַלערישן מאַטעריאַל (פאַקטורע). אַלע פרעמדע אָביעקטן, ווי ליטעראַרישער אינהאַלט, מינדערווערטיגע אילוסטראַציע זיינען אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט. בראש פון די מאַלערס רוקן זיך אַרויס טשעסלאַוו סאַדאָווסקי, יחיאל טינאָוויצקי, נחום עדלמאַן און רודאָלף מאַצורא. די גרופּע „פּ.פּ.פּ." האָט איינגעאָרדנט אין משך פון יאָר 3 אויסשטעלונגען, וואָס זיינען געקרוינט געוואָרן, צום באַדויערן, בלויז מיט אַ מאָראַלישן ריוח.

באַזונדער אַנטוויקלט זיין טעטיגקייט ה ע נ אַ ך פּ ר ע ס לכתחילה איינגעקלאַמערט אין די ענגע ווענט פון פּעדאַגאָגישער אַרבעט, וואַרפט פּרעס פאַמעלאַך אַראָפּ פון זיך דעם יאָך פון דער טעמפּער סכאָלאַסטיק און אָטעמט מיטן באַלעבנדיגן הויך פון ביאַליסטאָקער מאַלעריי-אַטמאָספער. לעצטנס טרעפן מיר אָפּטער

די ארבעטן פון דעם מאלער אויף די אויסשטעלונגען פון דער הויפט-שטאָט.

דער סכעמאטישער איבערבליק וואָלט ניט געווען קיין פולער, ווען מיר זאָלן ניט דערמאָנען די פרעמדע מאלערס, וואָס זיינען געקומען צו אונז, כדי אַרויסצוזויגן דעם האָניג פון דער הויך-צעוואַקסענער בליעכץ פון ביאַליסטאָקער קונסט. דאָ איז געזעסן איבער אַ האַלב יאָר צייט אַ ספּריטנער פּאָרטרעטיסט, וואָס האָט געקענט אָנפילן אַ פיינעם פּאָרטפעל, אָפּעריערנדיג מיט די אַמוויינינגסטן אויסקליובערישע געשמאַקן פון דער דעזאָריענטירטער געזעלשאפט.

חוצדעם האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג די בילדער-אויסשטעלונגען פון יעקב ראָטבוים און בן ציון צוקערמאַן.

מיט איין וואָרט וועגן דער פלאַסטישער קונסט אין ביאַליסטאָק וואָלט מען זיך געקענט אויסדריקן אין סטיל פון גאלילײ, וועלכער האָט אויסגערופן אויפן שייטערהויפן, אַרומגעכאַפּט פון פייערפלאַמען:

„און פאָרט דרייט זי זיך“. **מ. וו.**

---

**העניע שפּיראָ**

# די טעטיגקייט פון ביאַליסטאָקער פרויען=שוץ=פאַריין

דער פרויענשוץ-פאַריין איז אַ פילאַנטראָפּישע געזעלשאפט, פון וועלכער דער נאָמען אַליין רעדט פון שוץ, הילף און עצה פאַר דער אומגליקלאַכער, הילפלאָזער פרוי.

די הונדערטער וויכטיגע, פאַרשיידנאַרטיגע ענינים ווייזן אויף דער נויטיגקייט פון דער עקזיסטענץ פון דעם פאריין.

פאַר די עטלאַכע יאָר, וואָס די אינסטיטוציע עקזיסטירט, האָבן זיך צו איר געווענדט 2.327 פּעטענטקעס.

אין דער צאָל — 217 עגונות. פאַר אַ טייל איז געלונגען אויסצוזוכן די מענער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן ווידער נאָך 15 יאָר און מער פון שטילשווייגן, זיך צונויפצושרייבן מיט דער פאַמיליע, איינצלנע מיטגלידער פון דער פאַמיליע אַריבערנעמען. עס איז דאָ אַ פאַל, וואָס נאָך 17 יאָר זיך איבערגעריסענער קאָרעספּאָנדענץ האָט, דורך דער פארמיטלונג פון פאריין, דער מאַן אָנגעהויבן שיקן דער פאַמיליע 40 דאָלאַר אַ חודש, איצט ביי דער ערגערער צייט 30 דאָלאר.

דאָרט, וואו קיין לעבן האָט שוין ניט געקענט זיין, האָט דער פרויענשוץ-פאריין דורכגעפירט גט מיט אַ געלט-אַנטשעדיגונג, אָדער פאַרזאָרגט די קינדער. אלנפאַלס האָט דער פאַריין ניט געלאָזן, ווי ווייט מעגלאַך, אַז די פרוי און די פאַמיליע זאָלן ווערן באַעוולט.

פאַר 805 פּעטענטקעס האָט דער פאַריין אויסגעזוכט נאָנטע און ווייטע קרובים, וועלכע האָבן דורך דער פאַרמיטלונג פון פרויענשוץ געקריגן 6.784.13 דאָלאר.

ניט קוקנדיג דערויף, וואָס אין דער פּראָגראם גייט ניט אריין די רובריק פון אונטערשטיצונג, איז פונדעסטוועגן פאַר דער צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן, מייסטנס אויף קאָנסטרוקטיווע הילף, 5.264.86 זל.

דורכפאָרערס זיינען אונטערשטיצט געוואָרן מיט באַן-בילעטן אויף 605.66 זל.

15 יתומות האָבן זיך אויף די הוצאות פון פאריין אויסגעלערנט אַ פאַך. 3 לערנען זיך נאָך איצט אויף אונזער רעכענונג אין „אָרט“ און אַ פערטע אויף אַ סטיפּענדיע פון די קינדער פון דער פארשטאָרבענער פאָרזיצערין, פרוי פעשע ניעמצאָוויטש נ״ע, אויפן נאָמען פון דער נפטרת.

עס זיינען פאר דער צייט אָפּגעשיקט געוואָרן 2.906 בריף אין 7 שפּראכן. מיר שטייען אין קאָנטאַקט מיט אַלע פאריינען פון דער וועלט און וואו אַזעלכע פאריינען עקזיסטירן ניט, ווענדן מיר זיך צום ראַבינאַט און אין נויטיגע פאַלן אויך צו די קאָנסולאַטן.

מיר האָבן דורכגעפירט 230 אינטערווענצן אין געזעלשאפטלאַכע און קאָמינאַלע אינסטיטוציעס, ביי דאָקטוירים און פריוואַטע פערזאָנען. כמעט אַלע זיינען אונז אַנטקעגנגעקומען.

פאר 80 פּעטענטקעס האָבן מיר געשאַפן אַרבעט. צוליבן קריזיס און דער גרויסער אַרבעטלאָזיגקייט לאָזט זיך שווער איינצואָרדענען ביי אַרבעט. דאָך איז אונז געלונגען 25 פּראָצ. פון די בקשות צו דערפילן.

מיר האָבן אַ פאָרשטייערין אין דער זיטן-פּאָליציי און ניט איינמאָל ווערט צייטווייליג אָפּגעלייגט דער ארויסגעבן אַ געלן ביכל.

די אָפּגעטאָנענע ארבעט רעדט פאר זיך אליין.

מיר מיינען, אַז די היגע באַפעלקערונג מוז און דאַרף זיך מיט דער אינסטיטוציע פאַראינטערעסירן און איר בייהילפיג זיין, כדי די פארוואלטונג זאָל זיין אומשטאנד אַלץ דורכצופירן, ווייל זייער אָ סך ענינים זיינען אין גאַנג און לעצטנס שטייען מיר פאר גרויסע שוועריגקייטן.

מיר טוען אונזער ארבעט שטיל און באַשיידן. דער ערשטער פונקט פון רעגולאמין זאָגט „דיסקרעציע“ און דאָס איז טאַקי די סיבה, וואָס מ׳הערט ווייניג פונם אַזוי וויכטיגן פאריין.



דער צונויפשטעל פון דער פארוואלטוגג איז פאָלגנדיגער:

פאָרזיצערין: פרוי דר. ציטרין, וו.-פאָרזיצערין: פר. כוואָיניק, קאַסירערין: פר. פּאָלטאָליאַראָק, סעקרעטארין: פר. העניע שפּיראָ, פארוו.-מיטגל. פרויען: מארגאָליס, מאַלין, זאַבלודאָווסקא, זעליקאָוויטש, קוריצקאַ, דאָבקין, ראָזענבלום, עווא שאַפּיראָ.

קאָנדידאַטינס: פר. האַלפערן, גורעוויטש, מאַריין.

רעווידיר-קאָמיסיע: פר. ליבענזאָן, העלענא שפּיראָ, ריפּ.

# די הילף-קאַסע ביים קרייז-סוחרים-פאַריין אין ביאַליסטאָק

צווישן די סך יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס געפינען זיך אין ביאַליסטאָק, איז פאַראַן זייער אַ נוציגע און כמעט ניט באַמערקטע פאַר די ברייטע סוחרישע מאַסן אינסטי־טוציע אונטערן נאָמען „הילף־קאַסע ביים קרייז סוחרים־פאַריין אין ביאַליסטאָק“. זי אַרבעט זייער אינטענסיוו אָן רעקלאַמע און אָן געזעלשאַפטלעכער הילף און גיט אַרויס הלוואות דעם קלענערן סוחר אין ביאַליסטאָק, פאַר וועלכן די גרעסערע ביינק זיינען ניט צוטריטלאַך.

די הילף־קאַסע איז אַ אויטאָנאָמע אינסטיטוציע, ניט אָפּ־הייגיג פון דער אַלגעמיינער פאַרוואַלטונג פון סוחרים־פאַריין און האָט אַ אייגענע פאַרוואַלטונג, וואָס באַשטייט פון 7 פּערזאָן: פאָר־זיצער י. פעקער, וויצע מ. שטופּלער, מיטגלידער: ה״ה מ. שוויף, ש. פּערעל, י. גאָלדבערג, י. רובינשטיין, מ. ליטווין.

איינמאָל אין וואָך, חוץ עקסטרע פאַלן, קומט זיך צונויף די פאַרוואַלטונג אַרויסצוגעבן הלוואות אין דער הויך ביז 25 דאָלאַר אין קליינע ראַטעס ביז 3 חדשים.

ווי אַזוי איז די דאָזיגע קאַסע אַנטשטאַנען?

באַלד ווי דער סוחרים פאַריין איז געגרינדעט געוואָרן אין ביאַליסטאָק, האָבן זיך זיינע אָרגאַניזאַטאָרן אָנגעהויבן אַרומ־טראָגן מיטן געדאַנק צו שאַפן אַן אייגענע קאַסע פאַר די מיט־גלידער.

אַ לאַנגע צייט איז עס אָבער געבליבן בלויז אַ גוטער וואונטש פון דער פאַרוואַלטונג און פּראַקטיש דורכצופירן אין לעבן איז ניט געווען קיין מעגלאַכקייט.

ערשט סוף 1926, אַ דאַנק דער דאַמאָלסדיגער פאַרוואַלטונג מיט איר פּרעזעס ה׳ א. ליכטנשטיין און באַזונדערס די ענערגישע אומדערמידלאַכע פאַרוואַלטונג־מיטגלידער ה׳ מ. שוויף און ה׳ אַבּרהם ליפשיץ, איז געלונגען צו קריגן אַ געוויסע סומע געלט פון „דזשאָינט“ פאַרן פאַריין אויף קאָנסטרוקטיווע הילף.

דער ערשטער שטיין אויף אַ פונדאַמענט איז געלייגט גע־וואָרן, און אין משך פון אַ קורצער צייט זיינען ווערבירט גע־וואָרן 250 מיטגלידער, וועלכע האָבן אריינגעטראָגן זייערע פּאַיען אין אַ סומע פון 3400 זלאָטעס. באַזיצנדיג שוין אַ געוויסן קאַפּי־טאַל איז מען צוגעטראָטן לעגאַליזירן די פינאַנס־אינסטיטוציע אונטערן נאָמען „קאָאָפּעראַטיוו פאַר קליין־קרעדיט ביים קרייז־סוחרים־פאַריין אין ביאַליסטאָק“.

די ערשטע צייט האָט זיך די אינסטיטוציע זייער שיין אַנטוויקלט און האָט אין משך פון די ערשטע 3 יאָר פון איר עקזיסטענץ אַרויסגעגעבן 822 הלוואות אויף אַ סומע פון 103600 זלאָטעס.

דער פאַרשלעפּטער קריזיס, דערהויפּט דער שטייער־פּרעס, האָבן סיסטעמאַטיש אויסגעצויגן די לעצטע ביסל קליאַק פון יידישן הענדלער און אים דערבראַכט צו אַ פולשטענדיגן חורבן. אַ גרויסער טייל מיטגלידער איז פאַראָרימט געוואָרן, ליקווידירט די קרעמלאַך און ניט געקענט אָפּצאָלן די התחייבותן דער קאַסע. די אינסטיטוציע האָט דערפון פינאַנסיעל געליטן און געמוזט פאַרקלענערן די צאָל הלוואות.

וועלנדיג מאַכן אָפּשפּאָרונגען אין די אומזיסטע הוצאות, וואָס די פאָרמאַליטעטן פאָדערן פון אַ קאָאָפּעראַטיווער קרעדיט־געזעלשאַפט, איז אין 1931־טן יאָר צונויפגערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו פאַרוואַנדלען דעם קאָאָפּעראַטיוו אין אַ הילף־קאַסע, די געהעריגע מאַכט האָט עס באַשטעטיגט, און אין אָט דער פאָרם עקזיסטירט זי ביז היינט.

אין די לעצטע חדשים פון יאָר האָט די פאַרוואַלטונג גענומען אין באַטראַכט די עווענטועלע שווערקייטן, וואָס אַנט־שטייען געוויינטלאַך ביי אַ גרויסן טייל סוחרים ביים אויסקויפן פּאַטענטן, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג מיט דער פאַרוואַלטונג פון סוחרים־פאַריין, צו פאַרשטאַרקן דעם געלט־פאָנד פון דער קאַסע דורך אַ אַקציע צווישן אַלע מיטגלידער פון סוחרים־פאַריין, כדי צו קענען באַפרידיגן די נויטבאַדערפטיגע מיט הלוואות ביים אַרויסנעמען פּאַטענטן צום נייעם יאָר.

דער חוב פון יעדער פאַרמעגלאַכן סוחר איז קומען צו הילף זיין ווייניגער פאַרמעגלאַכן חבר און געבן אים די מעגלאַכ־קייט פון ווייטערדיגער עקזיסטענץ מיטן ווערן אַ מיטגליד אין דער זייער נוציגער סוחרישער אינסטיטוציע — אין דער הילף־קאַסע.

מ. שטופּלער.

# ווי אַזוי אַרבעט די קאָמונאַלע שפּאָר-קאַסע אין ביאַליסטאָקער קרייז

אַ גרויסע ראָלע איןווירטשאַפטלאַכן לעבן פון ביאַליסטאָ־קער קרייז שפּילט די היגע קאָמונאַלע שפּאָר־קאַסע.

איר טעטיגקייט האָט זי אָנגעהויבן דעם 20־טן יוני 1925 און עקזיסטירט אַזוי אַרום קוים 7 יאָר, אָבער דורך דער פאַר־העלטנישמעסיג־קורצער צייט האָט זי זייער אַ סך אויפגעטאָן. זי האָט זיך באַטייליגט אין פּראָצעס פון אינערלאַכער קאַפּיטאַלי־זאַציע—אַ ריזיגער אויפטו פאַרן עתיד פון דער מלוכה—און גלייכ־צייטיג געשטיצט די פּוילישע פּראָדוקציע מיט ווי ווייט מעגלאַך ברייטער הילף.

באַזונדערס איז די הילף געגעבן געוואָרן די יעניגע, פאַר וועמען עס זיינען געשלאָסן די קרעדיטן פון מלוכהשע און אפילו פּריוואַטע ביינק, ס׳הייסט—די קליינע לאַנדווירטן, האַנטווערקער, האַנדל־אונטערנעמערס און אַרבעטנדיגער אינטעליגענץ.

שוין דער נאָמען אַליין פון דער אינסטיטוציע ווייזט, אַז די אויפגאַבע פון דער קאַסע איז קודם־כל, צונויפצוזאַמלען די אָפּשפּאָרונגען, אָט די קליינינקע סומעס, פון וועלכע ס׳שטעלן זיך אייגנטלאַך צונויף די היימישע פאַרמעגנס, וואָס דאַרפן שפּילן אַ דעצידירנדיגע ראָלע אין ווירטשאַפטלאַכן לעבן פון דער גאַנ־צער לאַנד.

איר טעטיגקייט האָט די קאַסע אָנגעהויבן אין זייער שווערע באַדינגונגען. מ׳האָט געדאַרפט פירן אַ אָנגעשטריינגטע פּראָפּאַ־גאַנדע פאַר שפּאָרזאַמקייט צווישן דער געזעלשאַפט, וואָס האָט ניט געהאַט דערפאַר קיין זינען.

ווי די קאַסע האָט דערפילט אירע התחייבותן, איז צו זען פון דער טאַבעלע פונם וקלאַדן־וואוקס, וואָס פּראָגרעסירט כסדר.

צום 1־טן יאַנואַר

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 1926 | 69.409.50 | זל. אויף | 490 | ביכלאַך |
| 1927 | 145.657.47 | „ „ | 3.656 | „ |
| 1928 | 213.879.11 | „ „ | 6.264 | „ |
| 1929 | 351.841.14 | „ „ | 6.704 | „ |
| 1930 | 711.724.75 | „ „ | 7.154 | „ |
| 1931 | 732.483.15 | „ „ | 8.014 | „ |
| 1932 | 853.497.31 | „ „ | 9.411 | „ |

דער פאַרגאַנגענער יאָר, איינער פון די שווערסטע אין משך פון דער 7־יאָריגער עקזיסטענץ פון דער שפּאָר־קאַסע. די

דעפרעסיע, וואָס האָט באַהערשט די גאנצע מלוכה, האָט ניט געקענט איבערהיפּן דעם ביאליסטאָקער קרייז און האָט אויך דאָ, ווי אומעטום, געלייגט איר שטעמפּל אויפן ווירטשאפטלאַכן לעבן און טיילוויז טארמאזירט דעם גיכן וואוקס פון די וועקלאַדן פון די פריערדיגע יאָרן.

די פאַרוואַלטונג בראש מיטן פאָרזיצער פון ראַט, קרייז-סטאראָסטע ה׳ אינזש. מיכאַלאָווסקי, האָט דעריבער אָנגעשטריינגט אַלע כחות צו דערהאלטן דעם פארמעגן-באַשטאַנד פון די פאָריגע יאָרן, זיך ניט אנגאזשירנדיג אין באַנק-קרעדיטן.

די באַמיאונגען זיינען געקרוינט געוואָרן מיט באפרידיגנדיגע רעזולטאטן, ווייל די סומע פון די פריוואַטע וועקלאַדן, הגם אין געוויסע חדשים פארקלענערט אויף אַ באַטייטיגער סומע, איז אַ דאַנק דער פערמאנענטער פראָפּאגאנדע פאר דער שפּאָרזאַמקייט-אידייע געוואקסן אויף 33.861.80 זלאָטעס און האָט באַטראָפן צום 1-טן יאנואר 1932—602.970.95 זל. די דאָזיגע סומע געהערט צו 9411 פערזאָן, פון וועלכע 8 944 האָבן בלויז קליינע סומעס ביז 50 זלאָטעס.

צוזאַמען מיטן וואוקס פון די וועקלאַדן וואקסט אויך די פּאָזיציע פון אַרויסגעגעבענע הלוואות. אַזוינע זיינען געגעבן געוואָרן.

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין יאָר | 1925 | 239.939.50 | זל. |
| „ „ | 1926 | 838.820.15 | „ |
| „ „ | 1927 | 1.808.280.77 | „ |
| „ „ | 1928 | 3.162.712.60 | „ |
| „ „ | 1929 | 3.900.305.36 | „ |
| „ „ | 1930 | 3.607.095.24 | „ |
| „ „ | 1931 | 4.152.169.95 | „ |

פון די אַרויסגעגעבענע הלוואות אין 1931 איז געווען באַשטימט אויף לאַנדווירטשאפטלאַכע צוועקן — 3.150.800. זל.
אויף האנטווערק און קליינהאנדל „ 213.780.50
אויף אַלגעמיין ווירטשאפטלאכע נויטן „ 787.589.45

וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער קאָמונאַלער שפּאָר-קאַסע זאָגט עדות פאָלגנדיגער וואוקס פון אומזאַץ:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין יאָר | 1926 | 9.210.032.38 | זל. |
| „ „ | 1928 | 59.732.296.64 | „ |
| „ „ | 1930 | 62.788.686.40 | „ |
| „ „ | 1931 | 65.616.889.58 | „ |

דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס דער פאַרדינסט פון דער קאַסע-לייטונג, ווי אויך אַ באווייז פון צוטרוי לגבי איר, ווייל די קרעדיט- און פינאנס-פּאָליטיק פון דער קאָסע איז אַ זאכלאכע, איר ווירטשאפט—אַ שפּאָרזאַמע און איר געשעפט-באַשטאנד—אַקטיווער, וואָס זאָגט איר פאָר אויפן עתיד די בעסטע אַנטוויקלונג.

# Komunalna Kasa Oszczędności pow. Białostockiego w Białymstoku

Dużą rolę w życiu gospodarczem naszego powiatu odgrywa Komunalna Kasa Oszczędności pow. białostockiego w Białymstoku. Rozpoczęła ona swą działalność w dn. 20-go czerwca 1925 r., istnieje więc zaledwie 7 lat, ale przez ten krótki stosunkowo okres czasu zrobiła bardzo wiele, przyczyniając się do wzmożenia mającego tak olbrzymie znaczenie dla przyszłości Państwa procesu kapitalizacji wewnętrznej, a zarazem popierając produkcję krajową, a to przez pomoc, udzielaną w możliwie jak najszerszych granicach przedewszystkiem tym sferom, dla których korzystanie z kredytów w wielkich bankach państwowych, a nawet prywatnych, było niedostępne, a więc drobnemu rolnictwu, rzemiosłom, przedsiębiorstwom handlowym i pracującej inteligencji.

Jak wynika z samej nazwy tej instytucji, Kasa ma w pierwszym rzędzie na celu gromadzenie oszczędności, tych drobnych, najdrobniejszych, z których właściwie tworzą się kapitały rodzime, mające odegrać zasadniczą rolę w życiu gospodarczem całego kraju. Działalność swą rozpoczęła Kasa w bardzo trudnych warunkach. Trzeba było dużego nakładu wysiłków i wydatków na propagandę, aby przełamać zniechęcenie społeczeństwa do oszczędzania. Jak Kasa spełniła swe zadanie — świadczy o tem poniższa tabelka, uwidaczniająca stale postępujący wzrost wkładów oszczędnościowych wpłat czekowych:

| Na 1 stycznia | | | | | Ilość miesięcznie |
|---|---|---|---|---|---|
| 1926 r. | Zł. | 69.409 | — 50 | gr. | 490 |
| 1927 „ | „ | 145.657 | — 47 | „ | 3.656 |
| 1928 „ | „ | 213.879 | — 11 | „ | 6.264 |
| 1929 „ | „ | 351.841 | — 14 | „ | 6.704 |
| 1930 „ | „ | 711.724 | — 75 | „ | 7.154 |
| 1931 „ | „ | 732.483 | — 15 | „ | 8.014 |
| 1932 „ | „ | 853.497 | — 31 | „ | 9.411 |

Rok ubiegły był jednym z najcięższych okresów siedmioletniego istnienia Kasy Oszczędności. Depresja, która ogarnęła całe Państwo, nie mogła ominąć powiatu białostockiego i, narówni z innymi okręgami, wycisnęła swe piętno na życiu gospodarczem, oraz częściowo zahamowała tak szybki wzrost wkładów, jak dawał się zauważyć w latach poprzednich.

To też zarząd z Przewodniczącym Rady, starostą powiatowym, p. inż. Michałowskim na czele, cały swój wysilek wytężył w kierunku utrzymania stanu posiadania z lat poprzednich, nie angażując się w kredyty bankowe.

Wysiłek ten został uwieńczony pomyślnymi rezultatami, gdyż suma wkładów osób prywatnych, aczkolwiek w niektórych miesiącach zmniejszyła się o znaczne kwoty, to jednak w rezultacie całorocznej propagandy idei oszczędności wzrosła o Zł. 33.861 gr. 80 — i stanowi na 1-go Stycznia 1932 roku sumę Zł. 602.970 gr. 95, — a należy do 9.411 wkładów, z których aż 8.944 posiadało drobne kwoty do 50 zł.

W miarę wzrastania wkładów zwiększały się pozycje udzielonych pożyczek. Udzielono ich:

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| w 1925 r. | 239.939 | zł. | 50 | gr., |
| w 1926 „ | — 838.820 | „ | 15 | „, |
| w 1927 „ | — 1.808.280 | „ | 77 | „, |
| w 1928 „ | — 3.162.712 | „ | 60 | „, |
| w 1929 „ | — 3.900.305 | „ | 36 | „, |
| w 1930 „ | — 3.607.095 | „ | 24 | „ i |
| w 1931 „ | — 4.152.169 | „ | 95 | „. |

Z udzielonych w 1931 r. pożyczek przypada: na cele rolnicze zł. 3.150.800, dla rzemiosła i drobnego kupiectwa zł. 213.780 gr. 50, na ogólne potrzeby gospodarcze 787.589 zł. 45 gr.

O rozwoju Komunalnej Kasy Oszczędności świadczy stale postępujący wzrost obrotów: 1926 r. —9.210.032 zł. 38 gr.; 1928 r.—59.732.296 zł. 64 gr.; 1930 r. — 62.788.686 zł 40 gr. i wreszcie 1931 r. — 65.616.889 zł. 58 gr.

Jest to w dużej mierze zasługa kierownictwa Kasy, oraz dowód zaufania do niej, wypływający z faktu, że polityka kredytowa i finansowa Kasy jest przezorna, gospodarka oszczędna, a stan interesów jej jest aktywny, co wróży jej na przyszłość jaknajlepszy rozwój.

# ביאַליסטאָקער וואַסער-לייטונג פאַר די יאָרן 1923—1932

אין יאָר 1919 איז דורך דער דירעקציע פון דער וואַסער-לייטונג אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן פון אויפבויען די פון דער מלחמה צושטערטע וואַסער-לייטונג-איינריכטונגען און פון פּאַנאַנדערבויען, מאָדערניזירן און פאַרפולקאָמען די גאַנצע איינריכטונג, וועלכע האָט זיך אין די פאַר-מלחמה-יאָרן ניט אויסגעצייכנט מיט קיין הויכער ניוואָ.

אין הסכם מיטן פּלאַן איז מען אין יאָר 1923 צוגעטראָטן צו בויען די 1-טע „וואָדאָקאַטשקע" ביי גראָדנער שאָסיי.

אין 1926 איז די בוי-אַרבעט געווען פאַרענדיגט. געבויט אינגאַנצן פון אייזן-בעטאָן, מיט 6 מעטער העכער ווי די אין 1915 דורך די רוסישע חיילות פאַרניכטעטע און מיט אַ טאָפּעלן רעזערוואואַר, וועט די נייע „וואָדאָקאַטשקע" אויף לאַנגע יאָרן קענען דינען איר באַשטימונג. די הויך פון דער איינריכטונג איז 33 מעטער, דער רעזערוואואַר 450,000 ליטער.

מ'דאַרף אָנווייזן, אַז נאָך אַ „וואָדאָקאַטשקע" פון אַזאַ גרויס קאָנסטרוקציע איז אין פּוילן ניטאָ.

נאָכן פאַרענדיגן די דערמאָנטע אַרבעט איז מען אין 1927 צוגעטראָטן צום פּאַנאַנדערבויען, איבערבויען און מאָדערניזירן די פּאָמפּעס-סטאַציע.

ראשית כל איז באַזייטיגט געוואָרן דער פאַרעלטערטער, זייער קאָסטבאַרער און ווייניג-פּראָדוקטיווער קאָמפּלעט פון דאַמף אייל-מאַשינעס און דאַמף-קעסלען. דער בנין איז פאַרברייטערט געוואָרן און אין פאַרגרעסערטן רוים איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אַ נייער קאָמפּלעט גאַז-מאַשינעס מיט אַ פּראָדוקטיווקייט פון 50 פּראָצ. מער ווי די פריערדיגע.

אין 1928 | 29 איז באַזייטיגט געוואָרן דער אַלטער (פון 1905 יאָר) קאָמפּלעט גאַז-מאַשינעס און נאָכן איבערבויען דעם רוים זיינען דאָרט אַריינגעשטעלט געוואָרן 2 קאָמפּלעטן עלעקטרישע מיט אַ טאָפּעלער פּראָדוקטיווקייט, ווי די פריערדיגע.

אין יאָר 1929 איז מען צוגעטראָטן צום בויען נייע פילטערס, אויסנוצנדיג צו דעם צוועק דעם בנין פון די אַלטע פילטערס.

די אַלטע פילטערס, געבויט אין 1913, צו פּרימיטיוו און פון קליינער פּראָדוקטיווקייט, האָבן שוין ניט געקענט דערפילן זייער אויפגאַבע, זיי האָבן ניט געקענט באַפרידיגן די נייע מאַשינעס מיט וואַסער ניט אין כמות און ניט אין איכות.

די אַלטע פילטערס האָבן נאָך געהאַט דעם חסרון, וואָס זייערע פונקציעס זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך מענטשלאַכע הענט, צוליב וואָס די פילטרירטע מאַסן פלעגן פאַראומרייניגט ווערן. ס'האָבן דעריבער געמוזט געבויט ווערן נייע מאָדערנע פילטערס, וואָס זאָלן ניט האָבן דעם אויבנדערמאָנטן חסרון.

אין ווינטער 30 | 1929 זיינען אויסגעבויט געוואָרן פילטערס פון רייזערט-טיפּ מיט אַ פולשטענדיג מעכאַניזירטן שווענקען פון זשוויר, אויטאָמאַטישער רעגולירונג פון צופלוס און אומבאַדינגטער אָקסידירונג.

מ'דאַרף אונטערשטרייכן, אַז אַזוינע פילטערס ווערן ערשט איצט געבויט אין וואַרשע.

די פילטערס זיינען געלאָזן געוואָרן אין גאַנג אין מערץ 1930 און פונקציאָנירן ביז היינט.

דער מעכאַניזירטער שווענקען פון זשוויר גיט די מעגלאַכקייט צו האַלטן תמיד ריין די פילטרירטע שיכטן, זי גיט אויך די מעגלאַכקייט שטענדיג דורכצולאָזן דעם נויטיגן קוואַנטום וואַסער.

די אומבאַדינגטע אָקסידירונג באַזייטיגט פולשטענדיג דעם אייזן-עלעמענט פון די וואַסער.

ספּעציעלע מאַשינעס און איינריכטונגען דינען צו שווענקען די פילטרירטע שיכטן און צום אָקסידירן די וואַסער.

די פילטערס זיינען אויסגערעכנט אויף אַ פּראָדוקטיווקייט פון 220 קוביק-מעטער אַ שעה.

כדי אויסצובעסערן די קוואַליטעט פון וואַסער איז אין 31 | 1930 אויסגעבויט געוואָרן אַ נייער גרויסער אַרטיזאַנישער ברונים.

די פאַרוואַלטונג פון דער וואַסער-לייטונג האָט בדעה אין עתיד אַרויסבאַקומען וואַסער פון טיפע שיכטן און ניט ווי ביז איצט פון פלאַכע.




דער נייער בנין פון דער וואַסער-לייטונג

צוליב דעם וואָס ביאַליסטאָק האָט קוואַרטאַלן פון פאַרשיידענער הויך און די העכסטע שטאָט-טיילן זיינען אַמווייטסטן אָפּגעלייגט פון דער 1-טער „וואָדאָקאַטשקע", האָט זיך געפילט די נויטווענדיגקייט צוצושטעלן וואַסער פון 2 זייטן, כדי ווי געהעריג צו רעגולירן דעם צופלוס פון וואַסער אין די העכסטע פונקטן פון שטאָט, ווי „זוועזשיניעץ", פּיאַסקעס, אָדער די ווייטסטע, ווי פּילסודסקי-גאַס, דאָמבראָווסקי-גאַס, קאָלעיאָווע, גרונוואַלדסקע, מאַזאָוועצקע א. א. וו.

צו דעם צוועק איז אין די יאָרן 1929–32 אויסגעבויט געוואָרן אויפן העכסטן פונקט פון שטאָט — מלינאָווע I 52 אַ צווייטע „וואָדאָקאַטשקע", 20 מעטער די הויך מיט אַ רעזערוואואַר פון 600.000 ליטער.

די דאָזיגע רעזערוואואַרן דינען, חוץ צו רעגולירן דעם דרוק ביי אַ נאָרמאַלער באַוועגונג, אויך אויף דעם פאַל, ווען ס'ווערט קאַליע אַ לייַנגערע אויסערשטאָטישע ליניע, אָדער אויף גרויסע שרפות.

דער בנין פון דער וואַסער-לייטונג האָט אַלע נויטיגע רוימען און עטלאַכע וואוינונגען פאַר אַרבעטער. ווי יעדער איינער קען זיך איבערצייגן, שטעלט דער בנין מיט זיך פאָר בלי שום ספק אַ צירונג פאַר דער שטאָט.

מיטן פאַרענדיגן די 2-טע „וואָדאָקאַטשקע" איז אויסגעפירט דער בוי-אינוועסטיציע-פּלאַן פון ביאַליסטאָקער וואַסער-לייטונג. אין די קומענדיגע יאָרן וועלן פאַרברייטערט ווערן די שטאָטישע וואַסער-נעצן, ס'וועלן געבויט ווערן נייע אַרטעזיאַנישע ברינעמער און ס'וועלן פאַרייניגט ווערן די אַזוי-גערופענע „בלינדע עקן".

# Wodociąg Białostocki w okresie lat 1923—1932

W roku 1919 przez Dyrekcję Wodociągu opracowany został plan odbudowy zniszczonych przez wojnę urządzeń wodociągu oraz rozbudowy, zmodernizowania i usprawnienia całości, która i w latach bezpośrednio poprzedzających wojnę światową nie odznaczała się wysokim poziomem.

Zgodnie z planem, w roku 1923 przystąpiono do budowy pierwszej wieży ciśnień przy szosie grodzieńskiej.

W roku 1926 budowę wieży zakończono i oddano do użytku. Wykonana całkowicie z żelbetu, o 6 metrów wyższa niżeli wieża wysadzona w r. 1915 przez wojsko rosyjskie i o pojemności zbiornika dwukrotnie większej, zupełnie nowoczesna wieża ta przez długie, długie lata będzie służyła swemu przeznaczeniu. Wysokość całkowita wieży wynosi 33 metry, pojemność zbiornika 450.000 litrów. Należy zaznaczyć, że wieży ciśnień tej wielkości i konstrukcji w Polsce jeszcze niema.

Po ukończeniu budowy pierwszej wieży, zgodnie z planem, w roku 1927 przystąpiono do rozbudowy, przebudowy i modernizacji Stacji Pomp.

W pierwszym rzędzie usunięty został przestarzały, drogi w eksploatacji i niewystarczającej wydajności zespół maszyn parowych, ropowych oraz kotły parowe; budynek został rozszerzony i w powiększonej hali ustawiono nowy zespół maszyn gazowych o wydajności 50 proc. większej.
W roku 1928-1929 usunięty został stary (z roku 1905) zespół maszyn gazowych i po wykonaniu odpowiedniej przebudowy hali, ustawiono dwa zespoły silników elektrycznych o wydajności 100 proc. większej w stosunku do maszyn poprzednich.

W roku 1929 przystąpiono do budowy nowych filtrów, wyzyskując w tem celu istniejący budynek filtrów starych.

Stare filtry, wybudowane w r. 1913 zbyt prymitywne i o małej wydajności nie odpowiadały już swemu przeznaczeniu, nie mogły dostarczyć wody w odpowiedniej dla nowych maszyn ilości ani jakości.

Ręczne płukanie żwiru, połączone z wyładowywaniem również ręcznym i stale postępujące zanieczyszczenie warstw filtrujących w okresach między płukaniami zmusiły Zarząd Wodociągu do budowy filtrów nowoczesnych, przy których wady powyższe i koszta byłyby usunięte.

W ciągu zimy 1929-1930 wybudowane zostały filtry typu Reiserta z całkowicie zmechanizowanym płukaniem żwiru, automatyczną regulacją przepływu i przymusowym utlenianiem. Należy zaznaczyć, że filtry takie obecnie dopiero budowane są w Warszawie.

Uruchomienie filtrów nastąpiło w marcu 1930 roku i od tej chwili filtry są czynne.

Mechaniczne płukanie żwiru umożliwia utrzymanie warstwy filtrującej zawsze czystą i zawsze zdolną do przepuszczenia należytej ilości wody. Przymusowe utlenianie powoduje usuwanie całkowite z wody żelaza. Specjalne maszyny i urządzenia służą do płukania warstw filtrujących i utleniania wstępnego wody. Filtry wybudowane są na wydajność 220 $m^3$ na godzinę.

Celem ulepszenia gatunku wody w roku 1930-1931 wybudowana została nowa głęboka studnia artezyjska.

Wobec dobrych wyników, Zarząd Wodociągu ma zamiar w przyszłości przejść całkowicie na wodę z głębokich warstw, porzucając dotychczasowe płytsze.

Miasto Białystok położone na różnych wysokościach i posiadające dzielnice najwyższe, które są jednocześnie najdalej położonemi od pierwszej wieży ciśnień wymagało zasilania wodą z dwuch stron celem odpowiedniego regulowania ciśnienia w sieci i umożliwienia dopływu jej w najwyżej położonych punktach miasta, jak Zwierzyniec, Piaski, lub też najdalej od wieży umieszczonych dzielnicach, jak ul. Marsz. Piłsudskiego, Dąbrowskiego, Kolejowa, Grunwaldzka, Mazowiecka i t. d.

W tym celu w latach 1929-1932 w najwyższym punkcie miasta przy ul. Młynowej 52[1] wybudowana została druga wieża ciśnień o ogólnej wysokości 20 metrów i pojemności zbiorników 600.000 litrów.

Zbiorniki te oprócz regulowania ciśnienia w sieci przy ruchu normalnym, służą jako rezerwa wodna w wypadkach uszkodzeń na długiej linji zamiejskiej i większych pożarów.

Gmach wieży ciśnień skupił sobie wszystkie agendy Wodociągu i kilka mieszkań dla pracowników. Jak każdy się przekonać naocznie może, budynek wieży stanowi niewątpliwie ozdobę miasta.

Wraz z ukończeniem budowy drugiej wieży ukończony został plan inwestycji budowlanej Zarządu Wodociągu, także w latach następnych wykonywane będą rozszerzenia sieci miejskiej, budowa nowych studzien artezyjskich i połączenia t. zw. ślepych końców.

# Państwowe Zakłady Inżynierji — Komunikacja Autobusowa w Białymstoku

Komunikacja miejska w Białymstoku przechodziła już różne fazy, zmieniając zarówno rodzaj wehikułów jak i gospodarzy.

Od niepamiętnych czasów istniały dorożki konne, które stosunkowo najwierniej przetrwały do dnia dzisiejszego.

W roku 1899 uruchomiono tramwaj konny, który z powodu wojny znika w roku 1915-ym, pozostawiając po sobie wspomnienia w postaci szyn tramwajowych, którym wiernie dotychczas towarzyszą nieruszone przez 20 lat kamienie jezdni naszego centrum miasta.



**p. Inż. Jan Rusin,**
Kierownik Komunikacji Państwowych Zakładów Inżynierji w Wojew. Białostockim.



**P. Major Stanisław Heins,**
Kierownik wszystkich komunikacji Państwowych Zakładów Inżynierji w Polsce.

W roku 1925 znalazł się pierwszy odważny przedsiębiorca i uruchomił komunikację autobusową. Pada jednak wkrótce ofiarą, jak niemal każdy odważny człowiek i sromotnie zwija swe przedsiębiorstwo.

Wślad za nim pada kolejno jeszcze kilka przedsiębiorców, zaś ostatnio po B.T.K. objęły komunikację miejską Państwowe Zakłady Inżynierji z Warszawy na wozach „Ursus" krajowej produkcji.

Sama nazwa wskazuje na to, że jest ono przedsiębiorstwem państwowem.

Głównym celem P. Z. Inż. w Warszawie jest wytwórczość artykułów, na które dotychczas nie zdobył się u nas kapitał prywatny, a które są konieczne dla kraju.

P. Z. Inż. produkują obecnie: samochody osobowe C.W.S. i Polski Fiat, autobusy: „Ursus", Polski Fiat, „Polski Saurer", łodzie motorowe, a nawet okręty morskie, samoloty, tanki dla celów wojennych, stacje radjowe i t. p. Popularny „Detefon", jest również produktem P. Z. Inż.

W 1932 roku zakładają P. Z. Inż. cały szereg komunikacji miejskich i międzymiastowych na wozach własnej produkcji z tych najważniejsze są w miastach: Warszawa i Białystok i t. d., zamiejskiej: Warszawa-Lublin, Warszawa-Siedlce, Kraków-Zakopane, Kraków - Bielsk - Cieszyn, Ciechocinek, pozatem znane nam podmiejskie w Woj. Białostockim i wiele innych.

Dla Białegostoku komunikacja P. Z. Inż. jest prawdziwem dobrodziejstwem, gdyż wszyscy zdajemy sobie dobrze sprawę z tego, że w obecnym czasie kryzysu nie znalazłby się przedsiębiorca prywatny, któryby zechciał zaryzykować swój kapitał, licząc na ewentualne przyszłe zyski.

Minęły czasy przykrych „Paulinek"-Chevroletek-niewygód, ryzyka wielkiego i ordynarnej obsługi. Mamy wozy wygodne, z grzeczną obsługą, kursujące regularnie i niezależnie od tego czy są pasażerowie.

Stosunkowo w krótkim czasie fachowe i sprężyste kierownictwo zreorganizowało u nas komunikację, podnosząc ją do rzędu europejskich, co tem więcej zasługuje na pochwałę, że odbyło się to w najcięższym czasie kryzysu i prawie na najgorszych w Europie brukach.

Kierownikiem Komunikacji w Białymstoku jest dobrze nam znany Pan Inżynier Rusin, zaś kierownikiem wszystkich komunikacji P. Z. Inż. w Polsce Pan Major Stanisław Heins, których fotografje reprodukujemy, gdyż ich imiona nie mogą być zapomniane przez białostoczan, jako tych, którzy w krótkim czasie zdziałali dla naszego miasta dużo i wciąż dążą aby trudny problem komunikacji rozwiązać całkowicie i zadowolić mieszkańców miasta.

# אויטאָבוסן=קאָמוניקאַציע אין ביאַליסטאָק פון די מלוכהשע אינזשינעריע=אנשטאַלטן

די שטאַטישע קאָמוניקאַציע אין ביאַליסטאָק האָט שוין דורכגעמאכט פארשיידענע פאַזעס, בייטנדיג סיי די פאָרם פון די וועהיקולן און סיי זייערע באַלעבאַטים.

זינט אַלטע צייטן עקזיסטירן די פערד-דראָזשקעס, וואָס האָבן זיך אויפגעהאלטן ביזן היינטיגן טאָג.

אין יאָר 1899 איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג די „קאָנקע", וועלכע פאַרשווינדט אין יאָר 1915, אַ דאנק דער מלחמה, איבערלאָזנדיג נאָך זיך לזכרון די רעלסן צווישן די שטיינער אויף די ברוקן פון אונזערע הויפט-גאַסן.

אין יאָר 1925 האָט זיך געפונען דער ערשטער דרייסטער אונטערנעמער, וואָס האָט דאָ אַוועקגעשטעלט די אויטאָבוסן-קאָמוניקאַציע. ער איז אָבער גיך געפאַלן אַ קרבן, ווי כמעט יעדער געוואַגטער מענטש און געמוזט אויפגעבן זיין אונטערנעמונג.

דעמזעלבן גורל האָבן אויך עטלאַכע שפעטערדיגע אונטערנעמערס. ערשט לעצטנס, נאָך דער ביאַליסטאָקער קאָמוניקאַציע-געזעלשאַפט, האָבן איבערגענומען די שטאַטישע קאָמוניקאַציע די

מלוכהשע אינזשינעריע-אנשטאלטן אין ווארשע. עס זיינען אַוועקגעלאָזן געוואָרן די אויטאָבוסן פון „אורסוס" פון פוילישער פראָדוקציע.

שוין דער נאָמען אליין ווייזט אָן, אַז די אונטערנעמונג איז אַ מלוכהשע.

דער הויפּט-ציל פון די מלוכהשע אינזשינעריע-אנשטאלטן איז צו פּראָדוּצירן די אַרטיקלען, צו וועלכע דער פּריוואטער קאַפּיטאַל האָט זיך נאָך בּיי אונז ניט גענומען און וועלכע זיינען אומבּאַדינגט נויטיג פאר דער לאַנד.

די מלוכהשע אינזשינעריע-אנשטאלטן פּראָדוּצירן איצט: אויטאָמאָבּילן C. W. S. און "Polski Fiat„; אויטאָבּוסן: „אורסוס", "Polski Fiat„, "Polski Saurer„; מאָטאָר-שיפלאַך און אפילוּ ים-שיפן, אַעראָפּלאַנען, טאַנקען צו מלחמה-צוועקן, ראַדיאָ-סטאַציעס א. ד. גל. דער פּאָפּולערער „דעטעפאָן" געהערט אויך צוּ דער פּראָדוקציע פון די מלוכהשע אינזשינעריע-אנשטאלטן.

אין 1932 אָרגאַניזירן די מלוכהשע אינזשינעריע-אנשטאלטן אַ ריי שטאָטישע און אויסערשטאָטישע קאָמוּניקאַציעס.

פון די שטאָטישע זיינען די וויכטיגסטע אין ווארשע, בּיאַליסטאָק א. אנד., פון די אויסערשטאָטישע: ווארשע—לוּבּלין, ווארשע—שעדלעץ, קראָקע—זאַקאָפּאנע, קראָקע—בּיעליץ, טשעכאָטשינעק, חוּצדעם אין פארשיידענע ריכטונגען פון בּיאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט און אַ סך אַנדערע.

פאר בּיאַליסטאָק איז די קאָמוּניקאַציע פון די מלוכהשע אינזשינעריע-אנשטאלטן אַ אמתע בּרכה, ווייל מיר ווייסן גאנץ גוּט, אַז אין איצטיגער קריזיס-צייט וואָלט זיך ניט געפונען קיין פּריוואַטער אונטערנעמער, וואָס זאָל אריינלייגן זיין קאַפּיטאַל, אויסרעכענענדיג אויף עווענטוּעלע פארדינסטן אין עתיד.

ס'זיינען אריבּער די צייטן פון די אומבּאַקוועמלאַכקייטן אין די „פּאַאוּלינסקעס" און „שעוורואָלעטקעס", פון גרויסער ריזיקע און אָרדינארער בּאַדינוּנג. מיר האָבּן איצט בּאַקוועמע אויטאָבּוּסן, וואָס קוּרסירן נאָרמאַל און ניט-אָפּהייניגיג דערפון, צי עס זיינען פאַראַן פּאַסאַזשירן. מיר האָבּן בּעת אונזער נסיעה אַ העפלאַכע בּאַהאַנדלוּנג.

די פּאַכמענישע און זאָרגפולע לייטוּנג האָט אין משך פון אַ בּערך קוּרצער צייט רעאָרגאַניזירט בּיי אונז די קאָמוּניקאַציע און איר דערפירט צוּ אַ אייראָפּייאישער הויך. דער דערפאָלג איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס ער איז דערגרייכט געוואָרן אין דער שווערסטער קריזיס-צייט און אויף די כמעט ערגסטע אין אייראָפּע בּרוּקן.

דער שעף פון דער קאָמוּניקאַציע אין בּיאַליסטאָק איז דער גוּט-בּאַקאַנטער אינזשינער ה' רוּסין; דער שעף פון דער אַלפּוילישער קאָמוּניקאַציע פון די מלוכהשע אינזשינעריע-אַנשטאַלטן איז ה' מיאיאָר סטאַניסלאַוו היינס, וועמעס פּאָטאָגראַפיעס מיר בּריינגען דאָ.

בּיאַליסטאָק דאַרף זיי געדיינקען, ווייל זיי האָבּן אין משך פון אַ קוּרצער צייט אַ סך אויפגעטאָן פאר דער שטאָט און שטרעבּן אויך ווייטער די שווערע קאָמוּניקאַציע-פּראָבּלעם פוּלשטענדיג צו לייזן און צופרידנשטעלן די בּירגערס פון דער שטאָט.

# די אָרגאַניזירוּנג פוּן די קליינהענדלערס — דער געבּאָט פוּן דער שעה!

די טראַגישסטע דערשיינונג אין איצטיגן עקאָנאָמישן קריזיס איז, וואָס מ'האָט פאַרמאַכט די אויגן און ניט געוואָלט זען, ווי עס ווערט צוּריבּן אויף שטויבּ איינער פון די יסודות, אויף וועלכן עס שטיצט זיך דער פּילגאָרנדיגער ווירטשאַפטלאַכער בּנין.

לכתחילה זיינען געפאַלן די קליינע — די קרעמערס און האַנטוּווערקער, — האָט מען געמיינט, אַז אויף אַזעלכע איז ניט כּדאי זיך אָפּצוּשטעלן, ווייל זיי האָבּן סיי ווי ניט קיין פינאַנסיעלן פוּנדאַמענט אונטער זיך. עס זיינען אפילוּ געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געווען צוּפרידן פון אָט דעם פאַקט, זיי האָבּן געהאָפט, אַז דער חוּרבּן וועט פרייער און ריינער מאַכן די לופט. דער שוואַכער קרעמער-עלעמענט וועט אָראָפּגעווישט ווערן און איבּערלאָזן פאַרן שטאַרקערן אַ פרייע פעלד פאַר ווייטערדיגן האַנדל און וואַנדל און — אַ סוף צוּם קריזיס.

אויך שפּעטער, ווען עס האָבּן אָנגעהויבּן זיך איינבּרעכן גרעסערע פירמעס, נאָכן בּאַנקראָט פון אָנגעזעענע פאַבּריקאַנטן און הורטאָווניקעס, האָט מען ניט געוואָלט עפענען די אויגן אויף דער אמתער סיבּה, אויפן פאַקט, אַז די צוּשמעטערונג פון קליינהענדלער האָט איר דירעקטע השפּעה אויפן מצב פון די גרויסע סוחרים. מ'האָט עס בּעסער אויסגעטייטשט אין דעם זינען, אַז גרויסע פירמעס זיינען אויך ניט פריי פון פאַרדרייטע, פאַרשפּעקוּלירטע אונטערנעמוּנגען.

נאָכדעם איז געקומען די ריי אויף ריזיגע פעלזן - פעסטע פירמעס, וועגן וועלכע מ'האָט קיינמאָל ניט געגלויבּט, אַז אויך זיי קענען זיך אַ וואַקל טאָן, און אָט זיינען זיי אויך דערפירט געוואָרן צוּ אַ קאַטאַסטראָפע.

דוּכט זיך, אַז אינם פאַרצווייפלטן מאָמענט האָט געדאַרפט קוּמען אַ שטיקל חשבּון-הנפש, אַ בּיסל אויסניכטערונג. מ'האָט זיך געדאַרפט דערמאָנען אָן דעם יסוד — די גרויסע מאַסן - קרעמערס, — וואָס מ'האָט מיט אַ רואיגן געמיט צוגעזען, ווי זיי פאַלן און קיינער האָט ניט אויפגעהויבּן קיין וואָרענענדיגן געשריי אויף דער סכּנה.

איצט איז דאָך געוואָרן קלאָר, אַז די רוּאינירוּנג פון פוּנדאַמענט האָט גורם געווען, אַז דער גאַנצער ווירטשאַפטלאַכער בּנין האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און קען אַלעמען פאַרשיטן אונטער זיינע חורבות.

אַזוי האָט מחייב געווען דער שכל-הישר, פּאַקטיש אָבּער איז אויך איצט ניט צוּ בּאַמערקן קיין שום ווענדוּנג אין דער ריכטוּנג. אדרבּה, — מ'פאַרנעמט זיך גאָר פלייסיג אָפּצוּווישן פון דער אויבּערפלאַך אויך די יתר-הפליטה פון קליינהענדלערס, וואָרום דער הורט-סוחר, יאָגנדיג זיך נאָך אַ לעבּעדיגן גילדן פדיון, האָט אָנגעהויבּן לייזן אין דעטאַל אַ סך בּיליגער, ווי ער נעמט בּיים קרעמער. ער בּאַרעכנט זיך ניט, אַז צוּנעמענדיג דעם גראָשנדיגן פדיון בּיים קרעמער, שאַפט ער אַ בּאָדן פאַר אַ פאַרשאַרפטער קאָנקירענץ, וואָס שטעלט נאָכמער אין סכּנה דעם שוין אַזוי אויך גענוּג צוּפוילטן פוּנדאַמענט פון קליינהאַנדל.

דער דוּרכשניטלאָכער קרעמער, תּמיד פאַרנוּמען מיט זיינע טאָג-טעגלאַכע דאגות, פילט ניט ווי פינסטערע וואָלקנס רוקן זיך אָן איבּער זיין קאָפּ, און אין די קרעדיט-אינסטיטוּציעס, וואָס ער האָט געשאַפן פאַר זיינע נוּצן, שטיצט ער אוּנטער די יעניגע פערזאָנען, וואָס ווילן אים עקאָנאָמיש אינגאַנצן פאַרשלינגען.

נאָך קיינמאָל האָט זיך ניט געפילט אַזוי שטאַרק די נויטווענדיגקייט פון אָרגאַניזירוּנג מצד די קליינהענדלערס ווי אין איצטיגן מסוּכּנדיגן מאָמענט.

רוּפן מיר דעריבּער, געטריבּן פון אחריות - געפיל: חברים, אויף דער וואַך פון אייערע אייגענע אינטערעסן; כּל - זמן עס קלאַפּט נאָך אין אונז אַ דופק — לאָמיר בּויען קאָאָפּעראַטיוון!

**מ. קוויאַטאָוויטש**

# דער קלייננהענדלער=פאַריין אין יאָר 1932

איוב פאַר אַלע בראַנזשעס איז דער לעצטער יאָר געווען פאַטאַל, איז אָבער פאַרן קלייננהענדלער די לאַגע ממש געווען אָן אַ אויסוועג.

די שווערע שטייערן, די באַגרענעצונג פון קרעדיט ביז אַ מינימום, דער דוחק פון אומזאַץ-קאַפיטאַל,—אַלץ צוזאַמען האָט דערדריקט און כמעט אַראָפּגעשווינקט דעם קלייננהענדלער פון איבערפלאַך.

## פרעזידיום פון קלייננהענדלער=פאַריין




פאָרזיצער מ. קוויאַטאָוויטש — וויצע-פאָרזיצער י. כּהן

כדי צו פאַרהיטן די מיטגלידער פון אַ פולשטענדיגן אונטערגאַנג, האָט דער קלייננהענדלער-פאַריין געמוזט אָנגעשטריינגט פירן זיין טעטיגקייט, פאַרשיידנאַרטיג און פאַרצווייגט, אַרומנעמענדיג אַלע געביטן פון אָרימען קרעמער, ניט איבערלאָזנדיג קיין איין ווינקעלע פון זיין עקאָנאָמישן לעבן, וואָס זאָל ניט זיין געפלעגט און געזאָרגט.

די פאַרוואַלטונג האָט אַראַנזשירט אַ גרויסע זעלבסט-הילף-אַקציע, וואָס זאָל אַרומנעמען די עיקר-געביטן פון קרעדיט, קאָנקורענץ, מעדיצינישע הילף א. אַ.

די הילף-אַקציע באַשטייט דערין, וואָס ס'איז דורכן „אונזער לעבן" געשאפן געוואָרן אַ הילף-קייט אויף אַ לייַ-קאַסע ביים קלייננהענדלער-פאַריין און, לויט די לעצטע באַריכטן, גייט די אַקציע מיט דערפאָלג.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אייגענע מעדיצינישע הילף, כדי דער קלייננהענדלער זאָל קענען פאַר אַ מינימאַלן אָפּצאָל געניסן פון ביליגע מעדיקאמענטן און דאָקטוירים-הילף.

דער קלייננהענדלער-פאַריין, געגרינדעט אין יאָר 1926, ציילט ביי היינטיגן טאָג ביז 19 בראַנזשעס: שפייז-קאָלאָניאַל, מאַנופאַקטור, גאַלאַנטעריי, גריינס-פּרוכט, שמאַטעס, לעדער, שיך, סאָדע-וואַסער, קיך-געשיר, מלעטשאַרניעס, קאַוויאַרניעס און הערבאַטשאַרניעס, אייזן (אַלטע און נייע), פיש-געפליגל, עסיג, פאַרטיגע זאַכן, שרייב-מאַטעריאַל, שוסטער-צודאַטן, פאַשע פאַר פערד, באַהייצונג, עלעקטרישע צודאַטן, אין דער הויך פון אַן אַלגעמיינער צאָל פון 1500 מיטגלידער.

דער קלייננהענדלער-פאַריין אַרבעט ענערגיש אויף אַלע געביטן מיט אינטערווענצן וועגן כל המינים שטייערן און גזירות פון אַלע אַמטן. עס עקזיסטירט ביים פאַריין אַ שייד-געריכט, וואו עס ווערן דערליידיגט פאַרשיידענע סכסוכים צווישן די מיטגלידער.

דער פרעזידיום און פאַרוואַלטונג פון קלייננהענדלער-פאַריין: פאָרזיצער מ. קוויאַטאָוויטש, וו. פאָרז. י. ברוינראָט, וו. פאָרז. י. כהן, סעקרעטאַר י. מאַלמעד, קאַסיר י. גווירצמאַן. ח. סאָקאָלאָוויטש, ה. פרידמאַן, י. שניאור, א. קאַפוסטין, ה. לעווינזאָן.

רעווידיר-קאָמיסיע: פאָרזיצער ל. יעלין, וו. פאָרז. ע. ראָזענצווייג, סעקרעטאַר וו. יעלין, ש. לעווין, דוד קוויאַטאָוויטש.

יעקב כהן.

---

# קאָאָפּעראַטיווע פאַיען=באַנק אין ביאַליסטאָק

די קאָאָפּעראַטיווע פאַיען-באַנק, וועלכע האָט אין אָנהויב 1931 יאָר דורכגעלעבט אַ קריזיס, אַלס רעזולטאַט פון וועלכן זי איז געווען געצוואונגען צו באַגרענעצן איר טעטיגקייט, האָט אונטער דער לייטונג פון דער געקליבענער פאַרוואַלטונג און ראַט ביי דער מיטאַרבעט פון דירעקציע און לאַנגיאָריגן טיכטיגן פערסאָנאַל אָנגעהויבן צו פירן צוריק אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט און די באַנק איז ווידער דערפירט געוואָרן צו דער געהעריגער הויך און אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיגקייט.

די פאַיען-באַנק ציילט צום 1-טן דעצעמבער 1932 2.793 מיטגלידער, דער פאַי פון יעדן מיטגליד איז 60 גילדן, דער פאַי-קאַפיטאַל פון באַנק באַטרעפט: 204.761 זל., רעזערוו-קאַפיטאַל 208.343 זל., דעפּאָזיטן האָט די באַנק 875.000 זל.

די באַנק פאַרטיילט קרעדיטן פאַר אירע מיטגלידער אין דער פאָרם פון הלוואות און דיסקאָנטאָ. אין משך פון 11 חדשים 1932 האָט די באַנק פאַרטיילט 3274 הלוואות אויף אַ סומע פון 1.212.634 זל., דיסקאָנטע און אַוואַנסן אויף אינקאַסעס האָט די באַנק פאַרטיילט 4.583 פערזאָן אויף אַ סומע פון 1.872.850 זל.

אַ באַטייטיגן אָרט פאַרנעמט אין באַנק דער אינקאַסאָ-אַפּאַראַט, וועלכער אַרבעט פּינקטלאַך ביי אַ מינימום פּראָוויזיע און שנעלער דערליידיגונג. אין משך פון 11 חדשים האָט די באַנק דערהאַלטן אויף אינקאַסאָ 36.700 דאָקומענטן אויף אַ סומע פון 5 021.370 זל. דער אַלגעמיינער אומזאַץ פון באַנק האָט באַטראָפן פאַר 11 חדשים 1932 יאָר — 33 830.891 זל. דאָס באַווייזט דעם צוטרוי פון די ברייטע מאַסן צו דער דאָזיגער אינסטיטוציע.

די באַנק באַזיצט אַ רעדיסקאָנטאָ-קרעדיט אין „באַנק פּאָלסקי".

די אָנפירנדיגע אָרגאַנען פון באַנק זיינען:

פּאַרוואַלטונג: הירש כהן (פאָרזיצער), לייזער כהנא (וויצע-פאָרז.), איסר לוריע (סעקרעטאַר), פייוול טיקטין, אברהם וויינטרויב, לייב באַביצקי, יצחק ברוינראָט, שמחה פאַרבשטיין, יוסף נאָווינסקי.

אויפזיכט-ראַט: אברהם טיקטין (פאָרזיצער), אינזש. מ. לונסקי (וויצע-פאָרז.), לייזער באָדאַנאָווסקי (סעקרעטאַר), ישראל פריד, אהרן בעקריצקי, יעקב מאַריין, ירמיהו טשאַפּלינסקי.

דירעקטאָר: אליהו לעוו.

# באַריכט פון דער קינפעטאָרין=היים און גינעקאָ=לאָגישן הייל=אַנשטאַלט

## פון ד״ר. צ. שולמאַן

די קינפעטאָרין-היים האָט זיך געעפנט אין סעפטעמבער 1931 און ביז נאָוועמבער 1932 זיינען דורך איר דורכגעגאַנגען 194 געווינערינס און 18 קראַנקע אויף פרויען-קראַנקהייטן.

איצט, נאָכן דורכפירן דורכן אַנשטאַלט קרוב צוויי הונדערט געבורטן, האָט זיך אונז געשטעלט די פראַגע: צי האָט דער אַנשטאַלט פאַרענטפערט די פאָדערונגען, וועלכע מיר האָבן געשטעלט ביים איינאָרדענען, און צי האָט ער מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ אינסטיטוציע, וועלכע גיט דער געווינערין צו דינסט די אַלע דערגרייכונגען, וועלכע די מעדיצין האָט דערוואָרבן אין די לעצטע יאָרן? צי האָט דער אַנשטאַלט פון איין זייט געגעבן דער געווינערין דעם בעסטן היימישן ארום און גלייכצייטיג די ריין-וויסנשאַפטלאַך-באַגרינדעטע באַהאַנדלונג, אַ באַהאַנדלונג, וועלכע האָט איבערגעריסן מיטן שאַבלאָן און איז איבערגעגאַנגען צו אינדיווידואַליזירן יעדער פאַל באַזונדער.



דער בנין פון קינפעטאָרין-היים

כדי דאָס צו דערגרייכן, מוז מען אנידערשטעלן דער געווינערין אונטער דער גענויסטער אָבסערוואַציע פון א דאָקטאָר, וועלכער זאָל באַמערקן יעדע קלענסטע ענדערונג, וואָס קומט פאָר בשעת דעם געבורט און אין דער צייט רעאַגירן אויף דער ענדערונג. מ׳מוז געדיינקען, אַז אין דער געבורט-הילף ווערט דער גרענעץ צווישן נאָרמאַל און אומנאָרמאַל, צווישן גוט און שלעכט, צווישן פיזיאָלאָגיע און פאַטאָלאָגיע אַזוי פאַרווישט, אַז זייער אָפט קען מען דעם גרענעץ ניט פעסטשטעלן. מ׳מוז געדיינקען, אַז דאָס וואָס איז אין איין מאָמענט פיזיאָלאָגיש (נאָרמאַל), קען אין צווייטן מאָמענט ווערן פאַטאַלאָגיש (ניט נאָרמאַל) און פאַרקערט.

מיר האָבן גערעכנט, אַז ווען דער אַנשטאַלט וועט שטיין אויף דער הויך פון זיין אויפגאַבע און וועט גיין מיטן וועג, וועלכע ס׳האָבן אָנגעמערקט די בעסטע קליניציסטן — מוז די געזעלשאַפט פריער אָדער שפּעטער זיך איבערצייגן, אַז דער געבו״ט אין אַנשטאַלט אונטער אַ גענויסטער אָבסערוואַציע פון אַ דאָקטאָר שטעלט מיט זיך פאָר עפעס אַנדערש און בעסערס, ווי דער געבורט אָן אַ פאַכמענישער אויפזיכט.

אַ פיזיאָלאָגישער, נאָרמאַלער געבורט מוז זיין שטענדיג אָבסערווירט און געפירט אַזוי, ער זאָל ניט ווערן אומנאָרמאַל, ער זאָל זיך ווי אַמנאָנטסטן צופאַסן צו די פאָדערונגען פון דער נאַטור, פאָדערונגען, וועלכע זיינען זיכער בעסער און מער צילבאַר, נאָר דאַמאָלס קען מען דערגרייכן דעם מאַקסימום פון מעגלאָכן דערפאָלג ביים מינימום פון דורכגעפירטע געבורט-אָפּעראַציעס און האָבן אַ רואיגן געוויסן, אַז קיינמאָל האָט מען ניט אָפּערירט אָן אַ מוז, מ׳האָט קיינעם ניט געבראַכט קיין שאָדן, וועלכן מ׳האָט געקענט אויסמיידן, און מ׳האָט קיינמאָל ניט געשטויסן דער פרוי און דאָס קינד אויף אַ סכנה, מיט וועלכער ס׳איז פאַרבונדן די אָפּעראַציע.

זייער שווער איז געווען צו גיין אויף דעם וועג, וועלכער האָט געפאָדערט ניט בלויז גרויסע אָנשטריינגונגען פון כוחות און אַ סך שלאָפלאָזע נעכט אין געבורט-זאַל. נאָכמער אָנשטריינגונגען האָבן זיך געפאָדערט ביים איבערצייגן די אַרומיגע, אַז דער עיקר איז ניט מיט צוואַנגען אַרויסשלעפן דאָס קינד אויף כח, נאָר אַדורכפירן דעם געבורט מיט די כוחות פון דער נאַטור, און אויב שוין יע לייגן צוואַנגען, איז באַנוצן זיי ביי דער קלענסטער סכנה פאַר דער מוטער און פאַרן קינד, ביי שוין צוגעגרייטע געבורט-וועגן און נאָר דאַמאָלס, ווען מ׳דאַרף זיי און מ׳מוז זיי, און ווי ווייט מעגלאַך אויסמיידן קאָמפּליקאַציעס, אויף וועלכע ס׳איז אַזוי לייכט אָנצוטרעפן ביי אָפּעראַציעס.

שטענדיג האָט מען אויסגעקליבן דעם וועג, וועלכן ס׳ווייזט אָן די נייע מעדיצין און די בעסטע קליניציסטן: אויסמיידן פריצייטיגע, ניט-נויטיגע אָפּעראַציעס, גלייכגעוויכט, געדולד און ריינעם געוויסן אין זינען פון אָנווענדן דעם ריכטיגן מעטאָד פון הילף.

פראָפ. טשיזעוויטש אין זיין אַרטיקל: „די נייסטע וועגן פון געבורט-הילף" שרייבט: „מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו שעצן דעם אַקושער ניט לויט דער צאָל דורכגעפירטע אָפּעראַציעס, נאָר לויט דער צאָל געבורטן, אין וועלכע ער האָט קיין אָפּעראַטיווע הילף ניט דורכגעפירט און איז זיך באַגאַנגען אָן אָפּעראַציעס, כאָטש אַן אַנדערער אויף זיין אָרט, שטיצנדיג זיך אויף שאַבלאָן-אָנווייזונגען, וואָלט אַזאַ אָפּעראַציע דורכגעפירט, גאָט ווייס מיט וואָס פאַר אַ רעזולטאַט. אויך ווייסן מיר, אַז די צאָל אָפּעראַציעס, וועלכע מ׳פירט אַדורך אין פריוואַטער פּראַקטיק, איז אַ סך, אַ סך מאָל גרעסער, ווי אין די געבורט-אַנשטאַלטן, אָבער די רעזולטאַטן זיינען אין די קליניקעס בעסער. אויב אַזוי, איז דאָך די גאַנצע מאַסע אָפּעראַציעס (צוואַנגען א. ז. וו.) געווען ניט נויטיג און אפילו שעדלאַך, אַרויסרופנדיג אַ גאַנצע ריי קאָמפּליקאַציעס און אפילו טויט-פאַלן, וועלכע מ׳האָט געקענט אויסמיידן".

דאָס שרייבט פראָפ. טשיזעוויטש אין 1932 יאָר. און ביי אַזאַ מיינונג האַלטן זיך איצט די גרעסטע אַקושערן פון די בעסטע אייראָפּייאישע קליניקעס. דער אָפטער אָנווענדן צוואַנגען אָן אַ ספּעציעלער נויטווענדיגקייט, איז געוואָרן אַן אַנאַכראָניזם און מיט אַ שוידער לייענען מיר איצט די אַלטע סטאַטיסטיקעס פון פאַר 40–50 יאָר, וועלכע ברייננען ביי די געבורטן 50–60 פראָצ. צוואַנגען-געבורטן.

גייענדיג מיטן אָנגעמערקטן דורך דער וויסנשאַפטלאַכער מעדיצין וועג, און גענוי אָבסערווירנדיג דעם פאַרלויף פון יעדער געבורט, שטיצנדיג זיך אויף די שטאַרקע פילאַרן פון דער נייער אַקושעריע, — האָבן מיר געשטרעבט צו דערגרייכן רעזולטאַטן ניט ערגערע, ווי אין די בעסטע פוילישע און אויסלענדישע קליניקעס, און נאָך 15 חדשים אַרבעט טרעטן מיר צו אָביעקטיוו אָפּצושאַצן אונזערע דערגרייכונגען.

מיר קענען, געוויינלאַך, ניט ברייננען קיין סטאַטיסטיק פון

טויזנטער געבוירטן, ווי דאָס ברענגען די גרויסע, אויף הונדערטער בעטן איינגעאָרדנטע אנשטאַלטן, אָבער אונזערע באַשיידענע ציפערן פאַרגרעסערן זייער ווערט דורכדעם, וואָס זיי זיינען רייך אין ערשטלינגען, ביי וועלכע דער געבורט גייט דורך אַ סך שווערער, דויערט לייגנער און פאָדערט די שטרייגנסטע אָבסערוואַציע.

## טאַבעלע 1

| | | אליין געבוירן | צוואַנגען |
|---|---|---|---|
| ערשטע געבורטן | 138 | 131 | 7 |
| 2-טער, 3-טער געבורט | 56 | 56 | 0 |

צוזאַמען דורכגעגאַנגען 194 קינפעטאָרינס, אויף וועלכע ס'זיינען געווען 187 זעלבסטשטענדיגע געבורטן און 7 צוואַנגען, ד. ה. 3 מיט דרייפינפטל פראָצ.

## טאַבעלע 2

| צאָל געווינערינס | פאַרבראַכט טעג | דורכשניטלאך פאַרבראַכט אין קליניק |
|---|---|---|
| 194 | 2092 | 10 3/4 טאָג |

אַ דאנק אונזער שטרעבונג, דורכצופירן דעם געבורט אָן אַ אָפעראַציע, האָבן מיר ניט געהאט קיין איין ערנסטע קאָמפליקאַציע און די דורכשניטלאַכע צאָל פאַרבראַכטע דורך אַ געווינערין טעג איז געווען 10 3/4 (ביז ניט לאַנג פלעגן מיר אָננעמען געווינערינס ניט ווייניגער ווי אויף 10 טעג).

ביים פאַרגלייכן מיט אנדערע קליניקעס, ווילן מיר אָנווייזן, אַז אין ווארשעווער אוניווערזיטעט קליניק האָט מען אָנגעווענדט צוואנגען אין 3,5 פראָצ., אין פויזנער אוניווערזיטעט-קליניק — ביי יונגע ערשטלינגען אין 3,8 פראָצ. און ביי עלטערע 6,9 פראָצ. די אויסלענדישע סטאטיסטיק ווייזט פאָלגנדיגע ציפערן:

די ציריכער קליניק 2,4 פראָצ., די קליניק אין מינכען 3,5 פראָצ., אין קעניגסבערג 3,3 פראָצ., אין בערן 2 פראָצ., אין בודאפעשט 3 פראָצ. אַנדערע אייראָפייאישע קליניקעס ווייזן דעמזעלבן פראָצ. און נאָר די קליניק אין פרייבורג ווייזט 8 פראָצ. צוואַנגען-געבורטן.

אַזוי ארום זעען מיר, אַז אונזערע רעזולטאַטן זיינען ניט ערגער פון די רעזולטאַטן פון די בעסטע קליניקעס, בפרט ווען מ'זאָל נעמען אין אַכט די גרויסע צאָל ערשטלינגען, ביי וועלכע דער געבורט גייט צו אַ סך שווערער.

וואָס ס'איז שייך דער פראגע, ווי ווירקט אונזער שטרעבונג אַדורכפירן דעם געבורט מיט די כוחות פון דער נאטור אָן אָפעראַציעס, — ווי דאָס ווירקט אויפן קינד — באַווייזט די סטאַטיסטיק, אַז אויך דאָ זיינען אונזערע רעזולטאַטן אַ סך בעסער פון די רעזולטאַטן ביי דער גאנצער יידישער באפעלקערונג פון ביאַליסטאָק.

## טאַבעלע 3

| קינפעטאָרין-היים פון דר. שולמאַן | | אַלע יידישע געבורטן אין ביאַליסטאָק חוץ די געבורטן אין אַנשטאַלט פון דר. שולמאַן | |
|---|---|---|---|
| צאָל געבורטן | טויטגעבוירענע קינדער | צאָל געבורטן אין 1932, 1931, 1930 | טויטגעבוירענע קינדער |
| 194 | 7 = 3 3/5 % | 1644 | 97 = 6 % |

ביי אונז זיינען אויף 194 געבורטן געוען טויטגעבוירענע קינדער — 7 ד. ה. 3 3/5 פראָצ., אין דער צייט, ווען אין גאנץ ביאליסטאָק (לויט די ביכער פון דער יידישער קהילה) זיינען אויף 1644 געבורטן געווען טויבגעבוירענע קינדער 97, ד. ה. 6 פראָצ.

ניט קוקנדיג אזוי ארום דערויף, וואָס ביי אונז זיינען אַדורך 75 פראָצ. ערשטלינגען, ביי וועלכע דער געבורט גייט שווערער און דויערט לייגנער, איז די שטערבלאַכקייט פון קינד ביים געבורט ביי אונז אַ סך קלענער.

דאָס באַווייזט, אַז די גענויע אָבסערוואַציע רופט זיך אָפ גוט ניט בלויז אויף דער מוטער, נאָר אויך אויפן קינד.

ביים אָביעקטיוון באַטראַכטן די טאַבעלן, וועלכע אילוסטרירן אונזערע רעזולטאַטן, זעען מיר, אַז אונזער אנשטאלט שטייט ניט אָפ פון די מוסטערהאַפטע אַנשטאַלטן אין לאַנד און אויסלאַנד.

ביי 200 געבורטן, די גרעסטע טייל פון וועלכע זיינען ערשטלינגע (און יידישע ערשטלינגע!) זיינען אַדורך אָן שום ערנסטע קאָמפליקאַציעס, זיינען דורך מיט אַזאַ צאָל אָפעראַטיווער הילף, וועלכע שטייגט ניט איבער די סטאַטיסטיק פון די וויסנשאַפטלאַך שענסטע קליניקעס. אונזער סטאַטיסטיק באַווייזט, אַז דער וועג, אויף וועלכן מיר זיינען געגאַנגען, איז דער ריכטיגסטער און זיכערסטער, און ביי דעם וועג מוזן מיר זיך ווייטער האַלטן, אויף וויפל די וויסנשאַפטלאַכע אַקושעריע וועט ניט אָנמערקן קיין בעסערע וועגן.

צום סוף פון אונזער באַריכט ווילן מיר אויסדריקן אַ האַרציגסטן דאַנק אונזער שטענדיגן קאָנסולטאַנט, דעם חשובן דר. באַיאַנקעוויטש, וועלכער האָט מיט ויינע הויך-וויסנשאפטלאַכע קענטעניש און קינסטלאַך-אַדורכגעפירטער אָפעראַטיווער הילף, מיטגעהאָלפן אונז אין די שווערע מאָמענטן. מיר דאַנקען דער געערטער פרוי דר. שאַפיראָ, וועלכע האָט מיט איר גרויסער דערפארנקייט און הילף אין קאָמפליצירטע פאַלן געהאָלפן אונז אַנידערשטעלן דעם אנשטאלט אויף דער געהעריגער הויך.

דר. צ. שולמאַן.

---

# שפּאָרט אָפּ, נאָר מיט שכל.

צוליבן שווערן קריזיס און מאַנגל אין אַרבעט זיינען נויטיג די ווייטגייענדיגסטע אָפּשפּאָרונגען.

די אָפּשפּאָרונגען דארפן אָבער אומבאַדינגט אַדורכגעפירט ווערן מיט אַ געוויסער לאָגיק און מיט אַ בליישטיפט אין האַנט, כדי די אָפּשפּאָרונגען, וואָס זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן לייכטזיניג און ניט באטראכטערהייט, זאָלן ניט ברענגען נאָך זיך קיין פאַטאַלע רעזולטאַטן אין זינען פון פארקלענערן די הכנסות.

אַלס קלאַסישער ביישפיל קען דינען דער טעלעפאָן. ביים היינטיגן טאָג, ווען אלץ איז אזוי איינגעשרומפן און באשרייגקט אַזוי, אַז צוליבן קריזיס איז מען אָפּטמאָל געצוואונגען אָפּצוזאָגן באַאַמטע און אָנגעשטעלטע און דעם געשעפט-אייגנטימער קומט ניט איינמאָל אויס איבערצונעמען אליין די פונקציעס פון זיינע מיטארבעטער, דאמאָלס בלייבט איבער זיין לעצטער און איינציגער דינער און אגב אויך דער ביליגסטער — דער טעלעפאָן, ווייל פאר בלויז 53 גראָשן, עווענטועל 80 גראָשן טעגלאַך, האַלט ער אָן דעם קאָנטאקט מיט זיין גאַנצער קליענטור, העלפט אים ביים אָננעמען באשטעלונגען, איינקאַסירן חובות וכדומה.

אָט, למשל, אַזאַ פאַקט: אַ געוויסער הויז-אייגנטימער האָט געוואָלט ביי זיך דורכפירן אַ רעמאָנט. ווי דער שטייגער איז, טעלעפאָנירט ער צו זיין שטענדיגן בעל-מלאכה, וועלכער פלעגט פון קדמונים אָן ביי אים אויספירן פארשיידענע אַרבעטן.

טרעפט אָבער אַ מעשה, אַז דער טעלעפאָן איז ביים אויבנדערמאָנטן בעל-מלאכה סקאַסירט. בלית-ברירה טעלעפאָנירט ער צו אַ אַנדערן בעל-מלאכה און גיט אים אָפּ די ארבעט. אזוי אַרום, איז אַ באשטעלונג פון אַ סוטע פון 1500 זלאָטעס פארפאלן געוואָרן און די אָפּשפּאָרונג פון 53 גר. אַ טאָג האָט זיך ארויסגעוויזן פאר צו טייער...

און וויפל פאַלן אַזעלכע טרעפן זיך טאָג-טעגלאַך? די קליינע הוצאה פון 53 אָדער 80 גראָשן טעגלאַך צאָלט זיך אָפּ מיט אַ קאָלאָסאלן עודף, אפילו דורך איינשפּאָרן אויטאָבוסן, דראָזשקעס, קאַרעספּאָנדענץ, רייסן שיך, שוין ניט רײדנדיג וועגן דער אָפּשפּאָרונג פון דער צייט, ווייל די הוצאות פון אַ טעלעפאָן איז אַ סך אַ קלענערע, ווי די הוצאה אויף פאפיראָסן, אפילו פון די ווייניג-רויכערערס.

מ'קען אזוי אויסרעכענען אַ גאנצע ריי ביישפילן פון די ניט ראַציאָנאַל-איינגעפירטע אָפּשפּאָרונגען. דעריבער מוז אין דער איצטיגער שווערער צייט זיין דער לאָזונג:

**שפּאָרט אָפּ, נאָר מיט שכל.**

# קינפּעטאָרין=היים

אוּן גינעקאָלאָגישער היילּ=אַנשטאַלט פוּן

# ד״ר. צ. שוּלמאַן

ביאַליסטאָק, לעגיאָנאָווע 2. טעל. 8–66



א איינצל-צימער



צימער פאַר ניי-געבוירענע



אַלגעמיינער זאַל



וואַרט-צימער



ד״ר-קאַבינעט



צימער פאַר 2 קינפּעטאָרינס

# צו דער אַנטשטייאונג פון דעם נייעם אנשטאַלט פאַר קינפּעטאָרינס א. נ. „מאַציעזשינסטוואָ“

ווייט פון שטאָטישן טומל און שטויב, פאַרטרונקען אין שאָטנדיגע בוימער, שטייט אַ שיינע הויז. דאָס איז דער אַקושער-גינעקאָלאָגישער אנשטאַלט א. נ. „מאַציעזשינסטוואָ“.

איר גייט ארויף אויפן ערשטן שטאָק. עס נעמט אייך אויף פריינטלאַך די אַקושערין-פארוואלטערין. אין קאבינעט — 3 דעזשורנע דאָקטוירים-אַקושערן. דורכן לאַנגן ליכטיגן קאָרידאָר פירן טירן צו די באַקוועמע לוקסוסדיגע איינצל-צימערן און צו דער אלגעמיינער פאַלאַטע. איבער אַלץ וואַכט די אויג פון זאָרגפולע שוועסטערס אין ווייסע כאַלאַטן און קאָפּ-טיכלאַך. דער רחבותדיגער שניי-ווייסער געבורט-זאַל, פארזען מיט אלע וויסנשאפטלאכע מכשירים און אינסטרומענטן, מיט וועלכע די וויסנשאפט פארלייכטערט די יסורים פון דער פרוי אין דער שעה, ווען זי שיינקט דער וועלט אַ נייעם בירגער, לאָזט איבער אויף אלעמען אַ אימפּאָנירנדיגן איינדרוק.

עטלאכע כירורגישע זאַלן, אַ לאבאָראטאָריע, באָד-צימערן — דאָס אַלץ גלאַנצט מיט ווייסן הייל-פאַרב און בלישטשענדיגן ניקל. ווייטער אַ זאַל פאר בריתן און צום סוף אַן אויסגעפוצטער „האָל“, וואו די קרובים פון די געווינערינס מאַכן דורך די שווערע שעהן פון וואַרטן, ביז זייערע טייערע פריינט ברייגגען אויף דער וועלט אַ קינד.

אין ווינקל אויפן דיוואַן האָט זיך איינגעקורטשעט אַ פארשטיינערטע פיגור פון אַן אַלטיטשקער — דאָס איז די מוטער פון דער געווינערין. זי באוועגט זיך ניט. אין אירע געדאנקען לעבט זי איבער מיט אַלע פיבערן פון איר נשמה צוזאָמען מיט דער געווינערין אַלע יסורים, ביז ס'וועט זיך דערהערן דער געשריי פון ניי-געבוירענעם אויף אונזער אומעטיגער וועלט.

אויך פארן עופ'עלע איז זאָרגפול צוגעגרייט אַ ספעציעלער אַפּאַרטאַמענט מיט אלע מכשירים פאר קליינע און צערטלאַכע באַשעפענישן, קליינע ווייסע בעטלאַך.

אַ גאַנצער שטאַט פייאיגע און פלינקע שוועסטערס, אונטער דער לייטונג פון דאָקטאָר, רינגלען ארום דאָס קינד מיט זאָרגפולער אויפזיכט. אַלץ איז דאָ דורכגעדרונגען מיט אַן הייליגער אידייע: אָפּהיטן דעם ניי-געבוירענעם לעבן, דעם נייעם דור און די יונגע מוטערס.

אומעטום איז קענטיג די איבערגעגעבענע האַנט, אומעטום — די נייסטע פארפולקאָמונג פון היגיענע און סטעריליזאַציע, אָנהויבנדיג פון די מעדיצינישע צימערן און ענדיגנדיג מיט די ווירטשאפטלאַכע, ווי וועשעריי, קיך און אנדערע.

* * *

ביי דער אָנוועזנהייט פון העכערע באַאַמטע און הויכגעשטעלטע געסט איז פאָרגעקומען דעם 30-טן אָקטאָבער ד. י. די עפענונג פון דעם געבורט-אנשטאלט.

אויפן פייערלאַכן באַנקעט לכבוד דער דאָזיגער געשעעניש האָט דער פאָרשטייער פון אנשטאלט ה' דר. רובינשטיין געהאלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט צוו. אנד. געזאָגט: די באַטייליגונג פון אַזוינע הויכע געסט איז אַ זיכערער באַווייז, אַז די אַנטשטאַנענע מעדיצינישע פלאַצובקע האָט ניט בלויז אַ פריוואַטן כאראקטער, נאָר אויך אַן אויסגעשפראָכן-געזעלשאפטלאכן; און נאָך בעסער געזאָגט: מער געזעלשאפטלאַכן, ווי פריוואטן.

עס אונטערליגט ניט קיין ספק, אַז אַ דאנק דעם אנשטאלט, וועט אַ גרויסער טייל געווינערינס פארהיטן זייער געזונט און זייער אַרבעט-פייאיגקייט נאָכן געבורט. וואָרום מ'קען דאָך ניט פארגלייכן די היגיענישע באדינגונגען פון אונזער אנשטאלט, זיינע נויטיגע באקוועמלאכקייטן און זאָרגפולע אויפזיכט מיט די באדינגונגען, וואָס אפילו אַ פארמעגלאַכערע פרוי האָט ביי זיך אינדערהיים. ספעציעל מיר, עלטערע היגע דאָקטוירים, וועלכע האָבן אַ לעבן-לאַנג אָבסערווירט און געפאָרשט די באדינגונגען אין ביאַליסטאָק, ווייסן און פארשטייען עס גוט.

דאָס איז איין מאָמענט פון געזעלשאפטלאכן כאראקטער פון אונזער נייער פלאַצובקע.

אַ צווייטער מאָמענט, הגם אַ ריין-מאטעריעלער, אָבער פון גרויסער וויכטיגקייט, שטעלט זיך פאָר אָט ווי:

אין היינטיגער אויסערגעווייגלאַך-שווערער צייט, האָט די גרעסטע טייל פרויען בוכשטעבלאָך ניט די מעגלאכקייט, צוליב מאַטעריעלע, אָדער וואוינונג-טעמים א. ד. גל. צו געבוירן אינדערהיים. גיבן טאקי אזוינע אנשטאלטן ווי אונזערע די מעגלאַכקייט די מיטעלע, ווי אויך אָרימערע שיכטן, דערהויפּט ביי אומנאָרמאלע פאלן, דורכצופירן דעם געבורט באטייטיג בילינער, ווי עס וואָלט געקאָסט ביי זיך אין שטוב (שוין ניט ריידנדיג וועגן אונטערשייד אין די באדינגונגען, וועלכע כ'האָב אויבן דערמאָנט).

אָט די קאלקולאציע איז אונז, עלטערע היגע אַקושער-דאָקטוירים, אַמבעסטן באקאנט.

און ענדלאך אַ דריטער געזעלשאפטלאכער מאָמענט, אַ דערציערישער. דער אנשטאלט דינט פאר די געווינערינס און אַלע, וואָס קומען זיי באַזוכן, אַלס באַלערנדיגער ביישפּיל, ווי דורכצופירן אַן עווענטועלן געבורט ביי זיך אין שטוב.

דעריבער מיינען די גרינדערס פונם אנשטאלט, אז זיי האָבן אַ געזעלשאפטלאכן פאַרדינסט, איינאָרדענענדיג אַזאַ מוסטער-אינסטיטוציע. מ'דארף אנערקענען, אז אָרגאניזירן אזא אנשטאלט איז ווייט ניט קיין לייכטע ארבעט. אין משך פון כמעט אַ יאָר צייט האָבן מיר געהאט צו באקעמפן פארשיידענע שוועריקייטן פון אמטלאכן, פינאנסיעלן און בוי-כאראקטער.

אָבער איצט זיינען מיר צופרידן. אין רעזולטאט פון אונזערע אָנשטריינגונגען האָבן מיר אַ שיינעם פארפולקאָמטן לאָקאל, וואָס אנטשפּרעכט פולשטענדיג די פאָדערונגען פון אַ געבורט-אַנשטאלט; מיר האָבן אַ באזונדער שיינעם און אנטשפּרעכנדיגן געבורט-זאַל, וועלכן אלע באזוכערס באוואונדערן; מיר האָבן חוץ דעם אַ גאנצע ריי אנדערע ראציאָנאל-פארטיילטע רוימען, ווי 2 אָפּעראציע-זאַלן, 2 איזאָליר-זאלן, אַ ספעציעלן צימער פאר אַ ניי-געבוירענע, אַ אייגענע לאבאָראטאָריע א. ד. גל. אלץ איינגעאָרדנט מיט עסטעטיק און קאָמפאָרט. דער קומענדיגער בירגער וועט אין אונזער אנשטאלט דערזען די וועלט אין די גלענצנדיגסטע באַדינגונגען פון סטעריליזאציע און היגיענע, ביי דער קלענסטער סכנה פון אַן אומגליק, וואָס באַדראָט דעם לעבן פון דער געווינערין און איר קינד.

אונזערע אָנשטריינגונגען, באמיאונגען און זאָרגן זיינען געווען גרויס, באטייטיג זיינען אויך געווען אונזערע פינאנסיעלע מיטלען, וועלכע דער אנשטאלט האָט געפאָדערט. מיר האָפן דעריבער, אַ דאנק אונזער פיל-יאָריגער דערפארונג, דערפירן אונזער ווערק צום אָנגעצייכנטן געזעלשאפטלאכן ציל.

חוץ אונזערע געזעלשאפטלאכע צילן האָבן מיר, זעלבסטפארשטענדלאך, ביי דער איינריכטונג פונם אנשטאלט, אויך אַ פריוואטן ציל.

הגם מיר האָבן געוואוסט, אַז אזא אנשטאלט קען ביי היינטיגער צייט ניט תמיד אויסהאַלטן קיין ווירטשאפטלאכע קאלקולאַציע, האָבן מיר זיך פאָדט דעצידירט אים צו גרינדן, איינריכטן און עפענען צוליב פאָלגנדיגע הויפּט-סיבות:

א. מיר האָבן ניט געוואָלט פון ריין-פּראָפעסיאָנעלן שטאנדפונקט אָפּשטיין פון גייסט פון דער צייט, וועלכער ווייזט אָן אויף אזעלכע אנשטאלטן, ווי אויף אַן אָרט אויף דורכפירן דעם געבורט און דורכמאַכן דעם נאָך געבורט-פעריאָד. און מיר זעען טאקי, אז אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג גיבן זיך אונטער דעם גייסט און פאָדערן עקשנותדיג פון אונז דאָקטוירים צו באַפרידיגן די נייע באדערפעניש.

האָבן מיר, עלטערע היגע דאָקטוירים-אַקושערן, געהאלטן פאר אונזער חוב אַנטקעגנצוקומען דעם פארלאַנג און זיך פארייניגן צו די נייסטע פאָדערונגען און פאָרמען פון דער מעדיצין אין דער דערמאָנטער ריכטונג.

ב. מיר עלטערע דאָקטוירים-אַקושערן, האָבן אָפּגעאַרבעט איבער 35 יאָר ביי די סאַמע אומבאַקוועמסטע סאַניטאָרע און שטוב-באַדינגונגען פון די געווינערינס. ניט איינמאָל האָבן אונזערע רוקנס לאַנג און שטאַרק געבראָכן און אונזערע קעפּ ווי געטאָן, ווען ס'איז אונז אויסגעקומען שטיין איינגעבויגן אין דרייען ביים געבן די אָדער יענע הילף דער געווינערין. און אָט האָט זיך אונז פאַרוואָלט אויף די אַלטע יאָרן אַרבעטן אין מענטשלאַכע, באַקוועמע און אָנגענעמע באַדינגונגען אין מאָדערנער הייל-אנשטאלט-איינריכטונג.

# „Macierzyństwo“

**אנשטאַלט פֿאַר קינפּעטאָרינס און פֿרויען-אָפּעראַציעס — ביאַליסטאָק, שוו. ראָך 3, טעל. 81**

**אינהאַבערס: דר. י. רובינשטיין, דר. ד. סאָקאָלאָווסקי, דר. ק. גינזבורג און אַקושערין ב. יושינסקי**




דער פּלאַן פון דער צימער פארטיילונג



סעפּעראַט-צימער פאַר קראַנקע



דער בנין פון דער קליניק



געבורט-זאַל



אָפּעראַציע-זאַל

# סופּראַסל, דער נאַטירלאַכער געזונט-צענטער פון ביאַליסטאָק

די מאָדערנע מעדיצינישע וויסנשאַפט, אין היפּוך צו דער אַלטער הייל-מעטאָדע פון פאַרמאַצעווטישע מיטלען, באַמיט זיך צו פאַרהיטן דעם מענטשלאַכן אָרגאַניזם אויף אַ סאָציאַל-פּראָפילאַקטישן וועג, וואָס באַשטייט אין פּערזענלאַכער און סאָציאַלער היגיענע און קודם כל אין אויסנוצן די נאַטור-עלעמענטן, וואָס קענען שטאַרקן דעם אָפּגעשוואַכטן מענטשלאַכן געזונט.

די הויפּט כלי-זין אין דער האַנט פון מאָדערנעם מענטשן קעגן די לויערנדיגע אויף יעדן טריט קראַנקייטן זיינען: געזונטע, פרישע לופט, זון, וואַסער און אָפּרו ביי די געהעריגע קלימאַטישע באַדינגונגען און ביי אַ ראַציאָנעל-צוגעפּאַסטער באַוועגונג.

פונדאָנען נעמט זיך דער מאַסנהאַפטער אַנטלויפן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, זומער- אָדער ווינטער-צייט, אין די געהעריגע קלימאַטישע ערטער, נאָך זון, נאָך גוטער לופט און אָפּרו מיטן ציל צום קרעפטיגן דעם אָרגאַניזם, וואָס ווערט אָפּגעשוואַכט אין טאָג-טעגלאַכן קאַמף פארן קיום, און געבן אים די וויטיגסטע יסודות פאר ווייטערדיגע אָנשטריינגונגען.

דער כאַראַקטער פון ביאַליסטאָק אַלס אינדוסטרי-שטאָט אָן געזונטע נאַטור-אַטריבוטן, ווירקט פארניכטנדיג אויפן געזונטצושטאַנד פון דער באַפעלקערונג. ביאַליסטאָק מוז האָבן אַ נאָנטן און באַקוועמען נאַטירלאַכן געזונט-צענטער, וואו מ'זאָל פאָרן אויף אָפּרו, אויף אָננעמען פרישע כוחות.

אַזאַ צענטער שטעלט פאָר מיט זיך סופּראַסל, וואָס ליגט אין אַ פרעכטיגן אָרט ביים טייך, אויף אַ מילדער הויך, אַרומגערינגלט מיט קאָלאָסאַלע שטחים סאָסנע-וועלדער, וואָס גאַראַנטירן גוטע און געזונטע לופט.

דער באָדן פון סופּראַסל באַשטייט פון אַ דיקער שיכט זאָמד און זשוויר אויף 50 מעטער די טיף, אַ דאנק וואָס די ערד אַנטהאַלט אַבסאָלוט ניט קיין פייכטקייט. די שטעטל, איינגאַנצן 14 קילאָמעטער אָפּגעלייגט פון ביאַליסטאָק און פאַרייניגט מיטאיר דורך אַ אָפּטער אויטאָבוסן-קאָמוניקאַציע, האָט אַ סך ביליגע און ריינע סעזאָן-וואוינונגען מיט עלעקטרישער באַלייכטונג און געהעריגע דאַטשע-איינריכטונגען פאַר די געסט, ווי אַ וואַלד-פּאַרק מיט אַ דעפּטאָק, מיט ביינק און עלעקטרישער באַלייכטונג, אַ וואַלד-פּאַוויליאָן, וואו ס'געפינען זיך אַ רעסטאָראַן און אַ טאַנצזאַל, אין וועלכן ס'שפּילט אַ גאנצן סעזאָן אַ סאַלאָן-אָרקעסטער, אַ שפּאַציר-גאָרטן, אַ קינאָ און אַ פּלאַזשע, וואָס גיט אַ סך געזונט, פרייד און זיכערקייט. אויף דער פּלאַזשע געפינען זיך צו דער דיספּאָזיציע פון די געסט קאַיאַקן און לאָדקעס.

צום נאָנטסטן זומער-סעזאָן ווערן שוין איינגעאָרדנט קאָסקאַדישע בעדער לויטן דרוסגעניקער מוסטער. עס ווערט געבויט אַ ספּאָרט-פּלאַץ חוץ די שפּיל-פּלעצער, וואָס אויף דער פּלאַזשע און אין וואַלד-פּאַרק.

אויף פרילינג וועלן געעפנט ווערן 2 טעניס-פּלעצער, פּרעכטיג איינגעאָרדנטע. עס ווערט נאָך פּראָיעקטירט איינצואָרדענען אַ טרינק-שטעלע פון אינלענדישע און די וויכטיגסטע אויסלענדישע מינעראַל-וואַסערן. ס'איז אויך פּאָרגעזען אויסצובויען אַ אויטאָבוסן-וואָקזאַל ביים מאַרק פאר דער באַקוועמלאַכקייט פון די אַרויספאָרנדיגע.

אויפן אָרט איז פאראַן אַ פּאָסטש-אַמט, טעלעפאָן, אַפּטייק, פּאָליציי-קאָמיסאריאט, 2 ביבליאָטעקן, ווי אויך אַ שטענדיגער דאָקטאָר.

אין משך פון סעזאָן זיינען אָפן פּענסיאָנאַטן, וועמעס צאָל עס וועט זיך נאָך פארגרעסערן צום נאָנטסטן סעזאָן.

אין שייכות מיטן גרויסן צופלוס פון געסט, איז סופּראַסל צוגעטראָטן צום פאַרצעלירן די בוי-פּלעצער אין שענסטן שטאָטטייל, וואו ס'וועט מיט דער צייט אַנטשטיין אַ ווילעס-קוואַרטאַל פון מאָדערנע און עסטעטישע בנינים ביי דער מיטווירקונג פון דער שטאָטישער קינסטלערישער קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון די ה"ה: רעד. שיינברון, אַרכיטעקט ר. מאצורא, מאַלער-קינסטלער טש. סאדאָווסקי און בירגערמייסטער ל. סלוסאַרטשיק.

ביזן איצטיגן מאָמענט זיינען שוין פארקויפט געוואָרן עטלאַכע בוי-פּארצעלן. ס'האָבן זיי געקויפט באַקאַנטע פּערזאָנען פון ביאַליסטאָקער געזעלשאפט.

וועגן געזונט-צושטאנד פון סופּראסל אַלס קלימאַטישן פונקט וועט זאָרגן אַ שטאָטישע מעדיצינישע קאָמיסיע, צו וועלכער ס'געהערן די ה"ה: דר. י. וואָלעווסקי, דר. י. לעוויט, דר. ס. ראָטבערג, פּר. דר. שאַפּירא-סעגאַל, ה' דר. מראָזאָוויטש און בירגערמייסטער סלוסאַרטשיק.

אויפן ווינטער-סעזאָן ווערט איצט אָרגאַניזירט אַ נאַרטעס- און שליטל-צענטער אויף דער אזוי-גערופענער „ליסאַ גוראַ", וואָס געפינט זיך 2 קילאָמעטער ווייט פון סופּראַסל. דער באַרג האָט אַ גענוג משופּעדיגן זייט, וואָס גיט די מעגלאכקייט אָפּצופאָרן ביי 700 מעטער.

די קאָלאָסאַלע אַנטוויקלונג-מעגלאכקייטן פון סופּראַסל האָבן ארויסגערופן אַ לעבהאפטע פאראינטערעסירונג מיט דער שטעטל צווישן די איינוואוינערס פון ביאַליסטאָק, באַזונדערס נאָך צוליב דעם, וואָס פאַרברייינגען אין סופּראַסל קאָסט כמעט מיט אַ העלפט ביליגער, ווי אין אַן אַנדער אָרט. מ'דאַרף אויך רעכענען, אַז סופּראַסל וועט מיט דער צייט ווערן דער נאַטירלאַכער קוראָרט פון ביאַליסטאָק, וואו ס'וועלן זיך מאַסנוויין לאָזן די איינוואוינערס פון אונזער שטאָט, סיי זומער און סיי ווינטער, נאָך געזונט און נאָך פרישע כוחות.

# די מאָדערנע טעכניק — „פיליפּס“

די מאָדערנע טעכניק האט אנטדעקט אטא דעם פאַרזעעניש,
וואָס רופט זיך

## „שטראָם-פרעסער“
## „Prądożerca“



דאָס איז א פאַראזיט, וועלכן איר שאַפט איין, ניט ווּיסנדיג, מיט יעדן דורך אייך איינגעקויפטן אזוי-גערופענעם „בּיליגן“ עלעקטרישן לעמפל. דער „שטראָם-פרעסער“ געפינט זיך אינעווייניג אין יעדן לעמפל, ער שטאָפּט זיך אָן מיט שטראָם און פרעסט אויף אזא אופן אייער געלט, ניט געבּנדיג דערפאַר אנטקעגן קיין גרעסערע ליכט. די מאָדערנסטע טעכנישע דעראָבּערונגען האָבּן אנטדעקט דעם דאָזיגן „שטראָם-פרעסער“ און האָבּן תיכּף געפונען א מיטל אים צו פאַרניכטן. די לעמפלאך פון „פיליפּס“ זיינען בּאמת בּיליג, זיך אונטערשיידנדיג גלייכצייטיג פון די אזוי גערופענע „בּיליגע“ דערמיט, וואָס זיי פאַרבּרויכן א סך ווייניגער שטראָם

ŻAROWKA PHILIPSA

CHRONI WASZE OCZY, DBA O WASZĄ KIESZEŃ


# ב. א. ס. א.

אין יאָר 1933 פייערט ב. א. ס. א. דעם 35-יאָריגן יובל פון איר עקזיסטענץ. די פייערלעשער-קאָרפּאָראַציע און צוזאַמען מיט איר אַלע בּירגער פון דער שטאָט נעמען אויף מיט פרייד און מאָראַלישער בּאַפרידיגונג די פייערלאַכע טראַדיציאָנעלע יובל-מאַניפעסטאַציעס פון ב. א. ס. א. פאַר די אויגן פון די בּירגערס איז פאָרגעקומען די טעטיגקייט פון דער רומפולער פלאַצובקע פאַר עפנטלאַכער דינסט.

די בּיאַליסטאָקער פייערלעשער-קאָרפּאָראַציע האָבּן געגרינדעט און געבּויט די בּאַקאַנטסטע פּערזענלאַכקייטן פון אונזער שטאָט, די בּעסטע פאָרשטייערס פון אַלע נאציאָנאַלע שיכטן. זיי האָבּן אויך געהערט צו אירע רייען.

אַלס אירע פאָרזיצערס טרעפן מיר אין משך פון איר עקזיסטענץ-צייט די ה"ה: א. סאטין, ס. דעניסעווסקי, נ. טשערניאווסקי, י. לאשעוויטש, נ. ניעוויעראוויטש, וו. וועריגין, ר. מוראָמצעוו, מ. קאוועלין, א. זאבּלודאָווסקי. אינזש. ק. ריגערט און דעם איצטיגן פאָרזיצער ה' דר. סעמאַשקאָ.

אויפן אָרט פון קאָמענדאנט זעען מיר די ה"ה: כ. מוראָמצעוו, ע. גארשקאָוו, ה. ליטערער, פּ. קלאָבּוקאָוו, ל. אָסטרינסקי (איצט פאַרטרעטער פון קאָמענדאַנט) און דעם איצטיגן קאָמענדאַנט פון ב. א. ס. א. ה' י. מאַרקוס.

די איצטיגע פאַרוואַלטונג בּאַשטייט פון די ה"ה: פאָרזיצער — דר. ז. סעמאַשקאָ, וויצע-פאָרזיצער — ס. פּאָלאָנסקי, קאַסירן — ש. ציבּולקין און דר. ל. קאָפּעלמאַן, פאַרוואַלטונג-מיטגלידער — סטאַראָסטא דר. י. זשאַק, ל. פריינקעל, רעיענט סט. יאנקאָווסקי, נ. גאָלדפארבּ, דר. וו. יאָסעם, וו. ריגערט, א. ראָזענבּלום, י. פיינסאָד, מ. קרוגלאקאָוו, מ. קאָפּלאָוויטש און פּ. פּענטשאק.

די רעווידיר-קאָמיסיע בּאַשטייט פון די ה"ה: פאָרזיצער — (ערן-מיטגליד פון ב. א. ס. א.) ע. כוואָלעס, מיטגלידער: ש. בּראַמסאָן און ד. לערנער.

די קאָמענדאַנטור בּאַשטייט פון די ה"ה: קאָמענדאַנט י. מאַרקוס; פאַרטרעטערס פון קאָמענדאַנט: ע. ציטראָן, וו. בּובּריק, פּ. כאַנקאָ, ל. אָסטרינסקי און דער נאטשעלניק פון די שטאָטישע פייערלעשערס ז. שוויעדערסקי.

מיט דער בּיוראָ פון ב. א. ס. א. פירט אָן דער פאַרוואַלטונג-סעקרעטאר און פאַרטרעטער פון קאָמענדאַנט—ה' וו. בּובּריק.

דער קאָרפּוס טיילט זיך אויף 5 אַקטיווע אָפּטיילן, 3 פאַבּריק-אָפּטיילן (פון די פאבּריקן „י. א. ב. מאַרקוס“, „א. סאָקאָל און י. זילבּערפעניג“ און „י. ד. שפּיראָ“), אַ סאַניטאַר-פלוטאָן און אַ אָרקעסטער-סעקציע.

ביי ב. א. ס. א. עקזיסטירט אַ אָפּטייל פון קוימענקערערס און אַ זעלבּסטהילף-קאַסע.

אין משך פון די לעצטע 9 יאָר (פון 1924 בּיז 1932 איינשליסלאַך) האָט ב. א. ס. א. אנטיילגענומען אין לעשן 710 שרפות, דערביי האָבּן אין 248 אַלאַרם-שרפות אנטיילגענומען 22.916 פייערלעשערס. די אויבּנגעבּראַכטע 710 שרפות טיילן זיך אויף 602 טאָג-שרפות און 108 נאַכט-שרפות.

ב. א. ס. א. דערפילט שוין 35 יאָר אַ נוציגע און קרבּנות-פולע דינסט פאר אירע מיטבּירגער; זי איז אַ שול פון דיסציפּלין פון געזעלשאפטלאַכן לעבּן און פון דערציאונג אין גייסט פון דער זעלבּסטהילף-אידייע פון בּירגער.

וו. בּובּריק.

# צ. ווידער — דער מייסטער פון דער באַק=קונסט

ווידער האָט זייער אַ סך געאַרבעט ביי זיין פאַך. נאָך אַלס אַרבעטער אַ סך געדרייזט. געווען אין פראַנקרייך און אַמעריקע, אומעטום געאַרבעט און אומעטום געהאַט אַ שאַרף אויג אויפן אייגנטימלאַכן כאַראַקטער און מעטאָדן פון זיין פאַך.



אַ טאָרט-מנורה, קינסטלעריש אויסגעפירט פון צוקערוואַרג
אין דער בעקעריי פון צ. ווידער

אָבער צו זיינע זעלבסטשטענדיגע פרובן האָט ער ערשט געקריגן אַ מעגלאַכקייט מיטן פאַרלייגן אין ביאַליסטאָק זיין אייגענע בעקעריי אין יאָר 1915.

ניט ווייניג פון אונזערע פאַכן ליידן פון פאַרגליווערטקייט, פון פאַרעלטערטע מעטאָדן און מנהגים אין דער אַרבעט. ווידער געהערט צו די איינציגע, וואָס מאַכט ניט נאָך בלינד די דאָזיגע מעטאָדן. ווידער פאָרשט נאָך, רעווידירט און הויבט אָן ביסלאַכוויַיז אויסטרעטן גאַנץ נייע וועגן און אופנים אין זיין בעקעריי, דערהויבט זיינע געבעקסן צו אַזאַ שלמות, צו אַזאַ קוואַליטעט, וואָס ס׳איז זעלטן צו געפינען.

ווידערס זעמעלע איז אַ גרויסע בעקערשע דערגרייכונג, לייכט, פיין, געשמאַק און דערביי פאַרדייַלאַך פאַרן שווערסטן חולה. אין דער וויַיצן-בעקעריי איז ער בכלל אויסער קאָנקורענץ.

דאָסזעלביגס קאָנדיטעריי. קאָנדיטעריי, ווי באַקאַנט, איז שטענדיג געווען אַ קריסטלאַכע פעסטונג. יידן זיינען אויפן בעסטן אופן געווען ביליגע נאָכמאַכערס.

ווידער אַליין האָט אין אָנהויב אַ גאַנץ באַשיידענעם וויסן פון דאָזיגן פאַך, ווידער האָט אָבער פאַכמענישע אינטואיציע און דערצו אַ השגה. ער מאַכט אייגענע פרובן, הויבט אָן מיט אייגענע מעטאָדן און ביסלאַכוויַיז בלייבן די בעסטע אַלטע פאַכלייט מיט זייער אַלטער חזקה און שטאָלצן יחוס וויַיט הינטער אים. ווידער אַנטוויקלט און דערהויבט די קאָנדיטעריי-קונסט צו אַ הויכער מדרגה און ווערט דער אָנערקענטער געזעצגעבער אין ביידע טיילן פון באַק-פאַך, וועלכן די פריַערדיגע יחסנים פרובירן נאָכגיין און נאָכמאַכן.

אַ באַזונדער קאַפיטל אין דער בעקעריי איז געוויסנהאַפטיגקייט. ס׳איז שוין אַן אַלטע זאַך, אַז מיט און אָן שיינע פאַרפּוצונגען ווערן אין דער בעקעריי, ספעציעל אין דער צוקער-בעקעריי, אָפט פאַרנוצט פאַרשיידענע פאַרדאָרבענע פראָדוקטן. אַ סך, אפילו פריוואַטע באַלעבאָסטעס מיינען, אַז דאָס איז נאָך בעסער. אָט דעם דאָזיגן מיאוסן און נאָכמער שעדלאַכן מנהג האָט ווידער דער ערשטער אויסגעראָטן מיט דער גאַנצער שטרייַנגקייט. די רוי-מאַטעריאַלן און פראָדוקטן מוזן זיין עכט און פריש. דאָס איז אַן עיקר אין אַלע זיינע אַרבעטן.

זייער שיין איז אויך איינגעאָרדנט זיין נייע בעקעריי אויף קילינסקי גאַס. ס׳איז באמת אַ מוסטער פון איינאָרדענונג, רחבותדיגקייט און ריינקייט.

**א. ב.**

---

# 50=יאָריגער יובליי פון א היגער פירמע

די פירמע משה טאָפּאָלסקי (רינעק-קאָסטיושקי 30) פייערט היינטיגס יאָר איר 50 יאָריגן יובל.

דער גרינדער פון דער פירמע ר׳ אשר טאָפּאָלסקי ז״ל האָט אין יאָר 1883 געגרינדעט אַ געשעפט פון געשיר, לאָמפּן און פאַרשיידענע גלאָזוואַרג.

צוזאַמען מיט זיין מיטהעלפערין פרוי רחל ז״ל האָבן זיי זיך געשטעלט די אויפגאַבע, ערלאַך, העפלאַך און פינקטלאַך צו באַדינען די קונדשאַפט, און מיט זייער 43 יאָריגער ענערגישער, אומדערמידלאַכער אַרבעט, זיך דערוואָרבן דעם געעריגן צוטרוי און שיינעם נאָמען, ווי אויך אַ גרויסע שטענדיגע קליענטור.

דער יורש פון דער פירמע, ה׳ משה טאָפּאָלסקי, באַמיט זיך דעם געשעפט נאָכמער צו אַנטוויקלען און צו פאַרצווייגן לויט דער אָנגעצייכנטער פראָגראַם פון זיינע עלטערן, וועלכע באַשטייט פון פאָלגנדיגן דעוויז: ע נ ע ר ג י ש, ע ר ל אַ ך, ה ע פ ל אַ ך און פ י נ ק ט ל אַ ך.

דער געשעפט איז צוגעפּאַסט צום איינצל און הורט-פאַרקויף, אויך צו דער אַרומיגער פראָווינץ.

באַקומענדיג סחורה פון די ערשטע קוואַלן און ליפערנדיג איר אין גרויסע קוואַנטומס, איז דער געשעפט ביכולת צו פאַרקויפן די סחורה צו די ביליגסטע פרייזן.

# דעם ערשטן פאַרקויף פון פוילישע מלוכה-לאָסן אין ביאַליסטאָק האָט באַקומען די פירמע ווייַדענבוים

אין יאָר 1872 איז הרב ר' ארי' לייב ווייַדענבוים (הנקרא ר' לייב ווײַנשייַנקער) דעלעגירט געוואָרן קיין אויסלאַנד אין אַ קהלשער שליחות.

זייענדיג אין האַמבורג, האָט זיך ר' לייב באַקענט מיט אַ געוויסן דאָרטיגן קאָלעקטאָר מאַרקל, וועלכער האָט אים פאָרגעלייגט, ער זאָל נעמען אויף פראָבע 1 לאָס צו פאַרקויפן אין ביאַליסטאָק.



הרב ר' ארי' לייב ווייַדענבוים (ר' לייב ווײַנשייַנקער)

צוריקקומענדיג אַהיים, האָט ר' לייב פאַרקויפט די 4 פערטעלאַך פון דעם האמבורגער לאָס.

די ציאונג איז פאָרגעקומען פרייטאָג ערב שבת שובה.

יענעם שבת האָט הגאון ר' ליפּעלע זצ"ל געזאָלט האַלטן זיין טראַדיציאָנעלע דרשה אין שול, אָבער ניט זייענדיג בקו־הבּריאות, האָט ער איבערגעגעבן ר' לייבן, וועלכער איז געווען פון זיינע נאָנטע מקורבים, ער זאָל אים פאַרטרעטן.

שטייענדיג אויפן בימה אין דער גרויסער שול דעם שבת־שובה און האַלטנדיג אַ שאַרפע לומדישע דרשה, איז מען געקומען צולויפן אים אָנזאָגן די גרויסע בשורה, אַז זיין נומער האָט געוואונען דעם גרויסן געווינס פון 60 טויזנט מאַרק.

פון דאַמאָלס אָן איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער קאָלעקטור־פירמע ווייַדענבוים.

צו 70 יאָר, אין 1902, פאַרלאָזט ר' לייב ביאַליסטאָק און פאָרט אַוועק צו זיינעם אַ זון אין ארץ־ישראל הר' הג' ר' נפתלי הערץ הלוי דעם רב פון יפו.

מיט דער קאָלעקטור האָבן אָנגעפירט זיינע זין און שפּעטער האָט עס איבערגענומען זיין אייניקל, דער איצטיגער אינהאַבער פון דער פירמע ה' מאנעס ווייַדענבוים, אין וועמעס קאָלעקטור ס'פאַלט אַריין די גרעסטע געווינס אין יאָר 1913 אויפן נומער 16090: 75 טויזנט רובל.

אין די יאָרן פון דער אָקופּאַציע ביז פוילנס באַפרייאונג, האָט ער געהאט די הויפּט־קאָלעקטור פון די 4 פוילישע לאָטעריעס.

צום סוף פון 1919 ליקווידירט די פוילישע מלוכה אַלע לאָטעריעס און גרינדעט 1 גרויסע מלוכה־לאָטעריי און ה' מאנעס ווייַדנעבוים באקומט די איינציגע מלוכהשע לאָטעריי־קאָנצעסיע, וועלכע עקזיסטירט ביזן היינטיגן טאָג.

אין משך פון דער גאַנצער צייט זיינען אויף זיינע לאָסן געפאַלן אַ סך גרויסע געווינסן און אַ סך מענטשן זיינען באַגליקט געוואָרן.

ביי היינטיגס טאָג באַזיצט די פירמע 2 פאַרקויף־פלעצער אין ביאַליסטאָק, רינעק־קאָסטיושקי 28 און קופּיעצקא 33, אויך סוב־קאָלעקטאָרן אין פאַרשיידענע פראָווינץ־שטעט.

# פירמע קופּערבערג

אַ באַזונדער אָרט אין ביאַליסטאָקער האַנדל פאַרנעמט די פירמע י. קופּערבערג, קילינסקי 11 – טעכנישער און אייזן־געשעפט. די פירמע האָט אין משך פון איר 15־יאָריגער עקזיסטענץ שטאַרק פאַרצווייגט איר טעטיגקייט און זיך דערוואָרבן אַ ברייטע קליענטור ניט בלויז אין שטאָט, נאָר אויך אין דער ווייטסטער אומגעגנט.

די פירמע י. קופּערבערג באַדינט די גאַנצע בוי־באַוועגונג, די אינדוסטרי, טאַרטאַקן, מילן און אַלע מלוכהשע און עפנטלאַכע אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס אין אונזער קאַנט, שוין ניט רעדנדיג וועגן דער פּריוואַטער קליענטור.

די פירמע י. קופּערבערג איז דער הויפּט־מקור פון אַלע וואַסער־לייטונג און קאַנאַליזאַציע מאַטעריאַלן און פאַרשיידענע מאָדערנע באָד־צימער־איינריכטונגען; באַזיצט אויף לאַגער אַלע טעכנישע אַרטיקלען פאַר דער אינדוסטרי, פאַרשיידענע בוי־מאַטעריאַלן ווי אויך אַרטיקלען פארן הויז־באַדאַרף.

ס'איז ווערט צו אונטערשטרייכן, אַז לעצטנס זיינען דורך עטלאַכע גרויסע אויסלענדישע און אינלענדישע פירמעס אָנגעטרויט געוואָרן דער פירמע קופּערבערג דער אויסשליסלאַכער פאַרקויף אין קאָנסיגנאַציע־לאַגערן פון פאַרשיידענע אַרטיקלען.

אַ דאַנק דער קאָנקורענץ פייאיגקייט און פאַכמעניש־פּינקטלאַכער באַהאַנדלונג ציילט די פירמע צווישן אירע קליענטן אַלע מלוכהשע און עפנטלאַכע אונטערנעמונגען און מיליטערישע פאָרמאַציעס אין שטאָט און אפילו איבער די גרענעצן פון דער וואָיעוואָדשאַפט.

אַלס דערפרייענדיגע דערשיינונג איז צו פאַרצייכענען דעם פאַקט, וואָס ניט קוקנדיג אויף אַלע קריזיסן, וואָס אונזער האנדל און ספּעציעל די אייזן־בראַנזשע האָט דורכגעמאַכט און די דערמיט פאַרבונדענע פאַרלוסטן, געהערט דאָך די פירמע י. קופּערבערג ביי היינטיגן טאָג צו די געציילטע סאָלידע פירמעס אין שטאָט בכלל און אין דער אייזן־בראַנזשע בפרט.

## רעדאַקציע, אַדמיניסטראַציע און דרוקעריי=מיטגלידער
## פון קאָלעקטיוו „אונזער לעבן" (פאַרלאַג „אונזער פרעסע")



עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: די פאַרוואַלטונג - מיטגלידער: רפאל רייסער, חיים מאַטינקאָ און בנימין גוטמאַן (פאָרזיצער); פסח קאַפלאַן (הויפּט-רעדאַקטאָר), מענדל גאָלדמאַן (רעדאקטאָר), אהרן ברעזינסקי (רעדאקטאָר), יוסף רובינליכט (רעדאַקציע-מיטגליד).

עס שטייען פון רעכטס אויף לינקס: אברהם דייטש און וועלוול רייסער (רעווידיר-קאָמיסיע), יודל פינקל-שטיין (מאַשיניסט), ראובן סקליוט (רעווידיר-קאָמיסיע), מענדל פליאַץ, בערל רובין (געהילף-אַדמינ.), הערשל קאָזאַק (מעטראַנפּאַזש) און אברהם בראָן.

## רעדאַקציע=קאָלעגיע פון „יאָר=בוך"


א. זבאַר


י. ל. שאַצקי


מ. גאָלדמאַן

## 1932 — 1933

ביאַליסטאָקער

טוך און דעקן פאַבריק

# אסוואלד

# טרילינג און זון

אקצ. געז. עקז. פון 1863

פילסודסקי גאַס 24

טעלעפאן 1-57

# BIAŁOSTOCKIE TOWARZYSTWO ELEKTRYCZNOŚCI

SPÓŁKA AKCYJNA

BIAŁYSTOK

ul. Elektryczna 15

Telefon 3-91

Kapitał zakładowy

9.775.000 zł.

Adr. telegr. „Elektrobel".

לעדער=פאבריק

# ת. בעקער

ביאליסטאק

פאבריק: וואנזקא 15 טעל. 6–15

וואוינונג: ציעפלא 8 טעל. 1–15

ארבעט אוים:

ווילן, וואש=לעדער און לאקירן

טוך=פאבריק

# א. סאקאל און י. זילבערפעניג

ביאליסטאק

ביורא סענקעוויטש 44

טעלעפאן 1=25

פאבריק ווארשעווער 72

טעלעפאן 45

פאבריק-לאגער לאדז,

פיאטרקאווער 56

טעלעפ. 87-50

קאנסיגנאציע = לאגער

אין לעמבערג

TOWARZYSTWO BIAŁOSTOCKIEJ MANUFAKTURY

**EUGENJUSZ BECKER i S-ka**

Spółka Akcyjna

**BIAŁYSTOK**

FABRYKA JEDWABNYCH PLUSZÓW

Rachunek Żyrowy w Banku Polskim w Białymstoku

Adres telegr. „JEDWAB"

Telefony: Gabinet Dyrektora 14-06, biurowy 2-79

טוך און דעקן פאבריק

**י. ד. שפירא**

ביאליסטאק, סענקעוויטש 42 | 40

לויף-רעכענונג: ( באנק פאלסקי
( באנק פאר היימישע ווירטשאפט

טעלעפאָנען:
12 ,1-75 ,7-75

# WODOCIĄG BIAŁOSTOCKI

ZARZĄD

Białystok, ul. Młynowa 52 I.

TELEFONY:
5–43 stacja pomp — Wasilków
43 wieża ciśnień
1–19 biuro
13–61 gabinet p. Dyrektora
„ (dod. mieszk. p. Dyrektora)

**Wykonywują się wszelkie roboty w zakres wodociągów i kanalizacji wchodzącej**

# Polska Akcyjna Spółka Telefoniczna

**Oddział w Białymstoku**

**BIAŁYSTOK, Warszawska 13, telefon 0.**

## Budowa i eksploatacja sieci telefonicznej.

Jednorazowa opłata wstępna za przyłączenie do miejskiej centrali:

| | |
|---|---|
| 1-go aparatu ściennego | — Zł. 100.— |
| 1-go „ biurkowego | — „ 124.— |

Abonament aparatu telefonicznego w stosunku miesięcznym:

| | | |
|---|---|---|
| Kateg. I | — abonam. prywatny | — Zł. 16.— |
| „ II | — „ zbiorowy | — „ 23.— |
| „ III | — „ publiczny | — „ 30.— |

Zarząd Telefonów Białostockich.

# MAGISTRAT
# m. BIAŁEGOSTOKU

TELEFONY:

Gabinet p. Komisarza — 24
Sekretarjat — — — 2-28
Wydział Finans.-Podatk. — 2-51
„ Techniczny — 84
Wydział Gospodarczy — 12-24

# Komunalna Kasa Oszczędności
pow. białostockiego

**Białystok, ul. Sienkiewicza 28 a.**

Przyjmuje wkłady oszczędnościowe terminowe i na każde żądanie.

Przeszło 10.000 książeczek oszczędnościowych w obiegu.

**Wkłady, lokaty i r-ki czekowe na 1. X. wynoszą sumę zł. 1.143.650.12 gr.**

**Za całość i bezpieczeństwo wkładów gwarantuje Sejmik Powiatowy całym swoim majątkiem i dochodami.**

Państwowe Zakłady Inżynierji

**Komunikacja Autobusowa**

międzymiastowe w Woj. Białostockiem

miejska w Białymstoku

ul. Kilińskiego 6

tel. 15-95

**„BIAŁOL"**

OLEJARNIA i RAFINERJA

Białystok, ul. Cieszyńska 2, tel. 1-37

Wyrabia różne oleje:

lniany, rzepakowy i słonecznikowy do celów jadalnych i technicznych i rafinowaną oliwę marki „LUX" oraz wszelkie gatunki makuchów do paszy

**„ביאלאל"**

אייל-פאבריק און ראפינעריע

ביאַליסטאָק, צעשינסקאַ 2, טעל. 1-37

אַרבעט אויס פארשיידענע מינים אייל: לײַן, זשעפּאק, זאנענבלומען צו שפּייז און טעכנישע צוועקן, ווי אויך די ראפינירטע בוימאייל-מארקע „LUX" און אלע סאָרטן מאקוכעס צו פאַשע-צוועקן

**OLEJARNIA**
**MECHANICZNA**
# „KUCHIOL"

**Wł. Ch. Krugman**
**Białystok, Kolejowa 12**
**Telef. 3-51**

---



**SKŁADY TECHNICZNE**
# L. MOWSZOWSKI
**BIAŁYSTOK,**
ul. Marsz. Piłsudskiego (Lipowa) 22, tel. 2-14, 8-14

## ראַדיאָ = אַפּאַראַטן
נײַסטע סיסטעם צום עלעקטרישן
שטראָם און צו באַטערײען



נײַסטע פאַסאָנען אין זײער
אַ גרויסן אויסוואַל.

## זשיראַנדאָלן און לאָמפּן

באַקוועמע צאָלונג-באַדינגונגען ▮▮▮▮ ביליגסטע פּרײַזן

POWIATOWA

# Kasa Chorych

w Białymstoku

TELEFONY:

3-93 Wydział Świadczeń
7-03 Apteka, Sienkiewicza 34
4-41 Pogotowie, S-to Jańska 9
8-84 Gab. Naczeln. Lekarza
3-22 (
1-18 ( Centrala
1-18 Buchalterja

קאָמפּלעטע

טוך און דעקן

פאַבּריק

# ס. ה. ציטראָן

אקצ. געז.

הויפּט-ביוראָ קופּעצקאַ 35

טעלעפאָן 1-01

# „KONSORCJUM"

BIURO SPRZEDAŻY

Górnośląskiego węgla i koksu

KONCERNU „ROBUR"

— — oraz — —

Grodzieckiego Towarzystwa

Białystok, ul. Kilińskiego 9

Telefon 11-43.

ביאַליסטאָקער מאַנופאַקטור

# שפּירא=יאַגלאָם

געז. מיט באַגר. פאַראַנטוו.

ביאַליסטאָק, סענקעוויטש 38 a

טעלעפ. 13–41

טוך און דעקן פאַבּריק

# וו. זילבערבלאַטס זין

ביאַליסטאָק, ביאַליסטאָטשאַנער 7

טעלעפאָן 4–35

עקזיסטירט פון 1886

טוך און דעקן פאַבּריק

# פייוול ציטראָן

פאַבּריק-לאַגער:

ראָזשאַנער 3

# MACIERZYŃSTWO

א אנשטאלט
פאר קינפּעטארינס
און פרויען=אָפּעראַציעס
שוו. ראך 3, טעל. 81
אינהאבערס:
דר. י. רובינשטיין
דר. ד. סאקאלאווסקי
דר. ק. גינזבורג
און אקושערין ב. יושינסקי

איינצלנע און אלגעמיינע קאמפארט צימערן
צענטראלע באהייצונג, כשרע קיך
פאר ניט פארמעגלאכע — גרויסע הנחות
אינפארמאציעס:
טעלעפאָנען: 81, 6-50, 6-24 און 3-30

Fabryka
sukna i kołder

# B. Polaka Synowie

BIAŁYSTOK

Firma istnieje od 1873 roku

Telefony:
fabryki 2-05, składu 2-38

Dr. B. PINES,
OKULISTA

Białystok, Sienkiewicza 27

Telef. 1-05.

# העברייאישע גימנאזיע

ביאליסטאק,
סענקעוויטשא 79
טעל. 85-4

# קינפּעטארן-היים
און גינעקאלאגישער
הייל = אנשטאלט
פון
ד"ר צ. שלמאן

ביאליסטאק, לעגיאנאווע 2,
אדער רינעק=קאסציושקי 3,
טעלעפאָ 8-66
נעמט אן שוואנגערע און קראנקע
אין משך פון גאנצן מעת לעת:
פרויען-אפעראציעס, דיאטערמיע
און ליכט=היילונג.
דער געבורט ווערט דורכגעפירט
שטענדיג דורך א דאקטאר ספעציאליסט
פריוזו זייער צוגייגלאכע
כשרע קיך אין די צימערן ראדיא

קאעדוקאציע=גימנאזיע
דר. ש. גוטמאן
ביאליסטאק
פאלאצאווע 2 טעל. 9-86

קאעדוקאציע גימנאזיע
# ד. דרוסקין
ביאליסטאק
שלאכעצקא 4
טעל. 5·31

קאָעדוקאציע גימנאזיע
י. זעליגמאן
י. לעבענהאפט
און י. דערעטשינסקי
ביאליסטאק
סענקעוויטשא 4
טעלעפאן 11·54

גענעלשאפטלאכע
קאעדוקאציע גימנאזיע
ביאליסטאק
קופיעצקא 49

קאנצעסיאנירטע
# מיידל=שולע
ה. באגדאנאווסקי
ביאליסטאק סענקעוויטשא № 1
ראג זשידאָווסקא

ד=קלאסיגע שולע פון
# אליעזר עקשטיין
ביאליסטאק,
קופיעצקא 49 טעלעפ. 85-1

# קהלה-פארוואלטונג
אין ביאליסטאק
סאסנאווע 7, טעל. 40-2
אפטיילונגען:
א) מעטריקאציע, טעל. 78-17
ב) פינאנס=עטאט
ג) סאציאלע פארזארגונג
ד) בילליגע קיך
ה) בית=חיים
ו) סעקרעטאריאט
ז) בוכהאלטעריע
ח) סטאטיסטיק

פארזיכער דיין מארגן,
דערפיל דיין הייליגן חוב לגבי דיין פאמיליע
און פארשרייב זיך אלס מיטגליד אין דער
קעגנזייטיגער פארזיכערונג = געזעלשאפט
אין פאל פון טויט
# „עזרה"
ביאליסטאק, סענקעוויטש 34, טעל. 53-7
אין לאקאל פון דער יידישער אָנפּאַרטייאיש לײַ-קאַסע

**Przemysłowo-Handlowy Bank**
**w Białymstoku**
Spółdzielnia z ograniczoną odpowiedzialnością

# אינדוסטרי און האנדל=באנק

אין ביאליסטאק,
קילינסקי 23, טעל. 2–18

נעמט אָן אינקאַסעס אויף
אַלע שטעט אין פוילן
נעמט אָן פקדונות
טערמינאַווע און אויף לויפנדע רעכענונגען

פירט אויס אַלע באַנק·אָפּעראַציעס
— — פינקטלאַך און ראַיעל — —

# פאלקס=באנק

הלוואות
אינקאסא
פראכטן
טשעקן א.ד.גל.

ביאליסטאק
געלדאווע 5,
(אייגענע הויז)
טעלעפאנען:
4=94 און 16-35

# קרעדיט=געזעלשאפט

**Tow. KREDYTOWE**
**miasta BIAŁEGOSTOKU**

**SIENKIEWICZA 44**
**Tel. 10-13**

קאאפעראטיווע
# באנק
פון באלעבאטים

ביאליסטאק,
ר.=קאסציושקי 17
טעלעפאן 51

דערליידיגט אלע באנק=אפעראציעס מיט דע=גרעסטער פינקטלאכקייט.
נעמט אן פקדונות און לויפנדע רעכנונגען

פארזיכערונגען
ון פייער, גנבה, אומגליקפאלן און לעבנפארזיכערונגען
נעמט אן ה. ראצקי
ווארשעווער 24, טעל. 1-52

Reprezentant Zakładów Ubezpieczeniowych
„VESTA" i „PORT"
W. Waldman, Białystok, ul. Częstochowska 11.
— Telef. 11-85 —
Przyjmuje wszelkiego rodzaju ubezpieczenia, jak:
życiowe, ogniowe, kradzieżowe i inne działy.

הילף=קאסע
ביים קרייז=סוחרים-פאריין אין ביאליסטאק
געגרינדעט אין יאר 1926
גיט ארויס הלוואות די מיטגלידער.
פינאנסירט די ניט פארמעגלאכע מיטגלידער
ביים אויסקויפן פאטענטן.

קרייז=סוחרים=פאריין
ביאליסטאק
מארש. פילסודסקעגא 6
(פאסאזש ווארנהאלץ)
טעלעפאן 4-08
אפן טעגלאך
10–2, 6–9.

די קאנצעלאריע פון קליינהענדלער=פאריין
איז טעטיג יעדן טאג פון 9 פרי ביז 3 נאכמ.
און פון 7 ביז 10 אוונט און דערליידיגט אלע
מינים ביטעס און אינטערוועניצן אין אלע אמטן
ווי אויך ערטיילט אומזיסט יורידישע עצות
און מעדיצינישע הילף.

WARSZAWSKIE TOWARZYSTWO UBEZPIECZEŃ
Spółka Akcyjna
Rok założenia 1870
Kapitały gwarancyjne przekraczają
Zł. 10.000.000
Dyrekcja: WARSZAWA, ulica JASNA № 4
Zawiera ubezpieczenia ogniowe, kradzieżowe, gradowe, transportowe i chomage.
Nieruchomości własne w Warszawie, Białymstoku, Bydgoszczy, Gdyni, Katowicach, Lwowie, Poznaniu, Sosnowcu i Wilnie
ODDZIAŁY: w Warszawie, Białymstoku, Gdyni, Katowicach, Krakowie, Lwowie, Łodzi, Poznaniu i Wilnie.
Ajentury we wszystkich miastach Rzeczypospolitej
ODDZIAŁ w BIAŁYMSTOKU,
ulica WARSZAWSKA № 9
(dom własny) telefon № 48.

BIAŁOSTOCKIE TOWARZYSTWO
WZAJEMNYCH UBEZPIECZEŃ
zaloż. 1903 r.
KILINSKIEGO 23 – Tel. 2 - 78
zawiera ubezpieczenia od ognia
wszelkiego rodzaju mienia
ביאליסטאקער קעגנזייטיגע
פארזיכערונג = געזעלשאפט
געגרינדעט אין 1903
קילינסקי 23 (אייגענע הויז) טעל. 2=78
נעמט אן פייער-פארזיכערונגען אויף אלער-ארט פארמעגן

TOWARZYSTWO
UBEZPIECZEŃ
„EUROPA"
Sp. Akc. w Warszawie.
Główny Inspektorat w Białymstoku,
Sienkiewicza 44, tel. 14-08
zawiera ubezpieczenia na życie
na najdogodniejszych warunkach.

בוי - אונטערנעמונג

# נ. גאלדפארב

ביאליסטאק
פאלנא a-20
טעלעפאן 56-3

BIURO
INŻYN.-BUDOWLANE

# Inż. W. FILANOWICZ
# i B. SUCHOWOLSKI

WARSZAWA,
Pl. Krasińskich 6
TEL. 11-19-54

# KLUB KUPIECKI

w Białymstoku
Sienkiewicza 38
w podwórzu

# יידישער ספארט-קלוב

ביאַליסטאָק, מאַרש. פּילסודסקי 28

עקזיסטירט פון יאָר 1918 — (15-יאָריגער יובילײ)

באַזיצט פאָלגנדיגע סעקציעס:

1. גימנאַסטישע, 2. באַוועגלאַכע שפּילן, 3. לייכט-אַטלעטיק, 4. באָקס, 5. פּינג-פּאָנג, 6. פוטבאָל.

גרופּעס פאר סעניאָרן, יוגנטלאַכע און קינדער.

איינשרייבונגען ווערן אָנגענומען טעגלאַך אין סעק-רעטאַריאַט פון קלוב פון 4 נאָכמיטאָג.

# Białostocka Ochotnicza Straż Ogniowa

ul. Marszałka Piłsudskiego 52

**Telefony:**

| | |
|---|---|
| Wieża alarmowa . | 1—31 |
| Garaż . | 1—34 |
| Kancelarja i wydział kominiarski . | 9—78 |
| Komendant straży | 1—36 |
| Zastępca Komendanta | 6—90 |

Biuro Budowlane
Zrzeszonych Cegielni Białostockich

# „MUR"

Biuro Techniczne:
Artyleryjska 2,
tel. № 14

Biuro Handlowe:
ul. Częstochowska 8
tel. № 2-12

# JAN IDŹKOWSKI i S-ka

Odlewnia czcionek, fabryka linji mosiężnych, wytwórnia kaszt, regałów i czcionek drewnianych, warsztaty montażowo - reparacyjne dla przemysłu graficznego

WARSZAWA - MOKOTÓW STAROŚCIŃSKA 2.

Tel. 817-21 i 854-94 Konto czekowe P. K. O. 4256

---

האלץ = האנדל

הירש כהן און
דוד רייסקינד

ביאליסטאק, קופּעצקא 1

טעל. 92—2

---

**HUTA SZKLANA**
**BIAŁYSTOK**

L. BĄKOWSKI, D. CHAZAN i S-ka
Spółka firmowa

Białystok, ul. Ryska 1

Tel. 16 - 19

Poleca duży wybór różnych butelek
a w szczególności szkła aptecznego

---

**Hurtowy skład piwa**
i wytwórnia wód gazowych i owocowych

**Sz. Cybulkin, D. Lerner i S-ka**
Spółka firmowa

Białystok, ul. Piwna 7., Tel. 1-58

---

Wytwórnia olejów przemysłowych

# HUGO PETER jr.

w MICHAŁOWIE

BIURO w BIAŁYMSTOKU,
ulica BRANICKIEGO 5
TEL. 38.

---

# „POLMIN"

Państwowa Fabryka Olejów Mineralnych
Oddział w BIAŁYMSTOKU
ul. Rynek-Kościuszki 11 Tel. 10-34

---

PRZEMYSŁ LEŚNY

**M. Rozental, Białystok**

Warszawska 67. Tel. 3-28.




# „DOBROBUT"

**Białystok, Sienkiewicza 4, tel. 2-91**

P O L E C A

**OBUWIE** najmodniejszych fasonów gwarantowanej mocy

Śniegowce-Kalosze
Buty z cholewami
Buciki myśliwskie
Turystyczne i ślizgawkowe

PLECIONKI
OPANKI
w|g najnowszych modeli

Pantofle ranne i gimnastyczne.

„DOBROBUT" WARSZAWA NOWY-ŚWIAT 41

---

טוך און מאַנופאַקטור געשעפט

# מ. מארגאליס

עקז. זינט יאָר 1907

ביאליסטאק, סענקעוויטש 15

טעלעפאן 3-54

---

Biuro dla robót ogrzewaln. i sanitarn.

# „SANOTECHNIKA"

L. Antoszewski i H. Lifszyc
inżynierowie

**Białystok,** Sienkiewicza 67, tel. 16-30

Ogrzewania centralne. Ogrzewania mieszkaniowe. Wodociągi i kanalizacja.

---

# ח. קאשצענעוסקי און קאָ

ביאליסטאק, רינעק קאָסציושקי 13

גרויסער אויסוואַל פון די
בעסטע אויסלענדישע און
אינלענדישע פירמעס

---

# ב. ארמאן

מעבל-געשעפט

ליפּאָווע 19 — טעל. 3-62 און 11-37

— — קאָנטאָ פּ. ק. א. 480-56 — —

גרויסער אויסוואַל פון פאַרשיידענע מעבל
אין קאָמפּלעטן און איינצל.

ניקלנע בעטן נייסטע פאַסאָנען
ווייכע מעבל גוטע און מאָדערנע אויסארבעטונג

פולע גאראנטיע. ראיעלע באַהאנדלונג. גינסטיגע באַדינגונגען

Skład techniczny

**I. Mężebowski i L. Gorfajn**

**Białystok,**

ul. Kupiecka 19, tel. 7-34

**Reprezentacja:**

Aachener Kratzenfabriken Casselette & Co.
A. G. Hermann
G. m. b. H. Aachen.

A van Roessel & Zoon
Tilburg

Maschinenfabrik
Paul Tritzschler & Gey
Grimmitschau i Sa.

„Minimax"
Berlin-Charlotenburg

**Poleca:**

Pasy transmisyjne, skórzane, wielbłądzie, bawełniane, gumowe.

Liny bawełniane manilowe.

Taśmy gręplowe (Kratzen)

Czołęka, pikiery, Litzen.

Piły gatrowe, cyrkularne.

Gaza szwajcarska
Siatki druciane, kubełki
i inne artykuły techniczne

**FAJWEL ROZENBERG**

**Białystok,**

Vertreter der
**H. V. KAUFMANN'S HUIDENHANDEL**
**ROTTERDAM**

Telegr. Adr.: FARO BIAŁYSTOK
Telefon 6-99

לעדער = פאַבריק

**א. שמוש**

**ביאַליסטאָק,**

לעגיאָנאָווע 25 טעל. 2–26

**A. D. Lipszyc**

Białystok, Rynek-Kościuszki 26 — Telef. 5-99
Konto P. K. O. № 65.773.

**SPRZEDAŻ KOMISOWA:**

towarów bawełnianych Zjednoczonych Zakładów Włókienniczych
**K. Scheiblera i L. Grohmana, Sp. Akc. w Łodzi,**
wyrobów Pabjanickich Zakład. Włókienniczych
**dawn. R. Kindlera w Pabjanicach, Sp. Akc.**

Tartak parowy i przemyśl leśny

**M. DANCZYK,**
**G. GOTLIB i**
**CH. SIEMIATYCKI**

m. SUPRAŚL, przy Białymstoku
Telefon Nr. 6.

**Skład materjałów budowlanych**
**Białystok, ul. Cieszyńska 2, Tel. 17-82**

Adr. telegr.: „Danczyk" Supraśl.

FABRYKA KAFLI i POLEWY



**Jana Kucharskiego S-wie**

Spółka firm. istnieje od 1894 roku.

**Białystok, ul. Grunwaldzka 41, tel. 11-98**

**Kafle — piecyki przenośne**
**Budowa pieców — polewa.**

Firma nagrodzona Dyplomami Uznania na Wystawach Krajowych.

**Chemiczna farbiarnia**
**prasownia i wykończalnia skór**
**galanter., mebl., ubran., i luksus.**

**IZAAK ALEKSANDROWICZ**

Białystok, ul. Kijowska 9.
Biuro: ul. Sjonska 4. Tel. 4-61

בּרידער **כּהן** און **יאַטשמעניק**

בּיאַליסטאָק, סאָבּעסקי-גאַס 11, טעל. 13-98

**דאַמף-טאַרטאַק**

אין וואַשילקאָווע, טעל. 10-21 (צוגאָב-טעל. 2)

קויפט גליקלאַכע לאָזן
פון דער פוילישער מלוכה-לאָטעריי

צו באַקומען צו יעדער צייט אין דער
עלטסטער גליקלאַכער מלוכה-קאָלעקטור

# מאַנעס ווײַדענבוים

ביאַליסטאָק,
רינעק-קאָסציושקי 28
אָדער אין זײַן פיליע
קופּיעצקאַ 33

טשעקן-קאָנטאָ פּ. ק. א. 64039

טעלעפ. 14–23

אין די לעצטע ציאונגען
האָבן זוכה בגורל געווען
פאָלגנדיגע געווינסן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| 35000 זל. | — | 7513 | № |
| 25000 „ | — | 48718 | „ |
| 15000 „ | — | 28956 | „ |
| 15000 „ | — | 161284 | „ |
| 10000 „ | — | 28956 | „ |
| 10000 „ | — | 28965 | „ |
| 6000 „ | — | 44996 | „ |
| 5000 „ | — | 123145 | „ |
| 5000 „ | — | 139828 | „ |
| 3000 „ | — | 14058 | „ |
| 3000 „ | — | 24485 | „ |
| 3000 „ | — | 41021 | „ |
| 3000 „ | — | 47007 | „ |
| 3000 „ | — | 123174 | „ |
| 3000 „ | — | 162039 | „ |

ביאַליסטאָקער

# שאַך=קלוב

רינעק=קאָסציושקי
ראָג סענקעוויטשאַ

איז אָפן טעגלאַך פון 11 פרי
פאַר מיטגלידער און רעקאָמענדירטע געסט
אין די זייער באַקוועמע זאַלן פון קלוב געפינט זיך
— — אַ שאַך-ביבליאָטעק און צייטונגען — —

## אַ ערשטקלאַסיגער בופעט

וואו ס'ווערן סערווירט יעדן טאָג פרישע שפייזן
קאַלטע און וואַרימע, ווי אויך מיטאָגן און
אָוונטברויטן צו מעסיגע פרייזן.

מיטן טעלעפאָן **2-01**

קען מען זיך אויך באַנוצן אַ גאַנצן מעת-לעת אויף אַרויס-
צופאָדערן אַ טאַקסובקע אין אַלע געגנטן פון שטאָט.

# מ. טאָפּאָלסקי

ביאַליסטאַק, רינעק=קאָסטיושקי 30 №

דער געשעפט איז פאַרזען מיט פאָלגנדיגע אַרטיקלען:
גלאָז, פאַיאַנס, פּאַרצעלאַן, קרישטאל, עמאַלירטע
געשיר, אַלומיניום=געשיר, אייזערנע טעפּ, עלעק-
טרישע זשיראַנדאָלן, זשאַרובקעס, גאָפּל, מעסער,
לעפל פאַרזילבערט, ווי אויך שטאָל און אַלומיניום,
בלעך שוואַרצע, פאַרצינקטע, ריינע צינק און איינגלישע.
עמער פאַרצינקטע, קאַרביד, ראַדיאָ-באַטאַרייען אַנאָ-
דאָווע, פּאָדקאָוועס צו שיך, פאַרשיידענע בלעך=אויסאַרבעטונג

# עלעקטרישע וואורשט-פאַבריק

מיט די נייסטע מאַשינען=איינריכטונגען

פון **יעקב פינעס**

רינעק=קאָסציושקי 10
(אייגענע הויז)

טעל. 4-35 עקזיסטירט פון יאָר 1906

# י. קופּערבערג

ביאַליסטאַק, קילינסקי 11 № טעל. 58–3

אויף לאַגער שטענדיג דער
גרעסטער אויסוואַל פון:

| | |
|---|---|
| בלעך | רערן |
| שאַטקעס | וואַנעס |
| שמיראַכץ | פאַלונקעס |

אייזן, דראָט און נעגל. אַלערליי ווערקצייג

דער ערשטער אין ביאַליסטאַק
וואורשט=געשעפט

א. נ. „A la FOURCHETTE"

פון ח. פערטעל

מארש. פילסודסקי=גאַס 5. טעל. 08=6

— עקזיסטירט פון יאָר 1890 —

## B. IGŁA, Białystok

ul. Sosnowa 2. — Telef. 7-81.

Wapno, Cement, Papa dachowa, Smoła zwyczajna, Carbolineum, Gips, Marmur, Cegła zwyczajna, Cegła i glina ogniotrwała, Dachówka palona, Dachówka azbest.-cem. „ETERNIT". Posadzka terrakotowa i dębowa (parkiet) — — — oraz inne artykuły budowlane. — — —

## DOM-HANDLOWO-EKSPEDYCYJNY IZAAK SZTEJN

BIAŁYSTOK, Artylerviska 9-13

Telef. 429 i 89

Transporty międzynarodowe

Własne składy towarowe i bocznica kolejowa

## Perfumerja „MASCOTTE"

R. RACKA i S-ka

Białystok, Sienkiewicza 10. Tel. 1-52

די מאדערנסטע פּערפימען, קאָסמעטיק, אימיטירטע ביזשוטעריע און ראדאיד, (פּלאסטישע פּראַצוויזשע מאטעריאַל צו בלומען און אבּאַזשורן).

## BAZAR PRZEMYSŁU LUDOWEGO

Białystok, Sienkiewicza 37

Telef. 10-54.

Poleca: kilimy, płótno, ręczniki lniane, ceramikę, zabawki, meble wiklinowe po cenach konkurencyjnych.

## גאנץ ביאַליסטאָק ווייס שוין!

אַז דער איינציגער בּיליגסטער אָרט צום וואַשז (כעמיש) און פּרעסן איז נאָר ביים בּאַוואוּסטן ערשטקלאַסיגן פאַכמאַן

## ח. רימאנאווסקי

פאַבּריטשנע 7, ו. 3

וועלכער מאכט פון אלט ניי.

Fabryczny skład obić papierowych i tektury

**K. GOTMAN**

Białystok, ul. Sienkiewicza № 1 Telefon 7-42

Skład wszelkiego rodzaju szkła i naczyń aptecznych

**SZ. WAJNSZTEJN,**

BIAŁYSTOK

ul. Marz. Piłsudskiego 17 Telefon 8-24

קאַכל=פאַבּריק

ש. מאנקאָווסקי און י. שניידעראָווסקי

סלאָנימסקאַ 29

טעלעפ. 11—09 און 11—07

פּאַפּיר=געשעפט

## מ. שיניאַק

זאַמענהאָף-גאַס 6

טעל. 8=28

גרויסער אויסוואל פון פּאַר-שיידענע פּאַק - פּאַפּיר, דרוק=פּאַפּיר און אויך אלע שרייב=מאטעריאַלן.

שפּיל-קאָרטן פון אלע אינ-לענדישע פאבּריקן.

פאבּריק-פּרייזן

## M. FAJNSOD i S-ka

ul. Giełdowa 11, tel. 4-81

לאַגער פון שויבּן, שפּיגלען און דיקט. אַ וואַרשטאַט פון ראַמען

איינפאַסונגען צו אויטאָ-פענצטערס.

פאַבּריק פון צוקערוואַרג, שאָקאָלאַד און כאַלוואַ פירמע „וויעדענסקי"

— אינהאַבּערס: —

## חיים סאַפּער און זון

ביאַליסטאָק, סאָסנאָווע 5, טעלעפ. 10

עקזיסטירט פון יאָר 1905

רעקאָמענדירט פאַרשיידענע אויסאַר-בּעטונגען פאַר צוגייַנגלאַכע פּרייזן

MLECZARNIA

## E. Pekałok

Sienkiewicza 38

Tel. 22

מענער-שניידער

## ק. אַרקין

יוראַוועצקאַ 6

Tartak parowy

## J. GORDON

Złota 4.

דר. מעד.

## יעקב ווילענסקי

קינדער און אינערלאַכע קראַנקהייטן

Sienkiewicza 5

Tel. 3—72 lub 81.

דר. מעד.

## ה. ווערבּאַלאָוניק

מאָגן, קישקע און לעבער-קראַנקהייטן שטאָף=וועקסל.

רענטגען-קאַבּינעט

פאָטאָגראַפיעס און דורכלייכטונגען

מאַרש. פּילסודסקי 32, טעל. 10=32

## Dr. med. A. Adamowicz

Chor. skórne, weneryczne i płciowe.

Leczenie promien. Rentgena i elektrycznością. Diatermja

Białystok, Piłsudskiego 17 (gab. Dra Gurwicza) Tel. 6-40

przyjmuje 10-1 i 4-8

אנאַליזן

פון אורין, לייכעץ, שטולגאַנג, בלוט, וואַסערמאַן א. א.

## מגר. ל. העלער

סענקעוויטשאַ 46,

טעלעפ. 6-71

צײן=דאקטאר

## א. אזדער

מארש.-פּילסודסקי ג. 23

עלטסטער

פעלדשער

## י. אזדער

מארש.-פּילסודסקי ג. 23

פעלדשער

## מ. יענטשמעז

געלדאווע 1

טעל. 6=26

ערשטקלאַסיגע

## Café „LUX"

סענקעוויטשאַ 38,

טעלעפ. 10-00

# אינפארמאטיווער קאלענדאר פארן יאר 1932

## וויכטיגע פאסירונגען אין לעבן פון ביאליסטאק פארן פארגאנגענעם יאר

### פרייטאג כ״ב טבת
1 יאנואר

די וואיעוואדשאפט האט פון די פאנדן פאר סאציאלע הילף פאנאנדערגעטיילט פאר א ריי אינסטיטוציעס 2350 זל.

פון די יידישע אינסטיטוציעס האט געקריגן בלויז די יתומים-געזעלשאפט 520 זל.

### זונטאג כ״ד טבת
2 יאנואר

הרב פאיאנס איז באשטימט געווארן פאר ביאליסטאקער ראב״ד, באקומענדיג אויפן קהלה-פלענום 11 שטימען פון די 12 אפגעגעבענע צעטלען. די אגודה האט דעמאנסטראטיוו ניט אנטיילגענומען.

### מאנטאג כ״ה טבת
3 יאנואר

איבערשניידנדיג זיך מיט א קעשענעמעסערל די האלדז, איז באגאנגען זעלבסטמארד דער מאגיסטראט-באאמטער לעאנארד יאנעטשעק. די סיבה איז ניט פעסטגעשטעלט.

### דינסטאג כ״ו טבת
5 יאנואר

מ׳האט זיך דערוואוסט וועגן א רציחה איבער א ביאליסטאקער יידן, וואס עס האט אויסגעפירט מיט 16 יאר צוריק אין דארף באטשוטי א קריסטלאכער בעל-גוף. ערשט איצט, אקערנדיג די פעלד, האט זיך א שכנותדיגער קריסט אנגעשטויסן אויף דיביינער פון הרוג. פאליציי האט געמאכט א חקירה ודרישה און ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער דערהרגעטער איז דער ייד יעקב שווארץ (זאלעוונע 11), וועלכער איז אין 1920 אוועק אינם דערמאנטן דארף קויפן קארטאפל און האט זיך שוין מער ניט צוריקגעקערט.

### מיטוואך כ״ז טבת
6 יאנואר

4 באאמטע פון אויספארש-אמט זיינען פארמשפט געווארן צו א חודש ארעסט פאר אויספרעסן דערקלערונגען ביי ארעסטירטע.

ל וי ו ת:

משה מענדל קאזשיצער 72 יאר; בערל שמוש, 5 וואכן.

### דאנערשטאג כ״ח טבת
7 יאנואר

א יאר תפיסה האט באקומען דער היגער איינוואוינער וולאדיסלאוו יאצקאווסקי פאר פאלש עדות זאגן אין א פראצעס צווישן א באלעבאס מיט א שכן.

— ס׳איז אראפגעשפרונגען פון א פענסטער פון צווייטן שטאק דער 11 יאריגער שבתי קרישטאל (סענקעוויטש - גאס), תלמיד פון א היגער פאלק-שולע. ער האט זיך צובראכן א פוס און א ביין אין האנט.

ל וי ו ת:

משה שניידער 73 יאר, חיים שמולעוויטש 50 יאר.

### פרייטאג כ״ט טבת
8 יאנואר

געשטארבן ר׳ אהרן יאסעלעווסקי, איינער פון די עלטסטע אקטיווע טוערס ביי דער געז. „לינת-הצדק״.

ל וי ו ת:

קויפמאן האפמאן 53 יאר.

### זונטאג ב׳ שבט
10 יאנואר

— — — — — —

### מאנטאג ג׳ שבט
11 יאנואר

400 עדות זיינען ארויסגערופן געווארן צו א פראצעס אין קרייז געריכט. ס׳ווערט אנגעקלאגט די פירמע „מאזאוושא״, וועלכע ווערט באשולדיגט אין באגיין א ריי געשעפטלאכע מיסברויכנס.

ל וי ו ת:

אסנה ספעקטאר 58 יאר, רבקה עדעלמאן 60 יאר, מרדכי ווילקער—66 יאר, פעשע זאלצמאן 75 יאר, רחל ווילענטשיק 75 יאר, רחל בערעטשינסקי 60 יאר.

### דינסטאג ד׳ שבט
12 יאנואר

ל וי ו ת:

זלמן סווערדלאוו 38 יאר, דאבע פריידע פליאץ 77 יאר.

### מיטוואך ה׳ שבט
13 יאנואר

ל וי ו ת:

אהרן רישקעס, 55 יאר.

### דאנערשטאג ו׳ שבט
14 יאנואר

דער 36-יאריגער באן - מאשיניסט מיכאל אבראמאוויטש האט דערשאסן זיין געליבטער, דער 32-יאריגער בראניסלאווא סטאנקעוויטש, א טעלעגראפיסטקע. נאכדעם האט ער זיך אליין דערשאסן.

ל וי ו ת:

משה זעווקא 74 יאר, נחמה איסמאכאוויטש 28 יאר.

### פרייטאג ז׳ שבט
15 יאנואר

פון די 4 קאנדידאטן אויף הויפטדאקטאר פארן יידישן שפיטאל איז פאר הויפט-דאקטאר אויסגעקליבן געווארן דר. א. קאפלאן (ווארשע).

ל וי ו ת:

גדלי׳ מאיר וואליע 80 יאר.

### זונטאג ט׳ שבט
17 יאנואר

לויט דער לעצטער פאלק - ציילונג ווייזט זיך ארויס, אז אין דער ביאליסטאקער וואיעוואדשאפט זיינען אין טאג פון דער ציילונג געווען 1.640.374 איינוואוינערס.

אין יאר 1921 זיינען געווען בלויז 1.294.458 איינוואוינערס. די באפעלקערונג איז אזוי ארום צוגעוואקסן אויף 26,7 פראצענט.

### מאנטאג י׳ שבט
18 יאנואר

צוליב שרעק פאר אן עקזעקוטאר פון שטייער-אמט, וועלכער איז געקומען מיט דער „עגלה״ מאנען פארלעגענע שטייערן ביים בעקער כארע (סוראזער 37), האט געקריגן א פאראליטש דעם בעקערס מוטער פערל, 72 יאר אלט. אין א טאג ארום איז זי געשטארבן.

ל וי ו ת:

מאנעס זאבלודאווסקי 62 יאר, רחל קאראפיאל 75 יאר, פערל כארע 72 יאר, חנה טארלאווסקי 62 יאר, בערל גאלובארסקי 40 יאר, ליבע לאסקוטי 2 יאר.

## דינסטאג י״א שבט
19 יאנואר

ס׳איז איינגעפירט געווארן א גרויסע גנבה אין דער וועש-קראם פון מ. קור-יאנסקי (סענקיעוויטש-גאס 34). די גנבים האבן ארויסגענבעט סחורה אין ווערט פון קרוב 6 טויזנט זל.

— א פרוב פון באגיין זעלבסטמארד האט געמאכט דער 50 יאריגער שפייז-קרעמער ל. פון ווארשעווער גאס. מ׳האט אים באצייטנס אפגעראטעוועט.

ל ו י ו ת:

שמעון פערעסמיק 66 יאר, בנימין קארפאוויסקי 6 וואכן.

## מיטוואך י״ב שבט
20 יאנואר

ל ו י ו ת:

מינע ראנאווסקי 55 יאר, מאנעס זאבלודאווסקי.

## דאנערשטאג י״ג שבט
21 יאנואר

אויפן קהלה-פלענום איז נאכאמאל אפגעשטימט געווארן די פראגע פון ביאליסטאקער ראב״ד. מיט 16 שטימעס ביי 5 ווייסע צעטלען איז לעצטגילטיג אויסגעקליבן געווארן הרב פאיאנס.

ל ו י ו ת:

סולע וואלאנסקי 82 יאר, יהושע גאלובארסקי 67 יאר.

## פרייטאג י״ד שבט
22 יאנואר

— — —

## זונטאג ט״ז שבט
24 יאנואר

דער ביאליסטאקער וואיעוואדע האט ארויסגעגעבן א קאמוניקאט, אז מאכן פלאנען אויף בנינים מעגן נאר אינזשי-נערן, וואס זיינען דערצו בארעכטיגט, דאס איז אבער בלויז נוגע די 3 גרע-סערע שטעט ווי ביאליסטאק, לאמזשע און סובאלק, וואו ס׳געפינען זיך גענוג רעכטלאכע אינזשינערן, אקעגן זשע, ווערט געזאגט אין קאמוניקאט, מעגן אין די קלענערע שטעט פון ביאליסט. וואיעוו., וואו ס׳איז א דוחק אין אינזשינערן, צוגרייטן אזעלכע פלאנען אויך טעכניקער, וואס האבן ניט דערויף קיין דערלויבעניש פון מיניסטעריום.

## מאנטאג י״ז שבט
25 יאנואר

דער מעבל-סטאליער לעווינזאן (סוכא 9) האט, ביים טראגן ברעטער, זיך אויס-געגליטשט און צובראכן א פוס.

— אין „בית עם״ איז פארגעקומען די אלגעמיינע פארזאמלונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. אין נייעם עקזעקוטיוו זיינען אויסגעקליבן געווארן: ד״ר גוטמאן, נ. יאקובסאן, ד״ר קאצנעל-סאן, י. ח. קלעמענטינאווסקי, ח. אלדאק, פר׳ זילבערדיק, פר׳ גראוו, דר. דאט-נער, ראקאוויצקי, וואיסקאווסקי. אדוו. קלעמענטינאווסקי, מגר. נאכימאווסקי, סטוד. נאכימאווסקי און סטוד. קאמע-נעצקי.

## דינסטאג י״ח שבט
26 יאנואר

א שוידערלאכע קאטאסטראפע איז געשען מיטן פאסאזשיר-אויטא פון ה׳ ליסטאקין, וועלכער האט קורסירט צווישן ביאליסטאק-גאניאנדז. 5 קמ. פאר קנישין איז דער אויטאבוס ארייגעפאלן אין א גראבן, ער איז אינגאנצן צו-שמעטערט געווארן, דערביי זיינען שווער און לייכט פארוואונדעט געווארן כמעט אלע פאסאזשירן.

— אויף ווארשעווער 63 איז א פרוי אראפגעשפרונגען פון 2-טן שטאק, כדי צו באגיין זעלבסטמארד. אין א שווערן מצב איז זי אפגעפירט געווארן אין יידישן שפיטאל.

— צוליב ארבעטלאזיגקייט איז בא-גאנגען זעלבסטמארד דער קעלנער אנטאני גאניאנדסקי.

## מיטוואך י״ט שבט
27 יאנואר

אויפן קהלה-פלענום איז לעצטגילטיג דערליידיגט געווארן די רבנות-פראגע. עס זיינען פארגעקומען די וואלן פון אונטער-רבנים (מורי הוראות) פון ביא-ליסטאק און כאראשטש, ס׳זיינען אויס-געקליבן געווארן פאלגנדיגע רבנים: הרב פאיאנס (21 שטימעס) הרב בישקאוויטש (20 שטימעס) הרב שצעדרא-וויצקי (18) און הרב אריה שאפירא — (15 שטימעס). פאר כאראשטשער רב איז אויסגעקליבן געווארן הרב אריה ליב ריוולין (20 שטימעס). דער „בונד״ האט זיך אין די וואלן ניט באטייליגט.

— אין קרייז-געריכט איז פארגעקומען א פראצעס קעגן פאראנטווארטלאכן רעדאקטאר פון „אונזער לעבן״ מ גאלד-מאן, צוליב אן אויסדרוק אין פ. קאפלאנס אן ארטיקל, אין שייכות מיטן וואיע-וואדעס באזוך אין דער קהלה.

אינם ארטיקל אין געווען אן אויס-דרוק „אדמיניסטראטיווער פאקטאר״, האט דער צענזאר דעם ווארט „פאקטאר״ איבערזעצט אין זינען פון מעקלער, און ניט ווי ס׳דארף זיין אין פויליש: "Czynnik". אט צוליב דעם איז עס פארפירט געווארן א פראצעס.

אלס פארטיידיגער איז ארויסגעטראטן אדוו. קלעמענטינאווסקי, נאך לייגנגרע פארהאנדלונגען לייגט פאר דער פרא-קוראר איבערשיקן דעם ענין אויף א שפראכלאכער עקספערטיזע אין ווארשע-ווער רעגירונג-קאמיסאריאט. דער פאר-שלאג ווערט אנגענומען.

## דאנערשטאג כ׳ שבט
28 יאנואר

ס׳איז געשען א קאטאסטראפע מיטן אויטאבוס ביאליסטאק-ביעלסק. וועלכער האט זיך ניט ווייט פון ביעלסק אנגע-שטויסן אן א משא-אויטא און איז שטארק צושעדיגט געווארן; דער קאנ-דוקטאר ג. קראוועצקי האט געקריגן א שטארקן קלאפ אין קאפ און דער ביאליסט. יונגערמאן דוד באראן האט פון די צעבראכענע שויבן באקומען וואונדן אין האלדז.

— פר׳ שפירא האט מנדב געווען 1500 זלאטעס אויף איינצוקויפן וועש פאר די תלמוד-תורה-קינדער און ישיבה-לייט.

ל ו י ו ת:

ברײנע קאטלער 40 יאר.

## פרייטאג כ״א שבט
29 יאנואר

אין היגן קרייז-געריכט האט זיך אנ-געהויבן דער פראצעס קעגן די באן-באאמטע יאן אשציקא א. א. וועלכע ווערן באשולדיגט אין דער גרויסער באן-קאטאסטראפע, וואס איז פארגעקו-מען מיט א צייט צוריק ביי לאפי. ס׳זיינען ארויסגערופן געווארן 53 עדות און עטלאכע עקספערטן.

## זונטאג, כ״ג שבט
31 יאנואר

אין וואלד „זוויעזשיניעץ״ האט מען געפונען א פארסמטן דעם קאסירער פון דער קריסטלאכער קרעדיט קאסע פאר האנטווערקער (מארק גאס 1) ה׳ וויל-טשעווסקי. ווי מ׳איז דערגאנגען, האט דער זעלבסטמארד א שייכות מיט דער שרפה פאריגע וואך אין דער אויבנדער-מאנטער קרעדיט-קאסע, וואו ס׳האט, אגב, נאך א דורכגעפירטער רעוויזיע עפעלט אין קאסע ביי 15000 זל.

— פרייטאג און שבת איז דורכן קרייז-געריכט ארויסגעטראגן געווארן דער פסק-דין קעגן די שולדיגע אין דער גרויסער באן-קאטאסטראפע ביי לאפי, וואו 4 פאסאזשירן זיינען דער-הרגעט געווארן און א סך פארוואונ-דעט.

פון די 4 באשולדיגטע באאמטע, איז

דער הויפט באשולדיגטער אשיצקי פאר-משפט געווארן אויף 2 יאר תפיסה, א צווייטער אויף 6 חדשים, א דריטער — 4 חדשים און דער פערטער, דער ג. קאנדוקטאר באראווסקי, באפרייט.

— דער היגער קאמיטעט, וועלכער פארנעמט זיך מיטן שטעלן א זאמענהאפ-דיינקמאל, האט דערהאלטן א 60-דאלארדיגן טשעק, א נדבה אויפן דיינקמאל.

דער מנדב איז דער יאפאנישער סאניקאא גאטאא, פארזיצער פון דער גרעסטער בילדונג-געזעלשאפט אין יאפאניע.

### מאנטאג, כ"ד שבט
1 פעברואר.

— — —

### דינסטאג, כ"ה שבט
2 פעברואר.

10 אינאווענט איז אויסגעבראכן א שרפה אין צענטער שטאט אין דער הויז, וואו ס'געפינט זיך דער רעסטאראן „אקוואריום" און די „בירגער רעסורסע"; געליטן האט בלויז דער רעסטאראן „אקוואריום", וואו ס'איז אפגעברענט געווארן די קיך און ס'זיינען פארניכטעט געווארן די אינעווייניגסטע צימערן פון רעסטאראן, צווישן אנדערע איז פארברענט געווארן די גאנצע גארדעראב פון א יידישער פארטנצערין, וועלכע איז דעמולט טאק אנגעקומען פון ווארשע; איינלעשן די שרפה האט געדויערט 2 שעה. בעתן לאקאליזירן די דעם פייער זיינען פארוואונדעט געווארן 3 פייערלעשערס.

— אויף גיעלדאווע 4 האט זיך דערשאסן דער 30 יאריגער ארבעטער אסטראווסקי, סיבה — אן אומהיילבארע קרענק.

ל ו י ו ת:

גיטל פעטרושניק 62 יאר.

### מיטוואך, כ"ו שבט
3 פעברואר.

דער יידישער יונגערמאן צאלע בערקמאן איז געפונען געווארן א געהאנגענער אין א שטאל פון פאלווארק וואזאלעוויטשע, הינטער פאטאצקין. אין זיין נאטיץ-ביכל האט מען געפונען פאלגנדיגע אויפשריפט: „איך באגיי דעם זעלבסטמארד צוליב אפאטיע צום לעבן".

### דאנערשטאג, כ"ז שבט
4 פעברואר.

אויף סאפאטוווע גאס האבן גנבים אונטערגעשטעלט א פוס א פראוויזצער פרוי, וועלכע איז אומגעפאלן. דאמאלס האבן זיי צוגעגנבעט ביי איר א רידיקול מיט 500 דאלאר, וואס זי האט אקארשט געהאט אויסגעביטן אין א היגער געלט-קאנטאר.

### פרייטאג, כ"ח שבט
5 פעברואר.

דער שטאטישער געריכט האט, אין א סכסוך צוליב א געלט-תביעה, ארויסגעגעבן א דעציזיע פאר 2 היגע יידישע סוחרים, אז זיי זאלן שווערן אין שול פאר שווארצע ליכט.

### זונטאג, ל' שבט
7 פעברואר.

אין שטאטישן געריכט איז פארגעקומען א פרעסע-פראצעס קעגן פאראנטוו. רעד. פון „אונזער לעבן" מ. גאלדמאן. עס האט זיך געהאנדלט וועגן אן ארטיקל פון פ. ק. פונעם 17.9.1931, א. נ. „די אנטיסעמיטישע ליציטאציע", וואו די פראקוראטור האט איינגעזען א טענדענץ פון רייצן איין טייל באפעלקערונג קעגן דער צווייטער. נאך א געלונגענער פארטיידיגונג פון אדוו. זשעמיילסקי, ווערט דער אנגעקלאגטער באפרייט.

— לויט די רעזולטאטן פון דער לעצטער פאלק-ציילונג, פארמאגט ביאליסטאק שטענדיגע איינוואוינערס בלויז 86.900. בעת דער ציילונג האבן 46.334 פערזאן אנגעגעבן פאר זייער מוטערשפראך — פויליש, ביי 35.000 פערזאן — יידיש, העבער 5000 פערזאן — העברעאיש.

### מאנטאג, א' אדר א'
8 פעברואר.

צום 1-טן פעברואר ה. י. איז די שטאט געווען שולדיג — 3,733,789 זל.

ל ו י ו ת:

שמואל שער, 70 יאר.

### דינסטאג, ב' אדר א'
9 פעברואר.

ס'איז באגאנגען זעלבסטמארד די 23-יאריגע פאניע קרייטערמאן, די זעלבסטמערדערין, וועלכע שטאמט אליין פון ווארשע און האט דא געארבעט די לעצטע 2 יאר אין א גרויסער טעקסטיל-פירמע, האט פארן טויט געבעטן, מ'זאל איר איבערפירן קיין ווארשע צו קבורה.

ל ו י ו ת:

הערש וואפנער, 68 יאר.

לייזער בעז 11 יאר.

### מיטוואך, ג' אדר א'
10 פעברואר.

פאליציי האט ארעסטירט 4 מיטגלידער פון דער באנדע „די שווארצע האנט", מענטשן פון דער אונטערוועלט, וועלכע פלעגן טעראריזירן אייגנטימערס פון אונטערנעמונגען און אויף פריוואטע פערזאנען.

ל ו י ו ת:

פריידע שחר, 73 יאר.

הינדע קאפלאן, 74 יאר.

### דאנערשטאג, ד' אדר א'
11 פעברואר.

אין דער גרויסער שול איז פארגעקומען א שבועה, לויט דער דעציזיע פון שטאטישן געריכט. געשווארן האבן: דער היגער קרעמער וואלף וועגנעראווסקי צוליב א געלט-סכסוך מיט אן ארבעטער וועגן עטלאכע און נייניציג זל. און א פרוי שפרינצע אדעלסקי צוליב א געלט-תביעה פון עטלאכע הונדערט זל. מיטן קרעמער משה פאט.

— לואי מארקוס, וועלכער איז מיט 2 יאר צוריק געקומען פון אמעריקע באזוכן זיין היימשטאט ביאליסטאק און האט דא צוטיילט א סך נדבות, האט אריינגעשיקט אין עטלאכע היגע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס צו 50 דאלאר, אלס מיטגליד-אפצאל פאר א יאר.

### פרייטאג, ה' אדר א'
12 פעברואר.

— — —

### זונטאג, ז' אדר א'
14 פעברואר.

דער ביאליסטאקער קרייז-געריכט האט פארמשפט אויף 2 יאר שווערע תפיסה דער יידישער מיידל פאניע ליפשיץ פאר באטייליגן זיך אין א קאמוניסטישער דעמאנסטראציע דעם 6-טן אויגוסט פ. י.

### מאנטאג, ח' אדר א'
15 פעברואר.

פרייטאג איז געקומען צו קבורה, אין עלטער פון 73 יאר, דער היגער אנגעזעענער באלעבאס און סוחר, ר' אהרן-הערש קאנעל. זיינע קינדער געהערן צו דער ביאליסטאקער העכערער יידישער אינטעליגענץ.

ל ו י ו ת:

רחל לעווינסקי 68 יאר.

אייזיק לוסטערניק 79 יאר.

חנה גארבער 62 יאר.

### דינסטאג, ט' אדר א'
16 פעברואר.

אין שטאט-גארטן, ניט ווייט פון דער הויפט-אלייע, האט מען געפונען לינגדיג טיף פארוקט אין שניי א יונגע יידישע מיידל, וועלכע האט מיטן צוועק צו באגיין זעלבסטמארד, אריינגעלייגט זיך אין שניי, כדי זי זאל דערפרוירן ווערן. די סיבה — ארימקייט און צרות פון א שטיפמוטער.

ל ו י ו ת:

פרומע פאגעל 63 יאר.

שמואל מינעס 38 יאר.

## מיטוואך, י' אדר א'
17 פעברואר.

אין היגן קרייז-געריכט איז פאַרגעקומען אַ פּראָצעס קעגן פּאַספּאָרטן-פעלשער סעמאַכאָוויטש און די באַזיצערס פון פאַלשע אויסל. פּאַספּאָרטן, די ביאַליסטאָקער איינוואוינערס צילע סקאַלסקא און ראובן קאַזאַן, וועלכע האָבן געוואָלט מיט די פּעסער אַריבערשמוגלען דעם גרענעץ קיין דייטשלאַנד. דער פּסק-דין: סעמאַכאָוויטש — אַנדערהאַלבן יאָר תפיסה, סקאַלסקא און קאַזאַן — 6 חדשים. צוליב דער אַמנעסטיע ווערן געשיינקט 3 חדשים. די איבעריגע שטראָף אָפּגעלייגט בתנאי.

ל ו י ו ת:

עטל סימכעס 80 יאָר.

## דאנערשטאג י"א אדר א'
18 פעברואר.

אַ קאַטאַסטראָפע מיט דער קאַרעטקע פון דער „גיכער הילף" ביים „לינת הצדק": אַריינפאָרנדיג פון מאַרק-גאַס אויף סענקעוויטש-גאַס, איז דער שאָפער, וועלנדיג אויסמיידן צוויי דורכגייערס, אַרויפגעפאָרן אויף אַ בוים. דער אויטאָ איז שטאַרק צושעדיגט, דערביי איז איינער פון די סאַניטאַרן פאַרוואונדעט געוואָרן.

— ס'איז אויסגעבראָכן אַ שרפה אין טאַרטאַק „גרודעק". דער טאַרטאַק איז ניט געווען טעטיג צוליב אַ שטרייק פון די אַרבעטער. די שרפה איז אויסגעבראָכן מחמת דער שומר האָט פאַרלאָזן פייער. דער היזק באַטרעפט 15000 זל.

ל ו י ו ת:

זרח קאַטאָוויטש 67 יאָר.

## פרייטאג, י"ב אדר א'
19 פעברואר.

## זונטאג, י"ד אדר א'
21 פעברואר.

דער אַמעריקאַנער נדבן לואי מאַרקוס האָט אַריינגעשיקט 425 דאָלאַר פאַר פאָלגנדיגע אינסטיטוציעס: יתומים גנז., לינת-הצדק, תלמוד-תורה, לחם-נערים, הקדש, מרפא, לינת-חולים, קיבוץ, מושב-זקנים, אָרימע קינפעטאָרינס.

— פון דער פרוי דאָווע מאָריס פון אַמעריקע (טאָכטער פון מיליאָנער וואַנדערבילט) איז דערהאַלטן געוואָרן אַ נדבה פון 100 דאָלאַר לטובת דעם זאַמענהאָף-דינקמאָל אין ביאַליסטאָק.

## מאָנטאג, ט"ו אדר א'
22 פעברואר.

אין אַ פּראָצעס, וואָס איז פאַרגעקומען אין ווין אויף 3 אָנגעקלאָגטע אין פעלשן פּוילישע פּאָסט-מאַרקעס, האָט זיך אויך געפונען דער ביאַליסטאָקער מענדל לעווין, וועלכער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 6 חדשים תפיסה.

— לויט אַ באַריכט, וואָס די היגענישע קאָנטראָל-קאָמיסיע האָט פאַרעפנטלעכט וועגן דער פּראָסטיטוציע אין ביאַליסטאָק, זיינען פאַראַן אין שטאָט 207 פּראָסטיטוטקעס, דערפון 79 פּראָפעסיאָנעלע און 129 פּריוואַטע, יידישע גאַסן-פריען זיינען דאָ 10. ס'רוב פּראָסטיטוטקעס זיינען אין עלטער פון 20—30 יאָר. די פּראָפעסיאָנעלע מאַכן דורך ווענערישע קראַנקהייטן 5—6 מאָל אַ יאָר, די פּריוואַטע 15—16.

ל ו י ו ת:

אשר זעליג זאַלצמאַן, 91 יאָר, חיים הערש כהנה, 67 יאָר, דאָשע ביאַלע, 66 יאָר.

## דינסטאג, ט"ז אדר א'
23 פעברואר.

— — —

## מיטוואך, י"ז אדר א'
24 פעברואר.

בעת אַ סכסוך צווישן באַן-פאָרמאַנעס, וואָס איז פאַרגעקומען לעבן שטאָט-זייגער, האָט דער פאָרמאַן שמואל שמערקעס געקריגן מיט אַ אייזן איבערן קאָפּ.

## דאנערשטאג י"ח אדר א'
25 פעברואר.

דער פאָרמאַן שמואל שמערקעס, וועלכער האָט בעת אַ סכסוך צווישן באַן-פאָרמאַנעס באַקומען מיט אַ אייזן איבערן קאָפּ, איז אין דער זעלבער נאַכט געשטאָרבן. אויך זיין ברודער שילעמען האָט מען בעתן געשלעג לייכט פאַרוואונדעט מיט אַ מעסער אין האַלדז. דער הויפּט-שלעגער שעפּסל פּאָלאַק איז נעלם געוואָרן.

— מ. פּאָלעשטשוק, וועלכער האָט געדינט אין דער פאַבריק פון ה. כ. בעקער אַלס וועכטער, האָט מיט אַ מעסער זיך איבערגעשניטן די האַלדז און איז אויסגעגאַנגען אין גרויסע יסורים. די סיבה — אַ סכסוך מיט די עלטערן.

ל ו י ו ת:

ברכה ניעמאַן 40 יאָר.

## פרייטאג, י"ט אדר א'
26 פעבפואר.

ס'איז פאַרגעקומען די לויה פונם טראַגיש אומגעקומענעם פאָרמאַן ש. שמערקעס, וועלכער האָט איבערגעלאָזן אַ פרוי און 6 קליינע קינדער. נאָכצייטיג האָט זיך צו דער פּאָליציי געמאָלדן דער רוצח שעפּסל פּאָלאַק און זיך מודה געווען אינם פאַרברעך.

ל ו י ו ת:

שמואל שמערקעס 44 יאָר.

## זונטאג, כ"א אדר א'
28 פעברואר.

אַ 15-פּערזאָניגער קאָמיטעט פון פאַרשיידענע פאַריינען און געזעלשאַפטן האָט פּראָקלאַמירט אַ אַקציע קעגן דעם יקרות אויף עלעקטריע.

## מאָנטאג, כ"ב אדר א'
29 פעברואר.

דעם שטאָט-פּרעזידענט הערמאַנאָוויסקי איז געלונגען צו באַקומען אין דער קאָמונאַלער אָפּשפּאָר-באַנק אין וואַרשע אַ קורצטערמיניגע הלוואה (3 חדשים) אויף אַ סומע פון 80.000 זל.

ל ו י ו ת:

חיה בוקאָוויטש 63 יאָר.
אהרן שלום גאַלאַנטי 66 יאָר.
דוד געלבאָרד 39 יאָר.
חיה מאשע אַקערמאַן 11 חדשים.

## דינסטאג, כ"ג אדר א'
1 מערץ.

די שטאָטישע אָנגעשטעלטע האָבן דערקלערט אַ איינטאָגיגן שטרייק אַלס פּראָטעסט קעגן רעגירונג-פּראָיעקט צו רעדוצירן באַאַמטע און שכירות.

— אַ געוועזענער דוד געלבאָרד, אַ פאַקירער, וועלכער איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל צוליבן באַנוצן צופיל אַלקאָהאָל, איז צוויי טעג ניט געקומען צו קבורה, צוליב אַ סכסוך צווישן זיין ערשטער און צווייטער ווייב וועגן דער איבערגעבליבענער דירה.

ל ו י ו ת:

וואָלף בוקאָוויטש 83 יאָר.

## מיטוואך, כ"ד אדר א'
2 מערץ.

נאָך אַ שווערער קראַנק איז געשטאָרבן, אין עלטער פון 71 יאָר, פרוי אסתר וויינרייך, די פרוי פון באַקאַנטן כלל-טוער ה' זלמן וויינראַך. די פאַרשטאָרבענע האָט געשטאַמט פון איינער פון די אָנגעזעענסטע ביאַליסטאָקער פאַמיליעס. איר פאָטער איז געווען ר' נחום צווזמער.

ל ו י ו ת:

אסתר וויינראַך 71 יאָר.
כאַשע שקאָלניק 60 יאָר.
שלמה לעוו 15 חדשים.

## דאָנערשטאָג, כ"ה אדר א'
3 מערץ.

צוויי וואָכן דויערט שוין דער שטרייק פון די קצבים צוליב אַ סכסוך מיטן מאַגיסטראַט. דער מאַגיסטראַט קוילעט אַליין קעלבער.

ל ו י ו ת:

משה גאָלדשטיין 67 יאָר.

## פרייטאַג, כ"ו אדר א'
4 מערץ.

אין קרייז-געריכט איז פאָרגעקומען א אויסטערלישער פּראָצעס.

דער וואָשילקאָווער יונגערמאַן האַלפּערן (אַ בן הרב) איז אָנגעקלאָגט געוואָרן דורכן היגן באַקאַנטן לערער גאָלדבערג און פרוי אין דערטרינקען זייער 16-יעריגן זון ישעיה גאָלדבערג, בעת ער, האַלפּערן, האָט דעם יונגן גאָלדבערג געלערנט שווימען.

נאָך די עדות-דערקלערונגען פון ביידע צדדים, ווערט דער אָנגעקלאָגטער באַפרייט.

## זונטאַג, כ"ח אדר א'
6 מערץ.

אין היגן קרייז-געריכט איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס קעגן 6 קריסטלאַכע יונגעלייט, וועלכע זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין געהערן צום אומלעגאַלן „קלוב פון געהיימער האַנט", וועמעס ציל ס'איז געווען: אָנפאַלן און רציחות.

דער פּסק-דין: טאַרגאַנסקי 1 יאָר שווערע תפיסה, מרזשווינסקי — 10 יאָר, ברידער מילקאָווסקי צו 8 חדשים. די איבעריגע באַפרייט.

## מאָנטאַג, כ"ט אדר א'
7 מערץ.

ל ו י ו ת:

חנה זילבערשטיין 81 יאָר.

## דינסטאַג, ל' אדר א'
8 מערץ.

דער היגער עספעראַנטאָ-קאָמיטעט האָט דערהאַלטן אַ ידיעה פון האַג, אַז דער דאָרטיגער „צענטראַלער עספעראַנטישער ביכער-פאַרלאַג" האָט נאָכן אויסצאָלן דעם דיווידענד די אַקציאָנערן, באַשטימט דעם רעשט פון דער יערלעכער הכנסה אין דער הויך פון 102.53 האָלענדישע גולדן (ביי 370 זל.) פאַרן ביאַליסטאָקער קאָמיטעט אויפצושטעלן אַ דיינקמאָל לכבוד דר. זאַמענהאָף.

ל ו י ו ת:

יואל סוכאָניצקי 63 יאָר.

## מיטוואָך, א' אדר ב'
9 מערץ.

ל ו י ו ת:

ברוך זילבערפעניג 4 יאָר.

## דאָנערשטאַג, ב' אדר ב'
10 מערץ.

פון אַ האַרץ-אַטאַק איז פּלוצלינג געשטאָרבן דער באַקאַנטער יונגער סוחר חיים וויינשטאַט, 33 יאָר אַלט, אַ זון פון דער אייגנטימערין פון קינאָ „אַפּאָלאָ".

ל ו י ו ת:

דבורה רחל פינאַנושיק 69 יאָר.

חיים וויינשטאַט 33 יאָר.

## פרייטאַג, ג' אדר ב'
11 מערץ.

3 קריסטלאַכע יונגעלייט שטייען פאַר אַ שטאַנד-געריכט פאַרן צורייבן 10 זל. ביי אַ געוויסן ב. זונטשיק אין סטאַוויסק.

ל ו י ו ת:

פייוול מעלער 79 יאָר.

אברהם מאשקאוויטש 43 יאָר.

חוה ווערבלוד 11 יאָר.

יצחק סאקאלאק 11 יאָר.

ישראל ליכטענבערג (וויס. מאַז.) 47 יאָר

## זונטאָג, ה' אדר ב'
13 מערץ.

ס'האָט זיך פאַרסמט מיט עסיג-עסענץ די 25-יאָריגע מאַריאַ לוקאַשעוויטש. די סיבה — בייינקעניש נאָכן פאַרשטאָרבענעם פאָטער.

אויפן זעלביגן אופן האָט זיך אויך פאַרסמט די 26-יאָריגע נאַדיאַ ניעסטעראָוויטש. אַ דינסט ביי דער משפּחה טעסלער (טשענסטאָק. 13).

ל ו י ו ת:

ישראל באַראַקאַן 82 יאָר.

פנחס גרינשפּאַן 62 יאָר.

חיה מרים שאַטקאַס 54 יאָר.

יצחק בורשטין (וואָלקאָוויסק) 12 יאָר.

## מאָנטאַג, ו' אדר ב'
14 מערץ

זונטאַג 2 ביינאַכט איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק אויף אַן אויטאָ דער מלוכה-פּרעזידענט ה' מאָשציצקי מיט זיין סוויטע. דער הויכער גאַסט איז פאַרפאָרן אין דער וואָיעוואָדשאַפט, וואו ס'איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פייערלאַכער מיטאָג. דער ה' פּרעזידענט איז אין עטלאַכע שעה אַרום אָפּגעפאָרן אויף יאַכט קיין ביאַלאָוועזש.

— די פאַבריקאַנטן האָבן באַשלאָסן צו רעדוצירן די לוינען פון די אַרבעטער אין די וועבערייען.

ל ו י ו ת:

דבורה-גיטל שוסטער 58 יאָר.

## דינסטאַג ז' אדר ב'
15 מערץ

דער קצבים-שטרייק, וואָס האָט געדויערט 4 וואָכן, איז פאַרענדיקט געוואָרן.

— אַ בלוטיגער פאַל האָט געטראָפן אויפן פיש-מאַרק: צוליב אַ סכסוך אין שייכות מיטן קצבים שטרייק, האָט אַ געוויסער יאָסל בערקאָוויטש (ציעשינסקאַ 12), זיך געוואָרפן מיט אַ האַק אויפן קצב משה לינטשעווסקי און אים אָפּגעהאַקט די האַנט.

ל ו י ו ת:

יוסף זשעדקאַ 22 יאָר, חיה לוריע 84 יאָר.

## מיטוואָך, ח' אדר ב'
16 מערץ.

— — —

## דאָנערשטאַג ט' אדר ב'
17 מערץ

דער קאָמיטעט, וואָס פירט אָן מיט דער אַקציע ביליגער צו מאַכן עלעקטריע, האָט דערהאַלטן אַ תשובה פון דער עלעקטראָווניע אויפן ממאָריאַל, וואָס דער קאָמיטעט האָט איר איבערגעשיקט. די עלעקטראָווניע, ווערט געזאָגט אין דער תשובה, קען ניט פירן קיין אונטערהאַנדלונגען מיטן קאָמיטעט, נאָר מיט אַזעלכע אָרגאַנען, וואָס זיינען דערצו באַרעכטיגט, ווי מאַגיסטראַט און אַרבעט-מיניסטעריום.

## פרייטאַג י' אדר ב'
18 מערץ

— — —

## זונטאַג י"ב אדר ב'
20 מערץ

ס'איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון 19 יידישע און פּוילישע אָרגאַניזאַציעס וועגן דעם יקרות אויף עלעקטריע. מ'האָט אויסגעקליבן אַ עקזעקוטיוו פון 10 פּערזאָן.

— גנבים האָבן זיך אַריינגעקריגן ביינאַכט אין לאָקאַל פון דער קהילה און אויפגעבראָכן די אייזערנע קאַסע. זיי זיינען אָבער אַוועק מיט ליידיגן, ווייל אין דער קאַסע האָט זיך ניט געפונען קיין פּרוטה.

— אין קרייז-געריכט איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס קעגן נאָטאַריוס בעדנאַרסקי, וועלכער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן און צוניפשטעלן אַ דאָקומענט, געבויט אויף פאַלשע אינפאָרמאַציעס. דער געריכט האָט צוגעפּסקנט, אַז בעדנאַרסקי דאַרף באַצאָלן 2000 זל. שטראָף

### מאנטאג י״ג אדר ב׳
21 מערץ

ל ו י ו ת

מאיר שווארץ 81 יאָר, חנה ברענער 49 יאָר.

### דינסטאג י״ד אדר ב׳
22 מערץ

ל ו י ו ת:

יצחק מילער 83 יאָר, בערל פּאַר-בער 80 יאָר.

### מיטוואָך ט״ו אדר ב׳
23 מערץ

50 ביאַליסטאָקער זיינען אָפּגעפאָרן קיין א״י אויף דער „מכּביאַדע״. 1000 פּערזאָן זיינען געקומען באַגלייטן. צווישן די אָפּפאָרנדיגע זיינען געווען 45 מיידלאַך.

### דאנערשט. ט״ז אדר ב׳
24 מערץ

דער היגער רייכער יונגערמאַן וו. וועלכער איז געווען אַ חתן פאַר אַ 18 יאָריגער זשעליכאָווער מיידל, איז צום באַשטימטן טאָג אָוועקגעפאָרן אַהין צו דער חתונה. גייענדיג צו דער חופּה איז אָבער די יונגע כּלה נעלם געוואָרן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז אַנטלאָפן מיט אַ קריסטלאַכן געליבטן.

— אין קרייז-געריכט איז פאָרגעקו-מען אַ פּראָצעס קעגן פייוול בונטמאַן, רחל, קונטש, רחל ווינאַווער און שיינע סוראָזסקי, וועלכע זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין קאָמוניסטישער טעטיגקייט. היות זייער שולד איז ניט דערוויזן געוואָרן, זיינען זיי נאָך דער פּאַרטיי-דיגונג פון די אַדוו. שווארץ און טי-לעמאַן באַפרייט געוואָרן.

### פרייטאג י״ז אדר ב׳
25 מערץ

ל ו י ו ת

חיה דינה לעוו 48 יאָר, אברהם גאָלדמאַן 86 יאָר, רבקה מגיד 27 יאָר.

### זונטאג י״ט אדר ב׳
27 מערץ

— אין ווארשע איז פאָרגעקומען דער אַפּעלאַציע-פּראָצעס פון דער ביאַליסטאָ-קער באַנדע געלט-פעלשערס מיט יע-לעניעוון בראש.

דער אַפּעלאַציע-געריכט האָט בלויז פאַרקלענערט די שטראָף פון יאנקל איגליצקי פון 12 אויף 9 יאָר און אברהם יצחק באַסיאַר פון 12 אויף 8 יאָר׳ די איבעריגע שטראָפן (יעלעניע-וויטש 12 י.) זיינען געבליבן אין קראַפט.

### מאנטאג כ׳ אדר ב׳
28 מערץ

— — — — —

### דינסטאג כ״א אדר ב׳
29 מערץ

די שטאָטישע אויטאָבוס-קאָמוניקאַציע, וועלכע האָט געהערט צו דער ביאַלי-סטאָקער יידישער פירמע ב.ט.ק. איז איבערגעגעבן צו דער ווארשעווער פיר-מע „אורסוס״, צו וועמען ס׳האָבן, אגב, אויך געהערט די אויטאָבוסן.

### מיטוואָך כ״ב אדר ב׳
30 מערץ

ה׳ לואיס גארבער פון אַמעריקע האָט אַריינגעשיקט אויפן אַדרעס פון רעד. „אונזער לעבן״ 105 דאָלאַר פאַר פאַר-שיידענע אינסטיטוציעס און פּריוואַט-פּערזאָנען שטיצע אויף פסח.

— צוליבן באַשלוס פון די פאַבּרי-קאַנטן צו רעדוצירן די לוינען פון די וועבערס, זיינען געבליבן שטיין אַלע פאַבּריק-וועבערייען.

### דאנערשט. כ״ג אדר ב׳
31 מערץ

ל ו י ו ת

יענטע בירנבוים 74 יאָר.

### פרייטאג כ״ד אדר ב׳
1 אפריל

אויסטרינקענדיג עפ״י טעות ברען-ספּירט, האָט זיך פאַרסמט אַ געוויסער ה. ראַכאַביק, אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער געשטאָרבן.

ל ו י ו ת

פריידע לינטשעווסקי 30 יאָר.

### זונטאג כ״ז אדר ב׳
3 אפריל

— — — — —

### מאנטאג כ״ח אדר ב׳
4 אפריל.

ס׳איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער האַנדל-אינדוסטרי-באַנק. לויטן באַריכט, האָט די באַנק דעם יאָר געמאַכט אַן אומזאַץ פון 10 מיליאָן זל. קיין דיווידענטן זיינען כמעט ניט געווען. צוליבן קריזיס, האָט דער פּערסאָנאַל זיך פרייוויליג רע-דוצירט מיט 20 פּראָצענט.

ל ו י ו ת:

בער סוקאָניצקי 23 יאָר.

מערי שוועץ 67 יאָר.

### דינסטאג, כ״ח אדר ב׳
5 אַפּריל

— — — — — —

### מיטוואָך, כ״ט אדר ב׳
6 אַפּריל

ס׳איז פאָרגעקומען אַ שטורמישע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אין פאַיען-באַנק. אין דער פאַרוו. זיינען אויסגע-קליבן געוואָרן ה״ה צבי כהן, איסר לוריע און לייזער כהנא. — קאַנדידאַטן ה״ה משה מגיד, מרדכי בורשטיין און אברהם קאַפּלאַנסקי; אין ראַט — ה״ה ישראל פריד, י. טשאַפּלינסקי. — קאַנדי-דאַטן ה״ה שמואל סאָרינאָוו, שמואל פּשעפּיורקא און דוד נאָטעס.

### דאנערשטאג, א׳ ניסן
7 אַפּריל

אַ סודותפולע רציחה איז אויסגע-פירט געוואָרן אויפן שאָסיי-ביאַליסטאָק-אָסטראָווע. אין פּאַסאַזשיר-אויטאָ נומער 63648 איז געפונען געוואָרן דער שאָ-פער פון אויטאָ, דער יידיש. יונגער-מאַן ישראל קעלטער (פון וואַרשע) מיט אַ דורכגעשאָסענעם קאָפּ. אין אויטאָ האָט מען געפונען אַ וואַליזקע מיט אַ דאָקומענט פון ז. טשיגלינסקי.

ס׳איז געשטאָרבן אין עלטער פון 70 יאָר די פרוי שרה ראָ-זענבערג; די פאַרשטאָרבענע איז גע-ווען אַ טאָכטער פון אַמאָל באַקאַנטן אין שטאָט ר׳ יעקב שוחט (פּאַט) דער זיידע פון ר׳ ליפּא פּאַט. צוזאַמען מיטן פאַרשטאָרבענעם מאַן האָט זי אויסגעבויט דעם בלאָק הייזער אויף ליפּאָווע, וועלכע ווערט אָנגערופן „ראָזענבערג געסל״.

ל ו י ו ת:

ברײנע קרײנדלער 76 יאָר.

ריבה ראַפּאָפּאָרט קאַגאַן 67 יאָר.

### פרייטאָג, ב׳ ניסן
8 אַפּריל

אין שייכות מיט דער סודותפולער רציחה פון וואַרשעווער יידישן שאָפער ביי אָסטראָווע, איז דער פּאָליציי גע-לונגען צו פאַרהאַלטן דעם רוצח שטיגלינסקי, אַ שילער פון מלוכה-גימ-נאַזיע. דער מערדער האָט זיך פאַר-ענטפערט, אַז ער האָט דעם שאָפער דערשאָסן ניט-ווילנדיג.

### זונטאָג, ד׳ ניסן
10 אַפּריל

דער מאַגיסטראַט האָט דערהאַלטן אַ טעלעפאָנישע מעלדונג פון מיניסטער-יום פאַר עפנטלאַכע אַרבעטן, אַז דער מיניסטעריום האָט שוין באַשטעטיגט דעם אָפּמאַך צווישן דער שטאָט מיט דער עלעקטראָווניע, אין שייכות מיטן

ביליגערן פרייז אויף עלעקטרי, ווי אויך וועגן דער הלוואה, וואָס די עלעקטראָווניע גיט דעם מאַגיסטראַט. די הלוואה מוז, אגב, פאַרניצט ווערן נאָר אויף אינוועסטיציע - צוועקן.

— דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדע ה' קאָשטשאַלקאָווסקי האָט בעת אַ שמועס מיטן שטאָט - פּרעזידענט און וויצע-פּרעזידענט דערקלערט, אַז לויט די ידיעות, וואָס ער האָט באַקומען זייענדיג לעצטנס אין וואַרשע, ווייזט זיך אַרויס, אַז די קלאַנגען וועגן אָפּשאַפן די ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט האָבן ניט קיין שום יסוד.

— דער ערשטער מעטש פון סעזאָן צווישן „ייסק"-„יאגעלאָניאַ" האָט זיך פאַרענדיגט מיט 4:2 לטובת „יאַגעלאָניא". ביז דער הפסקה 1:1.

## מאנטאָג, ה' ניסן
11 אַפּריל

דער געריכט האָט אונטער די אויגן פאַרמשפּט דעם ראטמאַן שואל גאָלדמאַן אויף 2 וואָכן אומבאַדינגטן אַרעסט פאַר אַ געוויסן אויסדרוק, וועלכן ער זאָל האָבן אַרויסגעבראַכט אויפן חשבון פון וויצע-פּרעזידענט אַדוו. זשעמילסקי דעם 13 יולי 1931, בעת ער, ש. גאָלדמאַן, און קאפּיטולקא, האָט אין נאָמען פון דער קרייז-קאָמיסיע אינטערווענירט ביים וויצע - פּרעזידענט וועגן שטיצע פאַר אַרבעטלאָזע. ראַטמאַן ש. גאָלדמאַן האָט אַפּעלירט. אַלס עדות מצד דער באַשולדיגונג איז אַרויסגעטראָטן וויצע-פּרעזידענט זשעמילסקי, אַלס פאַרטיידיגונג-עדות קאַפּיטולקאָ און לאַווניק פלוימענבוים. דער באַשולדיגער, אַ פאָרשטייער פון דער פּאָליציי, האָט געפאָדערט 3 חדשים תפיסה אָן אַ תנאי. פאַרטיידיגט האָט אַדוו. גרושקעוויטש, דער געריכט האָט פאַרמשפּט ש. גאָלדמאַנען צו באַצאָלן 100 זל. אָדער 4 וואָכן אַרעסט.

— דער באָקס-מעטש צווישן די רעפּרעזענטאַנצן פון ביאַליסטאָק און פּשעמיסל האָט זיך פאַרענדיגט מיטן הויכן נצחון פון די ביאַליסטאָקער 4:10

ל וו י ו ת

פעשע סאָקאָלסקי 78 יאָר, הערש פּאָראָזאָווסקי 81 יאָר, איטקע רייזל פּאוועלסקי 80 יאָר, הערש פּישער 81 יאָר, חנה גינזבורג 7 יאָר.

## דינסטאג, ו' ניסן
12 אַפּריל

אויף דער באַשולדיגונג-באַנק אין קרייז-געריכט איז געזעסן דער באַקאַנטער היגער כלל-טוער ה' מענדל קאַפּלאַן. די פּרוי פון פאַרשטאָרבענעם פאַבריקאַנט אברהם הובינסקי האָט אים באַשולדיגט, אַז אַלס ראַטגעבער פון איר מאן, האָט ער פארכאַפּט 2 פאַרזיכערונג-פּאָליסן פון די געז. „פּשעזשערנאשטש" און „וועסטא" צו 5000 דאָלאר, וואָס איר מאן האָט ביי אים איינגעלייגט אַלס משכון פאַר אַ חוב פון אַ פּאָר טויזנט זל. אקעגן-זשע קאפּלאַן האָט געטענהט, אַז די פּאָליסן האָט אים הובינסקי אַוועקגעשיינקט און ער האָט זיך בכיוון אַסעקורירט, הובינסקי, כדי אין פאַל פון טויט זאָל ער קאפּלאן, אָפּנעמען די פּרעמיע. אַלס ציוויל-מאָנערס זיינען אַרויסגעטראָטן אַדוו. בערענזאָן פון ויאַרשע און זדראָיעווסקי ביאַליסטאָק, אַלס פאַרטיידיגערס — אַדוו. עטינגער פון וואַרשע און שווארץ, ביאַליסטאָק. נאָך אַ שעהדיגער בעראטונג ווערט דורכן געריכט אַרויסגעטראָגן פאַר קאפּלאנען אַ באַפרייאונג-אורטייל.

## מיטוואָך, ז' ניסן
13 אַפּריל

ל וו י ו ת

איידל קראַווטשיק 84

## דאנערשטאג ח' ניסן
14 אפּריל

אין אַמעריקע איז געשטאָרבן דער ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַן ה' מאיר פּראַנק, וועלכער האָט פאַרן טויט צוטיילט אויף צדקה-צוועקן 16 טויזנט דאָלאַר, דערין 13.00 דאָלאַר פאַר ביאַליסטאָקער אינסטיטוציעס.

ל וו י ו ת

מרים זילבערפעניג 6 יאָר, רחל ביטערמאַן 81 יאָר.

## פרייטאג ט' ניסן
15 אפּריל

אין דער עספּעראַנטאָ-געזעלשאַפט איז פאָרגעקומען אַן אָנדיינק-אָוונט צום 15-טן יאָרצייט פונם שאַפער פון עספּעראַנטאָ, דר. זאַמענהאָף.

ל וו י ו ת

חיה רייזל קרושעווסקי 79 יאָר, דוד ראַבינעק 46 יאָר, פּלטיאל זעליגזאָן 80 יאָר.

## זונטאג י"א ניסן
17 אפּריל

עטלאַכע הונדערט אָרימע האָבן זיך צונויפגעקליבן אין קהילה און געפאָדערט שטיצע אויף פּסח. היות מ'האָט זיי אָפּגעזאָגט, ווייל די ליסטע פון די רעגיסטרירטע איז שוין געווען געשלאָסן, האָבן זיי געמאַכט אַ סקאַנדאַל און טעראָריזירט די פרנסים און באַאַמטע, וועלכע זיינען זיך צוליב מורא צולאָפן. ס'האָט געמוזט אינטערווענירן פּאָליציי.

ל וו י ו ת

לייב האלפערן 26 יאָר, טשערני גאַמבערג 64 יאָר

## מאנטאג י"ב ניסן
18 אפּריל

ל וו י ו ת

יהושע פּאליי 49 יאָר, יצחק קאָלטון 92 יאָר, מינדל שניירער 76 יאָר, טויבע מעסער 63 יאָר, משה אייזנשמידט 64 יאָר.

## דינסטאג י"ג ניסן
19 אפּריל

די נייע דירעקציע פון דער שטאָטישער אויטאָבוסן-קאָמוניקאציע האָט רעדוצירט 4 יידישע אָנגעשטעלטע, 2 קאָנדוקטאָרן און 2 שאָפערן.

## מיטוואך י"ד ניסן
20 אַפּריל

(פּסח 21, 22, 23)

## זונטאג י"ח ניסן
24 אַפּריל

נאָך לאַנגע זוכענישן איז דעם אויספאָרש-אַמט געלונגען צו כאַפּן די גנבים, וועלכע האָבן אין ה. נאָוועמבער פּ. י. אויסגעפירט אַ גרויסע גנבה אינם טוךגעשעפט פון ה' קאַשטשענעווסקי. אַ טייל פון דער גנבה איז געפונען געוואָרן אין דער דירה פון חנה ליבערמאַן, וואַרשע פּאַוויע 84.

## מאנטאג י"ט ניסן
25 אַפּריל

ס'איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער טעקסטיל-סעקציע ביים פאַבריקאַנטןפאַריין. נאָך לייַנגערע וויכוחים, איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיגע רעזאָלוציע: צוליבן עובר זיין אויף די לוין-פרייזן, וואָס זיינען פאָרגעזען אין צעניק, וועלכער פאַרפליכט פון יאָר 1928, און צוליבן ניט קענען איינהאַלטן די הויך פון יענע לוין-פרייזן, קינדיגן פון 25 ד. י. די דערמאָנטע פרייזן אין די פאָלגנדיגע אָפּטיילן: רייסעריי, פאַרבעריי, שפּינעריי און אַפּרעטור.

— אין „פּאַלאַס" איז פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזער באָקס-מעטש צווישן דער היגער רעפּרעזענטאַנץ „ייסק"-„יאַגעלאָניאַ" מיטן לאָדזשער וויצע-מייסטער „גייער". אומגעריכט האָט די ביאַליסטאָקער רעפּרעזענטאַנץ אָפּגעהאַלטן אַ נצחון פון 5:7.

### דינסטאג כ' ניסן
26 אפריל

מאנטאג פרי איז פלוצלינג געשטארבן אין עלטער פון 49 יאר דער היגער פאפולערער ציין-דאקטאר אהרן בערענבלום. דער פארשטארבענער האט געשטאמט פון קאסאווע. קומענדיג קיין ביאליסטאק, האט ער צוערשט פראקטיצירט ביים ציין-דאקטאר מויערמייסטער נאכן עפענען זיין אייגענעם קאבינעט איז ער געווארן שטארק אנגענומען און פאפולער אין שטאט. אלס מענטש איז ער געווען זייער סימפאטיש און באליבט. דער פארשטארבענער איז געווען פארוואלטונג-מיטגליד פון ציין-דאקטוירים-פאריין אין ביאליסט. קרייז.

ל ו י ו ת:

פייוול יחזן 26 יאר, הערש וויארסט 80 יאר, לייב לוקסענבערג 94 יאר, אהרן בערנבלום 48 יאר.

### פרייטאג כ"ג ניסן
29 אפריל

אין שייכות דערמיט, וואס דער עקזעקוציע-אפאראט ביים מאגיסטראט גייט איבער צום פינאנס-אמט, האט דער מאגיסטראט געקינדיגט 17 עקזעקוטארן.

— ס'איז פארגעקומען די אלגעמיינע פאראמלונג פון דער קעגנזייטיגער קרעדיט-געזעלשאפט. דער באריכט האט ניט ארויסגערופן קיין גרויסע וויכוחים. לסוף זיינען פארגעקומען וואלן. אין דער פארוואלטונג זיינען אריין: אינזש. א. לונסקי און ל. וויגאדסקי. פארטרעטערס: ה' ל. קאפלאן און אין ראט ה' וו. צויזמער, אינזש. ליפשיץ און משה פוניאנסקי.

— דער מעטש צווישן „מכבי" און „ייסק" האט זיך פארענדיגט מיט 3 : 3. ביז דער הפסקה 2 : 0 פאר „ייסק".

### מאנטאג כ"ו ניסן
2 מאי

א שטארקע צורודערונג האט ארויסגערופן אין שטאט דער פאקט, וואס די קראנקן-קאסע האט געקינדיגט די 4 יידישע באאמטע, וועלכע האבן דארט געארבעט שוין א לענגערע צייט צווישן דער אלגעמיינער צאל פון 160 באאמטע.

— א באלעבאטישער ייד, א קרעמער פון א נאנטער שטעטל, מ. שטאבינסקי, האט מיט א צייט צוריק ארויסגעגעבן א ביכל א. נ. „וואס טוט מען?" אין ביכל רעדט דער מחבר וועגן דער לאגע פון פוילן בכלל און פון די יידן בפרט. דער דאזיגער ביכל איז צוגעשטעלט געווארן אין א פוילישער איבערזעצונג דעם ביאליסט. וואיעוואדע. נאכן באקענען זיך מיטן אינהאלט, האט מען ארויסגערופן דעם מחבר אין דער וואיעוואדשאפט און אים געמאלדן, אז לויט דער פארארדענונג פון ה' וואיעוואדע קאשטשאלקאווסקי ווערט אים געגעבן א פרעמיע אין דער הויך פון 100 זל.

— ביים נאטאריוס גאנשעראווסקי איז אונטערגעשריבן געווארן דער אפמאך פון מאגיסטראט מיט דער עלעקטראווניע. דעם אפמאך וועגן דער הלוואה האבן אונטערגעשריבן מצד דעם מאגיסטראט שטאט-פרעז. הערמאנאווסקי און לאווג. פלוימענבוים. מצד דער עלעקטראווניע דיר. ריגערט. דער נאטאריוס האט גענומען פאר דער ארבעט עטלאכע און צוואנציג טויזנט זל.,, וואס איז געדעקט געווארן דורך דער עלעקטראווניע.

— מ'האט געבראכט קיין ביאליסטאק פון האראדאק א טויטן דעם דארטיגן 22 יאריגן בחור שמואל ליבקאוויטש, וועלכער האט מיט א קיך-מעסער איבערגעשניטן זיך די האלדז. בעת מ'האט עס באמערקט, האט ער נאך געלעבט און מ'האט אים תיכף אין אן אויטא אפגעפירט קיין ביאליסטאק. ליבקאוויטש איז אבער אויפן וועג געשטארבן.

— דער מייסטערשאפט-מעטש צווישן די רעזערוון פון „ייסק" און „מכבי" האט זיך פארענדיגט מיט 4:0 לטובת „ייסק", ביז דער הפסקה 2:0.

ל ו י ו ת:

אפרים ציגנעס 64 יאר.

מרדכי שוסטער 72 יאר.

יוסף שלמה שארשעכטער 32 יאר.

### דינסטאג, כ"ז ניסן
3 מאי.

ס'זיינען פארגעקומען אימפאזאנטע פייערונגען לכבוד דעם נאציאנאלן יום-טוב פון 3-טן מאי. אין דער דעפילאדע האבן זיך באטייליגט העכער 10.000 פערזאן.

### מיטוואך, כ"ח ניסן
4 מאי

אויף זשעלאזנא 28 איז צווישן צוויי שוואגערס, י. לאש און מאטל בראדעצקי, אנטשטאנען א שטארקע קריגעריי, וואס איז נאכדעם אריבער אין א געשלעג. דער שכן פון זעלבן הויף, דער טרעגער יעקב קליינשטיין, איז ארויף אהינצו אין שטוב, כדי איינצושטילן די שוואגערס. אין א געוויסן מאמענט, האט אבער איינער פון די שוואגערס דערלאנגט א שטארקן שניט מיט א קיך-מעסער קליינשטיינען, וועלכער האט באקומען א געפערלאכע וואונד און איז שפעטער אין שפיטאל געשטארבן. קליינשטיין האט געלאזן א יונגע פרוי מיט א קינד.

— אויף מאזאוויעצקא גאס איז געשטארבן דער 117-יאריגער זקן, אברהם נעמירא, וועלכער איז געווען דער עלטסטער ייד אין גאנצן געגנט. אין אמעריקע געפינט זיך זיינער א זון, וועלכער איז אלט אריבער 90 יאר.

### דאנערשטאג, כ"ט ניסן
5 מאי

— — — — — —

### פרייטאג, ל' ניסן
6 מאי.

אין קהילה און אין סוחרים-פאריין זיינען פארגעקומען ספעציעלע זיצונגען מכוח דעם אפזאגן די יידישע באאמטע אין ק"ק. לסוף זיינען אנגענומען געווארן שארפע פראטעסטן קעגן באזייטיגן אן א פארוואס די יידישע באאמטע פון קראנקן-קאסע.

ל ו י ו ת:

משה פין, 65 יאר.

### זונטאג ב' אייר
8 מאי

— פרייטאג זיינען אין דער וואיעוואדשאפט פארגעקומען אונטערהאנדלונגען צווישן די פארשטייערס פון פאבריקאנטן און ארבעטער אין שייכות מיט דער קינדיגונג פון ארבעט-צעניק פון 1928 אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע. די אונטערהאנדלונגען, וועלכע זיינען שוין פארגעקומען וועגן דער פראגע צום דריטן מאל, זיינען ווידער געבליבן אן רעזולטאט.

— דער מעטש צווישן ביאליסטאקער „ייסק" און גראדנער „מכבי" האט זיך פארענדיגט מיט 3 : 1 לטובת גראדנע ביז דער הפסקה 1 : 1.

### מאנטאג ג' אייר
9 מאי

אויפן הויף פון קאזאנאוויטש-גאס 21 איז פלוצלינג געשטארבן א פרוי, חוה ליקער. די געשטארבענע איז מיט א קורצע צייט צוריק געקומען אהער פון אמעריקע צו אירע קינדער.

— אויף וואשינגטאנער גאס האט זיך, צוליב נויט, אויפגעהאנגען אויף א האנטוך דער סופר מוזיקאנטסקי, 55 יאר אלט.

ל ו י ו ת:

שמואל מוזיקאנטסקי 55 יאר.

### דינסטאג ד' אייר
10 מאי

צוליב דער קינדיגונג פון ארבעט-צעניק פון יאר 1928, איז אויסגעבראכן א שטרייק אין די טעקסטיל - פאבריקן

העכער 1000 אַרבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט.

— אין שייכות מיט דער ליקווידאַציע פון די מיטגלידער פון דער באַנדע „שוואַרצע האַנט", איז אויסגעפירט געוואָרן אַ אָנפאַל אין פייגיגס ביליאַרד (יידן-גאַס), אַלס נקמה פאַרוואָס פייגינס ברודער האָט זיך ניט געלאָזט שאַנטאַזשירן דורך דער באַנדע און איבערגעגעבן זיי אין די הענט פון דער פאָליציי.

די אָנפאַלערס האָבן דעמאָלירט דעם ביליאַרד-לאָקאַל און אָנגעמאַכט היזק אויף 1000 זל. די 4 פערזאָן, וועלכע האָבן דעמאָלירט דעם לאָקאַל, זיינען אַרעסטירט געוואָרן, חוצדעם האָט מען אויך אַרעסטירט נאָך 2 מיטגלידער פון דער באַנדע, שעפסל כינסקי און יאָסל קאַגאַן.

## מיטוואָך ה׳ אייר
11 מאַי

דער שטרייק אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע האָט זיך פאַרשאַרפט. די אונטערהאנדלונגען צווישן די פאַבריקאַנטן און אַרבעטער, וואָס האָבן געזאָלט פאָרקומען, זיינען ניט צושטאַנד געקומען.

— ס׳איז אויסגעבראָכן אַ שרפה אויף נייוועלט 4 אין דער 3 שטאָקיגער הויז פון לאָנדינסקי - זלאָטאָלאָוו. געברענט האָט דער בוידעם. די פייערלעשערס איז געלונגען אָפּצוראַטעווען די אונטערשטע שטאָקן. די וואוינונגען פון 4 שכנים זיינען חרוב געוואָרן, צוליב די סך וואַסער, וואָס האָט געשטראָמט פון אויבן. דער היזק איז אָפּגעשאַצט אין העכער 100 טויזנט זל.

ל ו י ו ת:

ביילע גריגבערג 80 יאָר.

## דאנערשטאג ו׳ אייר
12 מאי

ל ו י ו ת:

נתן סלאָנימסקי (סופראַסלע) 20 יאָר
שרה לאה קאָוואַלעק-קאָוואַלסקי 96 יאָר.

## פרייטאג ז׳ אייר
13 מאי

ל ו י ו ת:

אביגדור שוויעטקאָווסקי 51 יאָר.

## זונטאג ט׳ אייר
15 מאַי

אין זיצונג-זאַל פון שטאָט-ראַט איז פאָרגעקומען דער 12-טער אַלפּוילישער צוזאַמענפאָר פון פראָפעסאָרן און דאָקטוירים - פּסיכיאַטאָרן. ס׳האבן אנטייל גענומען העכער 150 דעלעגאַטן, דערין אַ היפש ביסל פרויען. דער ביאַליסטאָקער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן דעם צוזאַמענפאָר, האָט איגנאָרירט די יידישע דאָקטוירים. קיין איין היגער יידישער דאָקטאָר איז ניט אַריין אין קאָמיטעט.

— דער וואָיעוואָדע ה׳ קאָשטשאַלקאָווסקי האָט אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון פאָרשטייערס פון דער יידישער ביאַליסטאָק, הרב דר. ראָזנמאַן, דר. רייגראָדסקי, דר. זשעמילסקי און ראש הקהל צבי כהן. די דעלעגאַציע האָט אינטערווענירט וועגן די רעדוצירטע 4 יידישע באַאַמטע פון ק"ק.

## מאָנטאג י׳ אייר
16 מאַי

די 150 פּראָפעסאָרן און דאָקטוירים-פּסיכיאַטאָרן פון 12-טן אַלפּוילישן צוזאַמענפאָר אין ביאַליסטאָק האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין כאָראָשטש, וואו זיי האָבן פאָרגעזעצט די ווייטערדיגע באַראַטונגען. ס׳זיינען געהאַלטן געוואָרן אַ ריי רעפעראַטן. דער אָנפירער פונם שפּיטאָל, דר. דערעש, האָט געגעבן אַ ריי אויפקלערונגען וועגן דער אַנטשטייאונג און מצב פון שפּיטאָל.

## דינסטאג י"א אייר
17 מאי

ס׳איז פאָרגעקומען רי יערלאַכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „לינת הצדק". אַ לייננערע דיסקוסיע רופט אַרויס די פראַגע וועגן אויסשליסן 3 מיטגלידער, די פאַרזאַמלונג באַשליסט אָבער אויסצושליסן בלויז איין מיטגליד. נאָכדעם זיינען פייערלאַך פאַרטיילט געוואָרן גאָלדענע און זילבערנע זשעטאָנען פאַר די מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט.

## מיטוואך י"ב אייר
18 מאי

אינמיטן נאכט איז אויסגעבראָכן אַ שרפה אויף וואשינגטאָנער 1 (געוו. זאל „הארמאָניע"). ס׳האָבן זיך אָפּגעשפּילט הארצרייסנדיגע סצענעס, מענטשן זיינען געלאָפן נאַקעטערהייט פון זייערע דירות. די פייערלעשערס איז געלונגען אין אַ שעה צייט צו לאָקאַליזירן די שרפה, ס׳זיינען חרוב געוואָרן 2 וואוינונגען.

— אין דער נייער פארוואלטונג פון „לינת הצדק" זיינען אריין: י.ד. שפּיראָ, א. סאָקאָל, י. שטיין, י. פריד, א. לוריע, ח. גערץ, ל. קאנטאָראָוויטש, ל. פריינקל, א. הובערמאן, מ. ליטווין, אינזש. מ. טראָפּ, נ. פערלזאָן, מגר. י. ווארשאווסקי, א. פארבער, ס. וויסמאָנטסקי, א. איינהאָרן, ח. י. פריינקל, און ז. שוסטער; רעווידיר-קאָמיסיע — פ. ציטראָן, ס. פריידקין, ד. גראד, נ. פּאָליאַק און נ. ווינטרויב.

ל ו י ו ת:

פאניע פרידמאַן 36 יאָר.

## דאָנערשטאָג, י"ג אייר
19 מאַי.

דער שטרייק אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע האָט זיך נאָכמער פאַרשאַרפט. אין לאָקאַל פון פ. פּ. ס. איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די שטרייקנדיגע ארבעטער און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן ווייטער צו שטרייקן. אויך די האָראָדאָקער אַרבעטער זיינען צוגעשטאַנען צום שטרייק.

— ס׳האָט דאָ געוויילט דער פאָלקלאָר-זאמלער רובינשטיין, וועמען ס׳איז געלונגען אויפצוזאַמלען 50 פאָלק-מעשיות און העכער פון 100 שפּריכווערטער.

ל ו י ו ת:

גאָלדע סעגאַל 71 יאָר.

## פרייטאָג, י"ד אייר
20 מאַי.

אין ביאַליסטאָק איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע בעבע-דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן, וועלכע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פון דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט. אין צוזאַמענפאָר האָט זיך אויך באַטייליגט דער וואָיעוואָדע קאָשטשאַלקאָווסקי.

ל ו י ו ת:

פייגע ליפשיץ, 90 יאָר.

## זונטאָג, ט"ז אייר
22 מאַי.

אַ גרופּע יידישע יונגעלייט האָבן זיך אין יוראָווצע געלאָדקעוועט אויפן טייך. אין אַ געוויסן מאָמענט איז אָנגעפאָרן אַ צווייטע שיפל מיט עטלאַכע יונגע קריסטן, וועלכע האָבן אַ קער געטאָן די לאָדקע מיט די יידישע בחורים און יענע זיינען אַריינגעפאַלן אין וואַסער. עטלאַכע איז געלונגען אַרויסצוראַטעווען, אָבער איינער פון זיי, אלי סוראַזסקי (ביאַלאָסטאָטשאַנסקאַ 26) איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן אָרט, און ווען מהאָט אים שפּעטער אַרויסגענומען פון טייך, איז ער שוין געווען טויט. דער אומגעקומענער איז אַלט געווען 18 יאָר.

— אין דער „גרויסער שול" איז, לויט אַ פאַראָרדענונג פון געריכט, פאָרגעקומען אַ שבועה ביי שוואַרצע ליכט. אַ נעוויסער היגער באַלעבאָס האָט געשוואָרן, אַז ער האָט ניט געקריגן קיין געלט ביי זיינעם אַ שכן.

— אויפן הויף פון פּוזשעס בית-מדרש איז פלוצלינג איינגעפאַלן דער באַלקן מיטן סופיט אין דער וואוינונג פון שמש פון בהמ"ד. זיין טאָכטער איז פאַרוואונדעט געוואָרן.

## מאָנטאָג, י"ז אייר
23 מאַי.

אין גראָדנער קרייז - געריכט איז פאָרגעקומען א פּאָליטישער פּראָצעס. די ביאַליסטאָקער מיידל חוה פייסאַכאָוויטש, וועל בערטאַ גאָלדשטיין, האָט באַקומען 6 יאָר שווערע תפיסה.

### דינסטאג י"ח אייר
24 מאַי

מיט יאָדינע האָט זיך געפּרובט פאַרסמען דער יידישער יונגערמאַן לייב דינאָוויטש. צוליב דער קליינער דאָזע האָט אים גאָרניט געשאַדט.

### מיטוואָך י"ט אייר
25 מאַי

דער וואַרשעווער איינוואוינער יעקב נתן קויפמאַן 44 יאָר אַלט (נאָוואָליפּקע 55), האָטדאָ-הי געדונגען אַ צימער ביי דער פאַמיליע ר. אויף קופּיעצקאַ 25. אין אַ טאָג אַרום האָט מען קויפמאַנען געפונען אַ געהאַנגענעם אין זעלבן ציטער. ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

— בעת דער יידישער אינוואַליד חיים ריקון איז אינדערפרי אַריין צו זיך אין דער פּאַפּיראָסן-בודקע, איז אים פּלוצים ניט גוט געוואָרן. ווען מ'האָט געבראַכט אַ דאָקטאָר, איז ער שוין געווען טויט.

### דאָנערשטאָג, כ' אייר
26 מאַי.

— — — — —

### פרייטאָג, כ"א אייר
27 מאַי.

ס'איז געשטאָרבן דער פּאָפּולערער נערוון-דאָקטאָר איזידאָר (ישראל) וואָלף. געבאָרן אין גראָדנע און דערצויגן געוואָרן ביי אַ זיידן אין שטרייַנג אָרטאָדאָקסישן גייסט. זיין מיטלבילדונג האָט ער געקריגן אין גראָדנער גימנאַזיע און די הויכע בילדונג אין דאָרפּאַטער אוניווערזיטעט. צוויי יאָר האָט ער פּראַקטיצירט אין פּעטערבורגער קליניקעס, נאָכדעם קומט ער קיין טשעכאַנאָווצע, וואו ער האָט פּראַקטיצירט 16 יאָר. צוויי יאָר איז ער געווען מיליטער-דאָקטאָר אין יאַפּאַנישער מלחמה. אין ביאַליסטאָק האָט ער פּראַקטיצירט 27 יאָר.

ל ו י ו ת:

דר. ישראל איזידאָר וואָלף 69 יאָר.
חיים קאַטאָוויטש 70 יאָר.
שמואל שמשון גרושקאָ (לאַפּי) 63 יאָר.

### זונטאָג, כ"ג אייר
29 מאַי.

אַ שוידערלאַכער זעלבסטמאָרד איז פאָרגעקומען אויף קאַלושינסקאַ 6. אין אַ שטאַל האָט זיך אויפגעהאַנגען אויף אַ שטריק די 18 יאָריגע שרה קליינבערג. די סיבה איז אַן אומהיילבאַרע קרענק.

### מאָנטאָג, כ"ד אייר
30 מאַי.

ס'איז פאָרגעקומען אַ אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „טאָז". די פאַרזאַמלונג האָט צוו. אַנד. באַשלאָסן אויסדריקן אַ דאַנק דער דר. העלענאַ טרילינג פאַר דער סאַנאַטאָריע און ד"ר גאַוזע פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט ביים בויען די „טאָז"-קאָלאָניעס. אין דער נייער פאַרוואַלטונג זיינען אַריין: דר. רייגראָדסקי, דר. גאַיוזע, דר. האַלפּערן, פּר. דר. פינעס, דר. לוקאַטשעווסקי, אינזש. לונסקי, ה' טאַבאַטשינסקי, דאָמעראַצקי און ה' ראָזענבלום.

ל ו י ו ת:

יצחק גילאַד 62 יאָר.
שרה קליינבערג 18 יאָר.

### דינסטאָג, כ"ה אייר
31 מאַי

ס'זיינען אַרויסגעפאָרן פון ביאַליסטאָק אויף ראָווערן די מיטגלידער פון „מכבי", אהרן רובין און שמואל כייקאָווסקי, וועלכע וועלן דורכמאַכן אַ נסיעה פון 1200 קמ. זיי וועלן זיין אין בריסק, טשערעמעכע, וואָלקאָוויסק, סלאָנים, באַראַנאָוויטש, לידע, ווילנע און גראָדנע.

— אויף דער מאַגיסטראַט-זיצונג איז ווידער באַטראַכט געוואָרן די פראַגע וועגן הויפּט-דאָקטאָר פאַרן יידישן שפיטאָל. היות די וואָיעוואָדשאַפט האָט אָפּגעוואָרפן די קאַנדידאַטור פון דר. מינץ און דער מאַגיסטראַט—די קאַנדידאַטור פון דר. קאַפּלאַן, האָט דער מאַגיסטראַט באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן אַ נייעם קאָנקורס אויפן אמט פון הויפּט-דאָקטאָר אין יידישן שפיטאָל.

### מיטוואָך, כ"ו אייר
1 יוני.

ס'איז פאָרגעקומען א שטאָט-ראַט-פּלענום, וועלכע האָט געהאט אין זיך א סך שטורמישע מאָמענטן. ס'האט אפילו געהאלטן ביי דער דעמיסיע פון מאגיסטראט. דער שטורים האָט ארויסגערופן די פראגע וועגן הויפּט-דאָקטאָר פארן יידישן שפיטאָל. ראטמ. וואקס האָט אריינגעטראָגן א דרינגנדיגן פאָרשלאָג, אז דער שטאָט-ראט זאָל אויפפאָדערן דעם מאגיסטראט צו באשטימען דעם דר. קאפלאן פארן הויפּט-דאָקטאָר און אָפּשאפן דעם באשלוס וועגן דעם נייעם קאָנקורס. דער דאָזיגער פאָרשלאָג איז אדורך מיט א מערהייט. דער שטאָט-ראט האָט אויך אָנגענומען דעם דרינגנדיגן פאָרשלאָג פון לאווניק פלוימענבוים צו באשטימען 10.000 זל. פאר די קינדער פון די שטרייקנדיגע טעקסטיל-אַרבעטער.

— פאַר פאַרקויפן געפעלשטע פּוטער, געמישט מיט מאַרגאַרינע, זיינען אַ סך קרעמערס פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַ חודש אומבאַדינגטן אַרעסט.

— מ'האָט געפונען אַ געהאַנגענעם אויף אַ בוים אין היגן וואַלד דעם קריסטלאַכן יונגנמאַן ב. קאַראָל, אַ באַאַמטער אין „איזבאַ סקאַרבאָוואַ".

ל ו י ו ת:

לייב קליינבערג, 62 יאָר.

### דאָנערשטאג כ"ז אייר
2 יוני

אַ געוויסע פּרוי פ. פון פּאַלאַצאָוועגאַס האָט נאָך אַ מחלוקת מיט איר מאַן, געפּרובט באַגיין זעלבסטמאָרד. צוליב דעם צוועק האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ ברונעם פון זעלבן הויף. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אָבער אָנגעהויבן שרייען: איך טרינק זיך! שכנים האָבן צוגעשטעלט אַ לייטער און מ'האָט איר אַרויסגענומען קוים אַ לעבעדיגע.

ל ו י ו ת:

רחל קוקלאַנסקי, 64 יאָר

### פרייטאג כ"ח אייר
3 יוני

קיין ביאַליסטאָק זיינען אריינגעפאלן פאַר אָנדערהאַלבן מיליאָן זלאָטעס מיליטערישע טוך-באַשטעלונגען. דער מיניסטעריום האָט דעם מאָל נעגעבן די פאַבריקאַנטן אַ לייננערן טערמין אַזש ביז ניי-יאָר, אויף אויסצופירן די באַשטעלונג, ווייל ס'איז געשטעלט געוואָרן אַ תנאי, אַז די פאַרב וואָס ווערט גענוצט צו די טוך, דאַרף מען קויפן אין די פוילישע פאַבריקן. די באַשטעלונגען האָבן געקריגן די פאַבריקאַנטן: סאָקאָל—זילבערפעניג, א. שפּיראָ, בר. פּאָליאַק, ציטראָן, און לאָנדינסקי—זלאָטאָלאָוו.

### זונטאָג א' סיון
5 יוני

דער ערשטער שטאַנד-געריכט אין ביאַליסטאָק האָט פאַרמשפט די קריסטן יוזעף און וולאַדיסלאַוו פאַנאַס, אַ טאַטע מיט אַ זון, צו אייביגע תפיסה, פאַר דערהרגענען דער פריצטע ליכאָבאַבינאַ. די רציחה איז געווען אַ נקמה-אַקט צוליב דעם, וואָס די פריצטע האָט געוואָלט ביי זיי אָפּנעמען אַ שטיקל ערד.

— דער מאגיסטראט האָט באַשטימט דעם דר. קאַפּלאַן אויפן אַמט פון הויפּט-דאָקטאָר אין יידישן שפיטאָל. דער נייער קאָנקורס איז אָפּגערופן געוואָרן.

### מאָנטאָג ב׳ סיון
6 יוני

אין שטאָט איז פאָרגעקומען אַ איינצעניזירטער גאַז-אָנפאַל פון ל. אָ. פּ. פּ. ס׳האָבן אָנטיילגענומען 3 אעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן געוואָרפן „באָמבעס". די „מלחמה" האָט געדויערט בס״ה 10 מינוט. הגם מ׳האָט זיך בלויז פאָרגעשטעלט אַ קאַמף מיטן שונא, פונדעסטוועגן זיינען אויך 2 פּערזאָן פאַרוואונדעט געוואָרן.

### דינסטאָג ג׳ סיון
7 יוני

ס׳זיינען פאַרמאַכט געוואָרן אַלע אומזיסטע קיכן פאַר אַרבעטלאָזע, וואָס זיינען אין דער ווינטער-צייט געעפנט געוואָרן דורכן וואָיעוואָדישן קאָמיטעט פאַר אַרבעטלאָזע.

— פאַרן ערשטן קוואַרטל פון יאָר 1932 זיינען אין ביאַליסטאָק פאָרגעקומען 214 חתונות, דערפון 113 יידישע, 84 קאַטוילישע, 4 עוואַנג. געבוירטן—160 יידישע, 193 קאַטוילישע, 37 פּראַוואָסל. און 8 עוואַנגעלישע. טויט-פאַלן — 114 יידישע, 140 קאַטוילישע, 22 פּראַוואָסל. און 9 עוואַנגעלישע.

### מיטוואָך ד׳ סיון
8 יוני

ס׳איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון וואָיעוואָדישן ראַט. מצד דעם מאַגיסטראַט האָבן זיך באַטייליגט דער שטאָט-פּרעזידענט און לאַווניקעס. אינם שטאָטישן בודזשעט זיינען פאַרקלענערט געוואָרן אַלע געזעלשאַפטל. סובסידיעס. לסוף איז באַשטעטיגט געוואָרן דער באַשלוס פון שטאָט-ראַט איבערצונעמען דעם „עזרת-יתומים".

ל וו י ו ת:

רבקה גולדין 41 יאָר, רחל גאַלאַנסקי 75 יאָר.

### דאָנערשטאָג ה׳ סיון
9 יוני

אין שייכות מיט דער רעדוקציע פון די 4 יידישע באַאַמטע אין ק״ק, האָט אַ דעלעגאַציע פון הרב דר. ראָזענמאַן, דר. רייגראָדסקי און וו. פּרעזידענט דר. זשעמילסקי ווידער באַזוכט דעם ה׳ וואָיעוואָדע.

דער ה׳ וואָיעוואָדע האָט דערקלערט, אַז די רעדוקציע איז ניט קיין יידן-פראַגע, די באַאַמטע זיינען באַזייטיגט געוואָרן צוליב אַנדערע מאָטיוון, ער האָט אָבער צוגעזאָגט זיך באַמיען, אַז די ק״ק זאָל נאָכאַמאָל דורכקוקן דעם דאָזיגן ענין.

ל וו י ו ת:

חנה שרה גרינשטיין 55 יאָר.

### זונטאָג ח׳ סיון
12 יוני

די אַרבעטער פון דער היגער מלוכה-שער טאַבאַק-פאַבריק האָבן באַקומען קינדיגונג-צעטלען, אַז פון 30-טן ד. ח. ווערט ליקווידירט דער היגער אָפּטייל.

— לויטן באַריכט פון הויפּט-סטאַטיסטישן אַמט, האָבן בעת דער פאָלקציילונג דעם 9 דעצעמבער פ. י. 46,469 פּערזאָן אָנגעגעבן פּויליש. פאַר זייער מוטער שפּראַך (50,9 פּראָצ.) און 44866 פּערזאָן האָבן אָנגעגעבן אַנדערע שפּראַכן (49,1) פּראָצענט.

### מאָנטאָג ט׳ סיון
13 יוני

— — — — — — — —

### דינסטאָג י׳ סיון
14 יוני

שבת און זונטאָג, אין יום-טוב טאָג פון „פּ. וו. און וו. פּ." זיינען פאָרגעקומען פאַרשיידענע ספּאָרט-שפּילן און פאַרמעסטונגען מיט דער באַטייליגונג פון ספּאָרט-קלוב און שול-יוגנט פון ביאַליסטאָק און וואָיעוואָדשאַפט. צווישן אַנד. האָט זיך באַטייליגט אַלס איינציגע יידישע מאַנשאַפט די קאָשיק-באָל-סעקציע פון „מכבי", וועלכע האָט דערגרייכט דעם ערשטן אָרט און באַקומען דעם בעכער.

### מיטוואָך י״א סיון
15 יוני

דער ביאַליסטאָקער טאַנצמייסטער לייזער זאַוואַדסקי („לייזער קורטע") איז אין ביאַליסטאָק פאַר דער מלחמה געווען זייער פאָפּולער מיט זיין אַריסטאָקראַטישן טאַנץ-קלאַס. צוליב אַ פאַמיליע-טראַגעדיע איז ער די לעצטע צייט, נאָכן צוריקקומען פון רוסלאַנד, אַריינגעפאַלן אין אַ מרה-שחורה און דעם צווייטן טאָג שבועות איז ער געשטאָרבן אַ איינזאַמער אויף אַ באַנק אין אַ בריסקער בית-מדרש.

ל וו י ו ת:

חיים סטוטשינסקי 66 יאָר, חנה פּאַקטאָר 57 יאָר.

### דאָנערשטאָג י״ב סיון
16 יוני

די פּראָקוראַטור האָט שוין צונויפגעשטעלט דעם באַשולדיגונג-אַקט פונם גרויסן סענסאַציאָנעלן „וואַראַנט"-פּראָצעס. די אויספאָרשונג ארום דעם האָט זיך געצויגן איבער 5 יאָר. דער פּראָצעס וועט פאָרקומען אין היגן קרייזגעריכט סוף חודש אָקטאָבער.

### פרייטאָג י״ג סיון
17 יוני

די 18-יאָריגע מאַשע טויב האָט, קומענדיג אינאָווּנט פון שפּאַציר אין שטאָטגאָרטן, זיך פאַרקלאָגט אויף קאָפּווייטאָג, און אין צוויי שעה ארום איז זי שוין געווען טויט.

ל וו י ו ת:

רייצע שצעדראָוויצקי 60 יאָר, מאַשע טויב 18 יאָר, מיכל גראָדיצקי 4 יאָר, בערל סיבירסקי 53 יאָר.

### זונטאָג ט״ו סיון
19 יוני

— — — — — —

### מאָנטאָג ט״ז סיון
20 יוני

דער בחור יעקב קליגער, אַ קצבאַרבעטער אין דער היגער שעכט-הויז, האָט אינאָווּנט אָפּגעפירט זיין כלה אין קינאָ און אַליין האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער שעכט-הויז אויף זיין נאַכט-אַרבעט.

אַרויסגייענדיג פון קינאָ האָבן אים פאַרטשעפּעט אַ פּאָר דורכגייענדיגע קריסטלאַכע יונגעלייט. מ׳האָט זיך איבערגעווערטלט, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז קליגער האָט באַקומען פון זיי מיט אַ מעסער אין בויך.

— אין הקדש איז געשטאָרבן אין עלטער פון 115 יאָר די פרוי רייזקע זאַרעמבסקי, וועלכע האָט זיך דאָרטן געפונען די לעצטע 12 יאָר. 115 יאָר איז זי אַלט געווען לויט די דאָקומענטן, אין דער אמתן אָבער האָט זי דערגרייכט אַן עלטער פון 123 יאָר.

### דינסטאָג י״ז סיון
21 יוני

שבת אינדערפרי איז פאָרגעקומען אין „לינת חולים" די יערלאַכע טראַדיציאָנעלע פייערונג לכבוד דעם 39-יאָריגן קיום פון דער געז. „לינת-חולים". נאָכן דאַווענען האָבן אַלע מתפללים זיך צונויפגעקליבן ביי שיין-סערווירטע טישן אין שיינעם דעקאָרירטן ליניסטן-זאַל ביי דער געזעלשאַפט, וואו ס׳זיינען אַרויסגעטראָטן מיט באַגריסונגען הרב פּאַיאַנס, הרב מאַלין, ה״ה ליפּסקי און אייגער.

### מיטוואָך י״ח סיון
22 יוני

אין וואַשילקאָווער טייך האָבן זיך געבאָדן די 4 ברידער פרידמאַן (נייוועלט). אַלע האָבן זיך געהאַלטן נאָנט ביים ברעג, נאָר איינער פון די ברידער, חיים, אַ שווימער, האָט זיך געלאָזן שווימען ווייטער. פלוצים האָט ער

אָנגעהויבן שרייען: „ראַטעוועט, איך טרינק זיך!" די ברידער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אים ראַטעווען, אָבער צוליב דער שטראָמיגער קעסל-גרוב האָבן זיי ניט געקענט צוקומען. די אָנקומענדיגע דאָרפישע פויערים אויף שיפלאַך האָבן שוין חיימען אַרויסגענומען אַ טויטן.

— דער גרויסער „מאַזאָווישע"-פּראָצעס, וועלכער האָט זיך געצויגן אַ האַלב יאָר צייט, איז פאַרענדיגט געוואָרן אין היגן קרייז-געריכט. ס'איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן פאָלגנדיגער פּסק-דין: ביערנאַצקי יאַן און דוטקעוויטש טעאָדאָר צו 2 יאָר תפיסה, בערעזעצקי לאַנגזען און לוכאַנקי וויקטאָר צו 1 יאָר תפיסה. צום פּראָצעס האָבן זיך צוגעשטעלט אַריבער 400 עדות פויערים פון די אַרומיגע דערפער. כדי אויסצומיידן גרויסע הוצאות, איז דער דאָזיגער זייער אָריגינעלער פּראָצעס פאָרגעקומען יעדער חודש אין אַן אַנדער שטאָט פון דער ביאַליסט. וואָיעוואָדשאַפט.

## דאָנערשטאָג י"ט סיון
23 יוני

דינסטאָג איז אין טעאַטער „פּאַלאַס" פאָרגעקומען אַ פייערלאַכע אַקאַדעמיע פון „מזרחי" לכבוד דעם 70-יאָריגן יובל פון רעליגיעזן ציוניזם.

## פרייטאָג כ' סיון
24 יוני

— — — — — — —

## זונטאָג כ"ב סיון
26 יוני

אין וואַרשעווער העכסטן טריבונאַל איז באַטראַכט געוואָרן די קאַסאַציע אינם פּראָצעס פון די געלט-פעלשערס יעלענעוו און חברותא. דער העכסטער טריבונאַל האָט מבטל געמאַכט דעם פּסק-דין פון די פריערדיגע אינסטאַנצן און איבערגעשיקט דעם ענין צוריק אין ביאַליסטאָקער קרייז-געריכט.

## מאָנטאָג כ"ג סיון
27 יוני

אין שטאָט-גאָרטן איז פאָרגעקומען אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע לכבוד דעם 10-טן יאָרטאָג פון איבערנעמען אויבערשלעזיע דורך פוילן. גלייכצייטיג איז אויך פּראָטעסטירט געוואָרן קעגן אַרויסטריט פון די היטלעריסטן אין דאַנציג.

## דינסטאָג כ"ד סיון
28 יוני

— — — — — — —

## מיטוואָך כ"ה סיון
29 יוני

דער דירעקטאָר פון ק"ק ה' יאַשינסקי האָט פאַרלאָזן זיין אַמט. אויף זיין אָרט אַלס דירעקטאָר איז באַשטימט געוואָרן דער רעווידיר-קאָמיסאַר ה' שטשענסני. בעת דירעקטאָר יאַשינסקיס ממשלה זיינען עס געקינדיגט געוואָרן די 4 יידישע באַאַמטע פון דער ק"ק.

## דאנערשטאג כ"ו סיון
30 יוני

— — — — — — —

## פרייטאג כ"ז סיון
1 יולי

דער שילער פון דער היגער האַנטווערקער-שולע, דער 19 יאָריגער א. סטשאלקאָווסקי, האָט זיך אַרויפגעכאַפּט לעם טשיסטע גאַס אויפן פּראַכט-צוג, וועלכער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו גראָדנע. וועלנדיג כאַפּן דעם פעקל, וועלכער איז אים גראָד אַרויסגעפאַלן פון האגט, איז ער אַרונטערגעפאַלן אונטער די רעדער פון צוג, וועלכער האָט אים צושניטן אויף צווייען.

## זונטאג כ"ט סיון
3 יולי

אין ביאַליסטאָק האָט געוויילט אַלס גאַסט פון הרב דר. ראָזנמאַן, דער באַקאַנטער פאָרשער פון די פאלאשן, פּראָפ. יעקב פייטלאָוויטש.

## מאנטאג ל' סיון
4 יולי

דעם 30-טן יוני איז ליקווידירט געוואָרן אין ביאַליסטאָק די מלוכהשע טאַבאַק-פאַבריק, 390 אַרבעטער זיינען געבליבן אָן אַרבעט.

## דינסטאג א' תמוז
5 יולי

מאָנטאָג איז פלוצים אַרויסגעפאַלן אַ שלאַקס רעגן, באַגלייט מיט געוואַלדיגע דונערן און בליצן; אויף קופּיעצקא לעם בריק איז געווען אַזויפיל וואַסער, אַז ס'האָט דערגרייכט כמעט ביז די פענצטערס פון די הייזער. שפּעטער איז די וואַסער אָפּגעפאַלן.

ל ו י ו ת

פייגע לעוויט 62 יאָר.

## מיטוואך ב' תמוז
6 יולי

מיטן צוועק צו באַגיין זעלבסטמאָרד, האָט אַן עלטערער כאָראָשטשער ייד, הירש גרינשפאַן 65 יאָר אַלט, זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ ברונעם אויף פּיווּנע גאַס. ווען מ'האָט אים נאָך גרויס מי אַרויסגענומען פון ברונעם, איז ער שוין געווען טויט.

ל ו י ו ת

ברײנע גראָבגאָלד, 52 יאָר.

## דאנערשטאג ג' תמוז
7 יולי

אין האָראָדניאַנער וועלדל, ניט ווייט פון דער ציגעלניע, איז צווישן קשאַקעס געפונען געוואָרן די מיידל אסתר שטיין מיט אַ איבערגעשניטענעם האלדז, דער זעלבסטמאָרד איז געשען אויפן ראָמאַנטישן באָדן.

ל ו י ו ת

הירש גרינשפאַן, 65 יאָר.

## פרייטאג ד' תמוז
8 יולי

אַ שטאָטישער אויטאָבוס איז לעם שטאָט-זייגער אַרויפגעפאָרן אויף אַ שטיין. דער שטיין איז אָפּגעשפּרונגען און געטראָפן אין פּנים אַריין דער פאַרבייגייענדיגער מיידל רחל געלבערג, זי איז א באַגאָסענע מיט בלוט אומגעפאלן און מ'האָט איר געמוזט אויף אַ דראָזשקע אָפּפירן אין שפּיטאָל.

— ה' אברהם יצחק קוקליאַנסקי האָט איבערגעגעבן די קאָמיסיעס פון „קרן היסוד" און „קרן קימת" אַ שווערע גאָלדענע קייט און אַ 3 פונטיגע אַקציע פון קאַלאָניאַל-באַנק, וועלכע זיין פאַרשטאָרבענע פרוי חיה רחל האָט איבערגעלאָזן אַ ירושה פאַר די אויבנדערמאָנטע אינסטיטוציעס.

## זונטאג ו' תמוז
10 יולי

— — — — — — —

## מאנטאג ז' תמוז
11 יולי

— — — — — — —

## דינסטאג ח' תמוז
12 יולי

ס'איז געשען א קאטאסטראָפע מיטן פאסאזשיר - אויטאָבוס נומער 77463, וועלכער קורסירט פון סעמיאַטיטש קיין ביאַליסטאָק. ווען דער אויטאָבוס האָט זיך געפונען 3 קילאָמעטער פאַר דאָיליד, איז פלוצלינג אראָפּגעפאלן דער פּאָדערשטער ראָד, דער שאָפער האָט ניט באַוויזן צו טאָרמאזירן און דער אויטאָ איז אַריינגעפאלן אין אַ גראָבן און צושמעטערט געוואָרן, דער קאנדוקטאָר לייב ווינער (אַ סעמיאַטיטשער) איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין קאָפּ, דער ביאַליסטאָקער הירש שוסטער (מאַזאָוועצקא 51) איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין האנט און פלייצע.

— אין קרייז-געריכט איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס קעגן די פורמאַנעס לייבל און שעפסל פּאָליאַק, וועלכע זיינען באַשולדיגט געוואָרן אין דערהרגענען דעם פורמאַן שמואל שמערקעס.

כמעט אַלע עדות האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דער הרוג שמערקעס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַרויס-

געראָפן דעם געשלעג ביים באַן. נאָך דער פאַרטיידיגונג-רעדע פון אדוו. שוואַרץ, איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער פסק-דין, שעפסל פּאָליאַק ווערט אָנערקענט פאַרן אויספירער פון דער רציחה, אָבער נעמענדיג אין באַטראַכט די פאַרגרינגערנדיגע אומשטאַנדן, ווערט ער פאַרמשפּט אויף 3 יאָר תפיסה. לייבל פּאָלאַק ווערט אינגאַנצן באַפרייט.

ל ו י ו ת

ראשל שאַפּיראָ 63 יאָר, רחל שמער-קעס 80 יאָר.

## מיטוואָך ט׳ תמוז
13 יולי

דער טעקסטיל-שטרייק, וועלכער האָט געדויערט 14 וואָכן, איז לסוף ליקווי-דירט געוואָרן.—כמעט אַלע פאַבריקן זיינען אַוועק אין גאַנג.

## דאָנערשטאָג י׳ תמוז
14 יולי

פונם טייכל „ביאַלע" ביי דער פּאָטשט-זייט, האָבן פּלוצים אַרויסגע-טויכט אַ סך קליינע און גרויסע העכט, וועלכע דער עולם האָט געכאַפּט מיט די הענט. די פיש זיינען אָנגעקומען אַזש פון סקאָרופּ.

— 4 מיטגלידער פון ביאַליסטאָקער „השומר הלאומי", חיים ציצאָוויטש, הערש קלעמענטינאָווסקי, ישראל קאַראַט-קין און מאיר יאָסעם, האָבן אונטערגע-נומען צו מאַכן אַ שפּאַציר צופוס אי-בער אַ ריי גרעסערע שטעט אין פּוילן. זיי האָבן אָפּגעמאַרשירט פון זייער לאָ-קאַל (גיעלדאָווע 11), ווערנדיג באַגלייט פון אַ גרויסער גרופּע פריינט און סימ-פּאַטיקער.

ל ו י ו ת:

משה פיינסאָד 60 יאָר, יעקב בער שניידעראָווסקי 28 יאָר.

## פרייטאָג י״א תמוז
15 יולי

— — — — — —

## זונטאָג י״ג תמוז
17 יולי

2 קליינע קינדער, אַ מיידעלע מיט אַ יינגעלע, פונם פּאָליציאַנט אַמעליאַ-נוק, האָבן זיך געשפּילט אַליין אויפן הויף. דער יינגעלע איז שפּילנדיג זיך לעם ברונים אַריינגעפאַלן אינעווייניג און זיך אָנגעהויבן טרינקען. די מיידע-לע איז פון שרעק אַריינגעלאָפן אין שטוב און זיך באַהאַלטן. ערשט, ווען די מאַמע האָט זיך אין אַ שעה אַרום צוריקגעקערט פון מאַרק, האָט די מיי-דעלע דערציילט וואָס ס׳איז געשען. מ׳האָט אַרויסגעצויגן דאָס קינד פון ברו-נים, אָבער ער איז שוין געווען טויט.

## מאָנטאָג י״ד תמוז
18 יולי

ס׳איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע זי-צונג פון דער פאַרוואַלטונג פון יידישן אינוואַלידן-פאַריין און ס׳איז איבערגע-געבן געוואָרן אַ גאָלדענער ערן-דיפּלאָם דעם ערן-פּאָרזיצער פון פאַריין דר. זשעמילסקי, פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט לטובת די יידישע אינוואַלידן.

ל ו י ו ת:

חוה טענענבוים, 65 יאָר.

## דינסטאָג ט״ו תמוז
19 יולי

אַ דונער איז אַריין אין דער בעקעריי פון ה׳ געלמאַן אויף פּיענקנאַ 1; דער דונער איז אַריין אין די עלעקטרישע דראָטן, זיך אַרומגעדרייט איבערן צי-מער און די שטיק פייער איז פאַר-שוואונדן געוואָרן דורכן פענצטער. די עטלאַכע מענטשן, וואָס זיינען אין דעם מאָמענט געווען אין דער בעקעריי, זיינען אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

ל ו י ו ת:

ישראל קאַלעצקי, 67 יאָר.

## מיטוואָך ט״ז תמוז
20 יולי

אין דער וואוינונג פון מ. כודעצקא (לעם באַן) האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ געוואַלדיגער קנאַל און ס׳איז אויפ-געריסן געוואָרן דער אויוון. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער אויפרייס געווען פון אַ גראַנאַט, וואָס אַ שכן האָט בכיוון אַריינגעלייגט אין אויוון. פון אויפרייס האָבן 2 פון די בני-בית גע-קריגן אַ נערוון-אַטאַק.

## דאָנערשטאָג י״ז תמוז
21 יולי

— — — — — — —

## פרייטאָג י״ח תמוז
22 יולי

— — — — — — —

## זונטאָג כ׳ תמוז
24 יולי

אין די ביאַליסטאָקער געריכטן זיינען באַטראַכט געוואָרן אַ ריי פּראָצעסן פאַרן איבערפירן דורך פּריוואַטע פּער-זאָנען קאָרעספּאָנדענץ. די אָנגעקלאָגטע זיינען פאַרמשפּט געוואָרן פון 10 ביז 50 זל. שטראָף, אָדער פון 2 טעג ביז 2 וואָכן אַרעסט.

## מאָנטאָג כ״א תמוז
25 יולי

ל ו י ו ת:

רבקה זאַכאַריאַש 66 יאָר, יוסף פּאָ-ליאַק (וואָיסקאָווע 10), 72 יאָר.

## דינסטאָג כ״ב תמוז
26 יולי

דער קאָמיטעט פון דר. זאַמענהאָף-דיינקמאָל האָט נעכטן ווידער דער-האַלטן פון די האָלענדישע עספּעראַנ-טיסטן נאָך 1·5 זל. פאַרן זאַמענהאָף-דיינקמאָל. בס״ה האָט דער ערן-פאַר-טרעטער פון קאָמיטעט פאַר האָלאַנד ה׳ אַנכען איבערגעשיקט ביז איצט 1700 זלאָטעס.

## מיטוואָך כ״ג תמוז
27 יולי

לויט דער פאַרעפנטלאַכטער סטאַ-טיסטיק ווייזט זיך אַרויס, אַז אין יאָר 1931 האָט מען אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט באַזאָרגט מיט עסן 23000 קינדער, דערפון 17000 קינדער פון אַרבעטלאָזע. ס׳איז אויסגעגעבן גע-וואָרן 143.000 זל. דערויף האָבן געגעבן די זעלבסטפאַרוואַלטונגען 37.000 זל., די מלוכה — 20.000 זל., געזעלשאַפט-לאַכע הילף — 60.000 זל., פון אָפּצאָלן — 26 000 זל.

## דאָנערשטאָג כ״ד תמוז
28 יולי

אַ דונער איז אַריינגעפאַלן אינם ניי-אויפגעבויטן בנין פון דער וואַסער-לייטונג אויף מלינאָווע גאַס. קיין גרויסע היזקות זיינען ניט געווען.

## פרייטאָג כ״ה תמוז
29 יולי

די היגע פרוי ראָזע ביאַלאָסטאָצקי 31 יאָר (ראַבינסקאַ 14) האָט מיטן צוועק צום באַגיין זעלבסטמאָרד זיך אַריינגע-וואָרפן אין קלאָזעט-גרוב אין „זוויע-זשיניעץ" אויפן הויף פון סאקאלס דאַ-טשעס. ס׳איז קוים געלונגען איר אָפּצו-ראַטעווען.

— צו די שלשים פון פאַרשטאָרבע-נעם היגן תושב און האָלץ-סוחר ה׳ משה נאָוויק, הויז-אייגנטימער פון קילינסקי 9, האָט די פרוי זיינע, העניע נאָוויק, צום אָנדיינק פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, צוטיילט איבער טויזנט זלאָטעס פאַר ביאַליסטאָקער אינסטיטוציעס.

ל ו י ו ת:

רחל ראַוויצקי (אָקראָנגלאַ 1) 27 יאָר.

## זונטאָג, כ״ז תמוז
31 יולי.

שבת 2 ביייטאָג האָט דער שטאָט-פּרעזידענט הערמאַנאָווסקי באַקומען אַ מעלדונג פון דער וואָיעוואָדשאַפט, אַז לויט אַ דעקרעט פון אינערן-מיניסטעריום ווערט דער מאַגיסטראַט און שטאָט-ראַט פאַנאַנדערגעלאָזן. די סיבה איז: שלעכ-טע באַלעבאַטישקייט. גלייכצייטיג איז געמאָלדן געוואָרן, אַז אַלס קאָמיסאַר איבער דער גאַנצער שטאָטישער באַלע-באַטישקייט ביזן מאָמענט, ווען ס׳וועט

זיך צונויפקומען דער ניי-געקליבענער שטאָט-ראַט איז נאָמינירט געוואָרן אַ רעגירונג-קאָמיסאַר, ה' נאָוואָקאָווסקי, אַ באַאַמטער פון אינערן-מיניסטעריום.

— אַ שטאַרקן רושם האָט געמאַכט אין שטאָט דער שמד פון 23 יאָריגן פּרץ אַלטער (פּאַלאַץ 1), אַלטער האָט זיך לעצטנס באַקאַנט מיט אַ קריסטלאַכער מיידל, מיט וועלכער ער האָט באַשלאָסן חתונה האָבן. ער האָט זיך צוליב דעם געשמדט.

## מאָנטאַג, כ"ח תמוז
1 אויגוסט.

אין היגן קרייז-געריכט איז באַטראַכט געוואָרן אַ פּראָצעס קעגן יונגנמאַן שלמה קאַגאַנאָוויטש (סענקעוויטש 19), וועלכער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין שלאָגן זיין פאָטער. בעתן פּראָצעס האָט דער פאָטער פון אָנגעקלאָגטן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן דערקלערונגען, כדי ארום צו פּאַרליכטערן דעם זון די שטראָף. ס'זיינען אָבער געווען אַנדערע 2 עדות, וועלכע האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט געשלאָגן דעם טאַטן. דער געריכט האָט שלמה קאַגאַנאָוויטשן פאַרמשפּט אויף 3 חדשים תפיסה.

ל ו י ת:

וואָלף פּאַרבער (מלינאָווע 21), 72 יאָר, גדליה כינסקי (סופּראַסלער 18), 70 יאָר.

## דינסטאַג, כ"ט תמוז
2 אויגוסט.

## מיטוואָך, א' אב
3 אויגוסט.

ל ו י ת:

וואָלף ליבאָווסקי (סטאָלעטשנאַ 19), 63 יאָר, שרה פּאַדראַבינעק (זלאָטע 9), 60 יאָר, משה קופּיצקי (סטאָלעטשנאַ 7), 11 יאָר.

## דאָנערשטאַג, ב' אב
4 אויגוסט.

## פרייטאַג, ג' אב
5 אויגוסט.

דער פּרעזידיום פון שטאָט-ראַט האָט באַשלאָסן צונויפרופן אַ לעצטן פּלענום, וואו ס'זאָל געמאָלדן ווערן וועגן דער פאַנאַנדערלאָזונג פון שטאָט-ראַט. דער קאָמיסאַר נאָוואָקאָווסקי האָט אָבער אַריסגערופן צו זיך דעם וו. פּרעזעס דר. רייגראָדסקי און אים געמאָלדן, אַז די זיכערקייט-מאַכט האָט ניט דערלויבט צונויפרופן אַ זיצונג פון שטאָט-ראַט, וועלכער עקזיסטירט שוין ניט מער.

## זונטאַג, ה' אב
7 אויגוסט.

אויף דער באַן-ליניע בערלין—זבאָנשין האָט מען געפונען אַ טויטן דעם 46 יאָריגן שמואל טאַלמאַן, אַן אַמעריקאַנער סוחר. פון די דאָקומענטן האָט זיך אַריסגעוויזן, אַז ער איז געפאָרן צו די קרובים, די היגע משפחות טיקאָצקי און ראָזשאַנסקי אין ביאַליסטאָק.

— דער 75-יאָריגער היגער איינוואוינער שמואל רוטקער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ היינג-שלעסל, כדי צו באַגיין זעלבסטמאָרד. מיט גרויס מי איז דר. רייגראָדסקין געלונגען אַריסצונעמען ביי אים דעם שלעסל. פון דאַמאָלס אָן האָט אָבער סוטקער כסדר געליטן און פרייטאָג איז ער געשטאָרבן.

## מאָנטאַג, ו' אב
8 אויגוסט.

צוליב אַנטוישונג אין אַ ליבע, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, דורך איבערשניידן זיך די האַלדז מיט אַ חלף, די 22 יאָריגע חנה קאָוואַלסקי, אַ טאָכטער פון אַ וואָשילקאָווער חזן-שוחט.

— דער מייסטערשאַפט-מעטש צווישן די שטאַרקסטע יידישע מאַנשאַפטן „ייסק" און „מכבי" האָט זיך פאַרענדיגט מיטן נצחון פון „ייסק" 2:0.

## דינסטאַג, ז' אב
9 אויגוסט.

5 טעג כסדר האָט געגאָסן אַ שלאַקסרעגן, פון וואָס ס'האָט זיך שטאַרק אַ הויב געטאָן די וואַסער אין דער „ביאַלע". אויף סענקעוויטש-גאַס איז די „ביאַלע" אַריס פון די ברעגעס און פאַרפלייצט דעם הויף № 35. אויך גאַנץ וועסאָלע גאַס איז געשטאַנען אונטערן וואַסער.

— ס'איז פאַרפאַלן געוואָרן דער 29-יאָריגער יודל פּאַניצקי, וועלכער וואוינט אין בוקשטעל ביי וואַשילקאָוו. דאָנערשטאָג דעם 29 יולי איז ער אַוועקגעפאָרן אין די וועלדער אַרום סאָקאָלקע, כדי אויסצוצאָלן די וואַלד-אַרבעטער שכירות 250 זלאָטעס פאַר דער פירמע, וואו ער אַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער. זינט דאַמאָלס האָט מען אים מער ניט געזען.

## מיטוואָך, ח' אב
10 אויגוסט.

## דאָנערשטאַג, ט' אב
11 אויגוסט.

אין זאַל פון שטאָט-ראַט האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע מאַגיסטראַט-אָנגעשטעלטע. דער קאָמיסאַר נאָוואָקאָווסקי האָט זיך מיט זיי באַקענט און פּרעזידענט הערמאַנאָווסקי האָט זיך מיט זיי געזעגנט. אין זיין קורצער רעדע האָט ה' נאָוואָקאָווסקי צוו. אַנד. דערקלערט, אַז די באַאַמטע דאַרפן אַרבעטן געוויסנהאַפט און זיך באַגיין העפלעך מיט די פּעטענטן.

## פרייטאַג, י' אב
12 אויגוסט.

## זונטאַג, י"ב אב
14 אויגוסט.

פרייטאָג איז אין אַ פאַרמאַכטער טרומנע אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק דער טויטער קערפּער פון טראַגיש-אומגעקומענעם שמואל טאַלמאַן. אויף די גאַסן זיינען געווען אויסגעקלעפּט טרויער-מעלדונגען וועגן דער לויה פון אומגעקומענעם טאַלמאַן, וועלכער איז אַן אַקטיווער חבר אין פּעטערסאָנער רעליעף-קאָמיטעט פון ביאַליסט. לאַנדסלייט. אונטער דער מעלדונג זיינען געווען אונטערגעשריבן: „יתומים - פּאַרזאָרגונג", „טאַז", „פאָיען באַנק", „לינת הצדק", „לינת חולים", „מושב זקנים", „הקדש", „מרפא" און „תלמוד תורה".

— דער מיניסטעריום האָט נאָמינירט דעם דר. זשאַק אַלס ביאַליסטאָקער סטאַראָסטאַ.

## מאָנטאַג, י"ג אב
15 אויגוסט.

אין שיינקל פון אַלפרעד דרעסנאַ (מיצקעוויטשאַ 45) איז אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן 3 אַרבעטער און דעם געהיים-אַגענט פּאַוועל לעמעש. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ שאָס און לעמעש איז געבליבן ליגן אַ טויטער.

— ה' אָסוואַלד טרילינג מיט זיין פרוי זיינען אָפּגעפאָרן פון ביאַליסטאָק קיין פּאַריז אויף אַ געוויסער צייט. דאָ זיינען פאַרבליבן בלויז צוויי עלטערע אָנגעשטעלטע, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט דער ווייטערדיגער ליקווידאַציע פון געשעפט.

## דינסטאַג, י"ד אב
16 אויגוסט.

דער שטאָט קאָמיסאַר ה' נאָוואָקאָווסקי האָט אַריינגעשיקט אין דער יתומים-געזעלשאַפט אַ בריף, אין וועלכן ער דערמאָנט וועגן באַשלוס פון שטאָט-ראַט איבערצונעמען דעם „עזרת יתומים", און די יתומים-געזעלשאַפט האָט גאַרניט געטאָן, כדי עס צו רעאַליזירן.

די פאַרוואַלטונג פון דער יתומים-געזעלשאַפט האָט באַשלאָסן ענטפערן, אַז די געזעלשאַפט איז גרייט איבערצוגעבן די אינסטיטוציע, אָבער זי פאַרלאַנגט גלייכצייטיג פון דער שטאָט, זי זאָל העלפן דעקן דעם דעפיציט און אַדורכפירן די ליקווידאַציע.

## מיטוואָך, ט"ו אב
17 אויגוסט

## דאָנערשטאַג, ט"ז אב
18 אויגוסט

מיטן צוועק צו באַגיין זעלבסטמאָרד, האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון 3-טן שטאָק די היגע מיידל ז. ב. פון רינעק קאָסטיושקי 3. די סיבה—מאַטעריעלע נויט.

## פרייטאַג, י"ז אב
19 אויגוסט

## זונטאָג, י"ט אב
21 אויגוסט

ס'איז געשטאָרבן דער 47 יאָריגער באַן-טרעגער שמערל סעדלעצקי; אַ שטיקל צייט פאַרן טויט האָט ער אָפּגעמאַכט מיט זיינע חברים ביי אַ שנאַפּס, אַז ווער פון זיי ס'וועט שטאַרבן, דאַרף מען אים מיטגעבן אין קבר אַ פלעשל שנאַפּס. און אָט האָבן איצט זיינע חברים-טרעגערס באַשלאָסן מקיים צו זיין זיין וואונטש און אריינגעלייגט אין צוגעגרייטן קבר אַ פלעשל 95-ער. חברה-קדישא האָט אָבער דערויף ניט מסכים געווען. צום סוף איז מען איינגעגאַנגען אויף אַ פשרה. די פלעשל טאַקי ניט, בלויז די שנאַפּס האָט מען אריינגעגאָסן אין קבר.

## מאָנטאָג כ' אב
22 אויגוסט

ס'איז אָנגעקומען אַ צירקוליאַר אין די היגע שולעס, אַז ביאַליסטאָק וועט פון איצט אָן געהערן צום בריסקער שול-קוראַטאָריום (פריער צו וואַרשע).

ל ו י ו ת

כינקע קאַפּלאַן 51 יאָר, זאָפיאַ בלאָך 40 יאָר, אלי בובריק 7 יאָר.

## דינסטאָג כ"א אב
23 אויגוסט

— — — — — — —

## מיטוואָך כ"ב אב
24 אויגוסט

— — — — — — —

## דאָנערשטאָג כ"ג אב
25 אויגוסט

דער היגער איינוואוינער משה אָגולניק, וועלכער איז געווען אָן אָנגעשטעלטער אין אַ טאַרטאַק אין סופּראַסלע, איז געקומען צופאָרן קיין ביאַליסטאָק, כדי צו דערליידיגן עפּעס אין שטייער-אַמט. ווען ה' אגולניק האָט זיך געפונען אין קאַבינעט פון נאַטשעלניק פון שטייער-אַמט, איז אים פלוצים ניט גוט געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן ברעכן. אין באַגלייטונג פון אַ אַרויסגערופענעם דאָקטאָר איז ער אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל, וואו ער איז אין עטלאַכע מינוט ארום געשטאָרבן. דער פאַרשטאָרבענער איז אלט געווען עטלאכע און דרייסיג יאָר. ער האָט איבערגעלאָזן אַ פרוי מיט אַ קינד. ווי דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט, האָט אָגולניק זיך פאַרסמט מיט בעטקעס.

## פרייטאָג כ"ד אב
26 אויגוסט

שטאָט איז אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ קאַטאַסטראָפע מיט אַ מאָטאָציקל, בעת וועלכער ס'איז אומגעקומען דער 25 יאָריגער פישל נאָוואָסעלסקי, אַ זון פון דער באַקאַנטער פאַמיליע נאָוואָסיעלסקי פון ראָזשאנער געסל. פישל נאָוואָסעלסקי האָט געהאט אַ אייגענעם מאָטאָציקל, איז ער אַוועקגעפאָרן אויף אים צו זיינעם אַ חבר אין נאָוואָסיאָלקי. אָוונטצייט איז ער געפאָרן צוריק. בעת ער האָט זיך געפונען אויפן שאָסיי אַ פאָר קילאָמעטער פון נאָוואָסיאָלקי, האָט ער ניט באַמערקט דעם אָנפאָרנדיגן אויטאָבוס פון לאָמזשע, דער אויטאָבוס האָט זיך צונויפגעשטויסן מיטן מאָטאָציקל און נאָוואָסיעלסקי האָט געקריגן אַ שטאַרקן קלאַפּ אין שלייף און אין הארצן. אַן אָנפאָרנדיגער טאַקסי האָט אים, מיט שוואַכע סמנים פון לעבן, אָפּגעפירט אין כאָראָשטשער שפּיטאָל, וואו ער האָט אין עטלאַכע מינוט אַרום אויסגעהויכט די נשמה.

## זונטאָג כ"ו אב
28 אויגוסט

דער הויפּט-ראַט פון דער אַלפּוילישער פייערלעשער-אָרגאַניזאַציע האָט באַשאָנקען מיט גאָלדענע פאַרדינסט-קרייצן דעם וואָיעוואָדע קאָשטשאַלקאָווסקי און אינזש. לאַדע. מיט פאַרדינסט-מעדאַלן זיינען אויך באַשאָנקען געוואָרן די „באָסאָ" פאַרוואַלטונג-מיטגלידער דיר. ריגערט און דיר. ציבולקין, וויצע-קאָמענדאַנט סווידערסקי, י. ליבערמאַן, בלאָשטיין און מאָטושעווסקי.

## מאָנטאָג כ"ז אב
29 אויגוטט

אין שטאָט-גאָרטן איז פאָרגעקומען אַ גרויסער מיטינג פון יידן און קריסטן אין שייכות מיטן קאַמף קעגן יקרות אויף עלעקטריע.

## דינסטאָג כ"ח אב
30 אויגוסט

ל ו י ו ת

אשר מענדל שאפּיראָ 60 יאָר.

## מיטוואָך כ"ט אב
31 אויגוסט

אין יידישן שפּיטאָל האָט מען געבראַכט דעם זעלבסטמערדער י. ש. (זאַמענהאָף גאַס). י. ש. האָט אויסגעטרונקען שאַרקע פון שוועבעלאך. די סיבה פון זעלבסטמאָרד איז זיין שווערער מאַטעריעלער מצב.

## דאָנערשטאָג ל' אב
1 סעפּטעמבער

אַן אָריגינעלן שטרייק האָבן דערקלערט די ביאַליסטאָקער קיבוצניקעס. צוליב דער רעדוקציע פון זייער געהאלט פון 50 גר. אַ טאָג אויף 50 גר. אַ וואָך, האָבן זיי אויפגעהערט קומען אין בית-מדרש לערנען.

## פרייטאָג א' אלול
2 סעפּטעמבער

אַ דורכגייענדיגער ייד, וועלכער אַרבעט אין דער פירמע „אַקוואַסאַן", האָט געפונען אויף מאַרק גאַס אַ פּאָרטפעל מיט 4.500 זל. אין אַ פאָר מינוט אַרום האָט דער ייד באַמערקט, ווי 2 קריסטן לויפן אַרום דענערווירט און זוכן עפּעס. דער ייד האָט זיי דערציילט וועגן דער מציאה און נאָכן אָנגעבן די סימנים, האָט ער זיי אַוועקגעגעבן די גאַנצע געלט.

## זונטאָג ג' אלול
4 סעפּטעמבער

— — — — — — —

## מאָנטאָג ד' אלול
5 סעפּטעמבער

איידער די חברה קדישא איז געגאַנגען צו דער טהרה פונם פאַרשטאָרבענעם דאָלובאָווסקי (טשענסטאָכאָווער גאַס) איז אויסגעבראָכן אַ אינצידענט מיט דער משפחה, צוליב דער פאָדערונג פון אַ געוויסער יתומה, מ'זאָל איר פאַרזיכערן פריער אירע 150 דאָלאַר, וואָס זי האָט ביי דער משפחה.

חברה קדישא האָט באַשלאָסן ביי-הילפיג זיין דער עלנטער מיידל. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט דעם פאַרשטאָרבענעמס זון זיך געכאַפּט מיט אַ שטעקן צום מיטגליד פון חברה קדישא ר' יעקב הערש, אָבער פון גרויס אויפרעגונג האָט ער געקריגן אַ פאַראליטש אין האַנט.

ל ו י ו ת

יאנקל פליישער (טיקטין) 77 יאָר, שלמה יעלין 55 יאָר.

## דינסטאָג ה' אלול
6 סעפּטעמבער

אַ גרויסע שרפה איז אויסגעבראָכן אין דער פאַבריק פון י. מ. סאָקאָל. ווען די פייערלעשערס זיינען אָנגעקומען אויפן אָרט, איז שוין דער גאַנצער בנין געשטאַנען אין פלאַמען און אָפּראַטעווען האַט מען שוין ניט געקענט. דער היזק ווערט אָפּגעשאַצט אין העכער אַ פערטל מיליאָן זלאָטעס. ס'זיינען געבליבן אָן באַשעפטיגונג קרוב 200 פערזאָן.

## מיטוואָך ו' אלול
7 סעפּטעמבער

דער קאָמיטעט, וואָס פירט אָן מיט דער אַקציע ביליגער צו מאַכן עלעקטריע, האָט פּראָקלאַמירט אַ איינטאָגיגן פּראָטעסט-שטרייק, ניט צו ברענען קיין עלעקטריע אין די הייזער און קראָמען.

## דאָנערשטאָג ז' אלול
8 סעפּטעמבער

דר. רייגראָדסקי, ראש הקהל צבי כהן, וויצע-פּאָרזיצער פון דער קהלה-פאַרוואַלטונג פ. ציטראָן, פרעזעס פון קהלה-ראַט, מ. זילבערבלאַט, פרוי ראַבינאָוויטש, פּוניאנסקי, יעקב ליפשיץ, איינגעלמאַן, לוריע און אפרת האָבן אָפּגעהאלטן אַ זיצונג אין שייכות מיטן איבערגעבן דעם מאַגיסטראַט דעם „עזרת יתומים". די זיצונג האָט געהאט אַ שאַרפן פאַרלויף און פר' ראַבינאָוויטש האָט אַלס פּראָטעסט פאַרלאָזן די זיצונג אינמיטן. אין פּרינציפּ איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצוגעבן דעם אנשטאַלט דעם מאַגיסטראַט.

## פרייטאג ח׳ אלול
9 סעפטעמבער

אין היגן קרייז-געריכט איז באַטראַכט געוואָרן אַ פּראָצעס קעגן אַ געוויסער מיידל אַרנאָלוד, וועלכע איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר איבערמאַכן זיך די יאָרן אין איר מעטריקע. דער געריכט האָט איר פאַרמשפּט אויף 7 טעג אַרעסט בתנאי אויף 2 יאָר.

## זונטאג ט׳ אלול
11 סעפטעמבער

דער שטאָט-קאָמיסאַר האָט נאָך אַ ריי קאָנפערענצן מיט די נאַטשעלניקעס פון מאגיסטראַט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו רעאַליזירן דעם שטאָטישן בודזשעט אויפן יאָר 1932—33. היות ס׳זיינען פאָרויסגעזען קלענערע הכנסות, האָט דער קאָמיסאַר פאַרקלענערט די הכנסה-פּאָזיציעס מיט 260.000 זל. אויף דער זעלבער סומע וועלן ממילא אויך פאַרקלענערט ווערן די הוצאות.

## מאנטאג י״א אלול
12 סעפטעמבער

— — — — — —

## דינסטאג י״ב אלול
13 סעפטעמבער

אויף סענקעוויטש-גאַס איז פּאַרלאָפן ממש אַ פאַנטאַסטישע געשיכטע. ס׳האָט זיך פּלוצלינג אַ טראָג געטאָן אין דער לופטן אַ מבול פון פאַרשיידענע דאָלאַר-באַנקנאָטן, וועלכע דורכגייערס האָבן געכאַפּט היפנוויז. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דער „נס“ געשען אַ דאַנק דעם, וואָס אַ געוויסער גאַליציאַנער יונגערמאַן גאָלדבערג, וועלכער איז געקומען אַהערצו איינקויפן סחורה, האָט גייענדיג איז גאַס פאַרלאָרן גאַנצע 700 דאָלאַר.

ל ו י ו ת

סאָפע שמיד 37 יאָר (מאַרק גאַס 34), זעלדע ראָזענטאַל 15 חדשים, נחום פריידקעס 5 חדשים.

## מיטוואך י״ג אלול
14 סעפטעמבער

דורכן קרייז-געריכט איז געמשפּט געוואָרן אַ געוויסער היגער איינוואוינער הירש יוכנאָוועצקי, 24 יאָר אַלט, וועלכער איז באַשולדיגט געוואָרן אין צווינגען 4 מיידלאַך צו פאַרנעמען זיך מיט פּראָסטיטוציע און ברייננען אים די פאַרדינסטן. דער געריכט האָט אים פאַרמשפּט אויף 4 יאָר תפיסה מיטן פאַרלירן די רעכט אויף 5 יאָר.

## דאנערשט. י״ד אלול
15 סעפטעמבער

ל ו י ו ת

שלמה גראיער 84 יאָר (אָקראָנגלאַ 1), רבקה וואולקער 1 יאָר (סאָסנאָווע 15).

## פרייטאג ט״ו אלול
16 סעפטעמבער

ס׳איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 73 יאָר דער זשיראַרדאָווער רב, הרב מנחם מענדל אַלבעק ז״ל. דער נפטר איז געוואָרן 40 יאָר רב אין זשיראַדאָוו און געשטאַמט פון די עלטסטע יחוסדיגע משפחות אין וואַרשע. אין ביאַליסטאָק וואוינען 2 זין פון נפטר, דער געוו. ראַטמאַן א. אַלבעק און ה׳ מ. אַלבעק.

## זונטאג י״ז אלול
18 סעפטעמבער

— — — — — —

## מאנטאג י״ח אלול
19 סעפטעמבער

ס׳איז פאָרגעקומען אַ אימפּאָזאַנטע פייערונג לכבוד דעם 34 יאָריגן יובל פון „באָסאָ“ געזעלשאַפט.

ל ו י ו ת

באַשע טשאַבאַן 42 יאָר, פריידע לאָזאָווסקי 83 יאָר.

## דינסטאג י״ט אלול
20 סעפטעמבער

ל ו י ו ת

שיינע גינזבורג 48 יאָר (יוראָוועצער 27).

## מיטוואך כ׳ אלול
21 סעפטעמבער

אויף דער לעצטער פאַרוואַלטונג-זיצונג פון קליינהענדלער-פאַריין איז צוו. אַנד. באַשלאָסן געוואָרן צו עפענען פאַר די מיטגלידער אַ ליי-קאַסע, ווי אויך איינאָרדענען אַן אייגענע קראַנקן-קאַסע.

ל ו י ו ת

יונה לייב קאַפּלאַן, 81 יאָר (מאַרק גאַס 35).

## דאנערשט. כ״א אלול
22 סעפטעמבער

ל ו י ו ת

דינה זאַכאַרעוויטש, 14 יאָר (סטריקאָוו)

## פרייטאג כ״ב אלול
23 סעפטעמבער

די בודזשעט-ציפערן פון ביאַליסט. שטאָט-ראַט אויפן יאָר 1932—33 שטעלן זיך פאַר אַזוי. דער געוויינלאַכער בודזשעט באַטרעפט—2,822,172 זל. אויסערגעוו. בודזשעט—1.295.000 זל. די שטאָטישע אונטערנעמונגען — 349,774 זל. שפּיטאָלן—464,234 זל. שטאָטישע דערציאונג-אַנשטאַלטן—264,283, שפּיטאָלן—874.63 זל. בסה״כ 5.282,926 זל.

## זונטאג כ״ג אלול
25 סעפטעמבער

אין דער קהלה איז דערהאַלטן געוואָרן פון סטאַראָסטוואָ די פאַראָרדענונג וועגן נייע קהלה-וואַלן. דער טערמין פון די וואַלן איז באַשטימט אויפן 15-טן דעצעמבער, מ׳וועט דאַרפן אויסקלייבן 25 פּרנסים.

## מאנטאג כ״ה אלול
26 סעפטעמבער

אין שטאָט האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגן רושם דער זעלבסטמאָרד פון באַקאַנטן יידישן אינטעליגענטן יונגנמאַן לעאָן קרוקאָווסקי (לאָדזשער געסל 3), וועלכער האָט זיך אויפגעהאַנגען ביי זיך אין וואוינונג. קרוקאָווסקי איז מיט אַ קורצער צייט צוריק רעדוצירט געוואָרן פון דער היגער אויטאָבוסן געזעלשאַפט „אורסוס“, וואו ער איז געווען אָנגעשטעלט אַלס קאָנטראָליאָר.

ל ו י ו ת:

שרה רבקה עפּשטיין 81 יאָר (ניי-וועלט 6). דאָבע גרויסשטיין 19 יאָר (ניעצאַלאַ 6). חיים עין 10 יאָר (ריבנע 16)

## דינסטאג כ״ו אלול
27 סעפטעמבער

ס׳איז פאָרגעקומען אַ אימפּאָזאַנטער צוג פון די קינדער פון די יידיש-וועלטלאַכע שולן. 1200 קינדער מיט זייערע לערערס האָבן אונטער די קלאַנגען פון אָרקעסטער, מיט געזאַנג פון זייערע שול-לידער, אין געשלאָסענע רייען, מארשירט איבער די הויפּט-גאַסן און הינטער-גאַסן פון שטאָט.

## מיטוואך כ״ג אלול
28 סעפטעמבער

ס׳איז ליקווידירט געוואָרן דער שוסטער-שטרייק, וועלכער האָט זיך געצויגן אַריבער 14 וואָכן.

— לויט אַ ידיעה פון „בערלינערטאַגעבלאַט“, איז בעת אַ אויטאָ-קאַטאסטראָפע אומגעקומען די 16-יאָריגע ביאַליסטאָקער מיידל מ. העפנער.

ל ו י ו ת:

דאָבע נעוואָסיעלסקי, 56 יאָר.

## דאנערשטאג כ״ח אלול
29 סעפטעמבער

צוליב אַ נערוון-אַטאַק, האָט געפּרובט באַגיין זעלבסטמאָרד די 15-יאָריגע דבורה ראָזענצווייג (סאָסנאָווע 32). מ׳האָט איר אָפּגעראַטעוועט.

ל ו י ו ת:

יהודית בעדער, 10 יאָר (קיעווער 8).

## פרייטאג כ״ט אלול
30 סעפטעמבער

דער רעגירונג-קאָמיסאַר האָט באַשלאָסן אָנצורופן די פּאַלאַצאָווע גאַס אויף די נעמען פון די אומגעקומענע העלדישע פּוילישע פליערס: זשווירקאָ — וויגורא.

## מאנטאג ג׳ תשרי
3 אָקטאָבער

אין היגן קרייז-געריכט איז באַטראַכט געוואָרן אַ פּראָצעס קעגן די היגע יונגעלייט אָרקאָוויע, אַבראַמאָוויטש און פּשעשטשעלעניעץ, וועלכע ווערן באַשולדיגט אין קאָמוניסטישע טעטיגקייט. קיינער האָט זיך ניט מודה געווען, דערביי האָט פּשעשטשעלעניעץ

זיך אָנגעגעבן אַלס רעליגיעזער ייד און דערציילט, אַז ער טראָגט שטענדיג ציצית. דער געריכט האָט אַרויסגעטראָגן פאָלגנדיגן פסק-דין: אַרקאָוויע, 4 יאָר תּפיסה, אַבראַמאָוויטש, 3 יאָר און פשעשטשעלעניעץ ווערט אינגאַנצן באַפרייט.

## דינסטאג, ד׳ תשרי
4 אָקטאָבער.

— — — — — — —

## מיטוואָך, ה׳ תשרי
5 אָקטאָבער.

— — — — — — —

## דאנערשטאג, ו׳ תשרי
6 אָקטאָבער.

ל ו י ו ת:

אסתר פייגע שוואַרץ, 46 יאָר.

## פרייטאג, ז׳ תשרי
7 אָקטאָבער.

— — — — — — —

## זונטאג, ט׳ תשרי
9 אָקטאָבער.

— — — — — — —

## מאנטאג, י׳ תשרי
10 אָקטאָבער (יום-כפור).

— — — — — — —

## דינסטאג, י״א תשרי
11 אָקטאָבער.

אין קרייז-געריכט איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס קעגן דעם קריסטלאַכן יונגנמאַן דוראַנאָווסקי, וועלכער האָט זומער אויף סענקעוויטש-גאַס געשטאָכן דעם יידישן קצב-אַרבעטער יעקב קלייגער. דער געריכט האָט דעם רוצח פאַרמשפּט אויף 3 יאָר תּפיסה.

## מיטוואָך י״ב תשרי
12 אָקטאָבער

ס׳איז געשלאָסן געוואָרן די אויסשטעלונג פון היימישער אויסאַרבעטונג, וואָס ס׳איז געווען אָפן אין די זאַלן פון דער וואָיעוואָדשאַפט פון 1-טן ה. ח. אַ סך ביאַליסטאָקער יידישע פירמעס האָבן געקריגן אויסצייכענונגען. די אויסשטעלונג איז באַזוכט געוואָרן דורך 11000 פּערזאָן.

ל ו י ו ת:

מרדכי קראַוועץ 69 יאָר (אָרליאַנסקי 1), מינדל דאָברי 75 יאָר (מאַרק - גאַס 12).

## דאָנערשטאג י״ג תשרי
13 אָקטאָבער

בעת דער אַלטער מילך-פאַרקויפער לייב אָרקין איז געגאַנגען מיט די קאַנען מילך אויף נייוועלט, האָט ער אויפן הויף פון נייוועלט 7 זיך פאַרטשעפּעט און געקריגן אַ קלאַפּ אין קאָפּ. אויפן וועג צום שפּיטאָל איז ער געשטאָרבן.

ל ו י ו ת:

אָדל ראָסקעס 69 יאָר (טשענסטאָכאָווער 13), שמואל הערש גניצוצקי 80 יאָר (פאַלאַצאָווע 1), טעוול אָרקין 73 יאָר (פיענקנאַ 6).

## פרייטאג י״ד תשרי
14 אָקטאָבער

ל ו י ו ת:

טעוול פעקאַרסקי 36 יאָר (קופּיעצקאַ 37)

## מאנטאג י״ז תשרי
17 אָקטאָבער

אין קרייז-געריכט איז פאָרגעקומען דער סענסאַציאָנעלער פּראָצעס קעגן דער באַנדע „די שוואַרצע האַנט״. אויף דער באַשולדיגונג - באַנק זיינען געזעסן 8 היגע יידישע יונגעלייט: לייב קאַגאַן, אברהם טישלערמאַן, זרח טישלערמאַן, ישראל פישער, אהרן מידלער, יאָסל קאַגאַן, שעפּסל כינסקי און שמואל קאַרניאַנסקי. זיי זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר אָרגאַניזירן אין שטאָט אַ באַנדע, אויסצופּרעסן געלט דורך טעראָר. נאָך דער פאַרטיידיגונג פון די אַדוו. שוואַרץ, טילעמאַן און יאַנטשאָלעק, טראָגט דער געריכט אַרויס פאָלגנדיגן פסק-דין: לייב קאַגאַן, אברהם טישלערמאַן, זרח טישלערמאַן 3 יאָר תּפיסה. ישראל פישער, אהרן מידלער און יאָסל קאַגאַן 2 יאָר תּפיסה. שעפּסל כינסקי און שמואל קאַרניאַנסקי 1 יאָר תּפיסה.

## דינסטאָג י״ח תשרי
18 אָקטאָבער

אין עלטער פון 63 יאָר איז געשטאָרבן צביה ראַפּאָפּאָרט, די פרוי פון זייער אָנגעזעענעם למדן און משכּיל ר׳ זלמן ראַפּאָפּאָרט. איינער פון זייערע אינטעליגענטע זין איז דער יונגער באַקאַנטער איבערזעצער און קריטיקער יהושע ראַפּאָפּאָרט.

## מיטוואָך י״ט תשרי
19 אָקטאָבער

— — — — — — —

## דאָנערשטאָג כ׳ תשרי
20 אָקטאָבער

אין 2 טן קוואַרטל פון יאָר 1932 זיינען געשטאָרבן אין ביאַליסטאָק 206 פּערזאָן, דערפון 80 יידן און 126 קריסטן.

ל ו י ו ת:

מאַשע מאַטינקאָ 67 יאָר, ליזאַ גילאָרי 47 יאָר.

## פרייטאג כ״א תשרי
21 אָקטאָבער

ס׳איז פאָרגעקומען די פייערלאַכע עפענונג פון בן-ציון צוקערמאַנס בילדער-אויסשטעלונג.

## מאנטאג כ״ד תשרי
24 אָקטאָבער

אין שייכות מיטן 35-יאָריגן יובל פון דער עקזיסטענץ פון „בונד״, איז פאָרגעקומען אין „פּאַלאַס״ אַ יובל - אַקאַדעמיע, וואָס האָט צוגעציגן אַ גרויסן עולם.

ל ו י ו ת:

דאָבע סאָראָטשקעס 105 יאָר (סוראַזער 32), שמערל בערעזינסקי 95 יאָר, שכנא באַש 79 יאָר, (פּאָלנע 49) חיים קאַפּלאַן 72 יאָר (סופּראַסלע), גאָלדע פּרעס 70 יאָר (סיענקעוויטש 58), ישראל שפּירא 69 יאָר (שוו. ראָך 7), זיסל גאַם 66 יאָר (סיענקעוויטש 9), יעקב זלאטאר 63 יאָר (דאָמבראָווסקי 20), יאָכע באַכראָך 55 יאָר (יוראָווצער 13).

## דינסטאג כ״ה תשרי
25 אָקטאָבער

אין היגן קרייז-געריכט האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער סענסאַציאָנעלער „וואַראַנט״-פּראָצעס. אין יאָר 1926, אין דער נאַכט פון 22 אויפן 23-טן אויגוסט, איז אויסגעבראָכן אַ שרפה אין די סקלאַדעס פון דער האַנדל-טראַנספּאָרט-געזעלשאַפט „וואַראַנט״ (קאָלעיאָווע 12). אין משך פון אַ קורצער צייט זיינען די בנינים מיט די סחורות אַראָפּ מיטן פייער. די סחורה האָט געהערט צו אַ ריי סוחרים. די אויספאָרשונג וועגן פעסטשטעלן די סיבה פון דער שרפה האָט געדויערט 6 יאָר. ס׳זיינען דערוועקט געוואָרן באַשולדיגונגען, אַז די סקלאַדעס מיט די סחורה האָט מען אונטערגעצונדן, כּדי אָפּצונעמען אַסעקוראַציע, וואָס האָט באַטראָפן אַ 150.000 דאָלאַר. צוליב דעם האָט די געזעלש. זיך אָפּגעזאָגט אויסצוצאָלן די אַסעקוראַציע-פּרעמיע. דער באַשולדיגונג-אַקט איז צונויפגעשטעלט קעגן טאָדל אַבראַמאָוויטש, הירש אַבראַמאָוויטש, יאַנקל יאַנאָסעוויטש, אבא פורמאַן, חנא יאַנאָווסקי, כאַצקל גאָלדשטיין, לייזער קוגעל, שמואל גוזאָווסקי און בערל ליס. אָט די 9 פּערזאָן ווערן באַשולדיגט דורך דער פּראָקוראַטור אין אונטערצינדן, כּדי אָפּצונעמען אַסעקוראַציע. חוצדעם זיינען נאָך פאַראַן 2 פּריוואַטע באַשולדיגטע, י. ניידאָרף און איסאַק קאַנטאָר, וועלכע זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן דורך דער אַסעקוראַציע-געז. מצד דער באַשולדיגונג טרעטן אַרויס 134 עדות, מצד דער פאַרטיידיגונג — 100. ס׳פאַרטיידיגן 12 באַרימטע אַדוואָקאַטן.

## מיטוואָך כ״ו תשרי
26 אָקטאָבער

אין שייכות מיט אַ רויב-אָנפאַל הינטער וואַשליקאָווע אויף אַ בעל - עגלה, איז אַרעסטירט געוואָרן יאַנקל ראָזנגאָרטן (אַ באַשולדיגונג - עדות אויפן „וואַראַנט״-פּראָצעס) מיט זיין טאָכטער. אין שטוב ביי אים זיינען געפונען געוואָרן די צוגערויבטע חפצים און אויך אַ רעוואָלווער.

## דאנערשטאג כ״ז תשרי
27 אָקטאָבער

ל ו י ו ת:

יצחק הערש טילער 40 יאָר (מאַליִנאָווסקי 16), דינה ביאַלאָסטאָצקי (קופּיעצקאַ 27) 71 יאָר.

**פרייטאג כ"ח תשרי**
28 אָקטאָבער

דער שטאָט-קאָמיסאַר האָט אונטערגעשריבן די קינדיגונג פון 12 פרויען-באַאַמטינס, וועלכע אַרבעטן אין די שטאָטישע אַמטן און אינסטיטוציעס.

**זונטאג ל' תשרי**
30 אָקטאָבער

— — — — — — —

**מאנטאג א' חשון**
31 אָקטאָבער

— — — — — — —

**דינסטאג ב' חשון**
1 נאָוועמבער

דער באַקאַנטער היגער אייַנוואוינער י. בלאָך האָט אָפּגענומען אין „באַנק פּאָלסקי" 2200 זל. וואָס די „איזבא סקאַרבאָווע" איז אים געווען שולדיג פאַר בוי-מאַטעריאַלן. ווען ה' בלאָך האָט זיך געפונען אויף די טרעפּ פון „ב. פּ." זיינען צוגעגאַנגען צו אים 2 עקזעקוטאָרן, געוויזן אַ באַפולמעכטיגונג פון שטייער-אַמט און צוגענומען ביי אים פון קעשענע די גאַנצע סומע געלט.

**מיטוואך ג' חשון**
2 נאָוועמבער

— — — — — — —

**דאָנערשטאג ד' חשון**
3 נאָוועמבער

אין שייכות מיט דער אַמנעסטיע, זיינען באַפרייט געוואָרן פון דער ביאַליסטאָקער תּפיסה 200 אַרעסטאנטן.

ל ו י ו ת:

טשערני כאַנין 66 יאָר (ק-אַשעווסקי 8).

**פרייטאג ה' חשון**
4 נאָוועמבער

ל ו י ו ת:

יעקב אבן-ספיר 16 יאָר (ראַבינסקאַ 16).

**זונטאג ז' חשון**
6 נאָוועמבער

— — — — — — —

**מאָנטאג ח' חשון**
7 נאָוועמבער

ס'איז פאָרגעקומען אַ לאַנד-צוזאַמענפאָר פון רעזערוויסטן אין ביאַליסטאָק, אין וועלכן ס'האָבן אָנטיילגענומען ביי 2000 פערזאָן.

ל ו י ו ת:

הינדע לאַכאָוויעצקי 66 יאָר (זשיטנע 12).

**דינסטאג ט' חשון**
8 נאָוועמבער

— — — — — — —

**מיטוואך י' חשון**
9 נאָוועמבער

דער יונגער אַרבעטער וולאַדיסלאַוו לאַפּינסקי איז אַרויס פון דאָקטאָרס קאַבינעט אין ק"ק, און מיט די ווערטער: „אַזוי איז דער גורל פון אַרבעטער, ער ווערט קראַנק און מ'קען אים שוין ניט אויסהיילן!", האָט ער זיך פאַרסמט מיט עסיג-סענץ.

**דאָנערשטאג י"א חשון**
10 נאָוועמבער

— — — — — — —

**פרייטאָג י"ב חשון**
11 נאָוועמבער

ס'איז פאָרגעקומען די פייערונג צום 14-טן יאָרטאָג פון פוילנס באַפרייאונג.

**זונטאג י"ד חשון**
13 נאָוועמבער

— — — — — — —

**מאָנטאָג ט"ו חשון**
14 נאָוועמבער

ס'האָט זיך ליקווידירט דער קרייז פון ליבהאָבערס פון דער איינגלישער שפּראַך א. ג. „איינגליש סערקל".

די קליינע ביבליאָטעק פון איינגלישע ביכער און זשורנאַלן, וואָס דער קרייז האָט פאַרמאָגט, האָט די פאַרוואַלטונג איבערגעגעבן דער „שלום-עליכם" ביבליאָטעק.

**דינסטאָג ט"ז חשון**
15 נאָוועמבער

ס'איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ אַטאַק דער באַקאַנטער אין שטאָט פּריוואַטער אַדוואָקאַט ה' שלמה קוריאַנסקי. דער פאַרשטאָרבענער איז געווען דער פּאָפּולערסטער מענטש אין דער לינקער האַלבער שטאָט. אין זיין קליינינקער ביוראָ אויף סוראַזער גאַס האָבן זיך טעגלאַך געצויגן הונדערטער מענטשן פון כאַנייקעס, פּיאַסקעס און „אַרגענטינע" צו פרעגן ביי אים אַ יורידישע עצה.

**מיטוואָך י"ז חשון**
16 נאָוועמבער

— — — — — — —

**דאָנערשטאג י"ח חשון**
17 נאָוועמבער

— — — — — — —

**פרייטאג י"ט חשון**
18 נאָוועמבער

— — — — — — —

**זונטאָג כ"א חשון**
20 נאָוועמבער

— — — — — — —

**מאָנטאָג כ"ב חשון**
21 נאָוועמבער

ל ו י ו ת:

שמואל קאַמענאָמאַסטקי 61 יאָר (ראַזשאָנאָי), שפרה קאָסאוויצקי 26 יאָר (מיכאַלאָווע), חיה קויפמאַן 70 יאָר (שעדלעצקא 6), יחיאל טאַראַטאַצקי 60 יאָר (ציעפלאַ 35).

**דינסטאָג כ"ג חשון**
22 נאָוועמבער

אין משך פון לעצטן קווארטל פון יאָר 1932 זיינען פאָרגעקומען אין ביאַליסטאָק 250 חתונות, געבורטן 437, טויט-פאַלן 288, דערפון 137 יידישע חתונות, 165 געבורטן און 105 טויט-פאַלן.

**מיטוואָך כ"ד חשון**
23 נאָוועמבער

— — — — — — —

**דאָנערשטאָג כ"ה חשון**
24 נאָוועמבער

ס'איז געקומען קיין ביאַליסטאָק דער וויצע-פינאַנס-מיניסטער ה' סטאַזשינסקי, כדי דורכצופירן אַן אינספּעקציע אין דער „איזבא" און די אינסטאַנצן, וועלכע אונטערליגן איר.

**פרייטאָג כ"ו חשון**
25 נאָוועמבער

— — — — — — —

**זונטאָג כ"ח חשון**
27 נאָוועמבער

דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדע ה' קאָשטשאַלקאָווסקי האָט באַשטעטיגט דעם קהלה-בודזשעט אין דער הויך פון 628,309,50 זל. הוצאות און 509,622,76 זל. הכנסות.

— ס'איז פּלוצים געשטאָרבן די פאַרוואַלטערין און לערערין פון דער גן-ילדים - שול (געלע 13) מינע דאָברינעווסקאַ - גראָספעלד, פרוי פון באַקאַנטן לערער און געזעלשאַפטלאַכן טוער ד"ר י. גראָספעלד. די פאַרשטאַרבענע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר איבערגעבנקייט פאַר דער יידישער שול-אַרבעט, געווען עטלאַכע יאָר געקליבן פון דער לערערשאַפט אין ראַט פון דער שול-אָרגאַניזאַציע.

**מאָנטאָג כ"ט חשון**
28 נאָוועמבער

ביים גוט באַקאַנטן בישקע דעם צייטונג-פאַרשפרייטער האָט מען אינמיטן גאַס אַרויסגעריסן אַ טייסטער מיט 70 זל. פּדיון פאַר צייטונגען. די אָנפאַלערס האָט מען ניט געכאַפּט.

ל ו י ו ת:

לייביער בערנשטיין 76 יאָר (קאָשטשעלנא 5), שרה רבקה ווארשט (רינעקקאָסט. 33) מאיר שיניאַק 69 יאָר (טשענסטאָכאָווער 19) הנא פינק 68 יאָר אַלט (באַיארע 2) מינע גראָספעלד (פּאַלנע 9) הינדע קוואשניצקי 30 יאָר (מארמוראָווע 8).

**דינסטאָג ל' חשון**
29 נאָוועמבער

נאָך אַ שווערער קריינק איז געשטאָרבן אין עלטער פון 66 יאָר פרוי כאשע קעמפנער, די פרוי פון ה' פאלק קעמפנער. די פאַרשטאָרבענע האָט געשטאַמט פון אָדעס פון אַן אַריסטאָקראַטישער יידישער פאַמיליע ביליק. איר ערשטער מאַן איז געווען דער באַרימטער

הערצענשטיין, דעפּוטאַט פון דער צווייי־טער דומע, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן דורך אגענטן פון דער שווארצער מאה.

## מיטוואָך א׳ כסלו

30 נאָוועמבער

צוליב דער סכנה פון איינפאַלן, האָבּן די פייערלעשערס פאַנאַנדערגעוואָרפן דעם צווייטן שטאָק פון פראָנט מייערל אויף מארק־גאַס 29.

## דאָנערשטאָג ב׳ כסלו

1 דעצעמבער

לאה רוביזשעווסקי 38 יאָר (בּעמא 14).

## פרייטאָג ג׳ כסלו

2 דעצעמבער

— — — — — — —

## זונטאג ה׳ כסלו

4 דעצעמבער

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז דער יידישער יונגערמאַן איצל פּאַניצקי, אַ אָנגעשטעלטער בּיי דער האָלץ פירמע פּערלשטיין אָוועקגעפאָרן מיט עטלאַכע הונדערט זל. אויסצוצאָלן די וואַלד־אַרבּעטער שכירות און מער איז ער שוין ניט צוריקגעקומען. פאָריגן דאָ־נערשטאָג האָבּן אַרבּעטער אין וואַלד מאַיעווע בּיי יאַנאָווע בּאַמערקט אַרויס־שטאַרצענדיג פון דר׳ערד אַ פוס פון אַ מענטשן. אויפגראָבּנדיג האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דאָס איז דער פאַרשוואונ־דענער פּאַניצקי, וועלכן רוצחים האָבּן דערהרגעט און בּאַגראָבּן טיף אין דר׳ערד.

## מאנטאג ו׳ כסלו

5 דעצעמבער

אין כאָראָשטשער שפּיטאַל געפינען זיך איצט 500 פסיכיש־קראַנקע אויף 600 בּעטלאַך. דער שפּיטאָל פאַרמאָגט אַן אייגענע עלעקטראָווניע.

ל וו י ו ת

אַלטע ראָזענבּלום 70 יאָר (סאָסנאָ־ווע 10).

## דינסטאג ז׳ כסלו

6 דעצעמבער

ס׳איז ליקווידירט געוואָרן דער רעס־טאָראַן „גאַסטראָנאָמיאַ״, ראָג סענקע־וויטש־קאָסטיושקי פּלאַץ. דעם לאָקאַל האָט פאַרנומען דער היגער „שאַך־קלוב״.

ל וו י ו ת:

יאָשפע סאָפּאָזשניק 59 יאָר (סוכאַ 7), עטל שינדבּוים 90 יאָר (מושב זקנים), רייזל בּורשטיין 56 יאָר (קאָטשאַ 1).

## מיטוואך ח׳ טבת

7 דעצעמבער

דער בּירגער־קאָמיטעט, וואָס פירט אָן מיט דער אַקציע צו פאַרבּיליגערן די פרייזן פון עלעקטרישן שטראָם, האָט פּראָקלאָמירט אַ טיילוויין עלעקטריע־שטרייק.

## דאָנערשטאג ט׳ כסלו

8 דעצעמבער

ס׳האָט זיך פאַרענדיגט דער פּראָצעס פון די געלט־פעלשערס יעלענעוו און חברותא, וועלכער איז שוין פאָרגעקו־מען צום צווייטן מאָל אין היגן קרייז־געריכט. דער פסק־דין איז פאָלגנדיגער: יעלענעוו 12 יאָר תּפיסה און 20 טויזנט זל. שטראָף, איגליצקי 9 יאָר תּפיסה און 10.000 זל. שטראָף, בּאסיאַר 6 יאָר תּפיסה און 10 טויזנט זל. שטראָף, הער־מאַנאָווסקי — 8 יאָר, קאָוועקא 4 יאָר, ראָזענפעלד 4 יאָר, שפּיטאַלעוויטש 4 יאָר, גאָלדפינגער 5 יאָר, ראַקיצקי 2 יאָר, גאָרבּונאָווא בּאַפרייט.

## פרייטאָג י׳ כסלו

9 דעצעמבער

ס׳איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער פסק־דין אין גרויסן „וואַראַנט״־פּראָצעס, וועלכער האָט זיך געצויגן 6 וואָכן צייט אין היגן קרייז־געריכט. דער אורטייל איז פאָלגנדיגער: די 5 אָנגעקלאָגטע טאָדל אַבּראַמאָוויטש, הירש אַבּראַמאָ־וויטש, יאַנקל יאַנאָסעוויטש, יאַנקל ניי־דאָרף און יצחק קאַנטאָר — בּאַפרייט. די 4 אָנגעקלאָגטע אבא פורמאַן, לייזער קוגעל, בּערל ליס און שמואל גוזאָוו־סקי, נאָכן אַראָפּרעכנען די אַמנעסטיע־פאַרלייכטערונגען, יעדערער צו 2 יאָר מיט 8 חדשים תּפיסה. די צוויי אָנגע־קלאָגטע יאַנאָווסקי און גאָלדשטיין, נאָך דער אַמנעסטיע־אַראָפּרעכנונג, צו 6 חדשים תּפיסה. דער פּראָקוראָר און די פאַרטיידיגערס פון די פאַרמשפּטע האָבּן אָנגעגעבּן אַן אַפּעלאַציע.

## זונטאָג י״ב כסלו

11 דעצעמבער

— — — — — — —

## מאָנטאָג י״ג כסלו

12 דעצעמבער

ל וו י ו ת:

רייזל קרעמער 70 יאָר (טשענסטאָכ. 29), לאה גאָרפינקל 29 יאָר (טשענסטאָכ. 10), יאַנקל אַרמאַטאָווסקי 70 יאָר (פאַבּריק־גאַס 7).

## דינסטאג י״ד כסלו

13 דעצעמבער

ס׳איז פאָרגעקומען אין בּיאַליסטאָק אַ קאָנפערענץ וועגן דורכפירן אַ ריי מעליאָראַציע־אַרבּעטן אין אונזער געגנט. ס׳וועלן אויסגעטריקנט ווערן זומפּן און מיט דער אַרבּעט וועלן זיך פאַרנעמען אַרבּעטלאָזע. פאַר בּיאַליסטאָק איז דורכן מיניסטעריום בּאַשטימט אויף דעם צוועק 50.000 זל.

## מיטוואך ט״ו כסלו

14 דעצעמבער

דער שטרייק פאַר בּיליגער עלעקטריע האַלט זיך שטאַרק אין שטאָט. בּאַזונ־דערס פילט זיך עס אין די וויטרינעס פון די געשעפטן אין די הויפּט־גאַסן, וועלכע ווערן בּאַלויכטן מיט ליכטלאַך אָדער לעמפּלאַך. אין די דאָזיגע וויט־רינעס איז אויסגעהאנגען אַ בּרייטע לענטע אין פויליש: „עלעקטריע ניט בּאַלייכטן, צוליב דער טייערקייט פון שטראָם״.

ל וו י ו ת

משה יצחק כאָראָש 90 יאָר (מינסקאַ 15).

## דאנערשטאג ט״ו כסלו

15 דעצעמבער

ל וו י ו ת:

שרה זאַבּלודאָווסקי 40 יאָר (זאַבּלו־דאָווע), אהרן נאָוויק 74 יאָר.

## פרייטאג י״ז כסלו

16 דעצעמעער

ס׳האָט זיך פאַרענדיגט דער לעצטער טערמין אָנצוגעבּן קאַנדידאַטן־ליסטעס צו די קהילה־וואַלן. בּסך־הכל זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן 17 קאַנדידאַטן־ליסטעס.

ל וו י ו ת:

רחל ערליכמאַן 75 יאָר (מושב זקנים).

## זונטאג י״ט כסלו

18 דעצעמבער

2 וואָכן דויערט שוין דער דאָקטוי־רים־שטרייק אין דער אַמבּולאַטאָריע פון „לינת הצדק״.

— פרייטאָג האָבּן זיך אין לאָקאַל פון „אָשראָדעק״ אָנגעהויבּן די בּאָקס־פאַרמעסטונגען אויף מייסטערשאַפט פון בּיאַליסט. ראַיאָן. אין צווייטן טאָג פון די פאַרמעסטונגען איז געשען זייער אַ טראַגישער פאַל. נאָכן בּאָקס־קאַמף צווישן קריסט טשעסלאַוו זדאַנאָוויטש (לאַפּי) און יידן יצחק בּזשעזינסקי (בּיאַליסטאָק), וועלכן זדאַנאָוויטש האָט פאַרשפּילט, איז דעם לעצטן פּלוצלינג ניט גוט געוואָרן און אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ער אין שפּיטאָל געשטאָרבּן.

## מאנטאג כ׳ כסלו

19 דעצעמבער

ס׳האָט זיך פאַרענדיגט דער דאָקטוי־רים־שטרייק אין „לינת הצדק״.

ל וו י ו ת

משה לעוו 18 יאָר (זאַמענהאָף 21), בּאשע לינטשעווסקי 90 יאָר (סאָסנאָווע 12), בּלומע אדין 33 יאָר (סוראַזער 44), אלי סטאַזש 4 יאָר (יאַנאָווע).

## דינסטאָג, כ״א כסלו

20 דעצעמבער

אין שייכות מיטן טראַגישן פאַל אויפן בּאָקס־קאַמף, איז דער בּאָקסער יצחק בּזשעזשינסקי איינגעזעצט געוואָרן, לויט דער פאַראָרדענונג פון פּראָקוראָר, אין תּפיסה.

## מיטוואָך כ״ב כסלו

21 דעצעמבער

ס׳זיינען געקומען צופאָרן קיין בּיא־ליסטאָק פאָרשטייערס פון צענטראַלן בּאָקסערן־פאַרבּאַנד, אין שייכות מיטן אַרעסט פון יצחק בּזשעזינסקין. אָבּער נאָך פאַר זייער אָנקום איז שוין גע־ווען אַ דעציזיע פון אויספאָרש.־ריכטער, צו בּאפרייען בּזשעזינסקין פון תּפיסה.

## דאָנערשטאָג כ״ג כסלו

22 דעצעמבער

ס׳זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין בּיאַליסטאָק די 4 פאַרמשפּטע אין „וואַ־ראַנט״־פּראָצעס. די ה״ה קוגעל, פור־מאַן, ליס, און גוזאָווסקי, וועלכע זיי־נען בּיז איצט געווען פריי קעגן קויצע.

וועגן וויטערדיגן גורל פון די אַר״ע-סטירטע דאַרף שוין דעצידירן דער אַפּעלאַציע-געריכט.

— דער היגער „יידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן-קרייז״ האָט זיך איבערגע-קליבן אין אַ נייעם גרויסן לאָקאַל אויף זאַ-מענהאָף 14. איין גרויסער צימער איז באַשטימט פאַרן „יהואש-לייען-זאַל״, וואו ס׳באַקומען זיך ביז 100 צייטונגען אויף 5 שפּראַכן פון אַלע עקן וועלט.

ל ו י ו ת

נתן זאַקס, 67 יאָר (מאַזאָוועצקי 7).

## פרייטאָג כ״ד כסלו
23 דעצעמבער

קיין ביאַליסטאָק איז געקומען צו-פאָרן, אין די אינטערעסן פון יידישן וויסנשאַפטלאַכן אינסטיטוט (ייוו״אָ), דער ווילנער שריפטשטעלער פאַלק האַלפּערן, וועלכער איז דעלעגירט גע-וואָרן אַהערצו, דורכצופירן די היי-יעריגע אַקציע פאַר ייוו״אָ.

## זונטאַג כ״ו כסלו
25 דעצעמבער

— — — — — — — — — —

## מאָנטאַג כ״ז כסלו
26 דעצעמבער

אויף נייוועלט 26, ביי דער משפחה עפּשטיין האָט אַ דריי יאָריגער יינגעלע אַראָפּגעשלונגען אַ חנוכה-דריידל, דאָס קינד איז גלייך געוואָרן געפערלאַך קראַנק און מ׳האָט אים געמוזט אָפּפירן קיין וואַרשע.

## דינסטאַג כ״ח כסלו
27 דעצעמבער

— — — — — — —

## מיטוואָך כ״ט כסלו
28 דעצעמבער

— — — — — — —

## דאָנערשטאַג ל׳ כסלו
29 דעצעמבער

די קהלה-וואַלן זיינען אַדורך פול-שטענדיג רואיג. פון דער אַלגעמיינער צאָל 4800 וואַל-באַרעכטיגטע האָבן גע-שטימט 3192 פערזאָן. די מאַנדאַטן-פאַרטיילונג איז פאָלגנדיגע: ציוניסטן—5 מאַנדאַטן, פּוע״צ—2, כאַנאַיקעס-פּיאַסקעס — 2 מאַנד., האַנטווערקער 2 מאַנד., קליינהענדלער—1 מאַנד., סוחרים — 1 אגודה — 4, בתי-מדרשים — 2, מזרחי—1, מאַנד., אומפּאַרטייאישע פון כאַנאַיקעס-פּיאַסקעס—1 מאַנד., באַלעבאַטים — 2 מאַנד., שומרי שבת—1 מאַנד., קליינ-הענדלערס פון כאַנאַיקעס-פּיאַסקעס — 1 מאַנד.

## פרייטאַג א׳ טבת
30 דעצעמבער

דער פּאָליציי איז געלונגען צו כאַפּן דעם רוצח פון יידישן בחור יודל פּאַ-ניצקי, וועלכער איז דערהרגעט גע-וואָרן אין אַ וואַלד הינטער יאַנעווע. דער רוצח איז אַ וואַלד-אַרבעטער.

— דער פּרעזעס פון ביאַליסטאָקער „איזבאַ סקאַרבאָוואַ״ ה׳ בראָמבערגער איז באַפרייט געוואָרן פון זיין אַמט. אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער ביזאַיצטיגער וויצע-פּרעזעס פון לעמבערגער „איזבאַ״, פּיאַסעצקי.


אָרטאָפּעדיסט **מ. שאַפּירא-שימשעלעוויטש** ביאַליסטאָק, סענקעוויטש-גאַס 34

פ י ר ט  א ו י ס

קינסטלאַכע פיס און הענט, געוויינלאַכע און ספּעציעלע, הייל-אַפּאַראַטן ביי פּאַראַליטש, לאַמונג, סטאַוון-אַנצינדונג אז. וו. אויסגלייכונג-גאָרסעטן ביי אויסקרימונג פון רוקנביין (קרענגאָסלופּ) איינלאַגערס צו פלאַך-פיס נאָך גיפּס-מאָדעלן (płaskie stopy) אז. וו.

ברוך-פּאַסן, ספּעציעל פאַר די, וועלכע קענען דורך וועלכער עס איז סיבה זיך ניט מאַכן קיין אָפּעראַציע, פּאַס איך צו אַ ניט-דריקנדן פּאַסעק (ספּעציעלע קאָנסטרוקציע) אויסהאַלטענדיג ביי די שווערסטע פּאַלן,

צוגעפּאַסט און אויסגעפירט דורך מיר אַליין נאָך דער לעצטער פּאָדערונג פון אָרטאָפּעדיע-כירורגיע צו זייער ביליגע פּרייזן.

טוך און דעקן-פאַבריק
**י. פינעס**
יוראָוצער 14, טעל. 2-82

ערשטקלאַסיגער רעסטאָראַן
**„AQUARJUM״**
ביאַליסטאָק, רינעק-קאָסציושקי 6, טעל. 2-24

קירזשנער-וואַרשטאַט
**י. באַרענבוים**
סענקעוויטשאַ 1
ספּעציעלע אויסאַרבעטונג פון פאַרשיידענע פּאַלטעס, פוטערס און קאָלנערס

**Biuro transportowe**
**„PÓŁNOC"**
Rynek Kościuszki 26.
Tel. 2-61, 8-58 i 7-60.

הורט  דעטייל
אַפּטייק-סקלאַד
**ישראל פּעקער**
זאַמענהאָף 1, טעל. 7-68
שטענדיג אויף לאַגער אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער בראַנזשע.

**Dr. med.**
**Wiktor Fryszman**
Choroby wewnętrzne
(żołądka, kiszek, wątroby,
przemiany materji)
przyjmuje 10-12 i 4-6
Sienkiewicza 38, telef. 10-55

טאַפּעטן-געשעפט
**י. חיט**
זשידאָווסקאַ 2
(ראָג סענקעוויטשאַ)

אפּרעטור
**Ch. Zylberblat i E. Filip**
שוו.-יאַנסקאַ 13, טעל. 7-39

**י. ענגעלמאַן**
וואַרשעווער 38,
טעל. 1-76

**Zakład położniczy**
akuszerek
**Karpowicz i Badylkes**
pod kierownictwem
**D-ra Szapiro-Aronowskiej**
Warszawska 2. Tel. 9-25

באָוול-געשעפט
**י. שאַברינסקי**
רינעק-קאָסציושקי 15
טעלעפ. 2-95

**ישראל בלאַך**
פאַרשיידענע בוי מאַטעריאַלן און אַלע סאָרטן ברעטער
סטאָלאַרסקע
טשענסטאַכאָווער 6 b
טעלעפ. 1-74, 13-71

**יעקב באַביצקי**
קופּעצקאַ 3, טעל. 17 73
קאַלאָשן און שניעגאָוועס

בוזנע
**E. MURAWIEJSKI**
מאַרש. פּילסודסקי-גאַס 23
רעקאָמענדירט צו ביליגע פּרייזן די בעסטע פּרוכטן אינלענדישע און אויסלענדישע און זיסוואַרג

# אינהאַלט:

זייט

אונזער יאָר-בוך — — — י. ל. שאַצקי — 3
דער פּנים פון ביאַליסטאָק — — — א. זבאַר — 4
דער קולטורעלער אָפּוס אינם עקאָנאָמישן
מדבר — מ. גאָלדמאַן — 6
ביאַליסטאָקער טעקסטיל-אינדוסטריע אַמאָל און
היינט — מרדכי זילבערבלאַט — 8
די בוי-אינדוסטריע אין ביאַליסטאָק — אברהם טיקטין — 9
די האַנטווערקער-קאַמער און די יידישע האַנט-
ווערקער אין ביאַליסטאָק — צבי ווידער — 10
דער ביכער-ווען אין ביאַליסטאָק — י. י. אינדיצקי — 12
אַ בלויז איז פאַרפולט געוואָרן — (צו דער גרינדונג פון דער
שטודיר-ביבליאָטעק ביי דער קהילה)—פּסח קאַפּלאַן — 14
די מאַנופאַקטור-בראַנזשע אין ביאַליסטאָק פאַר דער מלחמה
און איר איצטיגער צושטאַנד — מיכל שטופּלער — 16
די פּויפּעריזאַציע פון דער יידישער ביאַלי-
סטאָק — משה וויסאָצקי — 17
די געשיכטע פון דער לעדער-בראַנזשע —
יצחק אַלעקסאַנדראָוויטש — 19
ביאַליסטאָקער עקספּאָרט — — יצחק באַצער — 20
וועגן העברייאישן שול-ווען אין ביאַליסטאָק—א. אורינאָווסקי 21
ביאַליסטאָקער יידישע האַנטווערקער-שולע—
מרדכי זאַבלודאָווסקי — 22
ביאַליסטאָקער אויף דער וואַך אין גליל העליון—ירוחם לעווין 23
דער נייער ווירטשאַפטלאַכער עטאַפּ אין יידישן
צייטונג-ווען — ב. גוטמאַן — 24
ווי זעט אויס דער אַסעקוראַציע-ווען אין ביאַליסטאָק —
מ. ז. האָכמאַן — 25
די צענטראַלע וואַסער-הייצונג— אינזש. הערמאַן ליפשיץ — 27
די טראַגישע לאַגע פון די יידישע האַנטווערקער
אין ביאַליסטאָק — פּסח מעלניצקי — 28
די ביאַליסטאָקער עמיגראַציע און איר ליבשאַפט
צו דער אַלטער היים — חיים מאַטינקאָ — 29
וואוקס און עקספּאַנסיע פון דער ביאַליסטאָקער
שרייבער-משפּחה — אהרן ברעזינסקי — 30
די ערשטע לעגאַליזירטע קהלה אין ביאַליסטאָק
1929—1932 — פייוול ציטראָן — 31
די טעטיגקייט פון ביאַליסטאָקער מאַגיסטראַט אויפן געביט
פון קולטור און בילדונג – פּראָפ. מ. גאָלאַווסקי — 33
Opieka Magistratu m. Białegostoku nad
kulturą i oświatą — Prof. M. Goławski — 35
די ביאַליסטאָקער „שלום עליכם" - ביבליאָטעק אין
יאָר 1932 — ח. לעווינסקי — 37
ביאַליסטאָקער יידישע אינסטיטוציעס אין יאָר 1932 —
א. מ. טרזשאַנאָוויטש — 38
דער איבערבראָך אין דער ביאַליסטאָקער זעלבסט-
פאַרוואַלטונג אין יאָר 1932 — יוסף רובינליכט — 41
ביאַליסטאָקער יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן — חנן — 42
וואָס ברענגט פאַר דער האַנטווערקערשאַפט
דער יאָר 1933? — צ. ווידער — 44
דער יידיש-וועלטלאַכער שול-ווען אין ביאַליסטאָק
אין יאָר 1932 — מ. רובינשטיין — 45

זייט

צען יאָר עקזיסטענץ פון דער ביאַליסטאָקער קראַנקן-קאַסע — 46
Dziesięciolecie Kasy Chorych w Białymstoku — 47
דער ביאַליסטאָקער יידישער שטאָטישער שפּיטאָל און דער
באַטייט פון אַ שפּיטאָל בכלל – דר. ע. וו. קאַפּלאַן — 47
דער „לינת הצדק" — — — — — 50
8-קל. קאָעדוק.-גימנאַזיע מיט רעגירונג-רעכט
פון דר. גוטמאַן אין ביאַליסטאָק — — — 50
קאָעדוקאַציע-גימנאַזיע פון דער געזעלשאַפט צו פאַר-
שפּרייטן בילדונג צווישן יידן אין ביאַליסטאָק — 51
8-קל. קאָעדוקאַציע-גימנאַזיע פון ד. דרוסקין — — 52
די העברייאישע גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק — — 53
קאָעדוקאַציע-גימנאַזיע פון זעליגמאַן, לעבענהאַפּט
און דערעטשינסקי — — — — 55
די 2 שפּראַכיגע 7-קל. שולע פון א. עקשטיין — — 56
די מלוכהשע האַנטווערקער און אינדוסטריע-שולע
אין ביאַליסטאָק — — — — — 56
דער באַטייט פון די אָנפראַגעס פון „באַנק פּאָלסקי" — 57
Państwowa Szkoła Rzemieślniczo-Przemysłowa
w Białymstoku — — — — 58
פּריוואַטע מיידל-שולע פון ל. ח. באָגדאַנאָווסקי — — 59
אַ יאָר „יוגנט-קלוב" — — ז. ראָזשאַנסקי — 59
די יידישע ספּאָרט-באַוועגונג — מ. פּאָזנאַנסקי — 60
ביאַליסטאָקער פּלאַסטיק אין יאָר 1932 — מ. וו. — 61
די טעטיגקייט פון ביאַליסט. פרויען-שוץ-פאַריין—העניע שפּיראָ 62
די הילף-קאַסע ביים קרייז-סוחרים-פאַריין אין ביא-
ליסטאָק — מ. שטופּלער — 63
ווי אַזוי אַרבעט די קאָמונאַלע שפּאָר-קאַסע אין
ביאַליסטאָקער קרייז — — — — 63
Komunalna Kasa Oszczędności w Białymstoku 64
ביאַליסטאָקער וואַסער-לייטונג פאַר די יאָרן 1923—1932 — 65
Wodociąg Białostocki w okresie lat 1923–1932 66
Państwowe Zakłady Inżynierji – Komunikacja
Autobusowa w Białymstoku — — 67
אויטאָבוסן-קאָמוניקאַציע אין ביאַליסטאָק פון די
מלוכהשע אינזשינעריע-אנשטאַלטן — — 67
די אָרגאַניזירונג פון די קליינהענדלערס – דער געבאָט
פון דער שעה! – מ. קוויאַטאָוויטש — 68
דער קליינהענדלער-פאַריין אין יאָר 1932 — יעקב כהן — 69
פּאַיען-באַנק אין ביאַליסטאָק — — — — 69
באַריכט פון גינעקאָלאָגישן אנשטאַלט — דר. צ. שולמאַן — 70
שפּאָרט אָפּ, נאָר מיט שכל (אַ פּאָר ווערטער וועגן „פּאַסטאַ") 71
צו דער אנטשטייאונג פון דעם נייעם אנשטאַלט פאַר
קינפּעטאָרינס א. נ. „מאַציעזשינסטוואָ" — — 73
סופּראַסל — — — — — — 75
ב. א. ס. א. — — — — — וו. בובריק — 76
צ. ווידער, דער מייסטער פון דער באָק-קונסט — — 77
50-יאָריגער יובליי פון דער פירמע מ. טאָפּאָלסקי — 77
דער ערשטער פאַרקויף פון פּוילישע מלוכהשע
ליאָסן אין ביאַליסטאָק — — — — 78
פירמע קופּערבערג — — — — — 78
אַנאָנסן — — — — — — 81-99
אינפאָרמאַטיווער קאַלענדאַר פאַרן יאָר 1932 — 100-119

## באַמערקונגען:

פון חננס אַרטיקל (זייט 42) זיינען דורך אַ טעות אין דרוק אַרויסגעפאַלן די צוויי נעמען, וועלכע מיר גיבן דאָ:

אליעזר פייגין. געוועזן יאָרנלאַנג רעדאַקציע-מיטאַרבעטער אין פּעטערבורגער „המליץ". מיטגעאַרבעט שפּעטער אין פאַרשיי-דענע צייטונגען, באַזונדערס אין „דאָס נייע לעבן". אין כאַרבין רעדאַגירט אַ וואָכנבלאַט.

שמואל לעוו. געשריבן אין „דאָס נייע לעבן", „אונזער לעבן" און אַנדערע היימישע צייטונגען לייכטע פעליעטאָנען און אַנדערע אַרטיקלען. אין „אַלמאַנאַך" פאַרעפנטלאַכט אַ דערציילונג פון אַרבעטער-לעבן.

---

אין דער באַשרייבונג וועגן ה' ווײַדנבוימס קאָלעקטור אויף דער 78-טער זייט, אין דער 8-טער שורה פון סוף, דאַרף זיין אָנשטאָט „איינציגע מלוכהשע לאָטעריי-קאָנצעסיע" – ע ר ש ט ע.

BUW 1932/1972

011966

BIBLIOTEKA UNIWERSYTECKA W WARSZAWIE
1816

011966
W 1932/33.
011966

רעדאקציע-קאָלעגיע:
מ. גאָלדמאַן
א. זבאַר
י. ל. שאַצקי

פֿאַרלאַג און דרוקעריי
„אונזער פּרעסע"

**„ROCZNIK BIAŁOSTOCKI" (1932 | 33)**
**Sprawy społeczne, gospodarcze i kulturalno-oświatowe**
**Kolegjum Redakcyjne: M. Goldman, A. Zbar, I. L. Szacki.**
Wydawnictwo i drukarnia „Nasza Prasa", Białystok, Kilińskiego 23.